STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01777

OYFN VEG TSU ZIKH

L. Kurland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קורלאנד □ אויפן וועג צו זיך (ראמאן)

רעצענזיע קלע



לייב קורלאנד

אויפן וועג צו זיך

(ראמאן)

אַרויסגעבער:

אונזער קיום

ביי דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן
און קהילה אין פּאַריז, תשכ״ז

לייב קורלאַנד / אויפֿן וועג צו זיך / ראָמאַן

גערשריבן אין עוויאַן און פּאַריז, 1964 — 1965

הילע: דוד טושינסקי.

פּאָרטרעט: בען.

L. KURLAND

SUR LE CHEMIN DU RETOUR

(Roman)

Supplément à « NOTRE EXISTENCE »

REVUE LITTERAIRE - PARIS

N° 72 - Juin 1967

א

עס האָט גערעגנט. דער עולם האָט זיך געאײַלט. באַפרייט זיך פון דער רוטין־ארבעט אין פאַבריק, אַטעליע, געשעפט, קראָם, ביוראָ, פון דער מאָנאָטאָנער באַשעפטיקונג במשך אַ גאַנצן טאָג, און אַרויס צו דער פריי, צו זיך. דער ווילן צו זײַן פריי, מיטן אייגענעם עול, מיט זיך אַליין און וואָס ווײַטער פון אַרבעט־פּלאַץ, האָט געטריבן איבער די רחבותדיקע פּאַריזער גאַסן און אין די אָפענע מײַלער פון די מעטראָ־סטאַציעס. דער רעגן האָט אונטערגעהאָלפן אינעם אײַלעניש.

בעלאַ, וואָס האָט זיך קיינמאָל, אין דער צײַט, נישט געאײַלט, איז היינט אָונט מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם מענטשן. זי האָט נישט געוווינט ווײַט, אינגאַנצן אַ 20 מינוט גאַנג פון איר אַרבעט. זי האָט ליב געהאַט צו מאַכן דעם גאַנג צופוס. זי פלעגט זיך פאַרנעמען מיט קליינע געסלעך, ווו מען שטופּט זיך נישט, ווו עס איז נישטאָ קיין מעטראָ־אײַנגאַנג, אָדער אויסגאַנג און ווו עס גייען נישט פאַרביי קיין אויטאָבוסן. זי האָט פײַנט געהאַט דעם געטומל און שטופּעניש, געדראַנג און די מעטראָ, די באַן; און גאָר באַזונדערס אין די שעהן פון גרויסן דרענגעניש, אין דער פרי, ווען מען גייט צו דער אַרבעט און אין אָונט, ווען מען קומט אהיים. דעמאָלט ווערט די מעטראָ ממש באַלאַגערט און מענטשן ווערן ווילד. אַפילו די רואיקע אַרבעטער, וועלכע מ׳מוז אונטערשטופּן בײַ דער אַרבעט, אונטערמונטערן, באַקומען דאָ פלוצים אַן אויפברויז פון ענערגיע אין אַבבליק פון מעטראָ און פון דער באַן, און עס איז זיי פשוט נישט צום דערקענען. זיי שטויסן זיך, שטופּן זיך, יאָגן זיך, טרעטן זיך אויף די פיס, ווערן פאַרטראָגן אין אַ ווילדן אימפּעט און דאָס אַלץ בכדי צו פאַרכאַפּן מיט אַ רגע פריער אַן אָרט אין מעטראָ־באַן. צו וואָרט זיי טאַקע אין שטוב אַזאַ גרויס גליק, אַז עס איז אַ שאָד צו

פאַרלירן אַפילו אַן איינציקע רגע דערפון — פלעגט זי אַפּט טראַכטן, צוקוקנדיק זיך צו דעם געאייל און געשטופּ.

זי האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן. די ענגע פיר ווענט פון איר בוידעם־שטיבל וועלן נישט אַנטלויפן און אויך נישט דער משופּעדיקער סופיט מיטן הימל־פענצטער. אויך דאָס גאָלדענע פי־שעלע וועט צוואַרטן. מילא, וועט זי זיך פרייען מיט אים אַביסל שפּעטער. פלעגט זי גיין מיט געמאָסטענע טריט. אַריינכאַפּן זיך אין אַ זייטיק געשעפטל און קויפן עפּעס צום עסן, אויף נאַכט־עסן און פרישטיק, אָדער עפּעס אין שטוב אַריין. בעת דער אַרבעט האָט זי זיך דווקא יאָ געאיילט, ווי זי וואָלט וועלן אויסלאָדן איר גאַנצע ענערגיע, פאַרכאַפּט ווערן דורכן אימפּעט און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויטאָמאַט. אַרויסקומענדיק אינדרויסן האָט זי ערשט רעכט גע־נומען אָפּאָטעמען, אָפּדערכן, זיך אַנטשפּאַנען בעתן שפּאַציר אי־בער די זייטיקע פאַריזער גאַסן.

אָבער היינט אָונט האָט עס אויסגעזען ווי זי וואָלט מיטגע־טראָגן מיט זיך דעם אימפּעט און דעם אומרו פון איר אַרבעט אין גאַס אַרויס. זי איז געשטאַנען אַ ווייל אויף דער שוועל. מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, פאַרבייגעלאָפן. זי האָט זיך גע־לאָזט מיטרייסן. ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי געזען, אַז זי שטייט אין דער ריי, נעבן בילעטן־פענצטערל. זי האָט דערלאַנגט אַ מטבע. עס איז אַרויסגעפאלן אַ בילעט. זי האָט אים גענומען און געלאָזט זיך מיטרייסן מיטן שטראָם. אויף די שטיגן, וואָס פירן צום וואָקזאַל, האָט זי געפילט ווי די פיס נעמען זיך ברעכן אונטער איר, און אַז אָט־אָט נעמט זי פאַלן. זי האָט זיך צוגעשטופּט מיט אַ האַנט צום זייטיקן אַנלען, נישט אומצופאַלן. זי האָט דערפילט הינטער זיך אַ שווערע משא, וואָס שטויסט זי אַראָפּצו, וואָס הייבט זי אין דער לופטן. זי האָט פאַרלוירן גיך נישט נאָר דעם אָנלען אין איר לינקער האַנט, נאָר אויך די שטיגן אונטער אירע פיס. זי האָט געהערט בייזע אויסרופן, קללות:

— אַ חוצפּה פון אַ פרוי!

— קלאָשאַרד!

— סאַלאַפּ!

מער האָט זי נישט געהערט און נישט געוווּסט וואָס עס געשעט מיט איר. ווען זי האָט אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, האָט זי גע־

זען, אַז זי ליגט אויף אַ האַרטער באַנק פון מעטראָ־וואָקזאַל און נעבן איר שטייען צוויי מענער: איינער אין אַ באַאַמטן־מונדיר און דער צווייטער אין ארבעט־בגדים. דער ערשטער האָט גערעדט צו איר אין פראַנצויזיש און כסדר איבערגעחזרט די ווערטער: אַמ־בולאַנס, שפּיטאַל, דאָקטאָר. דער צווייטער איז געשטאַנען און גע־קוקט אויף איר מיט אויגן פול מיט רחמנות. מענטשן האָבן זיך גע־שטופּט צום ברעג פון וואָקזאַל, ווו עס קומט אָן די באַן, בכדי צו קענען ווי אַמגיכסטן אַריינשטופּן זיך אין די וואַגאַנען, נאָך איידער די טירן זענען רעכט פונאַנדערגעעפנט. עטלעכע שפּיזיקע פרויען־אויגן האָבן איר געשאַנקען זייער אויפמערקזאַמקייט און גיך פאַר־שוואונדן.

אַ פּלוצימדיקער רעש פון אַ באַן, וואָס דערנענטערט זיך, און אַ וואָרנענדיקער סיגנאַל־געקלאַנג, האָבן זי אַרויסגערופן פון גע־פלעף. זי האָט זיך אויפגעריסן פון געלעגער און גענומען לויפן. גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג און שטופּן זיך צווישן די איילנדי־קע מענטשן, וואָס רייסן זיך מיט שטורעם דורך דער אייזערנער טיר, וואָס פאַרמאַכט זיך צוביסלעך און וויל אָפּהאַקן דעם צושטראָם פון דער פּאַסאַזשיר־כוואַליע. דער באַאַמטער האָט געפּאַכעט אין דער לופטן מיטן רויטן פענדל און געגעבן סימנים צו די מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרסירן די אויטאָמאַטישע טיר, ווייל עס איז שטראָפבאַר. ער האָט מיטן פענדל איר פאַרשטעלט דעם וועג, און איבערגעחזרט: מאַדאַם, אַמבולאַנס, האָפּיטאַל, אַטטאַנדע!

דער מאַן, אין די אַרבעטער־בגדים, האָט באַמערקט, אַז אויף דער באַנק איז געבליבן ליגן איר האַנט־בייטל, האָט ער אים גע־נומען און געלאָזט זיך נאָכלויפן:

— מאַדאַם, אייער בייטל, איר האָט פאַרגעסן אייער סאַק, מאַדאַם!

אַ באַן איז אָנגעקומען מיט רעש און געפּילדער. מענטשן האָבן גענומען זיך שטויסן. דער אַריין, דער אַרויס. מענטשן האָבן גע־שריגן: לאָזט אַרויס, קודם לאָזט אַרויס!

ער האָט אויפגעהויבן דעם בייטל הויך, איבער די קעפּ פון דער מענטשן־מויער, און זיך געבעטן:

— לאָזט אַדורך, די דאַמע האָט פאַרגעסן איר בייטל, לאָזט אַדורך, סיל־ווו־פּלע!

ווען ער איז אַרויסגעקומען אינעם טונקעלן דרויסן האָט ער גאָרנישט געזען. נאָך אַ ווײַלע האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זי, ווי זי פֿאַרדרייט אין אַ שמאָל געסל. האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן אינעם שמאָלן געסל, האַלטנדיק דעם בײַטל אין דער הויך:

— מאַדאַם, אײַער בײַטל! מאַדמואַזעל, אײַער סאַק!

זי איז אָבער געלאָפֿן גיכער פֿון אים. זי האָט פֿאַרדרייט אויף לינקס. דאָס געסל איז געווען פֿינצטער און קליין. ער האָט בלויז געזען פֿונדערווײַטנס איר שאָטן, וואָס שאַרט זיך בײַ דער מויער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איר שאָטן בלײַבט אַ וואַקלדיקער בײַם עק גאַס און ווייסט נישט וווהין — לינקס צי רעכטס. האָט ער נאָכמער צוגעאײַלט זײַנע טריט און געפֿאָכעט מיטן בײַטל:

— מאַדאַם, מאַדמואַזעל!

אינעם ווינקל, לינקס, האָט זיך באַוויזן אַ העלער שײַן פֿון אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיקן לאַסט־אויטאָ. די פֿרוי האָט זיך אויסגעדרייט הינטערווײַלעכץ, ווי זי וואָלט וועלן אָפּווענדן אירע אויגן פֿונעם בלענדנדיקן שײַן.

— מאַדאַם, אײַער סאַק!

— איר זײַט זיך טועה, האָט די פֿרוי געזאָגט מיט אַ שאַרפֿן טאָן און געהויבן מיט די אַקסלען.

עס איז נישט געווען זי. איר פּנים איז געווען אַ סך עלטער ווי פֿון יענער. איר רעגן־מאַנטל איז געווען פֿאַרקנעפּלט ביז אַרויף און אויף איר פּנים זענען נישט געווען קיין סימנים פֿון וווּנדן.

— זײַט מוחל, האָט ער געזאָגט העפֿלעך.

ווען דער אויטאָ איז אַדורך איז ווידער געוואָרן פֿינצטער. די פֿרוי איז פֿאַרשוווּנדן. ער האָט מיט שווערע טריט גענומען גיין פֿאַראויס, אָן אַנטוישטער. ער האָט נישט געוווּסט וווהין ער גייט. ער האָט געפֿילט, אַז ער וואָלט גערן זיך אָוועקגעזעצט ערגעץ. פֿון דערווײַטנס האָט ער באַמערקט אַ רויטן נעאָן־צייכן פֿון אַ קאַפֿע. האָט ער גענומען גיין אין דער ריכטונג. פֿון פֿאָרנט זענען אַלע שטולן געווען באַזעצט. ער האָט באַמערקט, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט גרויסע אויגן און טייל לאַכן, פֿאַרשטעלן מיט אַ האַנט דאָס פּנים, צו פֿאַרדעקן דאָס געלעכטער אָדער שמייכל, אָדער ווינקען זיך איבער. ער האָט גיך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט דער פֿרויען־בײַטל אונטער אַ מענער־אָרעם אַרויסגערופֿן די אַלגעמיינע הייטערקייט. איז ער אַרײַן אין דער טיף, וווּ עס זענען געשטאַנען עטלעכע טיש־

לעך, פֿאַר געסט וואָס זוכן אַן אינטימען ווינקל, ווייט פֿון אומדיס־קרעטע אויגן. אַ פּאָרל איז געזעסן אין אַ ווינקל און געוועזן פֿאַר־נומען מיט זיך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ צווייטן ווינקל, ביי דער זעלבער וואַנט. ער האָט באַשטעלט אַ שוואַרצע קאַפּע, אַ טאָפּלט טעפּל, און צוגעגעבן „אוועק 2 קרואַסאַן“, וויסנדיק, אַז ער וועט שוין היינט זיין אָוונט־ברויט נישט עסן אין דער צייט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם האַנט־בייטל נעבן זיך, אויף דער צע־ריבענער לעדער־באַנק, ביי דער וואַנט, בכדי דאָס פּאָרל זאָל אים נישט באַמערקן.

— וואָס טאָן איצטער? האָט ער זיך געפֿרעגט. אפֿשר גיין מיטן בייטל צו דער פּאָליציי? און אפֿשר גאָר עפֿענען דעם בייטל? עס מוזן דאָך זיין דאָרטן אירע פּאַפּירן, איר אַדרעס. וועט ער איר אַהינטראָגן דעם בייטל. אפֿשר ליגט דאָרטן אויך געלט, און אפֿשר גאָר דאָס לעצטע ביסל געלט, און זי וועט אַפֿילו נישט האָבן פֿאַר אַ דאָקטאָר, פֿאַר אַביסל יאָדינע... ניין, ער וועט נישט גיין אין דער פּאָליציי, נאָר טאַקע אַרויסנעמען די פּאַפּירן און אַהינגיין צו איר. מאָרגן קען זיין צו שפּעט. אפֿשר איז זי גאָר איינזאַם, עלנט ווי אַ שטיין, און נישטאָ ווער עס זאָל רופֿן אַ דאָקטאָר, צוטראָגן אַ טעפּל וואַרעמס... זי האָט דאָך געהאַט אַ לאַגער־נומער אויף איר אָרעם, וואָס דער אויפֿגעריסענער אַרבל האָט אַפּגעדעקט זיינע ערשטע ציי־פֿערן. אפֿשר האָט זי אַלעמען פֿאַרלוירן דאָרטן און זי איז אַליין?

און אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער מיט דער רעכטער האַנט גע־עפֿנט דעם געשלאָס און גענומען פֿונאַנדערשפּרייטן מיט די פֿינגער די אויבערשטע ברעגן פֿונעם בייטל. ער האָט גענומען אַ זופּ פֿון דער טאָס קאַפּע און זיך אַרומגעקוקט צי דאָס פּאָרל איז ווייטער פֿאַרנומען מיט זיך. זיינע פֿינגער האָבן גענומען אַראָפּנידערן אין דער טיף פֿונעם בייטל. ער האָט אָנגעטאַפּט פּאַפּירן. ער האָט זיי דיסקרעט אַרויסגענומען. אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש. דאָס איז גע־ווען איר אידענטיטעטס־קאַרטע. ער האָט אַ זופּ געטאָן מיט רעש פֿון קאַפּע־טעפּל און אַ ביס געטאָן אַ קרואַסאַן, קייענדיק אויפֿן קול, ווי ער וואָלט וועלן זיך צוגעבן מוט. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין לינקן עלנבויגן אויפֿן טישל און אַריינגענומען די לינקע באַק אין האַנט אַריין, ווי ער וואָלט וועלן פֿאַרשטעלן פֿאַר דעם פּאָרל צו זען, וואָס ער טוט. ער האָט אויפֿגעעפֿנט די צונויפֿגעלייגטע קאַר־טע. יאָ, דאָס איז איר בילד. נאָמען: בעלאַ בייגעל. געבוירן־אָרט:

דאָברימלין, פוילן. דעם: 1921.5.18. נאַציאָנאַליטעט: שטאַטנ־לאָז, רעפּוזשיאַנטין. געקומען אין לאַנד: 1945.10.18. אַדרעס: 36, רי די רואַ־דע־סיאָן, 4־טער אַראָנדיסמענט.

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ רעש. דאָס פּאָרל האָט זיך אויפ־געשטעלט, אַוועקגערוקט דעם טיש מיט געסקריפּ און געקושט זיך מיט געפּליעסק, אַרויסגייענדיק געאָרעמט. ווען זיי זענען אַרויס, האָט ער ארויפגעשטעלט דעם בייטל אויפן טיש, אים ברייטער צע־עפנט און אַריינגעקוקט. אויפן באָדעם איז געלעגן קליינגעלט, עט־לעכע באַנקנאָטן און אין אַ ווינקל — שליסלען. ער האָט זיך אויפ־געריסן פון אָרט: הייסט עס, אַז זי האָט אַפילו נישט קיין שליסל אַריינצוגיין צו זיך...

ער האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן דעם בייטל אונטערן אָרעם, איבער־געלאָזן אַ מטבע פאַר דער קאָנסומאַציע און ביר־געלט און גיך אַרויס אין גאַס. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי און באַפוילן: 36, רי די רואַ־דע־סיאָן; אָבער גיך, גיך!

ב

ער איז אָנגעקומען מיטן טאַקסי פאַרן טויער צוזאַמען מיט איר. ער האָט גיך באַצאָלט דעם טאַקסימאַן און איר אָקעגנגעלאָפן:

— אייער בייטל, מאַדמואַזעל!

זי האָט אים דערקענט.

— איר האָט געלאָזן אייער בייטל אויף דער באַנק, דאָס איז אייער סאַק.

ערשט איצט האָט זי באַמערקט, אַז זי האָט נישט איר בייטל. אויף איר צעוויטיקט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גרימאַס צוזאַמען מיט אַ שמייכל.

— אַ דאַנק, האָט זי געזאָגט און זיך אָנגעלענט מיטן רוקן אין דער זייטיקער ראַם פון טויער. איך וואָלט דאָך נישט געקאָנט אַריינגיין צו זיך, די שליסלען זענען דאָך דרינען.

— זייט מוחל, האָט ער געבעטן, דערלאַנגענדיק איר דעם בייטל. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב זיך דערלויבט צו עפענען דעם בייטל. זייט טויזנט מאָל מוחל מיין אומקאָרעקטקייט, מאַדמואַזעל.

— ווען נישט איר, וואָלט איך דאָך געבליבן אין גאַס און אָן אַ פראַנק ביי דער נשמה. איר זייט זייער גאַלאַנט. איך וועל עס אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

זי האָט געעפנט דעם בייטל, אַרויסגענומען דעם שליסל, אַריינגעלייגט אים אין דער לינקער האַנט צוזאַמען מיטן הענטל פון בייטל, און אים דערלאַנגט די רעכטע האנט צום דאַנקען. ער האָט דערפילט אַ פייכטע און קאַלטע האנט. אירע פינגער האָבן געציטערט. ער האָט לאַנג געהאַלטן איר האנט אין זיינער. ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער לאָזט ער אַרויס איר האנט, וועט זיך די פרוי אַ וואַקל טאָן און פאַלן פון די פיס.

אַ מאַן איז פאַרבייגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער, זי דערקענט.

— פאַרדאָן, האָט ער זיך פאַרנייגט, און צוגעגעבן — באָן־סואַר, מאַדמואַזעל בעלאַ.

— באָן סואַר, מסיע, האָט זי געענטפערט און אַרויסגעצויגן איר האַנט, ווי זי וואָלט זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט, וואָס זי שטייט האַנט אין האנט ביים טויער מיט אַ פרעמדן מאַן.

— דאָס איז אַ שכן, פון דריטן שטאָק, אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר, האָט זי געזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַנטשולדיקן, אַ גוטער מענטש.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אריין אין טויער. זי האָט זיך פארנומען לינקס, אויף די שטיגן. פילנדיק, אַז זי איז באַגאַנגען אַן אומטאַקטישקייט, לאָזנדיק דעם מאַן, וואָס האָט איר געבראַכט דעם בייטל, אָן אַ באַנייטן דאַנק און אָן אַ זיי געזונט, האָט זי זיך אומגעקערט און אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט: נאָכאַמאָל — אַ דאַנק. איך ווייס נישט ווי צו דאַנקען, אַ גוטע נאַכט אייך.

ער איז אַריין אין טויער און אָנגענומען איר אויסגעשטרעקטע האַנט. ער האָט דערפילט, אַז איר האנט איז געוואָרן וואַרעם. עס האָבן זיך געהערט די טריט פון דעם שכן און דערנאָך דאָס אויפשליסן און פאַרמאַכן פון זיין טיר. זיי זענען געשטאַנען ביי די שטיגן.

— נישטאָ וואָס צו דאנקען, האָט ער געענטפערט, נישטאָ אויף אַן אמת.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די שטיגן און געשטעלט דעם ערשטן טריט, דערנאָך דעם צווייטן, דעם דריטן. זי האָט דערפילט אַ ווייטיק אינעם אַקסל. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַראָפּגעקוקט אויף דעם מאַן, וואָס שטייט מיט דריי טרעפּן נידעריקער און האלט איר האנט אין זיינער. זי האָט אַ ציי געטאָן איר האנט און געשטעלט אַ פוס אַ טרעפּ העכער. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף פאָראויס און געבליבן מיט א פוס אויפן ערשטן טרעפּ און מיט די פינגער פון דער אויסגעשטרעקטער האנט אויפן פּערטן. זי איז אַרויף אויפן לעצטן טרעפּ פון שטאָק און זיך אויסגעדרייט צו אים. זעענדיק, אַז ער איז איינגעבויגן, ווי ער וואָלט געפאלן, איבער די ערשטע טרעפּן, האָט זי גענומען אראָפּגיין, אויסשטרעקנדיק צו אים אַ האַנט. ער האָט באַמערקט איר האַנט און איר אָקעגנגעלאָפן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אינמיטן פון ערשטן שטאָק. איר האַנט איז געווען נאָך וואַרעמער. זי האָט גענומען גיין אַרויפצו. זי האָט אַרויסגעלאָזן זיין האנט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי איז געגאנגען שנעלער. ווען זי איז געווען שוין אויף די אויבערשטע טרעפּן פון צווייטן שטאָק, איז ער ערשט געווען אויף די ערשטע. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און צוליב אָנשטענדיקייט נישט געוואגט ארויפצוקוקן. ערשט, ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גאַנעק פון צווייטן שטאָק און אראָפּגעקוקט צו אים, האָט ער אויפגעהויבן צו איר די אויגן. אין דער זעלבער צייט האָט זי גענומען גיין ווייטער און זיך פאַרנומען אויף די טרעפּן. ווען זי איז געווען אויפן גאַנעק פון דריטן שטאָק און אראָפּגעקוקט צו אים איז ער ערשט געווען ביים שוועל פון די טרעפּן פון צווייטן. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט פון אויבן, איבער דעם שטיגןאָנלען. ער איז אַקעגנגעלאָפן איר האנט. און אָט האָט זי גענומען ווידער גיין און ווידער קלעטערן אַרויפצו. פּלוצים איז געוואָרן פינצטער. דאָס קאַרגע אויטאָמאַטישע לעמפּל פון דער שטיגן־שטייג איז אויסגעגאנגען.

— האַלט זיך איין א ווילע, האָט ער געהערט ווי זי שרייט אַראָפּ צו אים. איך גיי מאכן ליכטיק. איר וועט זיך צעקלאַפּן אין דער פינצטער. גענוג אויף היינט איין קרבן.

אירע רייד האָבן אים צוגעגעבן מוט. נישט וויסנדיק אַליין ווי אַזוי, האָט ער זיך פּלוצים געפונען ביי איר אין שטוב.

עס איז געווען אַ קליין צימערל, מיט אַ משופּעדיקן באַלקן און אַ פיר־שויביק פענצטערל אין הימל אריין. ביי דער לינקער וואַנט איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל און ביי דער צווייטער — אַ קאָמאָד, ווי מען זעט אין די דינסט־צימערלעך, אין וועלכע עס ציען זיך אַריין סטודענטן; אַ קאָמאָד מיט שופלאָדן אויף וועש און אויף ביכער. צווישן בעט און קאָמאָד איז געווען אַ שמאָלער דורכגאַנג. ביים העכערן טייל פון צימער, צווישן דער טיר און קאָמאָד, איז אראָפּגעהאנגען פון סופיט א ברייטער לייוונטענער קאסטן, אַנשטאָט אַ קליידער־שאַנק. אינעם ווינקל, צווישן דער נידעריקער וואַנט און קאָמאָד, איז געשטאנען א געשטעל צום וואַשן, מיט אַ קרוג וואסער און אַן עמער. אינעם פרייען אָרט, צווישן בעט און וואַנט, אַקעגנאיבער הענג־שאַנק, איז געשטאנען א טישל און צוויי טאַבורעט־בענקלעך.

אַריינקומענדיק אין צימער האָט זי אַ זאָג געטאָן „באָן־סואַר״, ווי זי וואָלט זיך מיט עמיצן באגריסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט מיט די אויגן צו וועמען די באגריסונג איז געווען. „באָן־סואַר״, האָט ער געענטפערט, מיינענדיק, אַז דאָס מיינט זי אים. ערשט שפּעטער, ווען זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם קאָמאָד און איבערגעחזרט „באָן־סואַר״, האָט ער באַמערקט, אַז עס שטייט דאָרטן אַ רונדיקער גלאָז און אינעם גלאָז שווימט אַ פישעלע.

זי האָט זיך אָפּגערוקט אין א זייט און געגעבן אַ ווונק צו אים, געמאכט פאר אים אָרט נעבן זיך. דאָס פישעלע האָט גענומען זיך דרייען אין אַלע זייטן און קלאפּן מיטן עקעלע און אלע שווימערס אינעם וואסער און מאכן א שוים, אָנשטויסן זיך מיטן קעפּעלע אינעם גלאָז, ווי עס וואָלט וועלן שווימען ארויסצו, דורכברעכן די גלעזערנע מחיצה.

— דאָס איז זיין ענטפער אויף אונדזער „באָן־סואַר״, האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים צו דעם מאַן, וואָס איז געשטאנען נעבן איר.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל. דאָס באַוועגן מיט די אַקסלען און רוקן האָט ארויסגערופן ביי איר אַ שאַרפן ווייטיק אין דער לינקער זייט. דאָס פּנים האָט זיך ביי איר פאַרקרומט און אַ דיסקרעטער „אוי״ האָט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן אירע צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

— איר לײדט, האָט ער אָפּגעװאָנדן זײַנע אױגן פֿונעם פּי־שעלע. איר האָט יסורים.

— אָה, גאָרנישט, געװױנט צו יסורים.

— איך װעל רופֿן אַ דאָקטאָר, מען דאַרף נישט לײדן אומ־נױטיק.

— נײן, האָט זי געזאָגט מיט אַ שאַרפֿן טאָן.

— איך װײס אױך װאָס הײסט אַזױנס לײדן, האָט ער געזאָגט שטיל, װי צו זיך און אַרױפֿגערוקט דעם לינקן אַרבל פֿון זײַן דיקן סװעטער און אַ װײַז געטאָן זײַן נומער.

בעלאַ האָט זיך אַװעקגעזעצט אױפֿן בעט און געקוקט אױף זײַן נומער, געקוקט אין זײַנע אױגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אַרבל און געקוקט אין אירע אױגן. געװען אין די װינקלען פֿון אירע אױגן קלײנינקע בלוט־אױסגוסן און די שװאַרצאַפּלען אירע זענען געװען פֿאַרצױגן מיט אַ גלאַנצנדיק װאָלקנדל, װי אַ תּמוז־זון, ערב רעגן.

— איך װײס אױך װאָס הײסט לײדן — האָט ער איבערגע־חזרט. מען דאַרף אָבער נישט לײדן אומנױטיק. און נאָך אַ װײַל האָט ער צוגעגעבן: די צײַט פֿון צװעקלאָזע יסורים איז פֿאַרבײַ.

— איר מײנט? האָט זי געפֿרעגט מיט אַ דינעם קול, פֿול מיט יאוש.

אױף איר פּנים האָט זיך באַװיזן אַ ספּאַזמאַטישער טיק און די ליפּן, די אױגן־לעדלעך האָבן זיך גענומען װאַרפֿן בײַ איר, װי בײַ אַן אַנצײַניקער און ציטערדיקער זקנה. אַ טרער האָט זיך אַרױסגעריסן פֿון לינקן אױגן־װינקל און צערונען געװאָרן גיך. אַ צװײטע טרער האָט זיך אַ רגע געפּערלט און אַראָפּגעטריבן גע־װאָרן לאַנגאױס דער נאָז דורך אַ דריטע טרער, װאָס האָט גענומען ציטערן לױטן טאַקט פֿון די ספּאַזמען אױף איר פּנים. אַ דין שנירל פֿון טרערן האָט זיך געמאַכט אַ װעג ביז צו דער אױבער־שטער ליפּ און אַרײַנגערונען אין מױל אַרײַן.

בעלאַ האָט זיך נאָך מער פֿאַרקרומט און צוגעטאָן איר רעכ־טע האַנט צום מױל. זי האָט אַרײַנגעשטעקט דיסקרעט אַ פֿינגער הינטער דער ליפּ, װוּ דער גומען איז געװען אָנגעשװאָלן, װי זי װאָלט װעלן פֿון דאָרט אַרױסנעמען די טרער, װאָס האָט געברענט און געשאַפֿן שמערצן.

— איך וועל רופן אַ דאָקטאָר, האָט ער איבערגעחזרט, זעענדיק ווי זיליידט.

זי האָט אראָפּגעלאָזן איר קאָפּ, גענומען אים איןביידע הענט אַריין, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים מיט די פינגער, בכדי מען זאָל נישט זען די טרערן, וואָס רינען איבער אירע ביידע באַקן. זי האָט נישט באַמערקט, ווי דער מאַן רוקט זיך, אויף די שפּיץ פינגער, צו דער טיר און זי האָט נישט געהערט ווי די טיר מאַכט זיך צו הינטער אים.

ג

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, איז זי נאָך אַלץ געזעסן אויפן בעט און געוויינט.

— באָן־סואַר, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק זיין רענצל ביים בעט, און איבערגעחזרט די באַגריסונג, אָפּסאַ־פּענדיק צווישן יעדער זילב.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים איר פאַרוויינט פּנים. אירע ליפּן האָבן געציטערט.

— לאָזט מיך וויינען, האָט זי געבעטן מיט אַ ציטער אין יעדן וואָרט. עס איז מיר אַזוי גוט.

— אַ גוטן אָוונט, איז דער דאָקטאָר אַריבער אויף יידיש.

— שוין לאַנג נישט געוויינט, זייער לאַנג. געמיינט שוין, אַלע טרערן אויסגערונען, אַלע טרערן...

דער דאָקטאָר האָט זיך צוגערוקט נאָענטער צו איר, אַרויפגעלייגט זיין האנט אויף איר קאָפּ און גענומען גלעטן אירע לאַנגע האָר.

— אַנו, וויינט זיך אויס, האָט ער געבעטן ביי איר, צודריקנדיק איר רעכטע באַק צו דער פּאָלע פון זיין מאַנטל. איך ווייס וואָס דאָס הייסט קענען וויינען... געזען שוין עטלעכע פאַלן אַזעלכע, פרויען לרוב, וואָס אַזוי זעען זיי אויס געזונט, אָבער זיי קו־

מען בעטן אַ רפואה, ווייל זיי קענען נישט וויינען. זיי ליידן פון דעם וואָס זיי קענען זיך נישט אויסוויינען, וואָס די טרערן־קוואַלן זענען ביי זיי אויסגעטרוקנט געוואָרן דאָרטן... אַנומלט האָט אַ מאַן מיר געבראַכט זיין פרוי, אַ נאָכמלחמהדיק פּאָרפאָלק, ער — אַן אויסבאַהאַלטענער אין פּאַריז און זי — פון די לאַגערן, וווּ פאַרלוירן אַ קינד און דעם מאַן. האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן „מיין פרוי איז נישט נאָרמאַל. וויפיל איך זאָל נישט שרייען אויף איר, וואָס פאַראַ אומגליק עס זאָל נישט געשען, און זי — גאָרנישט. זי לאָזט קיין טרער אַפילו נישט. ווי קאָן מען עס זיין אַזוי האַרט ווי אַ שטיין?". און ער האָט זיך געבעטן: „דאָקטאָר, גיט איר עפּעס אַ רפואה, אַז זי זאָל וויינען, אַז זי זאָל זיין ווי אַלע מענטשן; איך פיל, אַז ווען זי וואָלט געקענט וויינען, וואָלט אונדזער צוזאַמענלעבן געווען א גליקלעכערס".

בעלאַ האָט טיף אָפּגעזיפצט און אַרויסגעדרייט איר קאָפּ פון צווישן דעם דאָקטאָרס האַנט און זיין מאַנטל. דער דאָקטאָר האָט זיך גערוקט מיט אַ טריט הינטערווייַלעכטס און גענומען אַראָפּציען דעם מאַנטל. ער האָט דערפילט ווי עמיץ, וואָס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן פון הינטן, העלפט אים צו און נעמט אַוועק פון אים דעם מלבוש. ער האָט זיך אויסגעדרייט און באַמערקט אַ יונגן מענטש אינעם שאָטן פונעם ווינקל. ער האָט אים ביז איצט נישט געזען.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט און זיך צוגעזעצט אויפן טאַבורעטל, וואָס דער יונגער מענטש האָט אים אוועקגעשטעלט נעבן בעט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע גרויסע אויגן אויף דעם מענטש און דערנאָך אויף דעם מיידל. ער האָט איבערגעחזרט: אַ דאַנק. ער האָט טיף געאָטעמט, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערפילט די מידקייט פון שלעפּן זיך אויף די זעקס שטאָק. — איר זייט אַן רחמנות, האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך. ווי ציט מען זיך עפּעס אַרויף אויפן זעקסטן שטאָק, און דערצו אַזעלכע הויכע און קרומע טרעפּ... און דערצו הייסט מען אַ דאָקטאָר, מיט אַ לאַגער־פּאַרגאַנגענהייט, קלעטערן אַזוי הויך מיט א שווער רענצל... נו ,מילא, יידישע גזלנים, איז דאָך נישט שייך.

דער דאָקטאָר האָט טיף געזיפצט און געסאָפּעט, ווי ער וואָלט וועלן גיך גובר זיין די מידקייט. ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אויף זיין פּנים.

— זיי האָבן ביי מיר צוגענומען דאָס גאַנצע חיות, האָט ער געזאָגט, נישט פאַרלירנדיק דעם שמייכל. אָט, ערשט געקראָכן אויף די מאָוטהאָרזענער שטיגן... דאָרטן איז, וואָס אַן אמת, געווען אַ סך העכער, אַ סך העכער. און שלעפּן האָט מען געדאַרפט אַרויפ־צו, ביזן סאַמע שפּיץ אַרויף, שטיינער, שווערע שטיינער. מען האָט זיי פריער געמוזט אויסהאַקן פון די שטיין־פעלדזן און דער־נאָך זיך דראַפּען מיט זיי אַרויפצו; און ווילדע רוצחים זענען גע־שטאַנען מיט שטעכיקע בייטשן און אָנגעטריבן: שנעלער, שנע־לער שווינהונדע... און דאָ איז נישט מער ווי זעקס שטאָק און אין האַנט אַ רענצל מיט אַ הענטל. און עס רופט דיך אַ יונג און באַחנט ייִדיש מיידל... ר׳ מיכאל — האָט ער גערעדט ווי צו זיך — דו זינדיקסט מיט תרעומות. און אויסדרייענדיק זיך צו דער קראַנקער, האָט ער געמאַכט אַ סימן מיט דער האַנט: און איצטער לאָמיר זען, וואָס איז דאָ אויפצוטאָן ביי דער קראַנקער. יאָ, לאָמיר קודם זען צי דער יונגערמאַן מעג דאָ זיין. דאָס איז אייער מאַן? — האָט ער געפרעגט. זי האָט גע־יאָקלט אויף ניין. אַ חתן? אַ קוזין? אַ שכן? זי האָט כסדר געשאָקלט אויף ניין. אַ פריינט? — האָט ער לסוף געפרעגט. זעענדיק, אַז זי באַוועגט בכלל נישט מיטן קאָפּ, האָט ער גענומען לאַכן:

— יאָ, איך פאַרשטיי שוין.

— איר פאַרשטייט נישט, איר פאַרשטייט גאַרנישט, הער דאָקטאָר, האָט זי געענטפערט. צווישן אונדז איז גאָרנישט.

— מילא, כ׳פאַרשטיי יאָ, כ׳פאַרשטיי נישט, נישט וויכטיק.

— אַן אָח לצרה בין איך — האָט זיך דער יונגערמאַן פלו־צים אָנגערופן. — אַ צוריקגעקומענער פון יענער וועלט. אַ צופאַל האָט מיך היינט אָוונט צונויפגעפירט מיט דעם מיידל. מיין נאָמען איז האָרצקע לאַפּידעס, אַ בוכהאַלטער. אָבער דאָס איז נישט וויכ־טיק. זעט זי צו מאַכן געזונט. זי ליידט שטאַרק. זי האָט זיך אויס־געגליטשט אויף אַ טרעפּל, גייענדיק צום מעטראָ־וואָקזאַל און דער המון האָט זי פאַרטראָגן מיט זיך און צעטרעטן מיט די פיס; זי איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקע. נאָך גוט וואָס איך בין געווען דער־ביי און אַרויסגעשלעפּט זי... און אָט גיט אַ קוק ווי זי זעט אויס און עס שטעכט איר אין די זייטן, זי ליידט.

ער האָט גערעדט רואיק, מיט אַ הפסקה צווישן יעדע פּאָר ווערטער און מיט אַן איבערגענומענער שטים. ביים לעצטן וואָרט האָט ער זיך געוואָנדן צו דער טיר אַרויסצוגיין.

— גייט נישט אַוועק, האָט זי אים געבעטן. מען וועט אפשר דאַרפן גיין קויפן מעדיצינען.

— איך וועל אייך שוין רופן, האָט דער דאָקטאָר אים געגעבן אַ סימן מיט דער האַנט. אָבער הערט נישט אונטער הינטער דער טיר — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל.

האַרצקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ ווונק געגעבן מיט די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אָנצוהערן, אַז ער וועט דערפילן זייער ביידנס בקשה, און ער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר און געהייסן איר זיך אויסטאָן, זיך אַוועקלייגן. ווען ער האָט געהערט דאָס סקריפּען פון בעט, האָט ער זיך צוריקגעדרייט, דערנענטערט דאָס טאַבורעטל צום בעט און זיך אוועקגעזעצט. ער האָט זיך צוגערירט מיט די שפּיץ פינגער צום פּולס פון איר לינקער האַנט, און קוקנדיק אויפן זייגער גענומען ציילן אויפן קול די בלוט־קלעפּ אויף אַ פערטל מינוט. און ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי 24, 25, 26, האָט ער גענומען ציילן שטילער. ביי 30 האָט מען קוים געהערט זיין קול. באַמערקנדיק, אַז די קראַנקע האָרכט זיך איין מיט נייגיר, האָט ער נאָכגעלאָזן איר האַנט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסטן טאָן:

— עס איז גוט, דער פּולס איז גוט. און צוגעגעבן — ווען אַלץ וועט זיין אַזוי גוט ווי דער פּולס, וועט זיין גוט...

— עס איז דאָך נישט גוט, הער דאָקטאָר, האָט זי אָפּגעפרעגט, מעשה־קענעריןִ. 30 אויף 15 סעקונדן, הייסט — 120 פּולסירונגען אין אַ מינוט, איז דאָך נישט גוט.

— ס'איז גוט, ס'איז גוט. מישט זיך נישט אין מיינע זאַכן... און, אַגב, האָט ער זיך געכאַפּט: פונוואַנען ווייסט איר עס אַזוי גוט וועלכער פּולס איז יאָ גוט און וועלכער נישט גוט, האַ?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זיך איר פּנים לייכט אויסגעקרומט און די אויגן־לעדלעך האָבן זיך פאַרמאַכט, ווי ביי איינעם וואָס פאַרטראַכט זיך, אָבער וויל נישט צולאָזן צו זיך אַ מאַטערנדיקן געדאַנק. זי האָט גע־

נומען דרייען מיטן קאָפּ אויף ניין, ווי אַ סימן צו די מחשבות, אַז נישט איצט איז די ריכטיקע צייט פֿאַר זיי.

— איך בין געווען פּלעגע־שוועסטער, האָט זי זיך לסוף אָנ־גערופֿן מיט אַ זיפֿץ. אַ פּלעגערין אויך אין געטאָ. אָבער נישט וויכטיק, נישט וויכטיק...

איר פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעקרומט, ווי בעת אַ שטאַרקן ווייטיק. מיט דער לינקער האַנט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. דער דאָקטאָר האָט באַמערקט איר זעקס־ציפֿערדיקן לאַגער־נומער.

— אוישוויץ ?!

זי האָט באַשטעטיקט מיט אַ זיפֿץ.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פֿון רענצל זיינע טרייב־לעך, אָפּגערוקט איר האַנט, אַראָפּגענידערט דעם זוים פֿון דעם קאָמבינעזאָן־דעקאָלט און צוגעשטעלט דאָס האַר־טעצעלע. דער־נאָך האָט ער אַראָפּגעפֿירט מיט דער האַנט דאָס טעצעלע צום שפּיץ פֿונם האַרץ און זיך צוגעהערט. ער האָט איר געהייסן זיך אויפֿזעצן און איינבויגן זיך אויף פֿאָרנט. ער האָט אַרויפֿגעהויבן דעם קאָמבינעזאָן, פֿאַרוואָרפֿן איבער איר קאָפּ און גענומען פֿירן מיטן האַר־טעצעלע איבער ביידע לונגען־פֿעלדער. געהייסן איר אָטעמען, אונטערהוסטן, ציילן אינדערשטיל, אויפֿן קול.

— אויף פֿראַנצויזיש, ביטע : טראַנט טרואַ, טראַנט טרואַ. זאָגט נאָך : טררראַנט־טררררואַ. מאַכט ציטערן די ער, די ריש... ררררייש, אָט אַזוי, אָט אַזוי.

דערנאָך האָט ער איר געהייסן זיך אָוועקלייגן מיטן פּנים אַרויף. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם צודעק ביז איבער די קני און אַרויפֿגעהויבן ביזן האַלדז איר קאָמבינעזאָן. ער האָט זיך איינגע־קוקט אין איר אָפּגעדעקט לייב און געפֿירט מיט די אויגן איבער די אַנטבלויזטע טיילן פֿון איר קערפּער. מעשה־רוטין האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט, צוגעשטעלט זיי איינע צו דער אַנדערער, ווי עס טוען דאָקטוירים איידער זיי נעמען אויסטאַפּן דעם בויך, דעם פֿאָרנט פֿון אַ קראַנקן. אָבער זיינע הענט האָבן זיך נישט אַראָפּגעלאָזט. זיי זענען געבליבן הענגען פּאַראַלעל צום בויך. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַזוי אַ ווייל, נישט אַהין, נישט אַהער. איר הויט איז געווען ווייס. דאָס קאַרגע לעמפּל אויפֿן באַלקן האָט גע־וואָרפֿן זייטיקע שטראַלן, וואָס זענען געפֿאַלן מיט ברעקלעך שאָטן

אויף איר לייב. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט די פינגער, ווי ער וואָלט וועלן צולאָזן מער שטראַלן. די פינגער האָבן גענומען ציטערן און מאָלן שאָטן־צינגער ביז צו אירע ברוסט־שפּיצן אַרויף. בעלאַ האָט זיך איינגעקוקט אין אים מיט אויגן פול מיט חידוש, הלמאי דער דאָקטאָר האַלט כסדר די הענט איבער איר לייב און וואָגט נישט זיך צוצורירן, אויספירן זיין ראָל אַלס דאָקטאָר. ער האָט אָפּגעוואָנדן זיינע אויגן פון איר לייב. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

זיי וואָלטן אַזוי לאַנג געקוקט זיך אין די אויגן, ווען נישט אַ פּלוצימדיקער געפּליעסק הינטער דעם דאָקטאָרס רוקן און ווען אַ דינער וואַסער־שפּריץ פאַלט נישט פּלוצים הינטער זיין רעכטן אויער. דאָס האָט דאָס פישעלע זיך אַ העפּטיקן וואָרף געטאָן אינעם וואַסער און געמאַכט אַ רעש, באַוועגנדיק האַסטיק מיטן וויידעלע און מיט די שווימערס אין אַלע זייטן. דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און זיך אויסגעדרייט אויפן געזעס. ער האָט דערזען דאָס פישעלע אין וואַסער. ער האָט עס ביז איצט נישט געהאַט באַמערקט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר. דער דאָקטאָר האָט זיך צוריקגעדרייט מיטן פּנים צום בעט און מיט אַן אויטאָמאַטישן זשעסט אַרויפגעצויגן די דעק איבער דעם אָפּגעהילטן לייב פון דעם מיידל. אויף יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ פליסטערנדיקע שטים פון בוכהאַלטער:

— עס ווערט שפּעט. מען וועט פאַרמאַכן די אַפּטייקן. איילט זיך צו...

— אַנטרע, קומט אַריין, האָט זי געענטפערט ספּאָנטאַן, אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אים אַריינגעלאָזן.

— דאַנקן גאָט, גאָרנישט אויסטערלישעס, האָט דער דאָקטאָר אים באַרואיקט, זעענדיק ווי דער יונגערמאַן קוקט אויף אים מיט אויגן פול מיט פחד. עס האָט געקאָנט זיין אַ סך ערגער... נישט מער ווי צעקלאַפּט... אויב עס זאָל נישט גיך ווערן בעסער, וועט מען אפשר דאַרפן מאַכן אַ רענטגען; אָבער דערווייל נישט.

דערנאָך האָט דער דאָקטאָר זיך גענומען שרייבן אַ רעצעפּט, זעצנדיק זיך מיטן רוקן צו דער קראַנקער. נאָך אַ ווייל האָט ער,

מיט אַן אויטאָמאַטישן זשעסט, דערלאַנגט די רעצעפּט דעם בוכ־האַלטער. אָבער, איידער ער האָט זי גענומען, האָט דער דאָק־טאָר צוריקגעצויגן דאָס בייגעלע פּאַפּיר און זיך אָנגערופֿן: — איר מוזט נישט גיין איצט קויפֿן, עס ברענט נישט. יוצא זיין מאָרגן אינדערפֿרי... ער האָט אַוועקגעלייגט די רעצעפּט, אַרויפֿ־געשטעלט זיין רענצל אויפֿן טישל, אויפֿגעעפֿנט ברייט און גענו־מען אַרויסציען פֿון דאָרטן רפֿואות, אַ פֿלעשעלע מיט אַ רויטער פֿליסיקייט, באַנדאַזשן, וואַטע, שעכטלעך.

— דאָס איז אַ מין וואַסער אויף אַרויסצוציען געשווילעכץ — האָט ער גענומען אויפֿקלערן וועגן יעדער רפֿואה באַזונדער. וועט איר איינטינקען א שטיק וואַטע און צולייגן אויף איבער־נאַכט צו דער בייל אויפֿן שטערן און צו דער באַק, און אַרומ־בינדן. און אָט איז אַ זאַלב אויף איינצורייבן. איר וועט קענען אַליין איינרייבן מיט דער האנט די ערטער, וואָס טוען וויי. און ער האָט איבערגעחזרט, קוקנדיק מיט איראָניע אויפֿן בוכהאַל־טער: — איר קענט עס אַליין איינרייבן... און אָט איז אַ מין אַס־פּירין. וועט איר נעמען צוויי פּילן תיכּף. און אָט — צעפּלעך צום שלאָפֿן. זעצט אריין אַזאַ איינס אין א שעה אַרום, וועט איר שלאָפֿן ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַ געטין. און ער האָט צוגעגעבן: — זייט איר דאָך אַ פֿלעגע־שוועסטער, וועט איר זיך שוין אַן עצה געבן. וועט איר וויסן ווי צו מאכן זיך אַ מאַסאַזש און ווו אַריינ־צוזעצן אַ צעפּל...

בעלאַ האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, א שעמעוודיקע. האַרצקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אים געוואָנדן אין אַ זייט. דער דאָקטאָר האָט געלאכט און מיט אַ געלעכטער אויסגעצויגן די האַנט צום בעט:

— זייט געזונט, איך וועל צוריקקומען מאָרגן.

בעלאַ האָט אויסגעשטרעקט צו אים זיין האנט און אָנגעוויזן צופֿריער מיט אַ פֿינגער אויפֿן טישל:

— זייט אַזוי גוט, דאָקטאָר, און זייט זיך מטריח צום בייטל, דאָרטן, און נעמט אַרויס פֿאַר אייער האָנאָראַר.

— זייט מוחל, האָט דער בוכהאַלטער זיך אָנגערופֿן און אַרויסגענומען זיין פּאָרטפּעל. איך וועל שוין דערליידיקן.

— איר מאַכט חוזק, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. פאַרוואָס איר? פאַרוואָס נישט איך? איר האָט געהאַט אַ מצווה, לאָמיך אויך האָבן... איך האַלט שטאַרק פון מצוות.

— איך בין זשענירט, דאָקטאָר, האָט זי זיך אָנגערופן אַ גע־רירטע, שטאַרק זשענירט.

— זשענירט אַהין, זשענירט אַהער... דערצו זייט איר דאָך אַ פּלעגעריך, פּאַסט דאָך סתם נישט צו נעמען געלט ביי אַ פּאָד־קאָלעגין...

זי האָט געהאַלטן אַ ווייל איר האַנט אינעם דאָקטאָרס, אויס־בויגנדיק זיך אויף פּאָרנט. ווען זי האָט אַרויסגעלאָזן זיין האַנט, האָט ער זי דערלאַנגט דעם בוכהאַלטער. מיט אַ פעסטער באַווע־גונג האָט ער אים מיטגעצויגן מיט זיך אין דער אָפענער טיר אריין: — קומט, לאָזט איר שלאָפן, זי דאַרף אַ סך שלאָף, אַ סך רו.

ווען די טיר האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרמאַכן הינטער זיי, האָט זי זיך אויפגעזעצט, אויסגעצויגן דעם קאָפּ צום אַרויסגאַנג און נאָכגעשריגן: — אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק אייך ביידן. און באַלד צוגעגעבן מיט אַ געבעט: זייט אזוי גוט און קלאַפּט אָן ביי דער שכנטע, אויפן פינפטן שטאָק, מיט אַ שטאָק נידעריקער, אַקעגנאיבער, אַראָפּגייענדיק. בעט איר זי זאָל אַרויפקומען. זאָגט איר, אַז עס איז גאָרנישט, אַ קלייניקייט נאָר, זי זאָל זיך נישט דערשרעקן. זייט אַזוי גוט. אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק אייך, האַר־ציקע מענטשן!

ד

די שכנטע, מאַדאַם גרינטוך, איז תיכף געקומען צו לויפן. ווען זי האָט דערהערט פון די צוויי מענער, אַז בעלאַ איז נישט מיט אַלעמען, האָט זי פאַרבראַכן די הענט: ווי איז מיר נישט. בעלקע קראַנק, טאַטע זיסער... און דערקענענדיק דעם דאָקטאָר, איז זי צוגעשטאַנען צו אים: — האַרציקער דאָקטאָר גאָלדבוך,

נישט, חלילה, עפּעס ערנסטעס? זאָגט, בעסטער הער דאָקטאָר, עס איז זיכער נישט פּאַוואַזשנע, זאָגט. מסתמא זיך פאַרקילט. זי וויל קיינמאָל נישט אָנטאָן קיין שאַליקל. אַ סך היץ, האַ? זי איז דאָך אַזאַ האַרצעדיקע, אַזאַ כשרע יידישע טאָכטער, אַ שאָד, אַז עס זאָל איר וויי־טון וואָס אונטערן נאָגל...

די לעצטע ווערטער האָט זי שוין אַרויסגעזאָגט גייענדיק אויף די טרעפּן, און זי האָט זיי איבערגעחזרט נאָכאַמאָל, שטייענדיק פאַרן בעט פון בעלאַן, און מיט טרערן אין די אויגן: — ווי איז מיר נישט, בעלקע. אַ שאָד, אַז עס זאָל דיר וויי־טון וואָס אונטערן נאָגל... און מיר זאָל זיין פאַר דיר. גיב נאָר אַ קוק. אַן אַקסידענט, האַ? זיי לויפן דאָך ווי די משוגעים. אַז אַרויסלויפן זאָל פון זיי די נשמה, גאָטעניו.

— נישט קיין אַקסידענט, שכנטע. אין מעטראָ. איר ווייסט דאָך, איך קען נישט נעמען די מעטראָ־באַן; דער געדראַנג, דער געשטופּ, די וואַגאָנעץ, די וואַגאָנעץ... עס האָט גערעגנט. געוואָלט איבערוואַרטן דעם שלאַקס־רעגן אונטן און מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם המון, מיטגעצויגן געוואָרן... זיי האָבן מיך שיעור נישט צעטרעטן. נאָך גוט וואָס דער יונגערמאַן, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין אייער טיר, האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זייערע פיס...

פרוי גרינטוך איז צוגעפאַלן צו איר און געגומען באַדעקן איר פּנים מיט קושן: — ווי איז מיר נישט. זיי לויפן ווי די משוגעים. איך ווייס נישט צו וואָס זיי איילן זיך אַזוי? צו דעם פלעשל וויין? צו די ים־ווערים? צו די מעטרעסעס זייערע?! און אַז זיי וועלן זיך צוכאַפּן צו זיי מיט פינף מינוט שפּעטער, וועלן זיי פאַרשפּעטיקן? וועלן זיי געפינען דערין אַן אַנדערן טעם?... מיין אָרעמע בעלקע, נעבעך. איך גיי זוכן אַ דאָקטאָר. וואָס רעד איך? ער איז דאָך ערשט דאָ געווען. איך פאַרליר דעם קאָפּ... נאַדיר, זיי האָבן זיך שוין היינט ווידער אַרומגעריסן און אַרומגעשאָלטן די לאַכטיקע לאָקאַטאָרן מיינע. ווען איך קום נישט פּלוצים פון גאַס צוריק, וואָלט זיך דאָרטן זיכער געטאָן חושך... נו, קען מען נישט אַראָפּ פון זינען, פרעג איך דיך? און דאָ ליגט גאָר מיין בעלקע אין געהאַקטע ווונדן, ווי איז מיר נישט...

בעלאַ האָט געמאַכט אַ סימן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל ווייניקער רעדן און שטילער, ווייל עס טוט איר וויי דער קאָפּ. זי

האָט אָנגעוויזן אויף דער טובקע מיט זאַלב, וואָס ליגט אויפן טישל, זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן אַרויפצו און געוויזן מיט אַ פינגער ווו זי זאָל איינרייבן. די שכנטע האָט גענומען די טובקע אין האַנט אַריין, אויפגעשרויפט דאָס דעקל און אַ שמעק געטאָן דערצו. אַ שאַרפער ריח איז איר פאַרקראָכן אין די צעעפנטע נאָז־לעכער און איר אַ דריי געטאָן אין קאָפּ. די אויגן זענען איר פאַרלאָפן מיט טרערן, ווי בעתן רייבן כריין, אָדער שניידן ציבל.

— אַ מחיה, האָט זי אַ זאָג געטאָן, אונטערהוסטנדיק לייכט. עס שמעקט מיט פראַנצוזקע טערפּענטינע, עס פאַררייסט די נאָז, כ׳לעבן... זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן טאַבורעטל, אַרויסגעקוועטשט אַביסל זאַלב אויף דער רעכטער האַנט־פלאַך און גענומען איינרייבן, פירן מיט דער האַנט אהין און אַהער, ווי זי וואָלט געוואַלגערט לאָקשן־טייג. און ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט זי געביטן די האַנט. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערוט א ווייל און ווידער גענומען זיך צו דער רעכטער האַנט, אונטערזיפצנדיק ביי יעדן אויסציען און איינציען דעם אָרעם און געאָטעמט שווער, טיילמאָל מיט אַ סקריפּ. עס איז געווען שווער צו וויסן צי עס סקריפּען אַזוי די פאַרזשאַווערטע גלידער פון אייזערנעם בעטל, צי די מידע אברים פון דער שכנטע, אָדער גאָר ביידע צוזאַמען.

— עס איז גוט, עס איז פיין, א דאַנק — האָט בעלאַ פון צייט צו צייט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און אים אויסגעדרייט צו דער זייט פון דער פרוי. מאכט עס אָבער אַביסל לייכטער. עס גייט נישט אין מיר, עס גייט אין בעט...

— יאָ, בעלקע, עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ, ווען איך זע אין וואָס פאַראַ פּאַלאַץ דו וווינסט און אין וואָס פאַראַ חופּה־בעט דו שלאָפסט... האָט דאָך זיכער, ביי אייך, דער ערגסטער פאַראַבעק שענער געוווינט. ווי איז מיר נישט. אָה, ווען איך געווין אַזוי דעם פּראָצעס מיט די פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך צעבאַלעבאַטעוועט אין מיין דירה, ווען מיר זענען אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן, וואָלט איך דיך אַריינגענומען דאָרטן און וואָלסט געווען ווי אַ פּרינצעסין... זיי זענען „ספּאַלירטע״, טענהן זיי, און האָבן דריי קינדער און מען טאָר זיי נישט אַרויסוואַרפן. און איך וואָס בין? פרעג איך זיי. איך בין טויזנט מאָל ספּאַלירט. און ווען די רוצחים נעמען מיר נישט צו די קינדער, וואָלט איך געהאַט מער ווי זיי,

פיר לאַכטיקע קינדער, ווי די ריזן, ווי די ליכט. און אַ מאַן וואָלט איך געהאַט... „יאָ, איר וואָלט, איר וואָלט, איר וואָלט״ — האָט געזאָגט דער ריכטער. „אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז איר האָט איצ־טער נישט און זיי האָבן יאָ״. האָב איך געזאָגט צום ריכטער: וואָס הייסט, מסיע לע זשיזש, עס איז דאָך מיין דירה! ווי קו־מען פרעמדע מענטשן צו פאַרכאַפּן מיין דירה, מיין פּראַצע?.. זאָגט דער ריכטער: „איר זייט דאָך נישט אויף דער גאַס; די מערי האָט דאָך אייך געגעבן אַ דירה״. זאָג איך: מסיע לע זשיזש, עס איז אמת, אָבער עס איז דאָך פּאַרט נישט מיין וווינונג. און אַ דירה אויפן „פּלעצל״ קומט דאָך נישט צו אַ דירה אויף רע־פּובליק... מיין מאַן און איך און די עלטסטע טאָכטער האָבן מיר שווער געאַרבעט אויף אונדזער דירה. איר וואָלט געדאַרפט זען, מסיע לע זשיזש, וואָס פאַראַ צאַצקע פון אַ דירה דאָס איז געווען, מיט געקעסטלטע דילן אין פּאָדערהויז און אין קיך און סאַמעטענע מאָקעטן אין די אַנדערע שטובן און פּערסקע טעפּיכער, היינט ערשט די מאָלעריי, און דער סופיט — מען האָט געמוזט צושטעלן אַ פּאַזשאַרנע לייטער אויף צו דערלאַנגען צו אים. היינט ערשט דער סאַלאָן: פשוט בעלער צו מאַכן אין אים. מען האָט דאָרטן טאָקע געטראַכט מאַכן דאָרקעס חתונה, דער עלטסטערס. און אַ באָד־צימער איז דאָרטן געווען, האָט מען זיך געקענט שפּיגלען אין יעדן קאָכל־ציגעלע... און וואָס גיט איר מיר אויף דעם אָרט, מסיע לע זשיזש?...

— נו, עס וועט גענוג זיין, האָט בעלאַ אָנגענומען פּלוצים די האַנט פון דער שכנטע און געבעטן אויפהערן. איך האָב דאָך דאָס שוין געהערט פון אייך, מער ווי איינמאָל, מאַדאַם גרינטוך. אַ דאַנק. איך פיל זיך גאָר אַנדערש שוין. וועל קענען מאָרגן שוין זיכער גיין צו דער אַרבעט.

— חס וחלילה. וואָס איז דאָס געאייל? דער פּאַטראָן וועט נישט קענען אויסקומען איין טאָג אָן דיר, כ׳לעבן. וועסט זען, ער וועט אַפילו נישט קומען געוואָר ווערן וואָס דו מאַכסט, אַפילו ווען דו ליגסט דאָ גאַנצע וואָכן אין געהאַקטע ווונדן. אַזוי זענען די פּאַטראָנס. דו טרייב אַרויס פון דיר די נשמה, מאַך זיי רייך, און אַ גוט וואָרט וועלן זיי דיר נישט אָקעגנטראָגן... די טריקאָ־טאַזשניקעס זענען דאָך געוואָרן רייך איבערנאַכט. די רעגירונג האָט זיי צוגעשטעלט גרויסע לאַגערן מיט וואָל, פונאַנדערגעטיילט

דעם סטאָק לויט דער צאָל מאַשינען און לויט ווי איינער האָט זיך געקענט „דעברואירן״. נו, האָט זיך זיי איבערגעדרייט אין קאָפּ... מיין חיים איז אויך געווען אַ פּאַטראָן, אָבער ער האָט שווער געהאָרעוועט ביז ער איז געקומען צו עפּעס. ער איז געווען אַן אַנדערער פּאַטראָן. אָבער היינט?... איך וועל דיר נישט לאָזן גיין צו דער אַרבעט מיט אַזאַ פּנים, מיט אונטערגעהאַקטע זייטן. וועסט דיך צופריער גוט אויסרוען. און מאָרגן וועל איך קומען דיר שטעלן באַנקעס. מאַסאַזשן זענען טאַקע זייער גוט, אָבער צו באַנקעס קומען זיי נישט. מיין חיים האָט געהאַלטן פון צוויי זאַכן אין לעבן, פון באַנקעס... איז ער אַהיימגעקומען מיט אַ קאַטאַר פון גאַס, אָדער פון אַ „רעאוניאָן״ פון דער סאָסיעטע, אָדער אַפילו בלויז מיט אַן עגמת־נפש צוזאַמען מיט אַ דולן קאָפּ, האָט ער געגעבן אַ ווונק: „איטקע־לעבן, שטעל מיר אַוועק א פּלייצע מיט באַנקעס און זשאַלעווע מיר נישט״. און צומאָרגנס האָט ער ווידער געגעבן אַ ווונק: „איטקע־לעבן — עודך״.

— און וואָס איז די צווייטע זאַך? האָט בעלאַ איבערגעריסן אירע רייד. איר האָט דאָך דערמאָנט צוויי זאַכן, פון וועלכע ער האָט געהאַלטן.

—יאָ, האָט זי זיך צעלאַכט און אַ קלאַפּ געטאָן בעלאָן איבער דער צעהיצטער פּלייצע. אַזאַ חכמת און דו שטויסט דיך נישט אָן? נו, די צווייטע זאַך דאָס בין איך דאָך, זיין איטקע־לעבן.

פרוי גרינטוך האָט זיך זייער האַרציק צעלאַכט. בעלא האָט זיך לאַנגזאַם איבערגעדרייט, זיך אויפגעזעצט. געשמייכלט. געדאַנקט דער שכנטע פאַר איר קומען, פאַר איר מאַסאַזש. זי האָט געבעטן, זי זאָל איר אַרויסגעבן דאָס נאַכט־העמד פון דעם אויבערשטן שופלאָד פון קאָמאָד און גענומען אָנטאָן, אַראָפּרוקנדיק איינצייטיק דעם קאָמבינעזאָן. די שכנטע האָט באַמערקט, אַז עס איז נישטאָ גענוג וואַסער אין עמער, איז זי אַראָפּ מיט די טרעפּן, אַרויפגעבראַכט פריש וואַסער. דערנאָך האָט זי געבראַכט פון שטוב עטלעכע אָראַנזשן און גענומען אָפּשיילן, אַריינלייגן איר שטיקלעכווייז אין מויל אַריין.

— יאָ, דאָס פישעלע, האָט זי אַרומגענומען מיטביידע הענט דעם גלאָב. מ׳דאַרף מסתמא טוישן דאָס וואַסער, אָדער צוגיסן. אַ צער בעל־חיים.

— לאָזט דאָס איבער פֿאַר מיר, שכנטע. אַ דאַנק.

— אַ גוטע נאַכט, האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבער איר און אַ קוש געטאָן אין דעם דיקן געפֿלעכט פֿון אירע לאַנגע האָר, פֿאַרוויקלט אויף הינטן. דערנאָך האָט זי אַ קוש געטאָן אין איר שטערן, נעבן דעם בלויען בייל. אַ גוטע נאַכט — האָט זי איבער־געחזרט, אַ גוט געזונט אין דיינע ביינדעלעך, מיר זאָל זיין פֿאַר דיר.

— אַ גוטע נאַכט איך, האַרציקע שכנטע, האָט בעלאַ געענט־פֿערט. איר זייט אַזאַ גוטע.

ווען זי איז שוין געווען אין דער טיר, האָט פֿרוי גרינטוך אַ קוש געטאָן אירע דיקע און אויסגעפּראַצעוועטע פֿינגער און אַ וואָרף געטאָן אַ הילכיקן ליפּן־געפּליעסק אויפֿן בעט אַרויף. בעלאַ האָט עס נאָכגעטאָן און איר צוריקגעוואָרפֿן אַ קוש, באַגלייט מיט אַ באַנייטן דאַנק.

ה

בעלאַ איז אַרויס פֿון בעט און גענומען, ווי יעדע נאַכט, צוגרייטן דאָס פּישעלע צום שלאָף. זי האָט אָנגעשעפּט איין טעפּל וואַסער און דערנאָך אַ צווייטס און אויסגעגאָסן אין אָפּגוס־עמער. ווען זי האָט איינגעטונקען דאָס טעפּל האָט דאָס פּישעלע פֿאַרשטאַ־נען, אַז מען דאַרף זיך דעמאָלט נישט פּלאָנטערן אין די אויבער־שטע שיכטן פֿון וואַסער, ווייל מען קאָן פֿאַרטשעפּען אים אין קע־פּעלע, אין בייכעלע, אין די שווימערס, איז עס דעמאָלט אַראָפּ ביז צום באָדעם און געוואַרט געדולדיק. דאָס פּישעלע האָט גע־וואַרט ביז בעלאַ וועט נעמען דעם קרוג און נעמען צוגיסן פֿריש וואַסער. דעמאָלט איז עס א שווים געטאָן אַקעגן דעם רינענדיקן וואַסער, אויסגעשטעלט צופֿריער דאָס קעפּעלע, דערנאָך דעם עק, אויסגעבויגן זיך אין אַלע זייטן און געמאַכט א שוים. און בעלאַ פֿלעגט מיט אַ כוונה גיסן דאָס וואַסער פֿון קרוג ביסלעכווייז, מיט אַ דינעם שטראָם, טיילמאָל טראָפּנווייז נאָר, אַז די הנאה זאָל דוי־

ערן. זי האָט געהאַט גרויס הנאה, צוקוקנדיק זיך ווי דאָס פּישע־לע לעבט אויף, ווי עס צאַפּלט, ווי אָט שטעלט עס אונטער דעם טונקעלן רוקן, און אָט די זייט מיט כולו־גאָלדענע שיפּן און אָט — די אַנדערע, מיט זילבער־פּאַסן ביי די טאָפּל־שווימערס און ברוינע שפּרענקלעך ביים עק. עס מוז אים זיין אומעטיק אַ גאַנצן טאָג אַליין, דעם פּישעלע, האָט זי געטראַכט, עס מוז זיך לאַנג־ווייליקן אין דעם ענגן גלאָב... עס מוזן זיך אים חלומען די צייטן, ווען עס איז נאָך אַ פּיצעלע געווען און אַרומגעשווומען פראַנק און פריי אינעם ברייטן טייך און די בייכיקע מאמע האָט עס שווימען געלערנט און נאָכגעשווומען דערנעבן, אַז אַ בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, אַז עס זאָל פאַרגיין דער חשק ביי די פיש מיט די שפּיציקע ציינער און אויפגעפּראַלטע מיילער... ווער ווייס וויפיל מאָל האָט דאָס פּישעלע געזען דאָרטן דעם טויט פאַר די אויגן, איידער עס האָט זיך אַריינבאַקומען אין דער נעץ פון דעם פּיש־כאַפּער? צי איז זיין מאמע געווען דעמאָלט דערביי? צי איז זי מיטגעפאַנגען געוואָרן? אָדער איז זי בעת־מעשה געשטאַנען פונ־דערווייטנס מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אַריינגעוויינט אין וואַסער אירע ביטערן טרערן? אָדער גאָר, צוליב אָפּהענטיקייט און יאוש, געלאָזט זיך איינשלינגען אָן געראַנגל, אָן געצאַפּל?....

איר רעכטע האַנט איז מיד געוואָרן פון האַלטן דעם קרוג איינגעבויגן, האָט זי געביטן די האַנט. פון דער לינקער האַנט איז דער שטראָם געגאַנגען שוואַכער און טיילמאָל פלעגט ער זיך אינגאַנצן איבעררייסן. דעמאָלט פלעגט דאָס פּישעלע אַ פליעס־קע טון האַסטיק מיטן עקעלע, מעשה־פּראָטעסט: היתכן? און אויב איין פליעסק האָט נישט געהאָלפן, איז געקומען אַ צווייטער און דערנאָך אַ געווירבל פון שוים, אין וועלכן דאָס פּישעלע פלעגט אינגאַנצן פאַרשווינדן.

האָט זי צוריקגענומען דעם קרוג אין דער רעכטער האַנט. דאָס וואַסער האָט גענומען צוביסלעך דערגיין צו זיין פריערדיקן ביוואָ. דאָס פּישעלע האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט דער העלערער זייט כמעט אויפן סאַמע אויבערפלאַך, ווי עס וואָלט וועלן פילן דעם דירעקטן קאָנטאַקט פונעם פאַלנדיקן וואַסער. און עס האָט זיך נישט גערירט. די שיפּן האָבן גענומען צוביסלעך פאַרלירן זייער גלאַנץ און צונויפגיסן זיך מיטן שאָטן פון דעם ליכט, וואָס איז געפאַלן פון אַ זייט, פון פאַרהאַנגענעם, מאָגערן סופיט־לעמפּל.

פלוצים האָט בעלאַ באַמערקט איר פּנים. דאָרט, ווו עס איז געווען דער גלאַנצנדיקער בויך פֿונעם פּישעלע, האָט זי פּלוצים דערזען זיך. זי איז אויפֿגעציטערט געוואָרן און אויסגעבויגן דעם קרוג אויף צוריק. פֿונוואַנען נעמט זיך דאָ פּלוצים אַ שפּיגעלע? זי האָט דאָך אַרויסגעוואָרפֿן דעם וואַנט־שפּיגל, ווען זי האָט זיך דאָ אַריינגעצויגן, אַז זי זאָל נישט דאַרפֿן קוקן אויף זיך, אַז זי זאָל נישט זען וואָס עס איז פֿון איר געוואָרן. זי האָט זיך איבערגעבויגן נאָך מער איבערן וואַסער און דערזען אַ בייל אויף איר שטערן, אויף דער באַק, עטלעכע צעקראַצטע ערטער ביי דער גאָמבע, אַ רויטן פֿלעק אין אַן אויג, אַ שטיקל בלוטסטראָפּן אין צווייטן, און אַן אונטערגעהויבענע ליפּ מיט אָפּגעדעקטע צאָן־קרוינען. גאָר־נישט האָט זי אַזוי געאַרט ווי די אונטערגעהויבענע אויבערשטע ליפּ. דאָס האָט אינגאַנצן געענדערט איר פּנים. עס איז אמת, אַז זי האָט זיך שוין לאַנג נישט געזען. זי האָט דאָך געטאָן אַ שטילן נדר, אַז זי וועט קיינמאָל נישט שטיין פֿאַר אַ שפּיגל און קוקן אויף זיך. זי פֿלעגט אָבער טיילמאָל דאָך כאַפּן אַ צופֿעליקן בליק אויף זיך אין אַ וויטרינע, אָדער אַראָפּבויגנדיק זיך איבערן ברעג פֿון דער סענע, און זי האָט נישט געפֿונען קיין גרויסע ענדערונג, אין פֿאַרגלייך מיט יענע גוטע צייטן... וואָס אַן אמת, זוכט זי דאָך קיינעם נישט צו געפֿעלן. אָבער איר פּנים איז דאָך איצטער אָפּ־שטויסנדיק. זי האָט אויסגעגראָדט דעם קרוג אין איר האַנט, אים אַוועקגעשטעלט. זי האָט אַרונטערגעלייגט אַ פֿינגער אונטער דער ליפּ און געוואָלט אַרויסנעמען פֿון דאָרטן דאָס בערגל, צווישן דעם גומען און דער ליפּ. זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אינעם וואַסער. עפּעס אַ ווילד פּנים האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פֿון וואַסער אַרויס: וואַלטער, וואַלטער, דער „עס־עס", וועמען מען האָט גערופֿן די „קרומע ליפּ", אָדער פּשוט — „דער קרומער"; געהאַט האָט ער נישט נאָר אַ קרומע ליפּ, נאָר געווען אינגאַנצן קרום. ער איז תּמיד געגאַנגען מיט אַ שטעקן. נישט געגאַנגען נאָר אייגנטלעך גע־וואָרפֿן זיך און אויסגעוואַקסן תּמיד דאָרטן, ווו מען האָט זיך אָמ־ווייניקסטן געריכט אויף אים. און אַז ער איז געווען אין כּעס, האָט זיך זיין ליפּ נאָך מער אויסגעקרומט. און ווען ער האָט געגוואַל־דעוועט, פֿלעגט מען זיין אויבערשטע ליפּ בכלל נישט אַרויסזען, נאָר ציין, נאָר אַ שורה חיהשע ציין, איינגעטונקען אין שוים... און אָט איז אַן אַנדער פּנים. אַ היימישעס. אַ פּנים פֿול מיט צער, מיט־

לייד. דאָס ברייטע און גוטמוטיקע פּנים פון דער שכנטע — ווי איז מיר נישט... יאָ, וואָס וואָלט זי טאַקע געטאָן אָן איר האַרצי־קער שכנטע? וואָס וואָלט געשען מיט איר, ווען נישט מאַדאַם גרינטוך, די לאַנדסמאַנקע, וואָס האָט זי אויסגעפונען, אַרויסגע־נומען פון דעם „דזשאָינט"־האָטעל, אַ האָטעל — אַ הקדש, און איר אַריינגעבראַכט דאָ אינעם בוידעם־שטיבל איבער איר דירה, וואָס איז גראָד געוואָרן ליידיק. זי האָט זי ממש געראַטעוועט... און דאָס לאַכטיקע און מאַמעדיקע פּנים פון פרוי גרינטוך ווערט פּלו־צים ערנסט און פול מיט צער: — ווי איז מיר נישט... און אַט שטייט זי איבער איר, בייגט זיך אַריבער איבער איר צעשעדיקט פּנים און קושט זי. זי דערמאָנט זיך נישט: צי האָט זי געקושט אויך איר אויבערשטע ליפּ, דאָרטן ווו זי איז אונטערגעהויבן?

פלוצים האָט זי דערזען אויפסניי דאָס פישעלע אין וואַסער, זיין גאָלדענעם פּראָפיל און זיין טונקעלן רוקן־בערשטל, דערנאָך האָט זי געזען ווי עס פלאַטערט דער ברייטער עק און ווי די שפּיצן זיינע באַוועגן זיך פויל, וואָסאַמאָל פוילער. די אויגעלעך האָבן זיך ביי אים גענומען לעשן, פאַרציען מיט אַ מאַטן פאַר־האַנג און דער שנאָבל האָט גענומען נידערן אַראָפּצו, צום באָדן, צום ווינקל, צו דער וואַנט צו און מיטן עק צו דער לאָמפּ. און אַזוי איז דאָס פישעלע געבליבן הענגען באַלכסונדיק, אָן באַוועגונג, ווי דאָס וואַסער וואָלט פלוצים פאַרגליווערט געוואָרן אַרום אים און געהאַלטן אים אין קלעם. און אַזוי איז עס איינגעשלאָפן.

— אַ גוטע נאַכט, פישעלע, האָט בעלאַ שטיל אַריינגעפליס־טערט אין וואַסער אַריין. זי האָט פאַרלאָשן די ליכט און גע־לייגט זיך אין בעט אַריין.

ו

דער שלאָף איז נישט געקומען. זי האָט זיך געוואָרפן אין בעט און נישט געקאָנט געפינען קיין רו. אַלע ביינער האָבן איר פלוצים גענומען ווי טון. זי האָט געפילט ווי עס שטעכט, ווי עס

ברענט אינעם רוקן. זי האָט נישט געוווּסט גענוי, צי נעמט עס זיך פֿון די שטויסן, וואָס זי האָט באַקומען פֿון די שאַרפֿע עלנ־בויגנס אויף די טרעפּן, אָדער פֿון די פּיס, וואָס האָבן געטרעטן אויף איר אויפֿן וואָקזאַל, אָדער אפֿשר גאָר פֿון די מאַסאַזשן, אין וועלכע די שכנטע האָט אַריינגעלייגט אַזויפֿיל מי און כּוחות. ווען דער דאָקטאָר וואָלט זי נישט פֿאַרזיכערט, אַז עס איז גאָר־נישט אויסטערלישעס, נישט מער ווי שטאַרק צעקלאַפּט, וואָלט זי געמיינט, אַז עס איז זייער ערנסט. אפֿשר אַ צעבראָכענע ריפּ, וואָס רייסט זיך אַריין מיט אַ שפּיץ אין לונגען־זאַק, און אָט וועט זי נעמען אָטעמען מיט אַ פֿייף? זי דערמאָנט זיך: זי האָט געזען אַזויפֿיל פֿאַלן אַזעלכע, אָן אַ צאָל פֿאַלן אַזעלכע אינעם געטאָ־שפּיטאָל, אין לאַגער, אויפֿן טויטן־מאַרש...

זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און גענומען ציִען די לופֿט טיפֿער, בכדי צו הערן צי זי פֿייפֿט נישט מיט דער זייט. זיצנדיק האָט זי דערפֿילט, אַז דאָס ברענען האָט אָפּגעטרעטן. דער שטאָך אין דער זייט האָט ווידער אָנגעהאַלטן, אָבער געוואָרן מילדער. ער איז געוואָרן נאָך שוואַכער, אויב זי האָט געאָטעמט אויבערפֿלעכ־לעך. קיין פֿייף האָט זי נישט געהערט. זי האָט זיך צוריקגעלייגט אויפֿן רוקן, אויסבויגנדיק זיך לייכט אויף דער זייט, וואָס טוט נישט וויי. עס איז געווען צו דערליידן.

„אַז עס וועט ניט ווערן גיך בעסער, וועט מען אפֿשר דאַרפֿן מאַכן אַ רענטגען", האָט זי זיך דערמאָנט דעם דאָקטאָרס רייד. זעט זיך אויס, אַז אַ שטיקל חשד האָט ער דאָך — האָט זי גע־טראַכט.

זי האָט פּלוצים דערזען דעם דאָקטאָר ווי ער זיצט נעבן איר און קוקט אויף איר מיט זיינע מילדע אויגן און אָט האַלט ער זיינע ביידע הענט איבער איר אָפּגעדעקטן לייב. האַלט זיי ווי צום בענטשן, און זיי לאָזן זיך נישט אַראָפּ. זי האָט געקוקט אויף אים, אויף זיינע הענט, זיינע פֿינגער און זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען: פֿאַרוואָס טוט נישט דער דאָקטאָר זיין פֿליכט? אפֿשר איז עפּעס באַשעדיקט געוואָרן אין בויך, אינעם ברוסט־קאַסטן? אָבער ניין, זיינע הענט לאָזן זיך נישט אַראָפּ. פֿאַרוואָס?

זי האָט אויסגעבעסערט איר פּאָזיציע און צוריקגעלייגט זיך גראָד אויפֿן רוקן. זי האָט אַראָפּגעשאַרט דעם צודעק, אַרויפֿגע־

שאַרט דאָס נאַכט־העמד און אַוועקגעשטעלט אירע הענט איבער איר בויך אין דער לופטן, אַזוי ווי דער דאָקטאָר.

— פאַרוואָס ? האָט זי זיך איבערגעפרעגט, און אַראָפּגעלאָזן אירע פינגער צום בויך. און מעשה־דאָקטאָר האָט זי גענומען פירן די הענט איבער איר הויט. פאַרבויגן די פינגער, איינגע־קנייטשט די בויך־וואַנט, דאָ לינקס, דאָ רעכטס, דאָ — אונטן און דאָ — אויבן, ביים נאַפּל, ביים לעפּעלע. זי האָט געפילט ווי אירע פינגער ווערן צוריקגעשטויסן, ווי דורך אַ ציטער־שפּרו־זשענע, וואָס שפּאַנט אַרויס פון דער טיף. איינציייטיק האָט זי דערפילט אַ ציטער אין די שפּיץ־פינגער און ווי אַ מחנה מור־ראַשקעס וואָלט זיך געריסן פון איר אינגעוויד, פאַרפלאָנטערט זיך אין אירע פינגער און פאַרקראָכן אַרויפצו, ביז אונטער די אַקסלען, איבערן גאַנצן קערפּער. זי האָט שוין דאָס דאָזיקע גע־פיל פאַרגעסן. איז דאָך איר לייב יאָרן גאַנצע געווען נישט מער ווי אַ כראָפּעוואַטער זאַק־געוואַנט, פונאַנדערגעשפּרייט איבער שי־טערע שפּענער און איז דאָך איר הויט געווען ווי אַ געדיכטע פיש־נעץ, וואָס הענגט אַראָפּ שלאַבערדיק צווישן די פיר זייַ־טיקע שטאַנגען, איידער מען טינקט זי איין אין טייך, אָדער ווען זי טריקנט איבערן פלויט נאָכן פישפאַנג. און איצט פילט זי אַזאַ פולקייט און יאָדערדיקייט אונטער אירע פינגער און אַ ציטער פון הנאה צעגייט זיך איבער אַלע גלידער. און די הנאה איז שטאַרקער ווי די ווייטיקן אין דער זייט.

דערנאָך האָט זי גענומען פירן אירע פינגער העכער, איבער איר פאַרנט. זי האָט זיי פאַרהאַלטן איבער אירע ברוסטן. זי האָט געפילט ווי פון דער טיף טויכן אויף צו אירע פינגער־שפּיצן קיזל־שטיינדעלעך, אָדער שטיקלעך אייז, וועלכע מען וויל אַראָפּטרייבן צום וואַסער־גרונט און זיי לאָזן זיך נישט. די קיזל־שטיינדלעך האָבן געשטאָכן מיט זייערע שפּיצן און די אייז־קריעלעך האָבן גענומען בריען, ווי אַן אויער, וואָס איז לאַנג אויסגעשטעלט אויף אַ פראָסט.

דער פאַרגלייך מיטן אויער האָט מיט איר אויפגעטרייסלט. זי האָט אַ פעסטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן באַפרייען דאָס אויער פון אַ קלעם. זי האָט זיך אויפגעזעצט און צוגעטאָן די פינגער צום לינקן אויער־לעפּל. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דעם פּאַטראָנס זון האַלט כסדר איר לעפּל אין

זיין מויל און אַז אַ נאַגעניש צעגייט זיך איבער אַלע אירע אברים. זי האָט עס דעמאָלט נישט געפילט אַזוי שטאַרק ווי איצטער.

ווי לאַנג איז עס, האָט זי זיך געפרעגט, צוריקקלייגנדיק זיך אויפן רוקן, ווי זי האָט שוין אַזאַ געפיל נישט געהאַט. שוין אַן אייביקייט מסתמא. ווען איז עס געקומען צו איר צום ערשטן מאָל? יי איז דעמאָלט אַ מיידעלע געווען, אין דאָרף. זי האָט געוואָלט ארויסיאָגן קראָסולע, די רויטע קו פון די וועגנזשינעס, וואָס איז פאַרקראָכן אויף זייער לאַנקע. האָט זי געכאַפּט אַ שטעקן און גענומען טרייבן די קו, צוריקיאָגן זי צו דער פּויערישער לאַנקע. איז געקומען צו לויפן סטאַשעק, דער פּאַסטוך. ער האָט איר צוגעכאַפּט דעם שטעקן און זי אַ וואָרף געטאָן אינעם גראָז. ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר און גענומען בייסן, רייסן דאָס קליידל פון איר און אַרומקריכן מיט גליאיקע פינגער איי־בער איר לייב. זי האָט זיך געוואָרפן, געביסן, געריסן מיט די נעגל, געשפּיגן אין פּנים, געוואָרנט, אַז זי וועט דערציילן איר טאַטן און ער וועט אים אַנלערנען. נאָך גוט, וואָס דער אַלטער וועגנזשין איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און גענומען אים אַראָפּ־רייסן פון איר: — אַראָפּ, זי איז דאָך נאָך אַ קינד, און דערצו אַ יידישקע... אַ חרפּה און אַ שאַנדע! ער האָט אים אָנגעכאַפּט פעסט ביי אַן אַקסל און געלאַכט הויך, הירזשענדיק ווי אַ צעברי־קעוועטער פערד.

און קוים האָט זיך זיין לאַכן אָפּגעשטעלט, האָט זי דער־הערט פּלוצים דעם רעש פון רעדער, אַ פייף פון אַ באַן. אָט איז סטעפאַן. זיי נעמען צוזאַמען יעדן פרימאָרגן דעם שילער־צוג, וואָס פירט זיי אין שטאָט אַריין. זי גייט אין דער יידישער גימנאַזיע און ער אין פּאַנסטוואָווע. זיי גייען אריין אין זעלבן קופּע. אַחוץ די שילער פון דער גאַנצער געגנט פאָרן אויך אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און פּויערים אויפן מאַרק מיט זייערע קיישלעך און קאַסטנס סחורה. איז אַ געדרענג. סטעפאַן דריקט זיך צו איר צו און אָטעמט איר אין פּנים אריין. אויף צוריקוועגס, איז גע־רוימער. עס פאָרן אינעם צוג בלויז שילער, עס איז דאָך ערשט צוויי אַ זייגער. פלעגן זיי אויסזוכן אַ ליידיקן קופּעע און זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל. און ווען די באַן האָט זיך געלאָזן אין גאַלאָפּ און דער וואַגאָן האָט זיך געטרייסלט, פלעגט ער זיך צו־

שטופּן צו איר און אַריינשטעקן אַן אומדרייסטע האַנט אין איר בו־זעם אַריין, הינטער איר בלוזקעלע... און, אַז מען האָט עס צו־געטראָגן דעם טאַטען, האָט דער טאַטע געמוסרט: סטעפּאַן איז טאַקע אַ פיין שייגעצל און דער אַלטער דזשיענציאַל, זיין טאַ־טע, אַ גאָר פיינער גוי, אָבער זיי זיינען נישט קיין יידן... דזשיען־דאַברי — דזשיען־דאַברי; סטשענש באָזשע — סטשענש באָזשע. אָבער דאָס איז אַלץ. מען קען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס עס זענען די הינטער־כוונות פון אַ גוי, אַפילו פון בעסטן. אויב עס וועט זיך אים נאָר לוינען צו טון שלעכטס אַ ייד, וועט ער עס טון...

זי האָט פלוצים געזען איר טאַטען, ווי ער שטייט מיט אַ וואָרנדיקן פינגער און טייטלט צו איר: „מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט וועלן זיי ווייזן זייער חזיר־פיסל, זייער יוכע!"

— און די געלעגנהייט איז געקומען. אוי, איז זי געקומען. ווי און ווינד אונדז... האָט זי געגומען רעדן ווי צו זיך. די ער־שטע זענען טאַקע געווען די וועגנזשינעס, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן רויבן. קוים איז מען אַוועק אין וואַלד אריין אָפּוואַרטן דעם דורכמאַרש פון די דייטשע אַרמעען, שוין זענען זיי געקומען ראַ־בעווען. דערנאָך זענען געקומען די דזשיענציאַלס. זיי האָבן זיך געגומען אַרומרייסן וועגן דער „ירושה". עס איז געווען ווייניק וואָס זיי האָבן געפּלינדרעוועט, די וועגנזשינעס, און אַלץ אַרי־בערגעפירט פון די שטובן צו זיך אין די כאַטעס אַריין, האָבן זיי נאָך געוואָלט צונעמען דאָס גאַנצע האָב און גוטס, די מויערן, די מיל, די פעלדער, אַלץ: „סיווי זייט איר דאָך פאַרמשפט, זאָל כאַטש אייער מיל און גוטס אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ גוטן שכן" — האָבן זיי געטענהט. „אויב נישט, וועלן דאָך די שוואַבעס אַלץ פאַרכאַפּן". די דזשיענציאַלס האָבן נישט געראַבעוועט. זיי האָבן מסכים געווען מיט דעם, אַז די וועגנזשינעס זאָלן צונעמען אַלץ, וואָס לאָזט זיך צונעמען פון די שטובן, אָבער צו זיי זאָל געהערן די מיל און דאָס נישט־באַוועגלעכע פאַרמעגן: „סיווי זייט איר דאָך פאַרמשפט, ווי אַלע יידן. פון געטאָ איז דאָך נישטאָ קיין צוריקקוועגס. אַלץ איז דאָך פאַר אייך פאַרלוירן. טאָ שרייבט עס איבער, מיט אַ פריערדיקער דאַטע, אויף מיין נאָמען" — האָט דער אַלטער דזשענציאַל אָנגעהאַלטן. און יעדער פון זיי האָט

מיטגעבראַכט אַ רעיענט מיט סטעמפּל־פּאַפּיר און אַ פּאַרטיקן טעקסט אויף אונטערצושרייבן. האָט דער טאַטע געטריבן זיי פֿון זיך און געשריגן: „וואָס הייסט פֿאַרמשפּט? וואָס הייסט פֿאַר־לוירן? וואָס הייסט?!". דער טאַטע האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר און צעבראָכן די פֿעדער, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט: „ווער האָט עס פֿאַרמשפּט, ווער? און ווען האָט מען עס פֿאַרמשפּט?! פֿאַר אונדז יידן איז נאָר פֿאַראַן איין שופט. ער זיצט אין הימל. פֿאַר אים זענען מיר נישט פֿאַרלוירן, אַפֿילו ווען מען פֿאַר־טרייבט אונדז לפֿי־שעה פֿון אונדזער היים. מיר האָבן זי געבויט מיט אייגענע הענט און אויסגעפּראַצעוועט מיט אייגענעם שוויס. מיר וועלן זי נישט מפֿקיר זיין און מיט אייגענע הענט נישט צעשטערן. ווער זאָגט — פֿאַרלוירן?! דאָס זייט איר אויף אַן אמת פֿאַרלוירן, וואָס איר האָט אַקצעפּטירט דעם גזר־דין, וואָס איר האָט געמאַכט שלום מיט דער לאַגע און געקומען ראַבעווען. איר האָטביידע וועלטן פֿאַרשפּילט... און וואָס פֿאַראַ גוטע שכנים זייט איר, האַ?" — האָט ער זיך געוואָנדן צו די ווענג־זשינעס. „איר האָט דאָס אויבסט פֿון מיינעביימער געריסן און די פֿיש פֿון מיין סטאַוו געגנבעט ביינאַכט און אייערע קי אויף מיין לאָנקע געפּאַשעט, און מיינע קי אין פֿעלד פֿאַרסמט, און די קייטן פֿון די סטאַווידלעס האָט איר געריסן און די טראַנסמיסיע־פּעסער אין דער מיל צעשניטן, ווען איר האָט אייער טחינה גע־מאָלן... איר האָט תמיד געהאַט גרויסע אויגן אויפֿן יידישן שכן, אַפֿילו דעמאָלט ווען ער האָט אייער תבֿואה בחינם געמאָלן און שיינע מתנות צו דער חתונה פֿון אייערע קינדער געשאָנקן און געגעבן געלט אויפֿצופּרישן אייער קאָשטשאָל און אייערע קינ־דער באַשעפּטיקט אין פֿעלד. וואָס פֿאַראַ גוטע שכנים זייט איר מיר?!". איז דער אַלטער ווענגזשין נישט געבליבן שולדיק: „נישט קיין גוטער שכן, זאָגט איר? טאַ, ווער האָט עדות גע־זאָגט לטובֿת אייך ווען סמאָלאַרעק האָט אונטערגעצונדן אייער שטאַל און אַלע פֿערד זענען דערשטיקט געוואָרן? און ווער האָט באַצייטנס אייך געוואָרנט, אַז סמאָלאַרעק האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דער באַנדע פֿון ווילטשעקן, בכדי צו באַפֿאַלן אייער הויז און אַלעמען אויסמאָרדן, און געזאָגט אייך ווען, וואָס און וויאַזוי?! זאָגט איר — נישט גוטע שכנים?!". האָט דער טאַטע זיך גע־האַלטן ביים זיינעם: „ווייל איר זייט געווען אויף מעסער־שטעך

מיט אייער שוואָגער, סמאָלאַרעק, צוליב ירושה. אָבער נישט צו־ליב גוטער שכנהשאפט!"... און ווען דער טאַטע האָט אָפּגע־קלאַפּט די תביעות פון אַלטן דזשיענציאַל, האָט דער לעצטער אַרויסגערוקט נישט נאָר די אַלטע פריינטשאפט צווישן די ביי־געלס און די דזשיענציאַלס, נאָר אויך די פריינטשאפט, וואָס איז פאַראַן צווישן די קינדער... "עס וועט נישט פאַרפרעמדט ווערן, עס וועט בלייבן אין דער משפחה" — האָט ער געזאָגט. דער טאַטע איז געשטאַנען, געקוקט אין זיינע פאַרלאָפענע אויגן, געקוקט אין זיינע האַרטע הענט און פינגער, צי ער האַלט נישט דאָרטן אַ פאַרבאָרגן מעסער צום שטעכן. "אייער בעלקע און מיין סטעפאַן זענען זיך דאָך נישט פרעמד. וועט איר אייער מאַיאָנ־טעק פאַרשרייבן אויף אים. און אַז די מלחמה וועט אַדורך און בעלקע וועט איבערלעבן, וועט זי זיין דאָ די באַלעבאָסטע, צו־זאַמען מיט סטעפאַנען". און זעענדיק ווי דער טאַטע שטייט מיט געביילטע פויסטן, ווערט ווייס ווי די וואַנט און דאָס לשון ווערט ביי אים אָפּגענומען, האָט ער צוגעגעבן: "איך בין גרייט צו נעמען בעלאַן צו זיך, שוין איצט. זי וועט זיך דערציען צו־זאַמען מיט סטעפאַנען. איר גייט זיך אין געטאָ. זי וועט בלייבן מיט אונדז". און זעענדיק ווי דער טאַטע נעמט זיך וואַקלען און אַז אָט פאַלט ער אום, איז דער אַלטער דזשיענציאַל צוגעגאַנגען צו אים, אונטערגעהאַלטן אים ווילבערודעריש און געזאָגט: "פאַר־טראַכט זיך. מיט אַ ברודער קען מען נישט בעסער האַנדלען. איך וועל מאָרגן צוריקקומען מיטן רעיענט".

און אָט פאָרן זיי אין געטאָ. עס איז נאַכט. די פערד פאָרן מיט זייטיקע וועגן, אויסצומיידן די הייזער פון די וועגנזשינעס און פון די דזשיענציאַלס. אהרן, דער עלטערער ברודער, פאָכעט מיט דער בייטש אין דער לופטן, איבער די רוקנס פון די פערד און דער טאַטע האַלט אין דער הויך אַ פויסט און אַ שוים איז אויף זיינע ליפּן: "אַ מכה, א מכה וועל איך אונטערשרייבן. נישט פאַרמשפט, נישט פאַרלוירן! איר מאַכט יד־אחת מיטן שונא. האָט איר זיך פון פאַראויס פאַרמשפט!". דערנאָך האָט ער אויס־געדרייט די פויסט אין דער ריכטונג פון די גרויסע פערמע־גע־ביידעס פון די דזשיענציאַלס: "נישט פאַרמשפטע, נישט פאַר־לוירן! מיין כלה־מיידל איז נישט פאַרלוירן. אַ חוצפה און אַ העזה פון אַ פויער. נישט פאַרלוירן!".

זי האָט זיך דערפילט ווי אין אַ קלעם צווישן טאַטן און דער מאַמען. זי האָט דערפילט דער מאַמעס טרערן, וואָס רינען טייכנווייז און אירע אָרעמס, וואָס נעמען זי פעסט אַרום, אַז עס קומט איר שווער אָן דער אָטעם. דער טאַטע האָט ווייטער גע־האַלטן זיין פויסט אין דער הויך און מיט דער צווייטער האַנט אַרומגענומען פעסט איר טאַליע. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זי געזען די גלאַנציקע אויגעלעך פון אירע שוועסטער־לעך, ברידערלעך, אויגעלעך פול פחד, וואָס קענען נישט פאַר־שטיין וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר, פאַרוואָס זיי שלאָפן נישט ווי תמיד אין דער צייט אין זייערע בעטלעך, נאָר וואַלגערן זיך צווישן שטולן, טישלעך, פונאַנדערגעגלידערטע מעבל - טיילן, ספרים - פעקלעך און שטובזאַכן; פאַרוואָס דער טאַטע כעסט זיך אַזוי און האַלט כסדר די פויסט אין דער הויך און פאַר־וואָס טרייבט עפּעס זייער ברודער, אהרן, די פערד מיט אַזאַ גאַלאָפּ, מיט אַזעלכע שלעכטע וועגן און אין אַזאַ שפּעטער און פינצטערער נאַכט...

ז

דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פיס אינעם שטיינערנעם וועג, וואָס האָט געפירט פון דאָרף אין געטאָ־שטאָט אַריין, דאָס שפּרינ־גען פון די רעדער גרוב־איין גרוב־אויס אויפן שלעכטן זייטיקן וועג און דאָס וואַרפן זיך פון די שטוב־זאַכן מיט געקלימפּער — האָבן זי איבערגעוועקט. סיידווי איז איר שלאָף נישט געווען קיין טיפער. צוזאַמען מיט דער וואַכעדיקייט איז געקומען אויך אַ ווייטיק אין דער זייט און אין לינקן קיי־ווינקל און אַ רייסן אין דער אויבערשער ליפּ, ווי עס וואָלט אַנגעצויגן אַ בלאָטער. עטלעכע קאַרגע שטראַלן פון אַ מיט־חודשדיקער לבנה האָבן זיך אַריינ־געגנבעט דורך אַ ווינקל פונעם אויבערשטן שייבל און געוואָרפן אַ שיטער ליכט אויפן טישל, וווּ עס זענען געשטאַנען די רפואות, וואָס דער דאָקטאָר האָט געלאָזן.

דאָס פּישעלע איז געשלאָפן. אַ פֿאַרבלאָנקעטער שטראַל האָט זיך פֿאַרהאַלטן אינעם בויך פֿונעם גלאָב, דורכגעריסן זיך דורכן גלאָז און וואַסער און פֿאַרפּלאָנטערט זיך צווישן די דינע שיפֿע־לעך פֿונעם רוקן און אין די פֿיברעס פֿון אויבערשטן שווימער. דאָס האָט נישט געשטערט דעם פּישעלע אין זיין שלאָף.

בעלאַ האָט נישט געקאָנט שלאָפן. דער ווייטיק אין דער זייט האָט זי נישט נאָכגעלאָזן. זי האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט זיך דערמאָנט אין ענלעכע יסורים דאָרטן, אין געטאָ. זי איז שוין גע־ווען אַליין. טאַטע־מאַמע און אויך די ייִנגערע קינדערלעך זענען נאָך אַוועק מיט דער ערשטער אַקציע. געבליבן איז בלויז אהרן, דער עלטערער ברודער. ער איז געווען דער אויפזעער איבער דעם קאָ־מענדאַנטס שטאַל, וווּ עס זענען אויך געשטאַנען זייערע צוויי פֿערד, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין געטאָ. קומענדיק וואַשן די פֿערד ביים טייך, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין שפּיטאָל און גע־קומען וואָרענען, אַז פֿאַרטאָגס וועט זיין אַן אַקציע אין שפּיטאָל. ער האָט באַקומען אַ קאָנפֿידענציעלע ידיעה פֿון טאָשקען, דעם קאָמענדאַנטס „געליבטע". האָט מען גענומען זיך גרייטן. מען האָט גענומען צוגרייטן דעם בונקער. אַראָפּגעטראָגן בינטלעך שטרוי, קישנס, צודעקן און טרוקענעם פּראָוויאַנט אין פּושקעס, און דרינגענדיקע רפֿואות.

מען האָט דעם בונקער געגראָבן אין געהיים לאַנגע חדשים, זייט דער ערשטער אַקציע. עס האָבן אים געגראָבן די דאָקטוי־רים און עטלעכע פּלעגערינס. יעדע נאַכט פּלעגן, לויט דער ריי, אַנדערע צוויי מענטשן אַראָפּלאָזן זיך אין קעלער און גראָבן. אָנ־געפֿירט מיט דער אַרבעט האָט דר. סאַלעק, דער לייטער פֿון שפּי־טאָל. ער איז תמיד געווען איינער פֿון די צוויי, אָדער געדרייט זיך אין דרויסן און געוואַכט צי עס קומט נישט אָן אַ פֿרעמדער מענטש, אָדער עפּעס אַ סכנה, וואָס קאָן צונישט מאַכן דעם גאַנצן פּלאַן. על כל צרה שלא תבוא איז גוט זיך צו פֿאַרזען מיט אַ בונקער, וואָס זאָל קאָנען אַריינגעמען אַ טייל פֿון די קראַנקע און פֿון פּערסאָנאַל. האָבן זיי דאָך גוט געוווּסט, אַז אַ דאַנק אַ פּאָר בונ־קערס, האָט זיך אַ גרעסערע צאָל ייִדן געראַטעוועט בעת דער ערשטער אַקציע. זיי האָבן געגראָבן טיף, אין דער ריכטונג פֿון טייך. ווען זיי זענען שוין דערגאַנגען ווייט, אַז מען האָט געהערט פֿון דרויסן דאָס פֿאַרביישווימענדיקע וואַסער, האָבן זיי די דאָ־

זיקע וואַנט פאַרפעסטיקט מיט ברעטער, בכדי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט אריינרייסן אין פאַל, ווען דער טייך וועט זיך צעשטורעמען רעגן־צייט. און זיי האָבן זיך געטראַכט: וועט נישט זיין מעגלעך זיך צו ראַטעווען פון דער זייט פון קעלער, וועט מען דורכלעכערן די ערדענע וואַנט און אַרויס אין טייך אַריין. און אונטערן שוץ פון דער נאַכט אַוועקשווימען ווייט אַוועק, אויסמיידן די וואַכזאַמקייט פון די מערדער און זייערע מאַשין־ביקסן. און דער אַריינגאַנג פון קעלער אין בונקער אַריין איז געוואָרן אַזוי קונציק פאַרקאַמופלירט, אַז עס איז נישט געווען מעגלעך צוצוציען וועלכן עס איז חשד.

זי איז אויך זייער אָפט געווען צווישן די, וואָס האָבן געאַרבעט ביים בונקער. זי האָט זיך תמיד פרייוויליק געמאָלדן. געוואָלט זיין צווישן די צוויי, אָדער אַ דריטע. תמיד, ווען דר. סאַלעק האָט געגראָבן אינעווייניק, האָט זי געוואַכט פונדרויסן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען זי איז אינדרויסן, איז די סכנה פאַר דר. סאַלעק, פון אינעווייניק, אַ סך אַ קלענערע. ער האָט אויך געוווסט, אַז ער קען זיך פאַרלאָזן אויף איר און זייער רואיק אַרבעטן. און תמיד, ווען זי האָט געאַרבעט אינעם בונקער, האָט ער געוואַכט אינדרויסן. זיי האָבן זיך נישט אָפגעשמועסט, אָבער עס איז תמיד אַזוי אויסגעקומען. עס איז זיי קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן באַזאַמט אינעם בונקער. זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען זיי וואָלטן זיך געטראָפן צוזאַמען אינעם פינצטערן בונקער, וואָלט די אַרבעט געליטן דערויף... און קיין צייט צו פאַרלירן איז דאָך נישטאָ. דער בונקער דאַרף זיין נישט נאָר טיף, נאָר אויך ברייט, צו קענען אַריינגעמען וואָס מער קראַנקע, וואָס מער מענטשן פון פערסאָנאַל, אָדער אַנטרונענע פון געטאָ, וואָס זוכן אַ מקלט. געווען שוין עטלעכע אַבלאַוועס אין שפּיטאָל. זיי זענען געקומען זוכן, צי באַהאַלט זיך דאָ נישט אויס צווישן קראַנקע, אָדער ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש, אַ פאַרדעכטיקער אין אַ סאַבאָטאַזשאַקט, אָדער אַן אָנפירער פון אַן עווענטועלן ווידערשטאַנד. זיי זענען אראָפּ אויך אין קעלער און באַלויכטן אַלע ווינקלען מיט זייערע שטאַרקע טאַשן־לאָמפּן. אָבער גאָרנישט געפונען. דר. סאַלעק האָט, צוליב זיכערקייט־טעמים, נישט דערלויבט קיינעם פון געטאָ צו פאַרבלייבן אין בונקער מער ווי אַ מעת־לעת אָדער צוויי. בעסער זיין פאַרזיכטיק און בשום אופן נישט צוציען די אויפ־

מערקזאַמקייט צום בונקער, וואָס איז די לעצטע האָפענונג פון די קראַנקע, וואָס ער האָט אונטער זיין אויפזיכט, די לעצטע האָפע־נונג בעת אַ באַנייטער אַקציע.

אַ גאַנצן טאָג איז אַנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט אין שפּי־טאָל. דר. סאַלעק, צוזאַמען מיט די דאָקטוירים, איז פאַרבייגע־גאַנגען די בעטן און געגוי אונטערזוכט יעדן קראַנקן. שפּעטער האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין דר. סאַלעקס ביוראָ־צימערל און באַ־טראַכט צוזאַמען יעדן פאַל באַזונדער. זי, בעלאַ, און אסתר, די הויפּט־שוועסטער, זענען אויך געווען דערביי. עס איז געווען אַ געהיימע אַרבעט־באַראַטונג. וואָס איז איצטער צו טון? מען קאָן דאָך נישט אַלעמען אַריינגעמען אין בונקער. קודם איז ער צו קליין פאַר אַלעמען. צווייטנס, זענען דאָך פאַראַן שווער־קראַנקע, אָדער אָקאָרשט־אָפּערירטע, וועמענס לעבן איז אין סכנה סייווי און זיי וועלן אין בונקער, אין דער ענגעניש, און ווו עס וועט זיין כמעט ווי אוממעגלעך צו דערלאַנגען די געהעריקע מעדיצינישע הילף — גיך אויסהויכן זייערע נשמות. און דריטנס, וועלן זיך דאָך די דייטשן פאַרוואַנדלען אין חיות און אַדורכפירן אַ ווילדע שחיטה אויפן אָרט, אויב זיי וועלן געפינען דעם שפּיטאָל האַלב־ליידיק און וועלן פאַרשטיין אַז עמיץ האָט באַצייטנס אויסגעגעבן זייערע פּלענער...

בעלאַ האָט געזען פאַר זיך די גאַנצע סצענע אינעם ענגן צימערל. זי האָט געזען די מוראדיקע אויגן פון די דאָקטוירים און די טרערן, וואָס רינען איבער זייערע צעגליטע באַקן. זי האָט גע־פילט, אַז אויך אירע באַקן גליען איצטער און טרערן רינען פון די אויגן. איינצייטיק האָט זי געפילט אַ ווייטיק און אַ קעלט אין דער לינקער זייט. זי האָט זיך צוריקגעלייגט און אַרויפגעצויגן די דעק ביז אונטערן האַלדז. אַ שוידער האָט זי אַרומגענומען.

וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? מען אַמפּערט זיך. יעדער האָט אַ פּלאַן. יעדער האָט אַ נייעם געדאַנק. וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט, ביז די דייטשן וועלן קומען, טאָר מען דאָך נישט. אַלעמען אַריינגעמען קאָן מען נישט: קודם, ווייל דער בונקער איז צו קליין. און דערנאָך — ווייל די שווער־קראַנקע און די אָפּערירטע טאָר מען נישט אריינגעמען אין בונקער; און דאָס נישט נאָר צוליב זייער אייגענער טובה, נאָר אויך לטובת די, וואָס וועלן זיך גע־

פינען אין בונקער... יאָ, וויפיל איז פאַראַן אַזעלכע? מען שלעפּט אַרויס די מעדיצינישע אַקטן. מען באַטראַכט יעדן פאַל באַזונדער. מען דינגט זיך. 31 קראַנקע מוזן בלייבן. דאָס איז זיכער. וועגן אַנדערע דריי איז פאַראַן אַ ספק. צי מעג מען זיי מפקיר זיין אין אַ ספק־פאַל? צי מעג מען? מען באַטראַכט נאָך אַמאָל די אַקטן פון די דריי און נאָכאַמאָל. דאַרף מען דאָך, פון דער אַנדערער זייט, איבערלאָזן אַ גענוג גרויסן טייל קראַנקע אין די בעטן, בכדי עס זאָל נישט זיין אויפפאַלנדיק. די דייטשן וויסן דאָך, אַז דער שפּיטאָל איז תמיד איבערפולט. נו, וועלן זיי דאָך נקמה נעמען נישט נאָר אין שפּיטאָל, נאָר אין גאַנצן געטאָ. זייער כעס, צוליב דעם וואָס מען האָט צעשטערט זייערע פּלענער, וועט דאָך, חלילה, אויסגיין צום גאַנצן געטאָ און עס וועט זיין אַ נייע שחיטה איבער אומשולדיקע יידן. איז, וואָס בלייבט? עס איז דאָך משוגע צו ווערן!... אין בונקער גייען אריין העכסטנס 15 מענטשן. אַז מען וועט זיך שטאַרק צונויפקוועטשן, וועלן אַריינגיין 17. הייסט עס אַזוי: 11 באַוועגלעכע קראַנקע און 6 פון פּערסאָנאַל: דריי דאָקטוירים און דריי פלעגערינס. אָבער, וועמען פון פּערסאָנאַל נעמט מען מיט? דאָס אָרט פון די דאָקטוירים איז דאָך גיכער צו בלייבן אויבן, מיט די שווער־קראַנקע. אַפילו בעת דער דעפּאָרטאַציע וועלן זיי זיך דאָך נויטיקן אין דאָקטוירים. און מעגלעך אויך, אַז די דייטשן וועלן נישט נעמען אַלע דאָקטוירים, ווייל דאָס געטאָ וועט זיך ווייטער נויטיקן אין אַ טייל פון זיי. עס גייט דאָך אין פאַרהיטן פון עפּידעמיעס אין געטאָ, און די דייטשן שרעקן זיך דאָך תמיד, אַז די עפּידעמיעס זאָלן זיך נישט אַריבערטראָגן אויף זיי, אויף דער דייטשער קאָמאַנדע און זייערע אַרויסהעלפערס. איז רעכט, אַז די דאָקטוירים זאָלן בלייבן אויבן. אָבער, אַזוי ווי די קראַנקע אין בונקער וועלן זיך אויך נויטיקן אין מעדיצינישער פלעגע, וועט מען יוצא זיין מיט איין דאָקטאָר אין בונקער. אין בונקער וועלן דאָך זיין די געזונטערע קראַנקע. איז, וועמען שיקט מען אַראָפּ? מען וועט וואַרפן גורל. דאָקטאָר סאָלעק בעט, אַז מען זאָל אים אויסשליסן פון גורל, ווייל ער בלייבט אויבן. ער איז דער לייטער פון שפּיטאָל. ער איז דער קאַפּיטאַן, וואָס טאָר נישט פאַרלאָזן די זינקנדיקע שיף. אויך דר. ליפּניק בעט מען זאָל אים נישט אַריינרעכענען אין גורל. אויך דר. פאָליק. אויך דר. קאַפּעל. אויך דר. גייסט. אויך דר. באָכאַנסקי, דער יונגסטער פון

דאָקטוירים־שטאַב. מען קאָן אָבער דאָך נישט לאָזן די פון אונטן אָן אַ דאָקטאָר. דר. סאַלעק באַמיט זיך צו פועלן ביי דר. באַ־כאַנסקי, אַז ער זאָל איינגיין אראָפּצוגיין אין בונקער. ער איז דער יונגסטער. ער האָט אַ יונגע פרוי מיט אַ פּיצעלע קינד אויף דער אַרישער זייט, ביי פּויערים. איז בעסער, אַז ער זאָל זיך ראַטע־ווען. דערצו האָט ער אַ „גוט" פּנים. ער זעט נישט אויס ווי אַ ייד. וועט אים לייכטער זיין זיך צו ראַטעווען אויף יענער זייט. דער יונגער דאָקטאָר וויינט. ער פּראָטעסטירט. ער וויל טיילן דעם גורל פון אלע זיינע קאָלעגן. אָבער ער לאָזט זיך איבערצייגן. ער וועט אָנפירן מיט דער רעטונגס־אַרבעט אינעם בונקער און אָר־גאַניזירן שפּעטער דאָס אַנטרינען פון דאָרטן אויף יענער זייט טייך אריבער און דאָס איז דווקא אַ פּאַסיקע אויפגאַבע פאַר אַ יונגערן און ענערגישן מענטש, מיט אַן אַרישן אויסזען, מיט אַ קריסט־לעכן נאָמען... בלייבן, הייסט עס צוויי ערטער, אויפן אָרט פון צוויי דאָקטוירים, וואָס גייען נישט אראָפּ; נו, וועט מען נעמען, אויף זייער אָרט, צוויי פון די דריי ספק־פאַלן. דער עלטסטער פון די דריי וועט בלייבן אויבן. הייסט עס, אַז אויבן וועלן בלייבן 32 קראַנקע. עס וועט דאָך אָבער אויסזען שיטער. דערצו וועלן דאָך די דייטשן נעמען נישטערן אין די ביכער און געפינען, אַז די צאָל קראַנקע איז גרעסער, אַ סך גרעסער. נו, איז צו דעם אויך דאָ אַן עצה. מען דאַרף פעלשן די ביכער. מען דאַרף פאַרברענען די אלטע שפּיטאָל־ביכער און שאפן נייע אַזוי, אַז עס זאָלן פיגורירן אין זיי בלויז די נעמען פון די קראַנקע, וואָס געפינען זיך גראָד אין שפּיטאָל. און די, וואָס זענען אין בונקער, זאָלן פאַרשריבן ווערן אַלס טויטע, אַלס קראַנקע, וואָס זענען געשטאָרבן די לעצטע טעג, וואָס זענען געשטאָרבן צוליב אַ קאָמפּליקאַציע, צוליב אַ פאַר־ערגערונג פון זייער געזונט־צושטאַנד. איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אָנ־געגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט אין דר. סאַלעקס צימערל. מען האָט געברענט מעדיצינישע דאָקומענטן און מען האָט געשאַפן פריי־שע. מען האָט געברענט די אַקטן־ביכער, מיט דער קראַנקן־גע־שיכטע פון די בונקער־קאַנדידאַטן, און מען האָט געשאַפן נייע. אויסגעפונען אויסטערלישע דיאַגנאָזעס און שווערע קראַנקהייטס־סימפּטאָמען, וואָס פירן צו אַ פאַטאַלן אויסגאַנג, און אויסגעשטעלט טויט־שיינען. און דר. באַכאַנסקי? ער איז אַ קרבן פון אַ דעפּרע־סיע: באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין אָוונט האָט מען אַרויסגערופן

אביגדורן, דעם קברן, און אים אָנפאַרטרויט דעם גאַנצן סוד. מען האָט געוווּסט, אַז מען קאָן אויף אים רעכענען. ער האָט געדאַרפט די דאָזיקע נעמען אריינציען אויף דער טויטן־ליסטע פון די לעצ־טע וואָכן. אַביגדור, וואָס איז געווען אַ מקורב פון „יודען־עלטסטן", האָט געדאַרפט דעם ענין דערליידיקן אינעם יודנראַט און אויך אי־בערגעבן די ליסטע.

יאָ, און וואָס בנוגע די פלעגערינס? ווער פון זיי זאָל אַראָפּ אין בונקער, און ווער זאָל בלייבן אויבן? מען וועט וואַרפן גורל. אסתר, די הויפּט־שוועסטער, בעט זיך, אַז מען זאָל איר נאָמען נישט אריינגעמען אין גורל. זי וויל בלייבן מיט די שווער־קראַנ־קע. זי איז דאָך דער קאַפּיטאַן פון די באַפלעגערס, טאָר זי נישט פארלאָזן די זינקנדיקע שיף, אַזוי ווי דר. סאַלעק. זי, בעלאַ, בעט אויך, אַז מען זאָל זי נישט אַריינגעמען אין גורל. זי וויל זיין אויבן, מיט די שווער־קראַנקע. זי וויל בלייבן מיט דער הויפּט־שוועסטער. זי וויל בלייבן אויבן מיט דר. סאַלעק. דאָרט ווו דר. סאַלעק וועט גיין, וועט זי אויך גיין. זי וויל זיך נישט שיידן פון אים אויף קיין רגע. איר אָרט איז נעבן דר. סאַלעק. מיט דר. סאַלעק. דר. סאַלעק!

ח

זי האָט צוגעטאָן אַ האַנט צום מויל, בכדי צו דערשטיקן אין זיך דעם נאָמען פון דאָקטאָר, וואָס האָט זיך געריסן פון איר קעל מיט אַ געשריי. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטער, צי האָט נישט עמיץ דערהערט. זי האָט זיך צוגעהאָרכט צי הערן זיך נישט אויף די טרעפּן טריט פון אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט אונטערכאַפּן איר געשריי, אויפכאַפּן דעם נאָמען פון דר. סאַלעק און אַזוינאָך אַרויסבאַקומען פון איר אַ גרויסן סוד, וועלכן זי האָט געוואָלט האַלטן נאָר פאַר זיך. אָבער עס איז געווען שטיל. דאָס פּישעלע איז ווייטער געשלאָפן, אויף דעם זעלבן אָרט ווי פריער.

האָט זי אַוועקגענומען די האַנט און זיך צוריקגעלייגט אויפן איבערדעק און צוזאַמען מיט אַ סקריפּ פון בעט איז ביי איר גע־

בוירן געוואָרן אַ פראַגע: וואָס איז דען אייגנטלעך דאָ מורא צו האָבן? וואָס האָט זי זיך צו שעמען מיטן נאָמען פון דר. סאַלעק? וואָס האָט זי דאָ צו פאַרבאַהאַלטן? און וואָס וועט זיין, אַז אַלע וועלן וויסן וועגן דר. סאַלעק און וועגן איר?... גאָר פאַרקערט. אַלע דאַרפן וויסן וועגן אים. זי דאַרף דווקא יאָ שרייען הויך, אַז אַלע זאָלן וויסן. די גאַנצע וועלט זאָל וויסן. איז דען דאָ אין דער גאַנצער וועלט אַזאַ מענטש ווי ער, אַזאַ גוטער, אַזאַ איידעלער, אַזאַ שיינער, אַזאַ ליבער? זענען דאָך אַלע געווען פשוט פאַרליבט אין אים. אַלע האָבן זיך נאָר געוואָלט היילן ביי אים, גאָר באַזונדער — פרויען. ער איז געווען אַן אינטערניסט, אָבער ער האָט זיך געקענט אויף פרויען־קראַנקייטן נישט ערגער ווי דער גענעט־סטער ספּעציאַליסט. פרויען האָבן אים נישט אַנדערש גערופן ווי „אַניאָלעק", דער מלאך, אָדער „זלאָטאַ ראַנטשקאַ", דאָס גאָלדענע הענטל. מען האָט אים קיינמאָל נישט גערופן ביים פאַמיליע־נאָמען און זעלטן־ווער האָט בכלל געוווסט, אַז ער הייסט שטילער, דר. שלמה, אָדער סאַלאָמאָן, שטילער. מען האָט אים בלויז געקענט ביי זיין פאַרפּוילישטן און דימינוטיוון פאַרנאָמען — סאַלעק. אַלע זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז אייגנטלעך זיין משפחה־נאָמען. הגם יעדער איינער האָט זיך תיכף גענומען פילן מיט אים היימיש, וואָלט דאָך קיינער נישט געוואָגט אים צו רופן ביים קליינעם נאָ־מען. אויך זי, בעלאַ, האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוווסט דערוועגן. ווען זי האָט געענדיקט די שולע פאַר פלעגערינס, מיט דעם לעצטן פאַרמלחמהדיקן אַרויסלאָז, פון חודש יולי, און זי האָט געוואָלט אָנגענומען ווערן אין יידישן שפּיטאָל, האָט מען איר געזאָגט, אַז מען דאַרף זוכן פּראָטעקציע ביי דר. סאַלעק, דעם שפּיטאָל־שעף. דער טאַטע איז געגאַנגען זען דעם פּרעזעס פון דער גמינע, זיין ידיד, ער זאָל זען צו פועלן ביי דער שפּיטאָל־דירעקציע. און אַ שיינעם טאָג איז זי טאַקע אַרויסגערופן געוואָרן דורך דר. סאַ־לעק. עס האָט גראָד פאַרשוואַנגערט איינע פון די שפּיטאָל־שוועס־טערס, און אַזוי ווי עס איז געווען שוין דאָס דריטע קינד ביי איר, האָט זי באַשלאָסן דעפיניטיוו צו פאַרלאָזן איר פּאָסטן. דר. סאַ־לעק האָט זי געוואָרנט, אַז עס וואַרט זי דאָ אַ שווערע אַרבעט. צוליב די עקאָנאָמישע רדיפות און די מלחמה־כמאַרעס, וואָס רוקן זיך אָן, שניידן יידן זייער גמינע־שטייער און זענען היינטערשטע־ליק מיט זייערע צאָלונגען; אַרבעט דעריבער דער שפּיטאָל מיט

אַ גרויסן דעפיציט. איז דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל שטאַרק באַגרע־נעצט און איין פלעגערין מוז אָפּטון די אַרבעט פון צוויי. דער־צו איז לעצטנס צוגעקומען אַ קאַטעגאָריע קראַנקע פון אַ נייעם מין: פרויען, וואָס ווילן נישט אויסטראָגן. זיי האָבן מורא, טאָמער ברעכט אויס די מלחמה מאָרגן, איבערמאָרגן, ווו וועלן זיי זיך אַרומוואַלגערן מיט אַ בויך, אָדער מיט אַ פּיצעלע קינד. דער גורל פון אַ יידישער פרוי אין דער מלחמה, וואָס היטלער זאָגט אָן, וועט שוין זיין געננוג אַכזריותדיק אָן אַ קינד אין בויך, אָן אַ קינד ביי דער ברוסט אויך. האָט אַלע יידישע שוואַנגער־פרויען אַרומגע־כאַפּט אַ מהומה. צוליב דעם אָפיציעלן פאַרבאָט, ווערן די דאָזי־קע אָפּעראַציעס געמאכט בייגאַכט, אין געהיים, און נאָר צוויי מענטשן זענען דערביי, דער דאָקטאָר און אַ שוועסטער. „זייט איר גרייט אַחוץ די טאָג־אַרבעט צו אַסיסטירן מיר ביי דער נאכט־שיכטע?" — האָט ער געפרעגט. „יאָ, דר. סאַלעק". אַ פלאַם האָט באַגאָסן זיין איידל פנים. דערנאָך אַ שמייכל. ער האָט געקוקט מיט זיינע קלוגע אויגן און געטראַכט צו רעאַגירן, וואָס אַן אומבאַ־קאַנטע פרוי רופט אים פלוצים ביי זיין פאַרנאָמען. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט, ווי ער וואָלט זוכן דאָס פּאַסיקע וואָרט. אַנ־שטאָט אַ וואָרט, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל אַ געלעכ־טער, אַ האַרציק געלעכטער. זי האָט זיך אויך צעלאַכט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס. דער דאָקטאָר האָט איר דערלאַנגט די האַנט, אַ וואַרעמע האַנט. דערנאָך צוגעלייגט זיין צווייטע האַנט צו דער פריערדיקער. זי איז געווען נאָך וואַרעמער. זי פילט נאָך איצט די וואַרעמקייט אין איר האַנט און איבער איר גאַנצן לייב. זי האָט אָפּגעהויבן די האַנט פון בעט און זי געלאָזט הענגען אין חלל. און געדאַכט האָט זיך איר, אַז די צוויי וואַרעמע הענט פו־נעם דאָקטאָר נעמען אַרום איר האַנט, האַלטן זי פעסט און ווילן זי גאָרנישט נאָכלאָזן.

דערנאָך האָט זי געפילט ווי די זעלבע צוויי הענט רירן זיך צו צו אירע האָר. דאָס איז געווען בעת דער ערשטער נאַכט־אָפּע־ראַציע. מען האָט געדאַרפט אָפּערירן די יונגערע שנור פונעם קהי־לה־פּרעזעס. עס איז געווען אַן ערנסטע אָפּעראַציע. זי איז שוין געווען אין פערטן חודש. זי האָט געוואָלט אויסטראָגן. געווען איר ערשטלינג. אָבער אין אָוונט האָט היטלער געהאַלטן איינע פון זיי־נע ווילדסטע רעדעס, און אָנגעזאָגט, אַז אַט־אָט צינדט ער אונ־

טער די וועלט, און אַז די יידן וועלן דערפֿאַר טייער באַצאָלן. האָט זי זיך געלאָזט צורעדן און געלייגט זיך, מיט אַ ביטער געוויין און מיט ספּאַזמאַטישע קאַנוולסיעס, אויפֿן טיש. עס האָט געשניטן ביים האַרץ. זי, בעלאַ, האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל און מיט־געוויינט. דער דאָקטאָר איז צוגעקומען, געשטאַנען א ווילע הינ־טער איר, און גענומען גלעטן אירע האָר. „אַנו, שוויגט" האָט ער שטיל אַריינגערעדט אין אירע פֿאַרפּלאָנטענע האָר אויף הינטן. „איך פֿאַרשטיי. דאָס איז אייער ערשטער פייער־פּרווו. אָבער מען מוז זיך באַהערשן. אַ פלעגע־שוועסטער מוז זיין האַרט, האַרט ווי אַ דאָקטאָר. עס קומען שווערע צייטן. מען מוז זיך גרייטן צו זיי. עס הייסט נישט, אַז מען דאַרף נישט מיטפילן, מיטליידן; מען טאָר עס אָבער נישט אַרויסווייזן. אַנו, שוויגט, איך בעט אייך". ער האָט איר דערלאַנגט דאָס ווייסע קאַפּעלע און געהאָלפן אָנ־טון אויפֿן קאָפּ. דערנאָך האָט ער איר געהאָלפן פֿאַרבינדן אויף הינטן די צוויי עקן פֿון די בענדלעך, וואָס באַפעסטיקן דאָס גאַזע־פֿאַרהענגל, וואָס פֿאַרדעקט די נאָז און דאָס מויל. זיינע פינגער האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אירע האָר און עס האָט לאַנג גע־דויערט ביז ער האָט באַוויזן צו פֿאַרשלייפן די בענדלעך אונטער איר קאַקס. דערנאָך האָט ער זי פֿאַרטרעטן און אַליין געמאַכט אַ מאָרפין־איינשפּריצונג דער קראַנקער און געשטעלט זיך וואַשן די הענט. און ער האָט גאָרנישט געזאָגט, זעענדיק איר אומבאַ־האָלפנקייט. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט שרייען אויף איר און זאָגן מוסר, וואָס אַלץ פֿאַלט פֿון אירע הענט און זי פֿאַרטוישט די מכשירים. אָבער ניין. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געקוקט אויף איר מיט זיינע מילדע אויגן, פֿול מיט פֿאַרשטענדעניש און דערמוטיקונג. ער האָט דערנאָך אַליין געמאַכט דעם באַנדאַזש, אַליין אַריינגעבראַכט דאָס פיר־בעטעלע און אַריינגעפירט די אָפּע־רירטע אינעם שכנותדיקן צימערל פֿאַר אקאָרשט־אָפּערירטע. און צו איר האָט ער געזאָגט רואיק: „אַ דאַנק. מאָרגן וועט גיין בע־סער. און איצט לייגט זיך שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט".

זי געדענקט נישט צי זי האָט געענטפערט „אַ גוטע נאַכט", אָבער זי געדענקט, אַז זי איז יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן. אַזוי ווי זי קאָן נישט שלאָפֿן היינט ביינאַכט. זי האָט פלוצים דערפילט אַ שווערקייט און אַ ציטער אין איר רעכטער האַנט. די האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט. זי האָט זי איינגעבויגן און צוגעשטעלט

צום מויל, ווי צום קושן. זי האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט איר צום ערשטן מאָל אַ קוש געטון. דאָס איז געווען נאָך דער פּערטער נאַכט־אָפּעראַציע. זי האָט דעמאָלט גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. זי האָט זיך אויף קיין רגע נישט פאַרלוירן און געאַרבעט פלינק און געשיקט און דערלאַנגט יעדן אינסטרומענט און יעדעס פּיצל וואַטע, אָדער גאַזע צו דער רגע; זי האָט פאַרשטאַנען נישט נאָר דעם דאָקטאָרס ווונק, נאָר אויך זיין מחשבה. איז דר. סאָלעק געווען שטאַרק צופרידן. נאָכן פאַרענדיקן די אָפּעראַציע האָט ער איר פאָרגעשלאָגן זיין הילף ביים אויפבינדן די בענדלעך פונעם געזיכט־פאָרהענגל. נישט וואַרטנדיק אויף איר הסכמה, גענומען פאָרען זיך ביים פונאַנדערנעמען די עקן פון די בענדלעך. דער שלייף איז געווען פעסט פאַרקנופּט און ער איז פאַרקראָכן צווישן דעם דיקן האָר־געפלעכט. פּלאָנטערנדיק זיך מיט זיינע פינגער אין אירע האָר, האָט ער זיך אָנגערופן: „איר ווייסט, אַז לויט די פאָרשריפטן טאָר אַ פלעגע־שוועסטער נישט טראָגן קיין לאַנגע האָר, צוליב היגיענע־טעמים. עס איז שווערער זיי צו האַלטן ריין, ווי קורצע". „נו, וועל איך זיי אָפּשניידן", האָט זי געענטפערט מיט אַ דעצידירטן קול. „ניין, איך וועל פאַר אייך מאַכן אַן אויסנאַם. די לאַנגע האָר קליידן אייך שטאַרק. אַ פרוי איז באַשאַפן געוואָרן אויף צו טראָגן לאַנגע האָר. די נאַטור האָט עס אַזוי געוואָלט. און אַלץ וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור איז ריכטיק און שיין". ביים לעצטן וואָרט האָט זי געפילט ווי דאָס פאָרהענגל פאַלט איר אַראָפּ פון פּנים און ווי די ליפּן פונעם דאָקטאָר רירן זיך צו צו איר לייב, פון הינטן, נעבן לינקן אויער. זי האָט זיך געוואָלט אַראָפּבויגן, בכדי אויפצוהויבן דאָס פאָרהענגל. אָבער אַ ציטער איז אַדורך איבער איר גאַנצן לייב און שטייף געמאַכט אַלע גלידער. איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך. „פּאַרדאָן", האָט ער געזאָגט און אַליין זיך אַראָפּגעבויגן. און דערלאַנגענדיק איר דאָס פאָרהענגל, האָט ער איבערגעחזרט: „זייט מוחל" און נאָך אַ רגע צוגעגעבן: „אַ דאַנק. עס איז אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן מיט אייך". און נאָך אַ קליינער הפסקה, פאַרענדיקט: „אַ גוטע נאַכט, שלאָפט גוט".

זי איז יענע נאַכט אויך נישט געשלאָפן. גראָד ווי זי שלאָפט נישט די־נאַכט. זי האָט געפילט, אַז עס שטערט איר פון הינטן דער קאָקס, און זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נישט באַפרייט די־נאַכט

אירע האָר פון די קעמלעך, שפּאַן־נאָדלען און עלאַסטישע בענדלעך. מעגלעך, אַז צוליב דעם אויך קאָן זי נישט שלאָפן. זי האָט אַוועק־גענומען די האַנט פון מויל און אַרונטערגערוקט הינטערן קאָפּ. מיט די פינגער האָט זי גענומען זוכן פריי צו מאַכן אירע האָר. זי האָט זיך אויפגעזעצט, בכדי צו קאָנען לייכטער פונאַנדערפלעכטן דעם קאָקס און פונאַנדערוויקלען דעם לאַנגן צאָפּ. באַוועגנדיק מיט די הענט, האָט זי ווידער דערפילט אַ ווייטיק אין דער זייט. זי האָט איינגעהאַלטן אַ רגע דעם אָטעם און זיך אויסגעבויגן אויף פאָרנט. עטלעכע לבנה־שטראַלן, וואָס האָבן זיך צעלייגט אויפן טישל, האָבן אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער פינצטערניש די קאָנ־טורן פון אַ פלעשעלע, פון אַ שעכטעלע. דאָס האָט איר דער־מאָנט די רפואות, וואָס דער דאָקטאָר האָט דאָ געלאָזן פאַרן אַוועקגיין. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ מין אַספּירין. וועט איר נעמען צוויי פּילן תיכּף". זי האָט זיך געמאַכט פאָרוואָרפן. זי האָט דאָך געדאַרפט תיכּף נעמען די צוויי פּילן, וואָלט זי זיך פאַרשפּאָרט שמערצן. זי האָט זיך נאָך מער אויסגעבויגן, געשטעלט זיך אויף די קני און איבערוועגנדיק איר קערפּער אויף פאָראויס, אויסגעצויגן אַ האַנט צום טישל, צום שעכטל מיט די פּילן. זי האָט אַרויסגענומען צוויי פּילן, אַראָפּגע־שלונגען איינע נאָך דער צווייטער און זיך צוריקגעלייגט. אָט, וועט באַלד אויפהערן ווײ־טון, האָט זי געטראַכט. דער גוטער דאָקטאָר איז דאָך אַזאַ גוטער, מוזן דאָך זיינע רפואות אויך גוט זיין.

ט

זי איז געלעגן און געוואַרט, אַז די פּילן זאָלן ווירקן. און אָט דאַכט זיך איר, אַז די ווייטיקן ווערן מילדער, אַז זיי טרעטן ביס־לעכווייז אָפּ. אָט פילט זי נישט מער קיין ווייטיק אין דער זייט. אויך דאָס רייסעניש פון דער אויבערשטער ליפּ פילט זי נישט מער.

דאָס זענען כּישוף־פּילן — האָט זי געטראַכט. ווען זי זעט

אים איצטער, דעם גוטן דאָקטאָר, וואָלט זי צוגעפֿאַלן צו זיינע הענט און זיי אויסגעקושט. זי האָט, זעט זיך אויס, מזל צו דאָק־טוירים. באַשערט געווען איר תמיד צו האָבן צו טאָן מיט גוטע דאָקטוירים, וואָס זענען איינצייטיק געווען גוטע מענטשן. זי האָט באַלד דערזען אין דר. גאָלדבוכס אויגן דאָס טליענדיקע פֿלעמל פֿון גוטסקייט און דעם מילדן שמייכל, וואָס וועקט צוטרוי, וואָס דערנענטערט אַפֿילו ווילד־פֿרעמדע מענטשן. דאָס זעלבע פֿלעמל און דעם זעלבן שמייכל האָט זי אויך דערזען באַלד, ביי דער ער־שטער באַגעגעניש, ביי מאַדאַם גרינטוך. און נאָך פֿריער, נאָך אַ צייט פֿריער, אַ לאַנגע צייט פֿריער — ביי דר. סאַלעק.

דר. סאַלעק איז סתם געווען אַן אויסנאמס־מענטש. זי גלויבט נישט, אַז מען קאָן בכלל געפֿינען נאָך אַזאַ מענטש ווי ער.

עס איז געווען די לעצטע פֿאַרמלחמהדיקע נאַכט. זי געדענקט עס ווי איצט וואָלט עס געווען. זיי האָבן פֿאַרבראַכט די נאַכט באַ־זאַמט. ער האָט זי באַגלייט, נאָך אַ נאַכט־אָפּעראַציע, צו איר צי־מער און געבליבן מיט איר. זיי האָבן גערעדט וועגן חתונה האָבן. געמאַכט פּלענער. ער וועט זי פֿאָרשטעלן באַלד מאָרגן פֿאַר זיין מאַמען. ער איז זיכער, אַז זיין אַלטע מאַמע וועט זי באַלד ליב באַקומען פֿון ערשטן בליק, אַזוי ווי עס איז געשען מיט אים. די מאַמע, וואָס איז אַן אַלמנה נאָך פֿון יענעם קריג, האָט אַלץ גע־טאָן פֿאַר אים, זיך מקריב געווען, געפֿירט אַ גאַלאַנטעריע־געש־עפֿטל, געאַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט, בכדי צו פֿאַרדינען פֿאַרן איינציקן זון, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ מענטש און האָבן נחת פֿון אים. זי האָט נישט געקאַרגט קיין מי אויף צו קאָנען שיקן איר זון אין גימנאַזיע און שפּעטער אויף סטודיעס. זי האָט נישט חתונה געהאַט נאָכאַמאָל, בכדי נישט אַריינצוברענגען קיין פֿרעמדן מאַן אין שטוב אַריין און בכדי ער זאָל נישט האָבן קיין שטיף־טאַטן. האָט זי טאַקע דערלעבט נחת. איר זון איז געוואָרן אַ דאָקטאָר, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין וויסן בעת קאָנקורסן, און לסוף גע־וואָרן דירעקטאָר פֿון שפּיטאָל. די מאַמע האָט טאַקע געגרויסט זיך און געשיינט פֿאַר גליק. דאָס האָט זי באַוויזן דאָס אַלץ מיט אירע צוויי דאַרע הענט. ער איז דאָך נאָך געווען אַ יונג בחורל, ווען דער טאַטע איז אַוועק פֿון דער וועלט. אָבער איר גליק איז נישט

געוועזן קיין פּולעס. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל טאָן אַ שידוך, אַ לייטישן שידוך, אַזוי ווי עס פּאַסט פּאַר אים, און ער זאָל אַריינברענגען אין שטוב אַ שנור, וואָס זי זאָל קאָנען באַטראַכטן ווי אַן אייגן קינד, ווי אייגן בלוט און פליייש. האָבן שדכנים אָפּגעקלאַפּט די שוועלן ביי דער מאַמען און די טירן האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרמאַכט. אָבער ער האָט זיך נישט געאײַלט. ער איז געוועזן פאַרטאָן אין זיינע סטודיעס, אין זיינע פאַרש־אַרבעטן און וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציעס. ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע מיינט אויפריכטיק זיין גליק. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז די מאַמע וועט איינציייטיק ליידן, זעענדיק ווי אַ פרעמדע פרוי כאַפּט אויס אַ טייל פון דער ליבע, וואָס האָט ביז איצט געהערט בלויז און אויסשליסלעך צו איר. זי האָט אַזויפיל געטאָן פאַר אים, אַז ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער מינדסטער שאָטן זאָל פאַלן אויף די אינטימע מאַמע־געפילן אירע. זי פלעגט כסדר צושטיין: „נו, שלמהלע. וואָס וועט זיין דער תכלית? איך ווער דאָך נישט יינגער. דערצו ווערט דאָך דאָס האַרץ מיינס אויך נישט שטאַרקער". יאָ, טאַקע, צוליב דעם קראַנקן האַרץ אירן, וואָס פלעגט כסדר ווערן שוואַכער און שוואַכער, האָט ער איר אויך געוואָלט פאַרשפּאָרן עגמת־נפש, וואָס זי וואָלט געקאָנט האָבן פון אַ שנור. זי וואָלט געליטן בשתיקה. זי וואָלט עס נישט אַרויסגעוויזן, אָבער איר האַרץ וואָלט געוויייטיקט. די לעצטע צייטן פלעגט זי אים פּשוט פאַרפאָלגן: „נו, שלמהלע. ווילסט נישט צוליב טון דער אַלטער און קראַנקער מאַמען? פאַרוואָס זאָל איך נישט דערלעבן נחת? פאַרוואָס זאָל נישט זיין קיין נאָמען נאָך דיין טאַטן, נאָך ביי מיין לעבן, שלמהלע?". ער האָט געפילט, אַז דאָס רעדט פון איר די לאָגיק פון אַ יידישער מאַמען, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס האַרכן איר בקשה, זאָל נישט דערפירן צו אַ קאָנפליקט צווישן איר מוח און האַרץ, און זי זאָל מוזן ליידן דערפון.

„נו, שלמהלע, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט ביי דיר? עס האַלט ביי מלחמה. דיין טאַטע איז געפאַלן אין יענער מלחמה. איך וועל זיכער די איצטיקע מלחמה אויך נישט איבערלעבן. טאָ, פאַרוואָס דאַרף איך נישט זען פאַר די אויגן דיין באַשערטע, דיין אויסדערוויילטע, שלמהלע?".

„אָט דו, בעלאַ, ביסט מיין באַשערטע" — האָט ער איר אַריינגעפּליסטערט אין אויער אַריין. „דו בעלאַ". און ער האָט איר

דערציילט, אַז טאַקע דעם זעלבן טאָג, ווען די מאַמע האָט געגאָסן ביטערע טרערן און געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין און ברענגען איר זיין באַשערטע, זיין אויסדערוויילטע, איידער עס ברעכט אויס די מלחמה, דעם זעלבן טאָג איז זי, בעלאַ, געקומען אין זיין ביוראָ בעטן אַ שטעלע אין שפּיטאָל. עס האָט אים אַ טיאַכ־קע געטאָן אונטערן האַרצן, ווינאַר ער האָט זי באַמערקט. און ער האָט תיכף געטראַכט, אַז דאָס איז זי טאַקע, די באַשערטע, אויף וועלכער עס וואַרט די מאַמע...

„בלויז די מאַמע ?".

„דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק. האָב איך דאָך אייגנטלעך נאָר געטראַכט וועגן איר. מיין פּערזאָן האָט זיך דאָך נישט גערעכנט. איך וואָלט נאָך געקאָנט וואַרטן. איך האָב נאָר געזוכט איר גליק דעמאָלט. און ווען אירע לעצטע אַרגומענטן האָבן מיך איבערצייגט און האָב באַשלאָסן צו טון איר ווילן, נו — דעם זעלבן טאָג האָט גאָט צוגעשיקט די באַשערטע, אויף וועלכער עס וואַרט די מאַמע".

„בלויז די מאַמע ?".

„דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק".

„און וועלכער איז דער לעצטער איינדרוק ?".

„דער פֿאַקט, וואָס איך בין איצטער צוזאַמען מיט דיר, איז דער בעסטער ענטפֿער".

„יאָ. אָבער איך וויל, דו זאָלסט עס מיר בפירוש זאָגן, אַז איך בין דיין באַשערטע, קודם כל דיין באַשערטע".

„יאָ".

„וואָס יאָ ?".

„אַז דו ביסט מיין באַשערטע".

„אויך דו ביסט מיין באַשערטער".

„איך וועל דיך מאָרגן פֿאָרשטעלן פֿאַר דער מאַמען".

„און איך וועל דיך פֿאָרשטעלן פֿאַר מיין מאַמען און מיין טאַטן".

„מיין מאַמע וועט זיין גליקלעך".

„און דו ?".

„וועסט מוזן זיין גוט צו איר“.

„און צו דיר?“.

„קודם קומט אין באַטראַכט מיין מאַמע. איך שטיי אויפן צווייטן פּלאַן. וועסט דאַרפן זיין צו איר ווי אַ טאַכטער, נאָכמער ווי אַ טאָכטער. וועל איך דיך נאָך מער ליב האָבן“.

„און איצטער האָסט מיך נישט נאָך מער ליב?“.

„איצטער אויך“.

„איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך שוין איצט נאָך מער ליב האָבן, נישט שפּעטער, נאָר שוין איצט“.

„יאָ, אָבער שפּעטער וועל איך דיך נאָך מער ליב האָבן“.

„איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך שוין איצט נאָך מער נאָכמער ליב האָבן. שוין איצט, וויל איך, שוין“...

ער האָט צוגעטאָן זיין מויל צו אירע ליפּן און נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם זאַץ. זי האָט געפּרווט אַרויסבאַקומען נאָך עט־לעכע ווערטער, אָבער בלויז אָפּגעריסענע זילבן זענען אַרויס פון צווישן איר קוים צעעפנטע ליפּן און זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורך זיין קעל.

ו

א שטאַרקער הילך האָט זי אַרויסגעריסן פון שלאָף. זיי האָבן זיך ביידע אין דער זעלבער צייט איבערגעוועקט. איידער זיי האָבן געקענט רעכט אונטערשיידן צי איז עס אַ חלום צי אויף דער וואָר, האָט זיך דערהערט אַ צווייטער הילך. דאָס מאָל אַ סך נאָענטער. זי האָט זיך צוגעטוליעט פעסטער צו אים. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיין באַהאַרטער ברוסט.

„דו האָסט געהערט?“.

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר נאָך פעסטער זי צוגעדריקט צו זיך. זי האָט געהערט ווי ער האַלט איין דעם אָטעם. פּלוצים

איז ער אויפגעשפּרונגען. עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע הילכן, ווי דונערס, גאָר נאָענט און תיכף אַ געבראַזג פון אויפרייסן, און קולות האָבן זיך געטראָגן אַהערצו געמישט מיט געוויינען.

„די מאַמע!״, האָט ער אַ געשריי געטאָן, און אַראָפּ פון בעט. אין איין רגע איז ער געווען אָנגעטאָן. מען האָט געקלאַפּט אין טיר. מען האָט אַריינגעשריגן: „מלחמה! די דייטשן באָמבאַרדירן די שטאָט, אָן אַ מלחמה־דערקלערונג!״.

ער איז אַרויס פון איר צימער.

„די מאַמע״, האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ שטימע פול מיט פּחד. „די מאַמע, ווי איז מיר. ווער ווייסט צי די באָמבעס זענען נישט געפאַלן נעבן אַלטן מאַרק״. און ער איז אַרויס. זי איז אַרויס נאָך אים. עס איז נאָך געווען האַלב פינצטער. זי האָט אים געוואָלט נאָכלויפן. די הויפּט־שוועסטער האָט זי פאַרהאַלטן ביים טויער. „לויפט נישט. עס איז אַ סכנה״. זי האָט זיך געריסן, געוואָלט נאָכלויפן דעם דאָקטאָר. עס האָט זיך געמאַכט אַ בהלה. עס האָבן זי אַרומגעשטעלט עטלעכע פלעגערינס, דער נאַכט־דאָקטאָר, עטלעכע קראַנקע. די הויפּט־שוועסטער האָט זי געהאַלטן פעסט. „בלייבט דאָ. עס איז אַ סכנה. באַלד וועלן פאַלן פרישע באָמבעס. באַלד וועלן קומען פאַרוואונדעטע. לויפט נישט!״.

באַלד זענען טאַקע געבראַכט געוואָרן עטלעכע פאַרוואונדעטע. די לייכט־פאַרוואונדעטע זענען אַליין געקומען. זיי האָבן דערציילט וועגן אויפגעריסענע הייזער, מיט צענדליקער קרבנות אונטער די חורבות, מענטשן פאַרשיטע אין זייערע בעטן, קינדער אין די וויגן. זיי האָבן דערציילט, אַז דער שטאָטישער „פאַננאַ־מאַריאַ״ ־ שפּיטאָל איז געטראָפן געוואָרן מיט צוויי באָמבעס.

„און דער אַלטער מאַרק?״.

זיי האָבן נישט געוווסט גענוי צי דער אַלטער מאַרק איז אויך געטראָפן געוואָרן.

די אַמבולאַטאָריע האָט זיך אויסגעפולט מיט פאַרוואונדעטע, שווער־באַשעדיקטע, מיט אָפּגעריסענע אברים, מיט צעדולטע קעפּ, מיט אויפגעריסענע בייכער. די שפּיטאָל־זאַלן זענען איבערפולט. די דאָקטוירים זענען אַלע דאָ. זיי אַרבעטן שווער. די פלעגערינס אויך. אָבער ווו איז דר. סאַלעק? זי העלפט צו דעם דאָקטאָר קאַפּעל, דעם הויפּט־כירורג. זי שלעפּערט איין אַ יונג מיידל. מען

דאַרף איר אַמפּוטירן אַ פוס. איר קאָפּ איז אָבער נישט דערביי. „ווו איז דר. סאַלעק?". דאָס מיידל שרייט: „מאַמע, איך וויל די מאַמע. ווו איז די מאַמעליו?". דר. קאַפעל שרייט אויף איר: „נו, גיך. מער נאַרקאָזע. זי שלאָפט דאָך נאָכנישט!". דאָס מיידל וויינט: „ווו איז מיין מאַמע? איך וויל מיין מאַמע!". זי דערלאַנגט מער נאַרקאָזע און איבערחזרט אין געדאַנק: „ווו איז דר. סאַלעק? איך וויל דר. סאַלעק". דאָס מיידל וויינט נישט מער. דר. קאַפעל האַלט די זעג אין האַנט און זעגט דעם ביין און יעדע באַוועגונג פון זיין האַנט גרילצט אין אירע אויערן. „ער איז אַוועק, ער איז אַוועק. אָן אַ זיי געזונט. ער איז געלאָפן צו דער מאַמען. אַוועק צו דער מאַמען און מיך געלאָזן אליין, אליין". און אָט איז אָן אַנדערער פאַרוואונדעטער אויפן טיש. דר. קאַפעל רייניקט אַ טיפע ברוסט־וואונד און נייט צו. און אָט ליגט אַ יונגע פרוי. זי איז אין די הויכע חדשים. זי בלוטיקט שטאַרק און שטיקער גאַנצע רינען אַרויס פון איר מוטער־עפענונג. „אַ שאָד, וואָס דר. שטילער איז נישטאָ. דאָס איז דאָך זיין געביט. וואָס איז מיט אים אייגנט־לעך?", פרעגט דר. קאַפעל און באַמיט זיך צו פאַרהאַלטן דעם בלוט־אויסגוס. „ער איז געלאָפן צו זיין מאַמען, איז ער געלאָפן". זי האָט עס געמוזט זאָגן מיט אַזאַ בייזן טאָן, אַז דר. קאַפעל האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון דער בלוטנדיקער עפענונג און זי דורכ־געשפּיזט מיט זיינע שאַרפע אויגן.

און אָט איז זיך צעגאַנגען אַ קלאַנג איבערן שפּיטאָל: דר. סאַלעק איז געקומען. און נישט אַליין. ער האָט געבראַכט זיין מאַ־מען. זי איז פאַרוואונדעט. זי האָט נאָר אויבערפלעכלעכע וואונדן, אָבער זי איז שטאַרק שאָקירט, זי האָט באַקומען אַ זעץ אין קאָפּ אַריין מיט אַ שטיק באַלקן, וואָס האָט זיך איינגעבראָכן. דר. סאַ־לעק האָט זי געפונען אַ פאַרשיטע און עס האָט געדויערט ביז מען האָט זי פון דאָרטן אַרויסגענומען. זי געפינט זיך נאָך אין אַנמאַכט. די רעפלעקסן זענען נאָרמאַל. בלויז דער בלוט־דרוק איז געפאַלן. זי גיט זיך טיילווייז נאָר אָפּ אַ חשבון, וואָס קומט פאָר אַרום איר. זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אין אַ טיפן שלאָף און אירע ליפּן באַוועגן זיך קוים: „שלמה־לע", דאַכט זיך, זאָגן די ליפּן: „שלוי־מע־לע". דר. קאַפעל דערלויבט איר אַוועקצו־גיין אויף אַ רגע. אָבער נאָר אויף אַ רגע. ער מוז זי האָבן צו אַ נייער אָפּעראַציע. זי שטעלט זיך אַוועק צופוסנס פון דער קראַנ־

קער. אָבער ער זעט זי נישט. ער זיצט אויפן בעט און האַלט דעם פּולס פון דער מאַמען און ווישט דעם קאַלטן שווייס, וואָס באַדעקט איר שטערן. זי גייט צו אים צו און לייגט אַוועק איר האַנט אויף זיין אַקסל: „לאָזט מיך. איך וועל עס טון. דו מוזט זיין שוין מידי. איך בעט אייך", זאָגט זי צו אים שטיל, אומדרייסט, אַמאָל אויף דו און אַמאָל אויף איר. ער שטופּט אָפּ איר האַנט. אַ בייזער שטופּ. „לאָזט מיך. מען דאַרף נישט". דר. קאַפּעל רופט זי. „איז עס ערנסט?", פרעגט זי. ער ענטפערט נישט און ווישט ווייטער דעם שווייס פון איר שטערן. ער קערט נישט אָפּ זיין קאָפּ אין איר ריכטונג און הערט זיך נישט צו אַפילו ווען זי גייט אַרויס און זאָגט: „איך האָף צו גאָט, אַז עס איז נישט ערנסט. איך וועל בעטן גאָט פאַר איר".

און אין אָוונט — דאָס זעלבע. עס איז שטיל געוואָרן. עס פליען קריגס־עראָפּלאַנען איבער דער שטאָט, אָבער זיי וואַרפן נישט קיין באָמבעס. מען זאָגט, אַז דייטשע פאַראַשוטיסטן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער געגנט. די רעגירונג האָט מאָביליזירט. אויך די ציווילע באַפעלקערונג איז מאָביליזירט צו קעמפן קעגן די פאַראַשוטיסטן און גראָבן שוץ־קעלערס. דאָס דייטשע מיליטער גייט פאָראויס און אויב מען וועט זיי נישט איינהאַלטן, וועלן זיי אין אַ דריי טעג זיין אין שטאָט. פראַנקרייך האָט מאָביליזירט. ענגלאַנד אויך. די לאַגע איז נישט אַזוי קריטיש, ווי מען האָט געמיינט. די אַרבעט אין שפּיטאָל איז אַ רואיקערע. אַלע פאַרוווּנדעטע האָבן באַקומען די ערשטע הילף און דורכגעמאַכט דרינגענדיקע אָפּעראַציעס. זי גייט צוריק, אין אָוונט, צו דעם דאָקטאָרס מאַמען. דר. סאַלעק זיצט ביי איר בעט. זי שעפּטשעט: „שלוימע־לע". און ער ענטפערט: „מאַמע, כ'בין דאָ, מאַ־מע". זי שטייט ביי אים. בעט אים, ער זאָל זי צולאָזן. זי וועט אים פאַרטרעטן. און ער שטופּט זי אָפּ. קוקט נישט אַפילו אויף איר. זי קניט אַנידער אויפן דיל, נעבן בעט און גלעט די האַנט פון דער אַלטיטשקער, וואָס ליגט אַ שווערע און זעט אויס נאָך ווייסער ווי דער ווייסער איבערדעק. זי רירט זיך צו צו איר פּולס. איינס. צוויי. דריי. פיר. און צווישן יעדן קלאַפּ איז פאַראַן אַזאַ גרויסער מהלך. פּלוצים האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן, אַ כאָרכל געטאָן, און אַ שוים איז איר אַרויס אויף די ליפּן. ער האָט זיך אויפגעריסן. צוגעלאָפן צום שפּריצערל, וואָס איז געווען גרייט און אָנגעפּולט מיט קאַמ־

פער, און געמאַכט אַן איינשפּריצונג אינעם אָרעם, דורכן העמד, נישט וועלנדיק פאַרלירן קיין רגע. זי האָט אויפגעריסן די אויגן. געקוקט שטאַר פאַר זיך. אירע ליפּן האָבן זיך לייכט צעעפנט, אַרויסגעלאָזן אַ געדיכטע שוים צוזאַמען מיט כאַרכלדיקע זילבן „שלוי־מע־לע". „איך בין דאָ, מאַמע, איך בין דאָ, דיין שלמהלע, מאַמע, דיין שלמהלע". „און דאָס בין איך, בעלאַ זייַ באַשערטע. שלמהלעס באַשערטע!". זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און אירע אויגן האָבן זיך שטאַר פונאַנדערגעעפנט. זי האָט איבערגע־חזרט, אַריבערבויגנדיק זיך צו איר: „דאָס בין איך, בעלאַ, שלמה־לעס באַשערטע, שלמהלעס באַשערטע". זי האָט געשריגן הויך, אַז די מאַמע זאָל דערהערן. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און צו־געשטעקט די אויגן צו אירע און געשריגן: „דאָס בין איך, שלמהלעס באַשערטע!", אַז זי זאָל זי דערזען. ער האָט איר געמאַכט נאָך אַן איינשפּריצונג. דאָס מאָל אין די אָדערן. זי האָט אַרויפגעצויגן דעם אַרבל פון העמד און ער האָט געטראָפן מיטן ערשטן שטאָך אין אָדער אַריין, הגם זיינע פינגער האָבן געציטערט. דערנאָך איז געוואָרן פינצטער. נאַכט. פינצטערע נאַכט. שטיל. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שיך און געזעצט זיך אויפן דיל. געגאָסן טרערן. זי האָט זיך צוגעזעצט צו אים און געוויינט הויך, נישט געקענט זיך באַהערשן.

יא

עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ הילך. דאָסמאָל אָט־דאָ, נעבן איר, אונטער איר. בעלאַ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן צוזאַמען מיט איר בעטל. זי האָט זיך אויפגעריסן פונעם געלעגער און אַ בליק־פראַגע איז אַדורך איבער אַלע אירע אברים: „וואָס איז דאָס? מען באָמבאַרדירט שוין ווידער?".

זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהערט. זי האָט דערהערט דעם הייזעריקן קול פון איר שכן, וואָס וווינט אונטער איר. זעט זיך אויס, אַז ער האָט זיך היינט ווידער אָנגעזשליאָ־

קעט און ווי תמיד, ווען ער איז אין אַזאַ צושטאַנד, האָט ער אַ פעסטן זעץ געטאָן מיט דער טיר און איצטער שיט ער בייזע קללות אויף פראַנצויזיש. יאָ, פראַנצויזיש. זי איז נישט מער דאָרטן. זי איז דאָ.

זי האָט געריבן די אויגן און געגענעצט, ווי זי וואָלט זיך פלוצים איבערגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף. אָבער אירע אויגן זע־נען נישט געווען ווי נאָך אַ שלאָף. זיי זענען ביי איר געווען פאַר־מאַכט, ווי אין דערוואַרטונג פון שלאָף. די אויגן־לעדלעך זענען געווען שווער און מיד, נישט ווי נאָך אַ שלאָף. זי האָט זיי ברייט פונאַנדערגעעפנט און געלאָזט זיי אָפן.

אַ ברעקל לבנה־גלאַנץ האָט אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער נאַכט אַ ווינקל פונעם גלאָב און צעזילבערט די בויך־שיפּן פונעם פישעלע. עס האָט אויסגעזען ווי די שווימערס נעבן ווידעלע באַ־וועגן זיך, שטיפן אַרום מיטן ליכט־פּאַס, וואָס האָט זיך סודותדיק פאַרגנבעט אַהערצו.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צום פישעלע. אפשר האָט עס זיך אויך איבערגעוועקט פונעם זעץ אין טיר און דעם שיכורס קללות. אָדער אפשר איז עס בכלל נישט געשלאָפן, נאָר בלויז גע־רוט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַזוי ווי זי? און עס גייען פאַרביי דורך זיין קעפּעלע בילדער און זכרונות, און איבערלעבונגען. אַ פישעלע האָט דאָך אויך זיין וועלט, זיינע ליידן און פריידן. און אַ געפאַנ־גען פישעלע לעבט דאָך מסתמא זיכער נאָר מיט זכרונות פון די גוטע צייטן, ווען עס איז געווען אויף דער פריי, אינעם טייך, צווישן אַנדערע פישעלעך.

„אָרעם פישעלע", האָט זי געטראַכט. „דו האָסט זיכער אויך געלאָזן ערגעץ דיינס אַ געליבטן. און אפשר איז דיר אויך גע־שטאָרבן אַ נאָענטע קרובה, דיין געליבטנס מאַמע. און קאָנסט נישט שלאָפן. אָרעם פישעלע, איז, לאָמיר ליגן כאָטש מיט צו־געמאַכטע אויגן...".

די דייטשן זענען שוין נישט ווייט פון שטאָט. זייערע פאַר־פּאָסטנס זענען באַמערקט געוואָרן אַ צען קילאָמעטער פון שטאָט. איין קאָלאָנע גייט דירעקט אַהערצו מיטן הויפּט־טראַקט און די צווייטע מיט אַ זייטיקן וועג, בכדי אַרומצורינגלען די שטאָט פון דרום. פון דרום? איז דאָך איר דאָרף, די מיל, דרום־צו פון שטאָט,

אַ צען קילאָמעטער פון דאָ. טאַטע־מאַמע, די קינדער, זענען דאָרטן און דער דייטש דערנענטערט זיך, און זי איז דאָ? זיי דאָרטן און זי דאָ? וואָס פאַראַ טאָכטער איז זי? ניין. זי קאָן נישט בלייבן מער קיין רגע אין שפּיטאָל. עס טרייבט זי פון דאַנען. טאַטע־מאַמע דאַרפן זי נויטיק. זי וועט לויפן. עס איז נאַכט. קיינער וועט זי נישט זען. זי וועט קיינעם גאָרנישט זאָגן. זי וועט זיך מיט קיינעם נישט געזעגענען. אויך נישט מיט דר. סאַלעק. ער זיצט מיטן קאָפּ אָנגעלענט אינעם מאַטראַץ פון דער מאַמענס טויטן־בעט, ווי ער וואָלט אַליין געווען טויט. זי וועט זיך אַרויסשלייכן אויף די שפּיץ פינגער. אסתר, די הויפּט־שוועסטער, פאַרהאַלט זי. זי באַמיט זיך זי אָפּצורעדן. עס איז אַ סכנה. אָבער זי פאַרשטייט. זי דריקט זי פעסט צו זיך צו און הייסט איר גיך צוריקקומען. איר פּאָסטן וועט וואַרטן אויף איר. אַט, לויפט זי. זי קען גוט דעם וועג. זי פאַרנעמט זיך אויף זייטיקע זועגן און שטעגן. זי שנײַדט אַדורך פעלדער. זי שלייכט זיך נעבן הייזער. עס פאַרהאַלטן זי די פון דער ציווילער שוץ־גוואַרדיע, וואָס זוכן פאַראַשוטיסטן. זיי פאַרשפּעטיקן אירע טריט. זיי טוען זייער פליכט. אָבער אויך זי מוז טון איר פליכט פון אַ טאָכטער. ווידער פאַרהאַלט מען זי. מען נעמט זי אַריין אין אַ ביוראָ פון ציווילער שוץ. מען פאַרשט זי צי זי איז נישט קיין שפּיאָן. מען טוט זי אויס כמעט נאַקעט און מען זוכט צי זי האָט נישט קיין געהיימע דאָקומענטן, וואָס קענען דינען דעם שונא. זיי טוען זייער פליכט, זאָגן זיי. און מיין פליכט פון אַ טאָכטער, מיין פליכט?! און נאָך אַ ציווילער פּאָסטן פאַרהאַלט זי. מען שלעפּט זי אַריין אין אַ פויערישער כאַטע. עס ברענט אַ מאָגער נאַפט־לעמפּל. ביי אַ דעמבענעם טיש זיצן דריי פויערים, באַוואָפנט מיט יאַגד־ביקסן, און דערלאַנגען זיך פון מויל צו מויל אַ פלאַש בראָנפן. די צוויי, וואָס האָבן זי דאָ אַריינגעפירט, נע־מען רייסן פון איר די בגדים און שלעפּן ביי די האָר צו אַ בינטל שטרוי, אין אַ ווינקל פון שטוב. יענע דריי לאַכן, וואַרפן זיך פאַר געלעכטער און זשליאַקען פונעם פלעשל. זי לאָזט זיך נישט. זי איז נישט קיין שפּיאָן. זי איז פּיניע מילנערס טאָכטער. זי איילט זיך אַהיים. איינער פון די דריי דערקענט זי. ער דערמאָנט זיך, אַז דער זשיד פּיניע האָט אים אַרויסגעהאָלפן אַמאָל אין אַ צרה. ער איז אַריין אין אַ בלאָטע מיט אַ וואָגן איבערגעלאָדן מיט קאַרטאָפל און נישט געקאָנט אַרויס. איז דער זשיד פּיניע גראַד פאַרביי־

געגאַנגען; געהאָלפן אויסלאָדן די קאַרטאָפל; אונטערגעשטופט דעם וואָגן און דערנאָך געהאָלפן צוריק אַרויפלאָדן די קאַרטאָפל. „לאָזט איר גיין", האָט ער געשריגן, „איך וועל אייך אַלע דאָ אויסשיסן. זי איז נישט ווי אַלע יידישקעס. זי איז דעם זשיד פּיניעס טאָכטער. זאָל זי בעסער פאַלן אויף שוואַבסקע הענט". מען אָמפּערט זיך. מען וויל אים צונעמען זיין ביקס. און ווי זיי אָמפּערן זיך, גיט זי אַ לויף צו דער טיר און אַנטלויפט. עס איז אַ פולע לבנה. עראָפּלאַנען פליען הויך, זייער הויך. קוים מען דערהערט זייער רעש. ער־געץ, גאָר ווייט, הילכן אויפרייסן. עס ברענט ערגעץ ווייט און פּייער־צונגען רייסן זיך אין הימל אַריין, אויף יענער זייט וואַלד.

און אָט זענען די הייזקעס פון די וועגנזשינעס. זי גייט מיטן פעלד. דאָס גראָז איז פריש געשניטן און עס סקריפּעט אונטער אירע פיס. זי האָט מורא אויפצוועקן די הינט פון די שכנים. לייגט זי זיך אַוועק מיטן בויך אויפן פעלד און ריטשט זיך, ריטשט זיך ווי אַ שלאַנג. און אָט איז די מיל. אָבער וואָס איז דאָ געשען? דאָס טויער איז אויפגעפּראַלט. פאַרוואָס איז דאָס טויער אויפגע־פּראַלט? און פאַרוואָס איז קיינער נישטאָ?! פאַרוואָס זענען די שטובן אויסגעליידיקט און די בעטן אָן קישנס, אָן צודעקן און די שענק אויסגעליידיקט? און פאַרוואָס זענען אין דער מיל די פּעסער אַראָפּגענומען? און טאַטע־מאַמע ווו זענען און די קינדער ווו זענען?! און ווו זענען די פערד און די קי, און די עופות, און די הינט ווו זענען? און וואָס ליגט עפּעס נעבן, דער נאַכט־הונט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַ צעבלוטיקטער צונג, פאַר־קלעמט צווישן זיינע שפּיציקע ציין?! צי זענען שוין די דייטשן דאָ געווען און געחתמעט זייער באַזוך?! די לבנה איז גרויס, נאָך גרעסער ווי תמיד. זי האָט נאָך קיינמאָל אזא גרויסע לבנה נישט געזען. זי באַלויכט אירע טריט. זי טינקט זיך אין טייך. אפשר האָט זיך עמיץ פון דער משפחה ערגעץ באַהאַלטן הינטער דער מיל, זיך דאָך געראַטעוועט. „טאַטע, ווו ביסטו? מאמע, ווו ביסטו? אהרן, מיין ברודער; רבקהלע, מאַניעלע... ווו זייט איר אַלע?! אויך דו, אהרן, וואָס האָסט פאַר דעם טייוול אַליין נישט מורא, אהרן, ווו ביסטו?!". זי לויפט פון שטוב צו שטוב, פון שטאָק צו שטאָק. אומעטום פעדערן, צעפליקטע ספרים, ביכער, אַלבומען; פאָטאָ־גראַפיעס וואַלגערן זיך אונטער אירע פיס. אויך אין דער טורבין איז קיינער נישטאָ, אויך נישט אויף די סטאַווידלעס. „זאָג, גרויסע

לבנה, וואָס האָט דאָ פּאַסירט. ווו זענען זיי אַלע אַהינגעקו־מען?!״. וואָס טון? וואָס טוט מען?! זי וועט לויפן צו די ווענ־גזשינעס פרעגן. ניין, בעסער נישט, זיי זענען בייזע מענטשן. און זיי וועלן זי גאָרנישט אַריינלאָזן אינמיטן נאכט. זי וועט גיין צו די דזשיענציאָלס. זיי זענען בעסערע מענטשן. זי וועט גיין צו סטעפאַנען. זי ווייסט ווו ער שלאָפט, נעבן שטאַל. ער מוז דאָך וויסן וואָס עס איז דאָ געשען. ווי ווייט איז עס דען פון זיי צו דער מיל; זיי מוזן דאָך האָבן געהערט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. און אָט איז דער שטאַל פון די דזשיענציאָלס. אָנקלאַפּן? נישט אָנקלאַפּן? זי געדענקט נישט צי זי האָט אָנגעקלאַפּט צי נישט. אָט איז סטעפאַן. ער רופט זי אַריין. ער האָט אויף איר רחמנות. ער זעט אירע צעריסענע בגדים, אירע נאַקעטע היפטן, אירע נאַקעטע אַקסלען. ער גייט אַרויס בשתיקה און ברענגט איר זיין מוטערס קלייד. ער דערציילט, אַז אירע עלטערן מיט די קינדער זענען אָונט־צייט אַוועק אין וואַלד אַריין, בכדי זיך דאָרט אויסצובאַ־האַלטן, ביז די דייטשע אַרמיי וועט אַדורכמאַרשירן. זיי האָבן אויפגעלאָדנט אַ פור מיט געפּעק און אַוועקגעפאָרן אין וואַלד. אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן. עס איז משוגע צו ווערן פאַר פרייד. פשוט משוגע צו ווערן. טרערן פון פרייד רינען פון די אויגן. און עס דאַכט זיך, אַז סטעפאַן וויינט מיט און פרייט זיך מיט איר פרייד. אָבער באַלד באַפאַלט איר אַ חשד. טאָ פאַרוואָס די אויפ־געפראַלטע טויערן און די אויסגעפּלינדערטע שטובן? ניין, דאָס איז נישט אמת, דאָס איז אַ ליגן, אַ גרויסער ליגן! ער שווערט ביי יעזוסן און ביי אַלע הייליקע, אַז עס איז אמת, אַז די גאַנצע משפחה איז אַוועק אין וואַלד. אָבער נאָך זייער אַוועקגיין, זענען געקומען די פּויערים פון די שכנותדיקע דערפער, און גענומען ראַבעווען. און אָנגעפירט מיט דעם האָבן די ווענגזשינעס. זיי האָבן צוגענומען אַלץ פון די שטובן און אַריבערגעטראָגן צו זיך. זיי האָבן אויך צוגענומען אַלע עופות, דאַכט זיך אויך, אַז קי און פערד. זיי האָבן אויך אויסגעליידיקט די שפּייכלערס. „אַ דאַנק, סטעפאַן. אַ דאַנק. געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען. אָבער עס איז אמת, אַז זיי לעבן, אַלע מייניקע? שווער מיר?״. און ער האָט געשווירן, סטעפאַן, אויף יעזוסן, אויף מאַריען און אויף אַלע היי־ליקע און זיך געצלמט. אויב עס איז אמת דאָס אַלץ, האָט זי אים געמען בעטן, קניענדיק פאַר אים, זאָל ער זי פירן אין וואַלד

אַריין, ער זאָל איר באַווייזן, אַז דאָס איז דער גאַנצער אמת. האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט און גענומען פֿירן. זיי זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ־פֿינגער, קיינעם נישט איבערצוּוועקן. זיי זענען אַריבער דאָס קליינע פּיס־בריקל איבערן טייך. די בעלקעס פֿונעם בריקל האָבן זיך געטרייסלט אונטער זייערע פֿיס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דאָס פֿעלד אויף יענער זייט טייך טרייסלט זיך און ציטערט אונטער אירע פֿיס. אַז אויך די לבנה טרייסלט זיך מיט און ציטערט און די ביימער פֿונעם וואַלד טרייסלען זיך, און אַט קומען זיי צו נאָענטער צו איר, און אַט דערוויטערן זיי זיך. סטעפֿאַן האָט זי געפֿירט אונטערן אָרעם און פֿעסט צוגעהאַלטן, זי זאָל נישט אומפֿאַלן. עראָפּלאַנען זענען געפֿלויגן זייער הויך. ריזיקע פֿייער־צונגען ערגעץ ווייט, פֿון יענער זייט וואַלד, האָבן צעטריבן די פֿינצטערע וואָלקנס, ווי עס וואָלט שוין דאָרטן טאָגן. און אָט איז דאָס זומפּן־פֿעלד, נישט ווייט פֿון וואַלד. זשאַבעס קריכן אונטער זייערע פֿיס און קוואַקן. שווער צו וויסן, צי האָבן זיי אויפֿגעוועקט די זשאַבעס, אָדער איז עס זייער טבֿע אַזוי, ערבֿ־טאָג. זיי שניידן אַדורך די זומפּן, און טאַפּטשן זיך אין דער נעץ ביז איבער די קנעכלען, בכדי צו פֿאַרקירצן דעם וועג און וואָס גיכער צו דערגרייכן דעם וואַלד. און אָט זענען די ערשטע ביי־מער. און אָט באַוועגט זיך עפּעס ביים ראַנד פֿון וואַלד. אַ בוים, וואָס שאָקלט זיך, אָדער אַ מענטש, וואָס ריכט אָפּ זיין פֿרימאָרגן־געבעט ? יאָ, אַ מענטש. און נישט סתם אַ מענטש. דאָס איז אהרן. כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי דאָס איז אהרן ! ער האָט געוואַכט ביים ראַנד פֿון וואַלד. ער האָט זיי באַמערקט. ער איז זיי אַקעגנגעלאָפֿן. געפֿאַלן אין די אָרעמס. „בעלא !", „אהרן !". און צו סטעפֿאַנען האָט ער אויסגעצויגן אַ האַנט און געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע. „און איצט איז מיין ראַל געענדיקט", האָט סטעפֿאַן גע־זאָגט. „איצטער זאָל גאָט אייך נעמען אין זיין שוץ". זי האָט זיך אָפּגעריסן פֿון איר ברודער און אַרומגענומען סטעפֿאַנען. זי איז געשטאַנען און אַריינגעווייִנט אין זיין האַלדז פֿאַר גליק און גרויס דאַנקבאַרקייט. און ווען סטעפֿאַן איז שוין געווען אַוועק, האָט זי זיך דערמאַנט אינעם קלייד. „סטעפֿאַן !", האָט זי גענומען אים צו־ריקרופֿן. „דאָס קלייד. וואָס וועט זיין מיט דיין מאַמעס קלייד?". סטעפֿאַן האָט זיך אויסגעדרייט און באַוויזן מיט דער האַנט אין דער הויך, אַז עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט נישט אויס. ער

איז אַ לאַנגע צייט געווען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיי און גע־גאַנגען הינטערווייליכעטס, און געמאכט מיט דער האַנט „עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט נישט אויס!“.

יב

פּאַר אַ גוטן פּרייז באַרגט זיך אהרן אויס די בגדים פון „גאַיאָווע“. ער רעדט זיך מיט אים אויס, אַז אויב די דייטשן כאַפּן אים, וועט ער זאָגן, אַז ער האָט ביי אים צוגעגנבעט דעם גרינעם מונדיר מיט לאַקירטן היטל — און ער לויפט פּאַרטאָגס אין די דערפער אויפכאַפּן ידיעות פון פראָנט. אָוונטצייט קומט ער צוריק. די ערשטע פּוילישע שוץ־ליניע איז צעשמעטערט. די פּוילישע אַר־מיי אַנטלויפט אין אומאָרדענונג. אַלע גרענעץ־שטעטלעך זענען באַזעצט. די שטאָט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און אָט־אָט פאַלט זי. דעם פערטן טאָג איז זי געווען אין זייערע הענט. גע־טראָפן עטלעכע יידן, אַנטרונענע פון שטאָט. דערציילט גרויליקע זאַכן. מען הרגעט יידן אין די גאַסן. גענומען יידישע ערובניקעס. יידן טאָרן זיך נישט ווייזן אין גאַס. ווי און ווינד איז צו אונדז! די ידיעות פון די פראָנט־אָפּשניטן זענען איובדיקע. די וואַרשע־ווער ראַדיאָ־סטאַציע איז צעשמעטערט. די לאָדזשער סטאַציע גיט ידיעות אין דייטש און שפּילט דייטשע מיליטער־מאַרשן. זיי זאָגן אין דייטש, אַז שוין, זיי האָבן געזיגט. די ענגלענדער רירן זיך נישט, הגם זיי האָבן דערקלערט מלחמה. די פראַנצויזן סטראַשען און האָבן אויסגעשאָסן עטלעכע האַרמאַט־קוילן, אוז שוין. אַמע־ריקע שווייגט. אין קראָקעווער ראַדיאָ שפּילט מען דאָס האָרסט־וועסל ליד. דער רוס גייט פאָראויס אין מזרח. אינעם לעמבערגער ראַדיאָ רעדט מען רוסיש און מען שפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל. וואַרשע ליגט אין חורבות. לייזערל וויינט. ער האָט היץ. עס טוט אים ווי אַן אויער. מאַניעלע האָט זיך צוגעקילט און הוסט, ווי זי וואָלט געהאַט קאָקלוש. דער גאַיאָווע לאָזט לייזערלען אַריין צו זיך אין הייזקע ביים ראַנד פון וואַלד און זי, בעלאַ, וואַרעמט בוימל און גיסט אים אין די אויערן און לייגט צו הייסע קלייען־זעקלעך

אַרום זיין האַלדז. אָבער מאַניעלען וויל ער נישט אַריינלאָזן, דער וואַלד־וועכטער. ער האָט מורא, אַז זי האָט קאָקלוש און ער האָט קליינע קינדער. זי הוסט וואָסאָמאָל שטאַרקער. זי וועט, חלילה, צובאַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג און אויסגיין אינעם וואַלד. דאָס פּראָוויזאָרישעביידל פון צווייגן און בלעטער איז נישט קיין סגולה קעגן קאָמפּליקאַציעס, גאָר פאַרקערט. קיין דאָקטאָר וועט נישט וועלן אַהערקומען. קיין פעלדשער אויך נישט. וואָס וועט זיין דער תכלית צו זיצן אין וואַלד ? די דייטשן מיט די רוסן האָבן זיך באַגעגנט אויפן בוג. די מאמע האלט אין איין וויינען און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ. די פערד הירזשען צו גאנצע נעכט און ווילן נישט עסן כסדר גראָז. אהרן ברענגט קלייען און פלעווס, וואָס ער קראַצט צונויף אין דער מיל און מאכט אַן אָבראָק פאַר די פערד. אָבער זיי ווילן נישט פרעסן. זיי דאַרן איין. לייזערל פּילט זיך בעסער. עס רינט אים פון די אויערן. מאַניעלע הוסט ווי פריער און עס גליען ביי איר די באַקן. זי ברענט. די פערד הירזשען און קאָפּען אויס טיפע לעכער אין דער וואַלדיקער ערד. די לבנה באַהאַלט זיך. עס איז שטאָק פינצטער. דער טאַטע שפּאַנט די פערד. מען זעצט זיך אַריין אין וואָגן. מען לאָדנט אַרויף דאָס געפּעק. יוסף־מאיר, דער בר־מצווה בחור, העלפט צו. זיסעלע, האלט פעסט איר גרויסע פּופּע און דראַפּעט זיך אליין אַרויף אויפן וואָגן. די מאַמע האלט לייזערלען אויף איר שויס און שאָקלט זיך אַהין און צוריק. זי, בעלאַ, האַלט אַרומגענומען מאַניעלען, אַז אַ ווינטל זאָל אויף איר נישט אַרויפבלאָזן. אהרן גיט אַ פּאָכע מיט דער בייטש. די פערד לויפן גאלאָפּ. עס ציט זיי צוריק אין שטאַל אַריין. זאָל זיין אַ ליידיקער שטאַל, אָבער אַן אייגענער. זאָל זיין אַ ליידיקע דירה, אָבער אַן אייגענע. די מאמע מאכט אַ געלעגער פאַר די צוויי קראַנקע קינדער, אויף דעם בעטגעוואַנט, וואָס איז צוריקגעבראַכט געוואָרן פון וואלד. און אַ מאָגערער געלעגער מאכט זי פאַר זיסעלען און יוסף־מאירן. און ווען די קינדער שלאָפן, פאַרברעכט די מאַמע די הענט, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, לויפנדיק פון איין צימער אין צווייטן : „וויי איז מיר געשען. וואָס איז געוואָרן פון אונדזער גוטס. ווי איז צו אונדזערע קעפּ". דער טאַטע טרייסט זי : „נאַרעלע, וואָס דו ביסט. מאכסט דיר אַ שווער האַרץ צוליב אַ פּאָר קישנס, אַ פּאָר קליידער, אַביסל וועש, אַביסל געשיר. דו זינדיקסט, איידל, דו זינדיקסט". די מאַמע קניפּט זיך די

באַקן און קוקט בייז אויפן טאַטן: „וואָס הייסט אַ פּאַר, אַלץ, אַלץ האָבן זיי דאָך צעראַבירט. פאַרוואָס זינדיק איך? געוואַלד כ׳וועל נישט אויסהאַלטן!". „זאָל דאָס זיין אַן אָפּקומעניש פאַר אַלע אונדזערע זינד. ווען מען האָט חתונה געהאַט, געדענקסט, איידל, האָבן מיר דאָך געהאַט נאָך ווייניקער ווי איצט, אַ סך ווייניקער. נו, וועט מען ווידער אָנהויבן אויפסניי". „גזלן!", שרייט די מאַמע צום טאַטן. „גיב זיי נאָך אַ קניפּ אין בעקל דערפאַר, און זאָג זיי נאָך אַ שבח". דער טאַטע גייט צו צו דער מאַמען און נעמט אַן אירע הענט: „אַ שבח קומט נישט זיי, די גנבים, נאָר אים. אים קומט אַ שבח. דעם, וואָס לייזט תמיד אויס זיין פאָלק פון פורעניות. נו, האָבן מיר אָפּגעקויפט אונדזערע נשמות דערמיט. איז עס ווערט דעם פּרייז. אָט קוק. מיר האָבן גאָרנישט געהאַט, ווען מיר האָבן חתונה געהאַט. און איצט קוק. מיר האָבן גערויטענע קינדערלעך. זעקס קינדערלעך, איינס געראָטענער פון צווייטן. וואָס ווילסטו נאָך? זאָל גאָט אונדז אָפּהיטן דעם דאָזיקן אוצר". פאַרטאָגס ברענגט אהרן דעם פעלטשער פון שכנותדיקן שטעטל. ער שטעלט מאַניעלען באַנקעס, הייסט געבן מילך מיט האָניק און גיט האַפע־נונג. וואָס נוגע לייזערלען, פאַרזיכערט ער, אַז עס וועט זיך אויס־שטיין אַליין. אהרן טוט זיך אַן אַ כוח און גייט צו די ווענגזשינעס אָפּנעמען די צוגערויבטע זאַכן. דער טאַטע לאָזט נישט און טענהט דאָס זעלבע, וואָס פריער צו דער מאַמען. אהרן הערכט נישט. די ווענגזשינעס מאַכן זיך תמעוואַטע. זיי זענען גאָט די נשמה שול־דיק. דאָס האָבן אַנדערע פויערים געראַבעוועט, נישט זיי — טענהן זיי. אהרן לאָזט זיך נישט פאַרעדן די ציין. ער גייט זוכן. און גע־פינט טאַקע. זיי טענהן, אַז ווען נישט זיי, וואָלטן עס אַנדערע גע־נומען און עס וואָלט געווען פאַרפאַלן. איז שוין בעסער, אַז עס זאָל אַריינפאַלן צו זיי. נאָך אַ לאַנגן דינגעניש, ברענגט ער אהיים די בעטן, די קינדער־בעטלעך, עטלעכע שטולן, טישלעך, עטלעכע קישנס און צודעקן, אַ טייל געשיר. די צוויי פערד און איין קו, וואָס זיי האָבן אַריינגעפירט אין זייערע שטאַלן, ווילן זיי נישט אָפּגעבן. זיי טענהן, אַז סיווי וועלן די דייטשן צונעמען אַלע פערד און קי פון יידן. די דייטשן האָבן פאַראָרדנט, אַז דאָס גאַנצע נאַ־טירלעכע פאַרמעגנס פון יידן ווערט רעקוויזירט פאַר דער דייטשער אַרמיי. און נאָך אַ פאַראָרדענונג איז פאַראַן, דהיינו — אַז יידן טאָרן מער נישט וווינען אין די דערפער און אַז אַלע יידן

פֿון אַרום מוזן זיך קאָנצענטרירן אין געטאָ, וואָס ווערט שוין גע־בויט אין שטאָט. איינס קאָנען זיי יאָ טון, איינס קאָנען זיי יאָ טון: אַזוילאַנג ווי זיי, די יידן, וועלן זיין אין דער מיל, זענען זיי גרייט צו געבן יעדן טאָג אַ ליטער מילך. אהרן דינגט זיך און פּועלט אויס נאָך אַ האַלבן ליטער מילך. ער פֿילט זיך גליקלעך, אַז ער וועט קענען יעדן טאָג ברענגען אַ קריגל מילך פֿאַר מאַניע־לען. און צו די דזשיענציאַלס גייט אהרן און בעט האָניק פֿון זייע־רע בינשטאָקן, וואָס שמ׳ען אין דער געגנט. און סטעפּאַן אַליין ברענגט יעדן טאָג פֿרישן האָניק צוזאַמען מיטן וואַקס, גראָד פֿון בינשטאָק אַרויס. מאַניעלע זויגט דעם האָניק פֿון די וואַקסענע נעסטן אַרויס און פֿאַרטרינקט מיט פֿרישע מילך און קומט צו־ביסלעך צו זיך. און סטעפּאַן קומט נאָך כּסדר יעדן פֿרימאָרגן און ברענגט פֿרישן האָניק. און ברענגט אויך מיט אַ קעזל, אָדער אַ קוישל באַרנעס, עפּל, אַ פּאָר אייער, ערשט פֿון די הינער אַוועק. זי, בעלאַ, דריקט זיין אויסגעפּראַצעוועטע האַנט און וואַרפֿט אים צו אַ וואַרעמען בליק פֿון דאַנקבאַרקייט: „דזשיענקויען, סטעפּאַן, דזשיענקויען באַרדזאָ״. און ער קוקט אויף איר מיט גרויסע אויגן, פֿול מיט ליבשאַפֿט און מיטלייד. „דאַנק נישט, בעלאַ״, בעט ער זיך. „נישט צוליב אַ דאַנק טו איך עס. דו ווייסט עס דאָך גוט. עס איז אַ חוב״.

יאָ, וואָס דערמאָנען עס איר די דאָזיקע ווערטער? זי האָט זיי דאָך ערשט געהערט, אָט ערשט. זיי זענען דאָך איר אַזוי גוט באַקאַנט. זיי קלינגען דאָך נאָך אין אירע אויערן. ווער האָט עס איר אָט־ערשט איבערגעחזרט די זעלבע רייד. נו, עס איז אַרויס־געפֿלויגן פֿון קאָפּ. נו, ערשט, אָט דאָ, אויף די טרעפּ, גייענדיק צו זיך אַרויף. נו, יאָ. דאָס האָט דאָך געזאָגט די זעלבע ווערטער צו איר, נו־יאָ, דער שכן, דער קאָמיסאַר. ער האָט עס צו איר געזאָגט אין פֿראַנצויזיש. אין דעם זעלבן נוסח. זי פֿאַרשטייט דאָך שוין מער־ווייניקער, וואָס מען זאָגט צו איר אין פֿראַנצויזיש. ער האָט איר נישט געזאָגט „דו״, אַזוי ווי סטעפּאַן, נאָר ער האָט זי געאירצט. ער האָט געזאָגט: „נע ווו מערסי פּאַ, מאַדעמואַזעל. ס׳עט ען דעוואַר, דעוואַר, מאַדעמואַזעל״. יאָ, פֿאַרוואָס האָט זי עס אים געדאַנקט? זי האָט אים געדאַנקט, זי האָט אים געדאַנקט, יאָ — פֿאַר דעם פֿישעלע. וואָס פֿאַראַ שלעכטן קאָפּ זי האָט עס. ווי האָט זי געקענט פֿאַרגעסן וועגן דעם? עס איז דאָך ערשט

געשען. ווי לאַנג האָט זי בכלל דאָס פישעלע? זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אים צו באַגעגענען אויף די טרעפּ און אים צו דאַנקען פאַר דער גרויסער הנאה, וואָס ער האָט איר געשאַפן מיט דעם אַקוואַריום, וואָס ער האָט איר אָוועקגעגעבן במתנה. זי האָט אים געדאַנקט פאַר דער גרויסער הנאה, וואָס דאָס פישעלע שאַפט איר. זייט זי האָט דאָס פישעלע, פילט זי, אַז זי איז נישט אַליין אין צימער, אַז דאָס צימער האָט אויפגעלעבט, אַז אויך זי איז געוואָרן לעבעדיקער און אַז איר לעבן האָט באַקומען מער אינטערעס. זי האָט עס אים געזאָגט אויף איר צעבראָכענעם פראַנצויזיש. זי ווייסט נישט צי ער האָט גענוי אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט אים. אָבער דעם זין האָט ער געמוזט פאַרשטיין. ווייל ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געווי נאָכגעפאָלגט איר געדאַנק, און לסוף זיך אָנגערופן: „מע נאָן, מע נאָן, נע מערסי פּאַ, מאַדמואַזעל". און זיינע אויגן זענען פול מיט גוטסקייט און זשענירטקייט: „גע מערסי פּאַ, וואַיאָן, וואַיאָן, סעט עז דעוואָר דע רעזשואיר ען קער אַטריסטע". זי איז גיך אַרויפגעלאָפן צו זיך און געגומען זוכן אין איר פראַנצויזישן ווערטערבוך, וואָס באַדייט דאָס וואָרט „אַטריסטע", וואָס זי האָט געהערט צום ערשטן מאָל. „אַטריסטע, אטריסטע". יאָ, דאָס נעמט זיך פון וואָרט „טריסט", טרויער; פאַרטרויערט, הייסט עס, אַ פאַראַבלט האַרץ. יאָ, ווי פאַרטרויערט עס איז איר האַרץ, ווי פאַראַבלט! אַך, ווי פאַראַבלט! איין גרויסע, אומענדלעכע נאַכט איז איר האַרץ!

יג

ז י האָט אויפגעריסן די אויגן. די ערשטע סימנים פון סוף־נאַכט האָבן זיך געריסן אין שטוב אַריין און צעלייגט זיך מיט טאָג־אָנזאָג אויף אַ העלפט פון טישל, קעגנאיבער דעם פענצטער. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צום פענצטער. זי האָט נישט געגלויבט, אַז די נאַכט איז שוין הינטער איר. ווי איז עס מעגלעך, אַז די נאַכט זאָל האָבן אַזוי גיך אַדורך? איז זי דאָך אייגנטלעך נאָכנישט

רעכט איינגעשלאָפן. זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער געשלאָפן איז זי דאָך נישט. זי פילט, אַז זי וואָלט איצט געקאָנט איינשלאָפן. זי פילט אַזאַ מידקייט אין אַלע אירע אברים און אַזאַ שווערקייט הינטערן שאַרבן, ווי יעדע נאַכט, איידער זי שלאָפט איין. און דאָ האַלט די נאַכט ביים סוף. איז טאַקע אמת, אַז דער טאָג שטייט שוין אויף דער שוועל? אפשר איז עס נישט מער ווי אַן אילוזיע? אפשר דאַכט זיך איר בלויז אויס אַזוי?

זי האָט לייכט אונטערגעהויבן איר קאָפּ און געזען די פּירעקי־קע רעמלעך פון די פיר שויבלעך, וואָס בילדן צוזאַמען דאָס הימל־פענצטער. זי האָט דערזען די אייזערנע שטאַנג, וואָס הענגט אַראָפּ פון אונטערשטן ברעג פון פענסטער־ראַם. זי האָט געזען די לעכער אינעם שטאַנג. געוויינלעך ווערן זיי איינגעשלונגען דורך דער פינצטערניש פון דער נאַכט. איז אַ סימן, אַז די פינצטערניש נעמט צערינען ווערן. דער אַראָפּהענגנדיקער שטאַנג האָט איר דערמאָנט, אַז זי האָט דאָסמאָל פאַרגעסן אויפצועפענען דאָס פענצטער, איי־דער זי האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין. זי פלעגט עס דאָך טון יעדע נאַכט, בכדי עס זאָל אַריין אַביסל פרישע לופט אין דעם ענגן צימערל. זי האָט עס געטאָן נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן פישע־לע. דאָס פישעלע דאַרף דאָך אויך פרישע לופט. זי האָט גיך אָפּ־געוואָנדן דעם קאָפּ צום גלאָז, בכדי צו זען וואָס עס מאַכט דאָס פישעלע. עס איז איר באַפאַלן אַ פחד. צי האָט חלילה דאָס פאַר־זען צו עפענען דאָס פענצטער נישט געווירקט שלעכט אויפן פי־שעלע. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס פישעלע ליגט אויסגע־בויגן אויף אַ זייט, נישט ווי תמיד. זי האָט אויפגעציטערט. און אָט זעט זי צוויי פישעלעך. נישט איינס. איינס נעבן צווייטן און ביי־דע פישעלעך זענען אויסגעבויגן אויף אַ זייט. זי האָט זיך אויפ־געזעצט און צוגעבויגן איר קאָפּ נאָענטער צום גלאָז. וואָס טוען דאָ צוויי פישעלעך פלוצלונג? וואָס איז דאָ געשען איבערנאַכט? צי חלומט זי? זי האָט גענומען רייבן אירע אויגן און אַרויסגע־שטעלט אירע פיס פון בעט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבערן וואַסער און אַריינגעקוקט. איין פישעלע נאָר. ווו איז דאָס צוויי־טע? ווו איז אַהינגעקומען דאָס צווייטע פישעלע? זי האָט דאָך אקאַרשט געזען צוויי פישעלעך. זי האָט זיך צוריקגעזעצט אַ דער־שטוינטע אויפן בעט און איינגעקוקט זיך אינעם גלאָז. ווידער צוויי פישעלעך. וואָס קומט דאָ פאָר? זי האָט זיך אויפגעשטעלט,

איבערגעבויגן זיך איבערן וואַסער. אין פּישעלע. זי האָט זיך צו־ריקגעזעצט. צוויי פּישעלעך. וואָס איז עס כּישוף? האַלוצינאַ־ציעס? אפשר איז איר קאָפּ באַשעדיקט געוואָרן, ווען זי איז גע־פאַלן אינעם מעטראָ־וואָקזאַל, און איר ראיה איז געניכשולט גע־וואָרן? אויף די שפּיץ פינגער איז זי צוגעגאַנגען צום עמער מיט וואַסער, איינגעטונקען די הענט און צוגעטאָן די נאַסע האַנט־פלאַכן צום פּנים. אַ ציטער איז אַדורך איבער איר הויט און גע־מאַכט טרייסלען אַלע אירע אברים. זי האָט באַמערקט דעם אַראָפּ־הענגענדיקן פענצטער־שטאַנג, וואָס זי האָט פאַרגעסן אונטערצו־הייבן. זי האָט אים גענומען איןביידע הענט און לאַנגזאַם אַרויפּ־געשטופּט. זי האָט אים לייכט אויסגעבויגן און ביסלעכווייז, אַזוי, אַז דער אייזערנער געלענק זיינער, אין דער הויך, זאָל נישט סקריפּען און געזוכט צו פאַרטשעפּען דאָס ערשטע לעכל אין דעם קרומען וואַנט־האָקן וואָס דינט צו דעם צוועק. און אָט איז דער האָקן אַריין אינעם שטאַנג־לעכל. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ יאָג געטאָן פון דרויסן און געמאַכט ציטערן דאָס העמד אויף איר לייב. זי האָט נאָכגעלאָזט די שטאַנג און זיך צוריקגעזעצט אויפן בעט. אַ קילקייט האָט אַרומגענומען דעם אויבערשטן טייל פון איר קער־פּער און צעגאַנגען זיך הינטערן דעקאַלט ביז צו די בויך־ווינק־לען. זי האָט זיך איינגעקוקט אויפסניי אינעם גלאָב און זיך צע־לאַכט. די צוויי פּישעלעך זענען דאָך נישט מער ווי איינס און דאָס זעלבע. ווי האָט זי געקענט פאַרכאַפּט ווערן דורך דער אָפּטישער אילוזיע, וואָס איז איר אַזוי גוט באַקאַנט? נישט אַנדערש, ווי איר קאָפּ מוז זיין גוט מיד און אויסגעשעפּט. און עס איז אויך נישט אמת, אַז דאָס פּישעלע איז אויסגעבויגן אין אַ זייט. דאָס האָט זיך איר נישט מער ווי אויסגעדאַכט, ווייל זי איז מיד, דערשעפּט.

זי האָט זיך צוריקגעלייגט. זי וואָלט אַזוי גערן געוואָלט שלאָפן. זאָל זיין כאָטש עטלעכע שעה. אָדער איינשלאָפן אויף תמיד און נישט מער זיך אויפוועקן, קיינמאָל נישט. און דאָ קומט באַלד אָן דער טאָג. זי האָט געבעטן, אַז דער שלאָף זאָל קומען. ער זאָל תיכף קומען, כל זמן די נאַכט איז נאָכנישט אינגאַנצן אַוועק, איידער דער טאָג צעלייגט זיך רחבותדיק איבערן גאַנצן צימערל. דערווייל ליגן נאָר ברעקלעך שאַרעניש אויפן דיל, אונטערן פענצ־טער, און אויף אַ האַלבן טיש, דאָרטן ווו עס שטייען די רפואות,

וואָס דער גוטער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזן. יאָ, וואָס זעט זי דאָרטן נעבן פלעשעלע? עס ליגט דאָרטן אַ שעכטעלע, אַ פלאַכעס. וואָס איז דאָס אַזוינס? יאָ, דאָס איז דאָך דאָס שעכטעלע מיט צעפּ־לעך, צעפּלעך צום שלאָפן. זי האָט פּלוצים דערהערט די מילדע שטים פון דעם גוטן דאָקטאָר: „און אָט זענען צעפּלעך צום שלאָפן. זעצט אַריין איינס, אין אַ שעה אַרום, וועט איר שלאָפן ווי אַ פּרינ־צעסין, ווי אַ געטין“. ער האָט נאָך דערביי געמאַכט אַ וויציקע באַמערקונג, אַז מסתמא ווייסט זי, אַלס פלעגערין, ווו מען דאַרף אַריינזעצן אַ צעפּל... וואָס פאַראַ נאַר זי איז, האָט זי זיך גענומען מאַכן פאָרוווּרפן. וואָלט זי האָרכן דעם דאָקטאָר, וואָלט זי דאָך באַלד רעכט איינגעשלאָפן, און נישט געדאַרפט ליגן מיט פאַרמאַכ־טע אויגן, ווי ביז איצט.

זי האָט זיך אויפגעזעצט, איבערגעבויגן איבערן בעט און אויסגעצויגן אַ האַנט נאָך דעם שעכטעלע. זי האָט אַרויסגענומען אַ צעפּל און געטאָן ווי דער דאָקטאָר האָט איר געראָטן. זי האָט זיך צוריקגעלייגט און פאַרמאַכט די אויגן. זי איז געלעגן אַ צופרי־דענע, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און געוואַרט, אַז דאָס צעפּל זאָל אָנהויבן ווירקן. זי האָט געבעטן, אַז דאָס צעפּל זאָל תיכף אָנהויבן ווירקן. אפשר ווירקט נישט דאָס צעפּל בייטאָג נאָר ביי־נאַכט? עס איז דאָך נאַכנישט טאָג אייגנטלעך. עס ווענדט זיך נאָר ווי שנעל די ווירקונג הייבט אָן זיך פילן. זי וואָלט אַזוי נישט וועלן ליגן אַ לאַנגע צייט מיט פאַרמאַכטע אויגן בלויז, און זיך ווידער מאַטערן מיט זכרונות, מיט בילדער פון דאָרטן... זי וויל נישט מער איבערלעבן דאָס אַלץ... דר. סאַלעק. זיין מוטערס טויט. איר צוריקגיין אהיים און די לאַנגע וואָכן אין מיל. סטעפּאַן. די וועג־גזשינעס. די דזשיענציאַלס. דאָס אָפּפאָרן אין געטאָ אינמיטן נאכט. און דאָס אָנקומען אין געטאָ. דאָס איינקוואַרטירן זיך אין איין ענג צימערל. די גאַנצע משפּחה אין איין ענג צימערל, מיט פּריטשעס אָנשטאָט בעטן. און איר צוריקגיין אין שפּיטאָל. די פרייד פון דער הויפּט־שוועסטער. און ווידער דר. סאַלעק. דער פאַראַבלטער דר. סאַלעק. דער ליבער דר. סאַלעק. דער שלעכטער דר. סאַלעק. דער גוטער דר. סאַלעק. דער בונקער. דער בונקער. די אַקציע... ניין, זי האָט עס שוין גענוג. איבערגענוג. זי וויל שלאָפן. זי וויל שלאָפן. איינשלאָפן אויף תמיד...

יד

דאָרטן איז אויך צווישן טאָג און נאַכט. ווער זענען עס די שאָטנס דאָרטן, אויפן וועג, אין פּאַרק, ביים וואַסער, אַרום שפּיטאָל: מענטשן? בוימער? חיות? דאָס זענען דאָך זיי. זיי. מ׳וואַרט דאָך אויף זיי. אָט האָט ערשט געזשומעט אין שפּיטאָל, ווי אין אַ בינענשטאָק. אָט האָט זיך ערשט גערודערט ווי אין אַ נעסט פון מוראַשקעס, וואָס האַלט ביים איינפּאַלן. דר. באָכאַנסקי איז אַראָפּ דער לעצטער. און שאַ. שטיל. דר. סאַלעק איז נאכט־דאָקטאָר. זי, בעלאַ, איז נאכט־שוועסטער. ווידער: זי און דר. סאַלעק. דר. סאַלעק און זי. מען האָט זיך נישט צונויפגערעדט. עס איז ביי אַלעמען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויב דר. סאַלעק האָט נאַכט־וואַך, דאַרף זי אויך האָבן. פאַרוואָס איז עס אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך? אַלע שלאָפן, ווי קיינמאָל גאָרנישט. זיי שלאָפן נישט. זיי ליגן אין די בעטן, בכדי עס זאָל נישט זיין אויפפאַלנדיק. און וואַרטן. זענען גרייט. גרייט צו וואָס? אהרן האָט געוואָרנט. טאָשקע האָט אַרויסבאַקומען דעם סוד פון קאָמענדאַנט. טאָשקע, איר בעסטע חברטע, דאָס שענסטע מיידל פון שטאָט, דעם קאָמענדאַנטס געליבטע... האַ, האַ, האַ... טאָשקע, די געליבטע פון דער חיה!... זאָג דו, דר. סאַלעק: און דו האָסט מיך ליב?! צי האָסטו מיך ליב אויף אַן אמת? צי האָסטו מיך ליב מער ווי דיין מאַמען? פאַרוואָס לויפסטו אַוועק און ענטפערסט מיר נישט אויף דער פראַגע? פאַרוואָס מיידסט דו אויס כסדר דעם ענטפער, פאַרוואָס? איך מוז עס וויסן. „עס איז נישט איצטער דער מאָמענט. דו זעסט דאָך, פאַר ליבע־דערקלערונגען. עס איז דאָ אַזויפיל צער און פּיין אַרום, אַזויפיל ליידן. ווי קען מען האָבן אַ קאָפּ צו ראָמאַנסן, ווי אין נאָרמאַלע צייטן. ווי מעג מען געניסן פון גליק, פון לייטזעליקייט, פון לעבן, ווען אַרום איז אומגליק, ווען אַרום איז סכנה, ווען אַרום איז טויט?״. „ניין, דווקא ווייל אַרום איז אומגליק, סכנה און טויט...״. „ניין, אומגליק, סכנה און טויט זענען שלעכטע עצה־געבערס, זענען שלעכטע שדכנים; לאָמיר בלייבן גוטע פריינט״. „מיר זענען דאָך באַשערטע. האָסט פאַרגעסן, ווי דו האָסט מיך אָנגערופן ב אַ ש ע ר ט ע? דיין מאַמע האָט דאָך אויך געהערט, ווי איך האָב עס איר געזאָגט, איידער זי האָט אויסגעהויכט די

נשמה, דיין מאַמע". „די מאַמע האָט שוין גאָרנישט געהערט. זי איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין דאַאיקע". „זי האָט דאָך געזאָגט ש ל מ ה ל ע, ש ל מ ה ל ע". „דאָס איז שוין געווען אַ רוף פון יענער וועלט". „אָבער דיין מאַמע..." „שוין גענוג. מאַמע אַהין, מאַמע אַהער. לאָז זי במנוחה איינמאָל פאַר אַלע מאָל!". „ניין, איך וועל נישט לאָזן. זי האָט יאָ געהערט. איך בין דיין באַשערטע. זי האָט יאָ געהערט!". „אויב יאָ, טאָ לאָמיר אויסשטעלן די באַשערטקייט אויפן נסיון פון דער צייט, פון די סכנות, פון די ליידן און פּיינען. און שפּעטער וועלן מיר גענים פון איר אין דער פולסטער מאָס, שפּעטער". „ווען, שפּעטער?". „עס איז אפשר נישט לאַנג, אפשר באַלד". „עס דויערט דאָך שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!". „עס וועט שוין זיכער אַזוי לאַנג נישט דויערן, מיין טייערע. וועסט זען, אַז ווידער וועט שיינען די זון פאַר אונדז, יידן, און אויך פאַר אונדז ביידן, אויב עס איז באַשערט". „אָבער ווען? אָבער ווען? איך וויל, אַז שוין איצטער זאָל שיינען די זון פאַר אונדז ביידן, שוין איצטער. נישט שפּעטער"...

יאָ, און אפשר וועט קיין שפּעטער נישט זיין? אָט, זעגען זיי שוין דאָ, זיי רינגלען אַרום מיט אַ גרויסן שאָטן דעם שפּיטאָל און אָט פאָרן אונטער די שוואַרצע לאַסט־אויטאָס, ווי די עגלות, ווי מאַסן־עגלות, און אָט עפנט זיך אַ קבר אַ שוואַרצער, אַ טיפער תהום אָן אַ באָדן, אָן אַ צוריק, אָן אַ שפּעטער. „ש ל מ ה ל ע, ש ל מ ה ל ע!... צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?".

— אין איין פירטל שטונדע דאָס גאַנצע האָספּיטאַל אָופּגעלאָדן!

— דאָס איזט אַללעס, דאָס איזט אַללעס?!

„צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?".

דער קאָמענדאַנט שטייט און ציילט. די צווייטע עגלה איז נישט פול, איז נישט פול.

— וואָ זינד די אַנדערן זאַו־יודען?!

ער וויל נישט קוקן אין די ביכער. ער וויל נישט הערן, וואָס מען זאָגט אים. עס פעלט צום חשבון. ער לויפט ווי אַ פאַרסמטע מויז. ער הייסט זוכן, נישטערן. זיי לויפן מיט די מאַשין־ביקסן גרייט צום שיסן. זיי לאָזן נישט אַדורך קיין איינציק ווינקל. אָט זענען זיי אין קעלער, אין קעלער.

„צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?“

זיי בלייבן אַ לאַנגע צייט אין קעלער, אַ לאַנגע צייט. אַן אייביקייט אַ גאַנצע.

„צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?!“.

— דאָס גאַנצע פערסאָנאַל אַן די וואַנט, אַן די וואַנט! דאָס איזט איין סקאַנדאַל, איין סקאַנדאַל! יידישע נידערטרעכטיקייט. זי ווערדען דאָפיר בעצאַלן, בעצאַלן. דאס געזיכט אַן די וואַנט. אַלע, אַלע!

„צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?!“.

אַלע שטייען מיטן פּנים צו דער זייטיקער שפּיטאָל־מויער. די ציגל פון דער מויער זענען קאַלט, זענען שוואַרץ. דאָס וואַסער, וואָס דערנעבן, איז שוואַרץ, איז טיף און עס רוישט מיט רוגזה, מיט געררודער, ווי אַן אויפגעשטורעמטער טייך אַרום טורביךראָד. דר. סאַלעק דרייט אויס דעם קאָפּ און וויל עפּעס זאָגן. אַ פעסטער זעץ פון אייזערנעם הענטל פון אַ מאַשין־ביקס שטויסט אים צוריק. דר. קאַפּעל דרייט זיך אויס און וויל עפּעס אויפקלערן און פאַלט אַנידער. די שוועסטער אסתּר לויפט צו, אים אויפצורהויבן, און פאַלט נעבן אים. זי דרייט אויס איר צעבלוטיקטן קאָפּ און גלאָצט אויס אירע אויגן אויפן קאָמענדאַנט, וואָס שטייט מיט דער אויסגעצויגענער לופע פון זיין רעוואָלווער, האַרט נעבן איר. ער צילט מיטן רעוואָלווער אין איין אויג. אין צווייטן אויג. דער טייך רוישט. אַזאַ רעש פון א טייך האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

„צי הערסטו נישט דעם רוף פון יענער וועלט?“.

עס דאַכט זיך, אַז דער טייך רופט: „שטילער, סאַלאָמאָן שטילער. יאָ, דו ביסט סאַלאָמאָן, דער קלוגער קעניג דער יודען. אַבער דאָס הערדען־פאָלק איסט קלוגער אַלס סאַלאָמאָן, כאַ, כאַ, כאַ!“.

וואָס רעדט עפּעס דער טייך דייטש? פאַרוואָס רופט ער אים עפּעס ביי זיין אָפיציעלן נאָמען און פאַרנאָמען, און נישט פּשוט, ווי תּמיד — דר. סאַלעק?!

און אָט דאכט זיך, אַז ער טרעט אַרויס פון דער ריי, דר. סאַלעק. דער קאָמענדאַנט הייסט אים שטעלן זיך אין אַ זייט, הינטער די זעלנער מיט די אויסגעשטרעקטע מאַשין־ביקסן. יאָ, טאקע דר. סאַלעק. און איך? און איך?! איך וויל זיין מיט דר. סאַלעק.

עטלעכע פעסטע הענט כאַפּן זי אַרום און שלעפּן זי צוריק, צוריק צו דער וואַנט.

— דו, יודען־הורע, צוריק!

און וואָס איז דאָ פּלוצים געשען, וואָס? דער קאָמענדאַנט לאָזט נישט. הייסט זי נאָכלאָזן. הייסט איר זיך אָוועקשטעלן נעבן דר. סאַלעק. זי און דר. סאַלעק. דער טייך איז שוואַרץ ווי פּעך און רוישט, רוישט. און די ציגל פון דער שפּיטאָל־מויער זענען שוואַרץ ווי דער טייך. און אָט איז אויס מויער, אויס מויער. אויס טייך. אַלץ אַרום איז נישט מער ווי איין אויפרייסנדיק געהילך, ווי איין פאַרטויבנדיקער קרעכץ, ווי איין גרויס פאַרבלענדעניש.

טו

ווען די קליינע סאַלאַנזש, די טאָכטער פון פּרעפעקטור־באַ־אַמטן און שכן פון דריטן שטאָק, דעם קאָמיסאַר עמיל פראַנסאָן, האָט מיט אירע קליינע פינגערלעך געקלאַפּט אין איר טיר — האָט זי נישט געהערט. דאָס זעקס־יאַריקע מיידעלע פלעגט יעדן פרימאָרגן, איידער זי איז געגאַנגען אין שולע, אַרויפקומען צו בע־לאַן, זאָגן איר „באָנזשור, מאַדמואַזעל" און וואַרטן אויף איר „באָנזשור, שערי", באַגלייט מיט אַ קוש אין קעפּעלע. און דערנאָך זאָגן — „באָנזשור" צום פישעלע, צוטוענדיק אירע פאַרשנאָבלטע ליפּעלעך צום גלאָז און וואַרטן ביז דאָס פישעלע וועט אַ שווים־טון צו איר מויל. פלעגט זי דעמאָלט עפענען אירע ליפּעלעך ברייט, ווי זי וואָלט וועלן איינשלינגען דאָס פישעלע. זי פלעגט זיך קלינגענדיק צעלאַכן, זעענדיק ווי דער שנאָבל פונעם פישע־לע קלאַפּט אין דער גלעזערנער מחיצה, וואָס טיילט זיי פונאַנדער, און ווי דאָס ווייִדעלע און די שווימערס וואַרפן זיך קאָנוולסיוו און שאַפן אַ זילבערנע שוים. בעלאַ פלעגט מיטלאַכן, אויפהייבן די קליינע, אַרומנעמען זי פעסט און באַדעקן מיט קושן. און סאַלאַנזש פלעגט זיך וואַרפן שטיפעריש אין אירע הענט און צוריקקושן מיט אירע לאָכנדיקע ליפּעלעך. דערנאָך פלעגט זי זיך אַרויסרייסן פון

בעלאָס הענט, און ווינטשענדיק „באָן זשורנעע", סיי דער מאַדמו־אַזעל און סיי דעם פּישעלע — אַראָפּלויפן די טרעפּ מיט אירע דריבנע פּיסעלעך.

אַזוי האָט זי זיך געפירט זייט עטלעכע וואָכן. זייט זי איז צוריקגעקומען פון וואַקאַנס און אָנגעהויבן גיין אין דער קאָמו־נאַלער שולע, ווי אַ גרויסע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס עמיל פראַנסאָן נעמט וואַקאַנסן זייט 1939. און דאָסמאָל נעמט ער די וואַקאַנסן אַליין, צוזאַמען מיט דער קליינער סאָלאַנזש, אָן פרוי. דאָס דאָרף, ווו עס וווינען דער פרויס עלטערן, ליגט ווייט און הויך אין די פּי־רענעען, און מען דאַרף פאָרן אַהינצו מיט צוויי באַנען, דערנאָך אַ באַרג־צוגל און נאָך צוגיין אַ שפּאָר שטיקל באַרג־אַרויפצו. האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן מיטנעמען דאָס פּישע־לע. דער גלאָב וואָלט זיך געקאָנט צעקלאַפּן אונטערוועגס און דאָס וואַסער וואָלט אויסגערונען. און וואָס וואָלט דאָס פּישעלע געטאָן אָן וואַסער? און דערצו וואָלט דאָך זיכער געווען אוממעגלעך צו געפינען, אינעם פאַרוואָרפענעם באַרגיקן העק, דעם נויטיקן פרישן שפּייז פאַרן פּישעלע, די פאָדעם - ווערעמלעך, און דאַפניס. און דאָרטן, צווישן פעלדזן, בוימער, פעלדער, וואַסער־פאַל; בערגיקע ריטשקעלעך, און צווישן פייגעלעך, גראָז־שפּרינגערס און פרעש, און די פאַרם־עופות און שטוב־חיהלעך, צווישן קי און קיעלעך און פערדעלעך — וועט איר דאָס פּישעלע זיין אינגאַנצן איבעריק. זי וועט דאָרטן גיך פאַרגעסן וועגן דעם אַלעם, וואָס פייניקט איר יונג הערצעלע. און עס איז גלייכער אַזוי. דאָס פּישעלע איז גוט געווען ביז איצט, בכדי אָפּצווענדן אירע געדאַנקען און גע־פילן פון אַ פאַראיינזאַמט און פאַרצערט קינדיש הערצעלע. איז אפשר גוט, אַז זי זאָל דאָרטן, אויף דער שויס פון דער פאַרכאַפּנ־דיקער נאַטור, אָפּגעוווינען זיך פונעם פּישעלע?... דערנאָך וועט זי דאָך נעמען גיין אין שולע, זיין צווישן קינדער אַ גאַנצן טאָג, און במילא נישט האָבן קיין צייט פאַרן פּישעלע. האָט ער באַ־שלאָסן איבערצולאָזן דאָס פּישעלע און אָנצופאַרטרויען עס עמיצן פון די לאָקאַטאָרן ביז איבער וואַקאַנס.

ער האָט מיט אַלע לאָקאַטאָרן אינעם הויז געלעבט בשלום. זיי האָבן אים אַלע שטאַרק רעספּעקטירט און אָפּגעגעבן כבוד. אַלע

האָבן געוווּסט וואָס פֿאַראַ ערלעכער מענטש ער איז און וואָס פֿאַראַ געוויסנהאַפֿטער באַאַמטער. מען האָט אים אין גאַנצן קוואַרטל געבראַכט ווי אַ ביישפּיל פֿון ערלעכקייט, פֿון הויכער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפֿטלעכער מאָראַל און פֿון מענטשלעכקייט. מען האָט אים כסדר געבראַכט ווי אַ מוסטער פֿון דעם, וואָס אַ פּרעפֿעקטור־באַאַמטער וואָלט אייגנטלעך געדאַרפֿט זיין, און ווי אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כּלל... מען האָט זיך אויך דערציילט לעגענדעס גאַנצע וועגן זיין געהיימער אַרבעט בעת דער אָקופּאַציע, וועגן זיינע סאַבאָטאַזש־אַקטן, וועגן זיינע דרייסטע אַרויסטריטן אינערהאַלב פֿון דער פּרעפֿעקטור און זיין דינען ווי אַ ביישפּיל מיט זיין בראַוווּר און העלדישקייט אין מאָמענטן פֿון יאוש און דעפֿעטיזם, און זיין אינספּירירנדיקן רעזיוואָלט לגבי די באַפֿעלן פֿון אָקופּאַנט. מען האָט אויך דערציילט אין יידישן קוואַרטל ווי ער האָט זיך מוסר נפֿש געווען צו ראַטעווען יידן. ער האָט צו וויסן געטאָן באַצייטנס די יידישע אָנפֿירער וועגן אַקציעס, וואָס גרייטן זיך, וועגן אַבלאַוועס, ראַפֿלעס. ער האָט כסדר אַריינגעגליטשט צעטעלעך אונטער יידישע טירן, וואָרענענדיק, אַז מען זאָל נישט נעכטיקן ביי זיך אין שטוב, ווייל מען וועט קומען נעמען. ער האָט אויך געוווּסט וועגן יידישע באַהעלטענישן; איז ער אויך דאָרטן געקומען וואָרענען. ער האָט געראַטעוועט אַ צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין ראָטשילד־שפּיטאָל, כלומרשט אַלס קראַנקע; ער האָט זיי געהייסן אַנטלויפֿן, ווייל ביינאַכט וועט די געסטאַפּאָ מיט דער מיליץ רעווידירן דעם שפּיטאָל און דערשיסן אויפֿן אָרט די, וואָס וועלן נישט זיין געגוג קראַנק... ער האָט באַצייטנס געוואָרנט די „אָזע"־טוער אַרויסצונעמען די קינדער פֿון די היימען, וואָס זענען אין רשות פֿון יודנראַט, און זיי פֿונאַנדערשפּרייטן איבערן לאַנד, אין באַהעלטענישן, ווייל מען גרייט שוין וואָגאָנען פֿאַר דער קינדער־אַקציע. און וואָס האָט מען עס אַלץ נישט דערציילט וועגן דעם אײדעלן, נאָבעלן עמיל פּראַנסאָן?!

ביז... ביז... זיי זענען געפֿאַלן אויף די שפּורן פֿון זיין געהיימער אַרבעט. זיי האָבן אים אָבער תּיכּף נישט אַרעסטירט. זיי האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט און געוואָלט נאָכפֿאָרשן מיט וועמען ער קומט אין קאָנטאַקט, בכדי צו כאַפּן די גאַנצע נעסט פֿון די גאָליסטן־סאַבאָטאַזשיסטן. אָבער, נאָכדעם ווי די אַלירטע האָבן געלאַנדעט אין נאָרמאַנדיע און דער טעראָר מצד דעם אָקופּאַנט האָט זיך

פאַרשטאַרקט, האָבן זיי נישט געוואָלט לענגער וואַרטן און — גע־קומען אים אַרעסטירן. מען האָט אים אָבער נישט געפונען. ער האָט גראָד אָנגעפירט מיט אַ בײנאַכטיקער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין בולאָנער וואַלד. זיי האָבן אָבער געטראָפן זיין פרוי. זיי האָבן זי גענומען אויף זיין אָרט, אַלס ערובניק, אַלס נקמה. זי איז פאַר־שיקט געוואָרן און מער נישט צוריקגעקומען. נאָך גוט וואָס די קליינע סאָלאַנזש האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אינעם פירע־נעען־דאָרף, ביי באָבע־זיידע, ווּהין מען האָט זי געשיקט, פאָראויס־זעענדיק ערנסטע געשעענישן אין פאַריז. ווען די דייטשן טרעפן זי דעמאָלט, וואָלטן זיי זי פאַרשיקט צוזאַמען מיט איר מוטער.

האָבן אַלע אים אָפּגעגעבן כבוד און געזען אין אים אַ העלד און אַ מאַרטירער. פון דערוויטנס פלעגט מען אים באַגריסן און אַקעגנטראָגן אַ פריינטלעכן „באָנזשור", „באָנסואַר" און „קאָמאַן־וואַ ?", אין וועלכע עס האָט זיך געפילט באַוואונדערונג, אָנערקענונג. אין אַ געוויסן זין, האָט זיך געפילט דערין אויך אַן אויסדרוק פון אייגענער אינפעריאָריטעט און שולדיקייט. מען האָט זיך איבער־לעך געפילט שולדיק, וואָס מען איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, ווי פאַרמשפּטע און נישט רעאַגירט גענוג ווירדיק אין אָנבליק פון אָקופּאַנט מיט זיין הפקרדיקער און משונהדיקער אָרדענונג.

און עמיל פראַנסאָן האָט געענטפערט אויף די באַגריסונגען מיט אַ ברייטהאַרציקן „באָנזשור, מאָן אַמי", און „סאַ־וואַ ביען, מאָן אַמי !". און אָפט פלעגט ער פאָראויסלויפן און באַגריסן דער ערשטער, צוגעבנדיק חבריש דעם נאָמען פון דעם באַגעגנטן. ער האָט פיינט געהאַט די אַלע אויסדרוקן פון פריינטשאַפט און אָנער־קענונג, האַלטנדיק, אַז ער האָט זיי גאַרנישט פאַרדינט. ער האָט בלויז געטאָן זיין פליכט. ער האָט אויך אָפּגעזאָגט אַלע אויסצייכ־כענונגען און אַוואַנסן, וואָס מען האָט אים פאָרגעשלאָגן אין דער פּרעפעקטור. זיין קעגנערשאַפט האָט זיך גענומען קודם כל פון דעם, וואָס — לויט אים — האָט מען נישט גענוג אויסגערייניקט די רייען פון דער פּאָליציי, פון די פּרעפעקטור־באַאַמטע. ער האָט געדאַרפט אַרבעטן אונטער די באַפעלן פון העכערע באַאַמטע, וועמענס הענט זענען נישט תמיד געווען אַזוי ריין, אונטער דער אָקופּאַציע. אַ טייל פון די, וואָס האָבן אים נישט נאָר נישט פאַר־שטאַנען, נאָר אויך געקוקט קרום אויף זיינע געוואַגטע אַרויס־

טריטן. אַ טייל פון די, וואָס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיטן אָקו־פאַנט ביים דעפּאָרטירן יידן און גאָרנישט געטאָן, בכדי צו צע־שטערן די דייטשע פּלענער פון דער יידישער סען־באַרטעלעמי־נאַכט, פון 16־טן יולי 1942 — האָבן איצטער געזוכט אַ דעקונג דורך זייער גרייטקייט צו געבן אים אַ העכערן ראַנג אין דער היעראַרכיע פון פּרעפעקטור־באַאַמטע. ער האָט עס פאַרשטאַנען. האָט ער נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם מאָראַלישן שוחד... ער האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט דעם פּאָסטן פון צווייטן אונטער־דירעקטאָר אין דער אָפּטיילונג פאַר רעגולירן די סיטואַציע פון אויסלענדער. זיין אָפּטיילונג האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַר־נעמען זיך מיט די פּאַפּירן פון די ניי־געקומענע, פון די פּליטים, פון דער מחנה אויסלענדער, וואָס האָט געשטראָמט קיין פראַנק־רייך פון די לאַגערן, און פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, ווו עס זענען ווידער באַניט געוואָרן פּאָליטישע רדיפות, און ווי־דער — פּאָגראָמען און טעראָר־אַקטן, וואָס האָבן געטריבן מענטשן מערב־צו, צום וויגל פון אַלע פרייהייטן — קיין פּאַריז. האָט ער זיך צוגעקליבן באַאַמטע, מיט אַ ריינער פאַרגאַנגענהייט און ווירי־דיקער האַלטונג אונטערן אָקופּאַנט, און אָנגעפירט זיין אָפּטיילונג מיט יושר און מענטשלעכקייט. און אין דער ראָל, איז אים טאַקע אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט בעלאַ בייגעל. עס איז גע־נוג געווען, אַז פרוי גרינטוך זאָל וואַרטן אויף אים פאַר דער טיר, ווען ער גייט אין דער פרי צו דער אַרבעט, אַז ער זאָל זיך משער זיין, אַז זי וויל בעטן אַ טובה פאַר עמיצן, און ער זאָל איר זאָגן, איידער זי האָט נאָך געעפנט דאָס מויל:

— שער מאַדאַם גרינטוש, ס׳ע ד׳אַוואַנס אַקאָרדע. איך בין פון פאָראויס מסכים.

זי פלעגט נישט איבערטרייבן מיט אירע אינטערווענצן. זי פלעגט אים קומען בעטן נאָר דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ שווערן, קאָמפּליצירטן פאַל. ער פלעגט איר אויסשטרעקן תמיד אַ פריינטלעכע האַנט און פאַרנויגן זיך פאַר איר מיט אַ וואַרעמען שמייכל, צוגעבנדיק איר יעדעס מאָל מוט. ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין ווי שטאַרק ער פילט מיט און האָט רחמנות מיט די פּליטים, מיט די געליטענע און געפּלאָגטע, וואָס קומען אַהערצו געניסן פון פרייהייט און מענטשלעכער באַציאונג. עס איז אַ כבוד פאַר פראַנקרייך זיי אויפצונעמען.

נישט נאָר האָט ער אויסגעאַרבעט די פּאַפּירן פאַר בעלאַן אין אַ פּאָר טעג און לעגאַליזירט איר סיטואַציע, נאָר ער האָט איר אַפילו פאַרשפאָרט צו קומען אין דער פּרעפעקטור און שטיין טעג גאַנצע אין דער ריי און געשיקט ווערן פון איין פענצטערל צום צווייטן, פון איין באַאַמטן צום צווייטן, פון איין שטאָק — צום צווייטן. ער האָט אַליין אַדורכגעפירט די אַנקעטע אויפן אָרט, פאַרצייכנט אַלע געגעבענע, איר געשיכטע אונטערן דייטש, איר גורל אין געטאָ און לאַגערן, און — לסוף איר געבראַכט די פּראָ־וויזאָרישע אידענטיטעטס־קאַרטע אין שטוב אַריין. און אַ באַדינג האָט ער געשטעלט באַלד אין אָנהויב, דהיינו — זי זאָל אים נישט דאַנקען דערפאַר. ער האָט אָבער נישט געקאָנט שטערן מאַדאַם גרינטוך צו טון עס אין נאָמען פון בעלאַן. מאַדאַם גרינטוך איז צוגעפאַלן צו זיינע הענט און זיי באַדעקט מיט קושן, מיט טרערן. בעלאַ האָט גענומען די פּאַפּירן און געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע אויגן. עס איז איר געווען אַ רחמנות צו קוקן ווי די שכנטע ראַנגלט זיך מיט אים און וויל בשום אופן נישט באַפרייען זיין האַנט. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט בעטן איר הילף, צו באַפרייען אים פון דער אָנגרייפערישער דאַנקבאַר־קייט פון דער דיקער שכנטע. בעלאַס ליפּן האָבן געציטערט. איר צונג האָט זיך געפּלאָנטערט אין מויל. זי האָט געוואָלט האַלטן וואָרט און נישט דאַנקען, נאָר דאָך געפינען אַן אויסדרוק פאַר אי־רע געפילן אויף אַן אומדירעקטן אופן. אָבער אירע קענטעניש פון פראַנצויזיש זענען נאָך געווען גענוג שוואַכע, און דאָס פּאַ־סיקע וואָרט איז נישט געקומען. האָט זי געפילט, אַז זי וועט אַמ־בעסטן ענטפערן אויף זיינע בעטנדיקע אויגן מיט אָוועקציען די שכנטע פון זיין האַנט. האָט זי אָנגענומען, מיט אירע ציטערדיקע הענט, דער שכנטעס אַקסל און זי גענומען אָוועקשלעפּן.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט, באַפרייענדיק זיין האַנט.

— אויך איר דאַרפט נישט דאַנקען, האָט בעלאַ געזאָגט אַ גע־רירטע. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן. אָבער איר צונג האָט זיך געפּלאָנטערט אין מויל. מאַדאַם גרינטוך האָט זיך אויס־געדרייט צו בעלאַן, צוגעפאַלן צו איר און אַריינגעוויינט, אויס גרויס פרייד, אין איר אַרויסשטייענדיקן בוזים אַריין.

איז, ווען עמיל פראַנסאַן האָט גענומען טראַכטן וועמען פון די שכנים אָנצופאַרטרויען דאָס פּישעלע בעת די וואַקאַנסן, האָט

ער, אין דער ערשטער ריי, געטראַכט וועגן מאַדמואַזעל בעלאַ. אויך וועגן מאַדאַם גרינטוך האָט ער געטראַכט. אָבער גיך אויפֿ־געגעבן דעם געדאַנק, ווייל זי איז אָפּט אַ צעטראָגענע און די אַרומרייסענישן צווישן דעם פּאָרל לאָקאַטאָרן אירע פֿירן זי אַרויס פֿון גלייכגעוויכט; זי וואָלט נאָך געקאָנט פֿאַרגעסן וועגן פּישעלע, וועגן טוישן דאָס וואַסער, וועגן געבן דעם פּישעלע צום עסן. דאָס פּישעלע איז דאָך אַזוי שטאַרק צעפּיעשטשעט געוואָרן דורך דער קליינער סאַלאַנזש. ווען ער האָט זי צוריקגעבראַכט פֿון די בערג, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעאָרדנט זיין פּרעפּעקטור־ביוראָ, האָט ער איר געקויפֿט דאָס פּישעלע. עס איז אפשר געווען אַ פֿעלער פֿון זיין זייט. ער האָט אפשר געדאַרפֿט דאָס קינד ווייטער איבער־לאָזן ביי באָבע־זיידע, עס זאָל דאָרטן זיך פֿאַרשפּילן און פֿאַרגעסן וועגן דער מאַמען. עס וועט איר געגנוג זיין זיך צו דערוויסן, אַז זי איז אַ יתומה, ווען זי וועט זיין עלטער. אָבער ער האָט געפֿילט, אַז ער וועט דאָ אויסגיין אַן איינזאַמער און פֿון בענקשאַפֿט צום קינד. ווען עס וואָלט כאָטש נישט געווען אַזוי ווייט, אַז ער זאָל קענען אַ שפּרונג אַהין טון צו איר איינמאָל אַ וואָך. נו, האָט ער זי גע־בראַכט און געקויפֿט דאָס פּישעלע, בכדי אָפּצוציען איר אויפֿ־מערקזאַמקייט פֿון דער איינזאַמקייט, פֿון דער אַרומיקער ליידי־קייט. זי האָט כסדר געפֿרעגט אויף דער מאַמען און אַרומגעדרייט זיך אַ טרויעריקע אין שטוב. זי האָט נישט געוואָלט עסן, נישט געקאָנט שלאָפֿן, זיך געוועקט מיט שרעק אינמיטן נאַכט און גע־רופֿן די מאַמע, זיך געבעטן: „מאַמאַן, שערי, ווו ביסטו? פֿאַר־וואָס קומסטו נישט צו דיין סאַלאַנזש, שערי? צי האָסטו זי נישט ליב מער?". יעדע זאַך אין שטוב האָט איר דערמאָנט די מאַמע. אין דער פֿרי פֿלעגט דער פֿאָטער זי פֿירן אין דער פֿאַר־שולע, אויפֿן וועג צו זיין אַרבעט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אומעטי־קע צווישן די קינדער און אירע אויגעלעך פֿלעגן זיך לעשן, פֿאַר־גיין מיט שלאָף אינמיטן העלן טאָג, ווען אַנדערע קינדער האָבן זיך געשפּילט, אַרומגעשטיפֿט. קומענדיק אין אָוונט פֿון דער אַר־בעט, פֿלעגט ער זי מיטברענגען אַהיים. אַהיימקומענדיק, איז איר ערשטע פֿראַגע געווען: „ווו איז די מאַמאַן־שערי? פֿאַרוואָס קומט זי נישט צוריק?". און דער פֿאָטער פֿלעגט איר געפֿינען אַלערליי אויסריידן, אַז די מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן ווייט, אַז זי איז קראַנק און געפֿאָרן זיך אויסרוען, אַז זי איז אין אַ שפּיטאָל, וואָס געפֿינט

זיך ווייט, זייער ווייט, און די דאָקטוירים לאָזן איר נישט דער־וויל צוריקקומען...

און ער האָט איר געקויפט דאָס פישעלע. פלעגט זי שטיין שעהן גאַנצע ביים גלאָז און אָבסערווירן דאָס פישעלע, אריינרעדן צו אים. ווי זי וואָלט גערעדט צו איר מאַמען און דערציילט איר אַלץ, וואָס שווערט אויף איר אָרעם הערצעלע. זי איז אַליין גע־גאַנגען קויפן שפייז פאַרן פישעלע און אַריינגעוואָרפן אים אַ ווע־רעמל, אַביסל טרוקענעם ווערים־שטויב. און זי פלעגט זיך צו־קוקן ווי דאָס פישעלע עפנט דאָס שנאָבעלע און גיט אַ כאַפּ אַ ווערעמל און ווי דאָס ווערעמל שלענגלט זיך אַוועק, לאָזט זיך נישט כאַפּן און דרייט זיך קונציק אַרויס. גיט דאָס פישעלע אַ וואָרף מיטן עקל, מיט אַלע שווימערס און טרייבט דאָס שלענגע־לע צוריק. און ווידער עפענען זיך די דינינקע ליפּעלעך און ווילן איינשלינגען, און ווידער שלענגלט זיך דאָס ווערעמל אַוועק. און אַזוי גייט אָן דאָס שפּיל אַ לאַנגע צייט. און דאָס זעלבע מיט אַ צווייט ווערעמל, מיט אַ דריטעס. פלעגט זי אַריינלאָכן אינעם גלאָז אריין און צוהערן זיך ווי איר געלעכטער שלאָגט זיך אָפּ אינעם וואַסערפלאַך און אין די קלינגענדיקע ווענטלעך פון אויבערשטן טייל פון גלאָז, איבערן וואַסער, און צעגייט זיך מיט אַ פּילפּאַ־כיקן עכאָ איבערן צימער. פלעגט זי אונטערשטעלן אַן אויער און נאָך מער לאַכן. און עס פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז דאָס פישעלע שווימט אַקעגן דעם לאַכנדיקן עכאָ, דראַפּעט זיך איבערן אויי־בערפלאַך, און שליסט זיך אָן אינעם ווידערקול, וואַרפט זיך פאַר געלעכטער.

טז

א יז, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון וואַקאַנסן און ער האָט געדאַרפט גיך געפינען אַ לייזונג פאַרן פישעלע, האָט ער איינגעזען, אַז די איינציקע קאַנדידאַטין דערפאַר איז בעלאַ. אויב זי וואָלט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, וואָלט עס געווען אַן אידעאַלע לייזונג. אייגנטלעך, האָט ער זיך געפרעגט — פאַרוואָס

זאָל זי נישט אָננעמען דעם אָנבאָט? זי איז דאָך איינע אַליין. איינזאַם. זי גייט קיינמאָל נישט אַרויס, אַחוץ צו דער אַרבעט. זי פֿאַרשליסט זיך תמיד מיט אירע זכרונות, מיט טויטע, מיט קאַש־מאַרן. וואָלט דאָך סתם גוט געווען, אַז דאָס פּישעלע זאָל אַרייַנ־ברענגען אַביסל לעבן אין איר בוידעם־צימערל און מאַכן זי אַ ווייל פֿאַרגעסן אין דעם אַלעם. ווי דאָס פּישעלע מאַכט צייטנווייז פֿאַרגעסן אין דער מאַמען זיין קליינינקער סאָלאַנזש. און ער האָט זיך אַליין געענטפֿערט: זיכער וועט זי אָננעמען דעם אָנבאָט. און נישט נאָר דאָס, נאָר דווקא זיין גליקלעך עס צו טון אויך...

ער האָט געוואַרט אויף איר אין אָוונט, ווען זי קומט צוריק פֿון דער אַרבעט, בכדי אָנצוהויבן אַ שמועס. אָבער ער האָט נישט געוואַגט. פֿלעגט ער זיך באַגנוגן מיט אַ פֿריינטלעכן „באָנסואַר, מאַדמואַזעל" און פֿאַרנויגן זיך פֿאַר איר מיט גרויס רעספּעקט, צו־געבנדיק אונטערטעניק — „מע רעספּע, מאַדמואַזעל". זי פֿלעגט טיילמאָל וועלן געבן אַליין די איניציאַטיוו, אויספֿרעגן זיך וועגן זיין טעכטערל. זי איז אָבער נישט געווען דרייסט צוליב אירע שוועריקייטן צו זאָגן אין פֿראַנצויזיש דאָס, וואָס זי וויל זאָגן. פֿלעגט זי ווערן רויט אויפֿן פּנים און ביז איר דעקאָלטע אַריין, און פֿלעגט ענטפֿערן מיט אַ פֿאַרלוירנקייט אין איר קול: „באָנסואַר, מעסיע", און צוואַילן אירע טריט. פֿלעגט ער בלייבן שטיין ביים ערשטן טרעפּל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, בכדי זי זאָל אים נישט חושד זיין אין אומדערצויגנקייט. און ער פֿלעגט טראַכטן, אַז מאָרגן וועט ער שוין זיין דרייסטער. ער וועט זי אָפּשטעלן און אַ פֿרעג טון דירעקט צי איז זי גרייט צו נעמען צו זיך דאָס פּי־שעלע בעת דעם וואַקאַנס־חודש. ער וועט צוגיין צו איר און פֿרעגן פּראָסט און פּשוט — יאָ אָדער ניין? ער האָט עס אָבער צומאָרגנס אויך נישט געטאָן. ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז זי וועט מסכים זיין. אָבער, מעגלעך, אַז זי וועט עס טון צוליב דאַנקבאַר־קייט צו אים, און נישט אַזוי ווייט צוליב אַ ספּאָנטאַנעם רעפֿלעקס, דיקטירט דורך אַן אינערלעכע פֿאַרשטענדעניש און ליבשאַפֿט צו אַ פּישעלע. אפֿשר האָט זי גאָר פֿיינט פּישעלעך? אָבער ניין, האָט ער גיך פֿאַרטריבן דעם געדאַנק. עס איז נישט מעגלעך. זי זעט דאָך אויס אַזאַ גוטע. אירע אויגן זענען אַזעלכע מילדע און מילד איז אויך דאָס פּנים. עס איז אמת, אַז אויף איר ליגט אַ דיקער שלייער פֿון טרויער און אומעט. אָבער אונטער דעם שלייער ליגט

די גוטסקייט אַליין. אָבער, וואָס קאָן מען וויסן? דער געניטסטער אויספאָרש־ריכטער האָט זיך דאָך שוין טועה געווען מער ווי איינ־מאָל ביים אָפּשאצן מענטשלעכע געפילן און כאַראַקטערן. ער וואָלט נישט וועלן, אַז זי זאָל מסכים זיין דערויף, צוליב דעם, וואָס עס וועט איר נישט פּאַסן אָפּצוזאָגן...

דעם דריטן אָוונט, איז אים אַקעגנגעקומען מאַדאַם גרינטוך, און נישט בעלאַ. זי האָט געדאַרפט פון אים אַ טובה. „ס׳ע ד׳אַוואַנס אַקאָרדע, מאַדאַם גרינטוש", האָט ער איר אַ זאָג געטאָן כלאחר־יד און אויף זיין רוטין־שטייגער. אָבער די שכנטע האָט אים נישט נאָכגעלאָזן. זי איז מיטגעגאַנגען מיט אים אין שטוב אַריין. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט און גענומען אים דערציילן מיט פּרטים אין וואָס עס גייט. עס איז אַ קאָמפּליצירטער פאַל, גאָר אַ קאָמפּליצירטער.

— נישט פאַראַן קיין קאָמפּליצירטע זאַך, מאַדאַם גרינטוש — האָט ער איר איבערגעריסן — אויב זי איז אַ יושרדיקע.

— עס האַנדלט זיך אין אַ פּליט.

— רעזאָן דע פּליס, מאַדאַם גרינטוש... אָבער, מאַדאַם גריג־טוש — האָט ער צוגעגעבן מיט באַדויער — אפשר קען דער ענין אונטערוואַרטן. איך פאָר אין צווי טעג אַרום אויף וואַקאַנס מיטן קינד. אפשר קען די זאַך אונטערוואַרטן אַ חודש?

— ניין, מסיע לע קאָמיסער.

— נישט מסיע לע קאָמיסער, נאָר מסיע פראַנסאָן, מסיע עמיל — האָט ער איר איבערגעהאַקט די רייד.

— זאָל זיין מעסיע לע קאָמיסער עמיל. מען וועט דערווייל דעם ייד אויסווייזן, אָפּפירן צו דער גרענעץ, צוריקשיקן אין די „די־פּי"־לאַגערן מיט כוח.

— איך וועל אָנפאַרטרויען איינעם פון מיינע איבערגעגעבנ־סטע מענטשן, ער זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען.

— קיינער וועט עס אָבער אַזוי גוט נישט מאַכן, ווי איר אַליין, מעסיע פראַנסאָן. קיינער וועט עס נישט אַזוי גיך מאַכן ווי איר... דער מענטש זיצט אין תפיסה און יעדער טאָג איז דאָך פאַר אים אַן אייביקייט. ער איז שוין גענוג געזעסן פאַרהאַפט אומ־שולדיק.

הערנדיק, אַז זי דערמאָנט דאָס וואָרט תפיסה און אַז עס האַנדלט זיך אין אַן אומשולדיקן אַרעסט, האָט ער געזאָגט: — גוט,

איך וועל נישט פריער אוועקפאָרן, ביז דער מענטש וועט אַרויס אויף דער פריי.

מאַדאַם גרינטוך איז צוגעפאַלן צו זיין האַנט און געוואָלט זי קושן. ער האָט אָפּגעשטופּט איר פּנים: — מען דאַרף נישט. עס איז אַ מענטשלעכער חוב צו העלפן א צווייטן אין אַ צרה, אַ קרבן פון האַרבע געזעצן און מיספאַרשטייעניש.

אַ פּאָר טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער, אַן אומעטיקער. מאַדאַם גרינטוך האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין מוז נישט זיין קיין לייכטער און מוז אים קאָסטן געזונט. דער קאָמיסאַר האָט איר אָנפאַרטרויט, אַז דער ענין מיט דעם פּליט איז אַ סך מער קאָמפּליצירט ווי זי שטעלט זיך פאָר. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ, נאָר גאָר פון באַליידיקן אַ פּרעפעקטור־באַאַמטן און אָפּזאָגן אויסצופירן די באַפעלן פון אַ פּאָליציימאַן. זיצנדיק אינעם וואַרט־זאַל, אויפן פּערטן שטאָק פון דער פּרעפעקטור, צווישן אַ גרופּע פון פּליטים, וואָס זענען אומלעגאַל אַריינגעקומען אין לאַנד, און געוואַרט אויף דער ריי אַריינגערופן צו ווערן צו די אויספאָרשער פון דער אויסלענדער־בריגאַדע — האָט ער פּלוצים פאַרלוירן זיין געדולד און איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט: „וואָס איז דאָס פאַראַ אויספאָרשן און מאַטערן מענטשן?! מען האָט אונדז שוין גענוג געפאָרשט און געמאַטערט אין די געטאָס און לאַגערן! דאָ איז דאָך נישט די געסטאַפּאָ!".
און ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גרופּע, בונטעווענדיק די אַנדערע מיטצוגיין מיט אים. האָט אים דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהיטן, געבעטן בלייבן און נישט אויפהויבן דעם קול. האָט ער גענומען נאָך מער שרייען און וואַרפן און געלאָזט זיך לויפן צו די שטיגן. האָט דער פּאָליציאַנט גערופן הילף און, אונטער אַ באַוואָפנטער עסקאָרטע, האָט מען אים אָפּגעפירט אין תפיסה.

— און דאָס אַלץ געפינט זיך אין באַשולדיקונגס־אַקט. און לויט די געזעצן, איז עס גאָר אַ שווער פאַרברעכן — האָט ער אונטערגעשטראָכן און שווער געזיפצט.

מאַדאַם גרינטוך האָט אויך שווער געזיפצט און געקוקט אויף אים מיט אויגן פול געבעט: — נו, וואָס וועט זיין? ער איז דאָך אומשולדיק. ער איז דאָך גערעכט, נישט אמת, מעסיע, מעסיע עמיל...

— איך וועל גיין זען דעם יוסטיץ־מיניסטער, און אויב ווייניק — אויך דעם אינערן־מיניסטער, האָט ער אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט. איך וועל בעטן, אַז מען זאָל אים אַרויסלאָזן דערווייל אויף פּראָוויזאָרישער פרייהייט, ביז צום משפּט. ער איז שוין גענוג געזעסן ביז זיין קומען קיין פראַנקרייך. אַלע תּפיסות דאַרפן זיין פאַרמאַכט פאַר די דאָזיקע מענטשן. און אויב מען וועט אים געבן אַן אויסווייז, וועל איך בעטן, אַז מען זאָל אים נישט צוריקשיקן אין די לאַגערן, נאָר אים אָפּשטעלן צו אַ פּאָרט, פונוואַנען יידן שמוגלען זיך איצטער קיין פּאַלעסטינע, זייער לאַנד...

סאָלאַנזש האָט דערווייל אויפגעהערט צו גיין אין שולע. נישט ווייסנדיק וואָס צו טון מיט איר, פלעגט ער זי מיטנעמען מיט זיך אין פּרעפעקטור, צום פּראָקוראָר, אין מיניסטעריום. ער האָט נישט געוואָלט זי לאָזן אַליין אין שטוב און באַלעסטיקן עמיצן מיטן קינד, האָט ער אויך נישט געוואָלט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז קיינער פון די לאָקאַטאָרן וואָלט אים נישט אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען צו זיך דאָס קינד בעת זיין אָפּוועזנקייט, אָבער ער האָט נישט געוואָגט קיינעם עס פאָרצושלאָגן. יעדער האָט דאָך זיינע זאָרגן און באַשעפטיקונגען. אָבער, ווען די איניציאַטיוו איז געקומען פון מאַדאַם גרינטוך, האָט ער איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן. פלעגט סאָלאַנזש יעדן פרימאָרגן אַרויפגיין די צוויי שטאָק צו דער שכנטע און דער טאַטע פלעגט איר מיטטראָגן דאָס פּישעלע. און אַזוי פלעגט זי זיך שפּילן מיטן פּישעלע ביז דער טאַטע איז צוריקגעקומען. מאַדאַם גרינטוך האָט נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון דעם קליינעם מיידעלע און איר דערלאַנגט טשעקאָלאַדע, באַנבאַנס, קוכעלעך פון אייגן געבעקס, פּרוכטן, שפּילצייג. און פון צייט צו צייט צופאַלן צו איר מיט אירע גראָבע ליפּן און אויסקושן דאָס קעפּעלע, די בעקעלעך, די הענטעלעך, די פיסעלעך. בעלאַ פלעגט ספּעציעל אַהיימקומען עסן מיטאָג, בכדי זיך צו קענען פאַרנעמען מיטן מיידעלע, ווען מאַדאַם גרינטוך דאַרף גיין אין גאַס אַרייך איינקויפן אויף מיטאָג. בעלאַ פלעגט דעמאָלט נעמען די קליינע סאָלאַנזש אַרויף צו זיך, צוזאַמען מיטן פּישעלע און זיך פאַרנעמען מיט זיי ביז צום אומקערן זיך צו דער אַרבעט. דעמאָלט איז סאָלאַנזש מיטן פּישעלע אַראָפּ מיט אַ שטאָק, צו דער שכנטע, און פאַרבראַכט דאָרטן ביז דער פאָטער איז געקומען.

די קליינע סאָלאַנזש האָט זיך צוגעבונדן צו דער מאַדמואַ־זעל. בעלאַ האָט איר נישט געגעבן אַזויפֿיל נאַשוואַרג און מתנות און נישט געקושט זי אַזויפֿיל ווי מאַדאַם גרינטוך. זי פֿלעגט איר נאָר טיילמאָל אַ גלעט טון דיסקרעט איבער די הערעלעך, אָדער איר איבערבינדן דאָס שלייפֿעלע אויפֿן קאָפּ, אָדער אויס־גראָדן דאָס קליידעלע, וואָס האָט זיך פֿאַרקנייטשט בעתן זיצן. זי פֿלעגט אָבער כסדר קוקן אויף איר פֿון דער זייט, קוקן מיט אירע גרויסע אויגן, פֿול מיט טרויער און מיט גוטסקייט. סאָלאַנזש האָט גיך ליב באַקומען די דאָזיקע אויגן. צי האָבן זיי איר דער־מאָנט די אויגן פֿון איר מאַמען? פֿון דער מאַמען, וואָס איז אַוועק־געפֿאָרן ווייט, גאָר ווייט, און קומט נישט צוריק. דער מאַדמואַ־זעלס אויגן האָבן איר אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געקוקט צו איר מיט אַ ווייטן בליק, פֿון גאָר, גאָר ווייט... פֿלעגן אירע אויגעלעך פֿייכט ווערן, ווען זי האָט אויפֿגעכאַפּט איר בליק און עס פֿלעגט זי באַפֿאַלן אַ ווילן צוצופֿאַלן צו איר, אַרומנעמען זי. ווי צו אַ גאָר נאָענטן מענטש, וואָס קומט צוריק פֿון אַ לאַנגער רייזע, ווי צו אַ מאַמען, וואָס איז אקאַרשט צוריקגעקומען נאָך אַ לאַנגער אָפּ־וועזנקייט...

ווען בעלאַ האָט זיך געגרייט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט און זי האָט גענומען דעם גלאָב אין איין האנט און אין דער צווייי־טער — דעם מיידעלעס הענטל, פֿלעגט סאָלאַנזש נישט קענען איינהאַלטן אירע טרערן. זי האָט געוויינט נישט צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט ליב געהאַט די מאַדאַם גרינטוך, נאָר ווייל זי האָט מער ליב געהאַט די מאַדמואַזעל, און זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן פֿון איר. זי האָט אויך גערנער געגעסן ביי בעלאַן און גע־זעסן ביים טיש ווי אַ גרויסער מענטש און אליין געשניטן דאָס פֿלייש מיט אַ מעסער און געלייגט אין מויל אַריין מיט אַ גאָפּל. אין דער צייט ווען די אַלטע שכנטע האָט איר גאָרנישט געלאָזן טון, זי באַטראַכט ווי אַ פּיצעלע קינד און געשניטן פֿאַר איר דאָס פֿלייש און געלייגט איר אין מויל אַריין.

דער פֿאָטער איז געווען צופֿרידן וואָס עס האָט זיך איינגע־שטעלט אַזאַ פֿריינטשאַפֿט צווישן דער מאַדמואַזעל און זיין טעכ־טערל. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט אים אויך פֿאַרלייכ־טערן די אויפֿגאַבע. וויסנדיק, אַז דאָס פּישעלע וועט בלייבן ביי דער מאַדמואַזעל, וועט דעם קינד לייכטער אָנקומען דאָס שיידן

זיך פון אים. ער איז געווען צופרידן וואָס דאָס קינד דערציילט אים כסדר וועגן דער גוטער מאַדמואַזעל בעלאַ, ווי זי האָט איר אויסגעפּרעסט דאָס ווייסע פאַרטוכל, פאַרפעסטיקט אַ קנעפּל, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָפּרייסן זיך פון בלוזקעלע און ווי זי האָט צעקעמט אירע הערעלעך און פאַרבונדן מיט אַ שלייפעלע, וואָס זי האָט געקויפט פאַר איר. זי איז אַזאַ גוטע און האָט אַזעלכע גרויסע אויגן.

— אָבער פאַרוואָס זענען אירע גרויסע אויגן אַזוי טרויעריק, פּאַפּאַ — האָט זי געפרעגט.

— די מאַדמואַזעל האָט אַ סך געליטן, מיין טייערע, אַ סך געליטן, שערי.

— זי איז געווען אין שפּיטאָל, ווי מאַמאַן־שערי? האָט זי גע־פרעגט מיט טרערן אין די אייגעלעך, האַ?

— ניין, האָט דער פאָטער געענטפערט קורץ און אַרומגענו־מען דאָס קעפּעלע פון קינד, ניין — האָט ער איבערגעחזרט. און נישט וועלנדיק אָנגיין ווי אַ ליגנער לגבי דעם קינד, האָט ער גיך צוגעגעבן: יאָ. און באַלד זיך צוריקגעכאַפּט: — ניין. און באַדעקנדיק דאָס קינד מיט קושן, איבערחזרט נאָכאַנאַנד: ניין און יאָ, יאָ און ניין...

— וואָס הייסט יאָ און ניין, פּאַפּאַ? איך פאַרשטיי נישט, פּאַ־פּאַ־שערי.

— דאָס הייסט נישט אינגאַנצן יאָ און נישט אינגאַנצן ניין; עס איז צווישן יאָ און צווישן ניין. אַזוי, אויף האַלבוועגס.

— איך פאַרשטיי נישט, פּאַפּאַ־שערי.

— וועסט זיין עלטער, מיין קינד, וועסטו עס פאַרשטיין, האָט ער געזאָגט מיט אַן איבערגעגנומענער שטים און מיט אַן אָנשטעל פון אויטאָריטעט.

— איך וויל שוין איצט פאַרשטיין, פּאַפּאַ. איך בין שוין גרויס. די מאַדמואַזעל זאָגט, אַז איך בין שוין גרויס.

— די מאַדמואַזעל בעלאַ?

— יאָ, פּאַפּאַ, די מאַדמואַזעל בעלאַ.

— דו האָסט זי ליב, די מאַדמואַזעל, סאָלאַנזש־שערי?

— יאָ, פּאַפּאַ. און דו, פּאַפּאַ? דו האָסט זי אויך ליב?

ער האָט זי צוגעדריקט פֿעסטער צו זיך און באַדעקט אירע ליפּעלעך מיט קושן, נישט לאָזנדיק איר מער שטעלן פֿראַגן. און אַזוי זי פֿעסט געהאַלדזט און געקושט, ביז זי איז איינגעשלאָפֿן אין זיינע אָרעמס.

יז

דער טאָג האָט געהערט צו די גליקלעכסטע אינעם לעבן פֿון עמיל פֿראַנסאָן. ער האָט געהאַט אַן אוידיענץ ביים יוסטיץ־מיניסטער און, אין זיין קעגנוואַרט, האָט דער מיניסטער טעלע־פֿאָנירט צום פּראָקוראָר, אַז מען זאָל אַרויסלאָזן אויף דער פֿריי, דעם פּליט, ביז צום פּראָצעס.

דער פּליט האָט זיך צו זיי אייגנטלעך כמעט ווי גאָרנישט אָנגעהערט. נישט קיין קרוב און נישט קיין לאַנדסמאַן. ער האָט אַריינגעאַרבעט פּאַסאַן פֿאַר דער קאָנפֿעקציע־אַטעליע פֿון די גריב־טוכס און בסך־הכל אַ דריי חדשים, איידער ער האָט זיך אַנגאַ־זשירט צווישן די רעוואָלוציאָנערן אין שפּאַניע. זיי האָבן אים שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעקומען אַ הינקענדיקער פֿון שפּאַ־ניע, נישט געזען מער פֿאַר די אויגן. ער איז געוואָרן אַ גאַנצער אָנפֿירער ביי די רעוואָלוציאָנערן און קאָמוניסטן און געלעבט אי־נעם זכות פֿון זיין העלדישקייט אין שפּאַניע, פֿון זיינע וווּנדן און פֿון די שיינע רעדעס... מסתמא איז עס געווען אַ בעסערע פּרנסה ווי אַרבעטן אויף שטיק פֿון פּאַרטאַגס, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין פֿאַר חיים גרינטוך, הגם ער האָט געהערט צו די בעסטע פּאַטראָנס... זי האָט נישט געוווּסט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקו־מען. ערשט לעצטנס האָט זי ווידער געהערט וועגן אים. די מיליץ האָט אים אַרעסטירט בעתן פֿונאַנדערקלעפּן גאַליסטישע פּלאַקאַטן. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן. און ניצול געוואָרן. געמיינזאַמע באַ־קאַנטע, וואָס האָבן געוווּסט, אַז זי איז געווען זיין אַמאָליקע פּאַט־ראָנקע און האָבן אויך געוווּסט, אַז זי איז אויסגעקאָכט מיט דעם גוטן קאָמיסאַר פֿראַנסאָן — האָבן איר דאָס אַלץ דערציילט און געקומען בעטן ביי איר זיך איינצושטעלן פֿאַר איר געוועזענעם

אַרבעטער. ווינאַר זי האָט געהערט וועגן אַרעסט פון אַ יידן און דערצו אַ דעפּאָרטירטן, האָט זי נישט געקענט איינזיצן און תיכף זיך געשטעלט אָפּוואַרטן דעם קאָמיסאַר און בעטן זיין טובה. זי האָט דערציילט דערוועגן אויך בעלאַן און בײדע האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד אויפן אויסגאַנג פון דעם גוטן מסיע עמילס אינ־טערווענצן. זיי האָבן געוווסט, אַז ביי זיין בעסטן גוטן ווילן, קאָן דאָך דער גוטער מסיע עמיל נישט דערגרייכן אַלץ וואָס ער וויל. ער איז דאָך אָפּהענגיק פון העכערע באַאַמטע און פון האַרבע געזעצן. ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער גרייט זיך צו גיין צום מיניסטער, און אַז דאָס איז דער לעצטער שאַנס, זענען זיי אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און אינדערשטיל געטאָן תפילה.

מאַדאַם גרינטוך האָט אים אָפּגעוואַרט ביים טויער דעם גאַנצן אָוונט. זי האָט געהאַלטן ביי דער האַנט די קליינע סאָלאַנזש און שפּאַצירט מיט איר אַהין און צוריק, פאַרביי דעם טויער און זיך יעדע רגע אויסגעדרייט צו זען צי קומט ער נישט אָן מיט דער גוטער בשורה. די קליינע סאָלאַנזש האָט נישט געקאָנט פאַר־שטיין, וואָס מאַדאַם גרינטוש איז היינט אַזוי אויפגערעגט, וואָס זי דריקט אַזוי פעסט איר הענטל. בעלאַ האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו דער אַרבעט היינט אָוונט. האָט זי געפונען אַ תירוץ און געבעטן מסיע בערנאַרד, דעם פּאַטראָנס זון, ער זאָל איר דער־לויבן אהיימצוגיין אַ שעה פריער, ווייל זי פילט זיך נישט גוט. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זי וועט די שעה אָפּאַרבעטן אַ צווייטן טאָג, נאָר אַ שמייכל פון צופרידנקייט אויפן בייזן פּנים פון איר באַפעלגעבער, האָט איר איבערגעהאַקט די מחשבה. „סע ד׳אַקאָר‟, האָט ער געזאָגט און תיכף מסכים געווען אָן באַדינג. ער האָט איר אָפילו געהאָלפן אָנטון דעם מאַנטל און אָפּגעפירט צו דער טיר, ווינטשנדיק גיך געזונט צו ווערן. זי האָט אָנגענומען דאָס מיידעלע ביי דעם צווייטן הענטעלע און זיי זענען זאַלבע־דריט געגאַנגען אַהין און אַהער, פאַרביי דעם טויער. דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן, באַגלייט מיט אַ פאַרנאַכטיקער קילקייט. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט צווישן זיך, נאָר פון צייט צו צייט אויס־געדרייט די אויגן צו זיך, אויגן פול מיט דערוואַרטונג און פּחד, אָדער געוואָנדן זיי פאַראויס, אָדער הינטערוויילעכץ, צו זען צי קומט ער נישט אָן, דער גוטער מענטש, צי לויפט ער זיי נישט אַקעגן...

סאָלאַנזש האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר. פֿאַר־וואָס גייט זי היינט שפּאַצירן מיט בײדע, סיי מיט דער דיקער מאַ־דאַם גרינטוש און סיי מיט דער טרויעריקער מאַדמואַזעל? און פֿאַרוואָס האַלטן זיי זי אַזוי פֿעסט ביי די הענטעלעך? און פֿאַר־וואָס קוקן זיי כסדר אויף זיך און פֿאַראויס, און קוקן גאָרנישט אויף איר, ווי זי וואָלט דאָ בכלל נישט געווען צווישן זיי? און פֿאַרוואָס גייען זיי אַזוי שנעל? זי קאָן דאָך גאָרנישט שטעלן אַזעלכע גרוי־סע טריט. פֿאַרוואָס פֿרעגן זיי זי נישט צי טוט איר נישט וויי די פֿיסעלעך? און צי איז איר נישט צומאָל קאַלט? זי האָט זיי געוואָלט שטעלן די אַלע פֿראַגן, אָבער זעענדיק די באַזאָרגטקייט אויף זייערע פּנימער, האָט זי נישט געוואַגט עס צו טון. זי האָט גענומען שלעפּן די פֿיסעלעך און גענומען ציטערן. בעלאַ האָט עס די ערשטע באַמערקט און דערפֿילט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעבויגן זיך צו איר. איר פּנימל האָט אויסגעזען מיד און פֿאַרצויגן, ווי ביי איינעם וואָס ברוגזט זיך, און אירע אויגעלעך פֿאַרשלייערט, ווי ערב אַ געוויין. אַ פֿיינלעכער געפֿיל פֿון רחמנות האָט זי אַרומגענומען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זי האָט אַ נעם געטאָן די קליינע אין אירע אָרעמס און אָנגעלענט איר קעפּעלע אין איר אַקסל. און ווילנדיק זי באַרואיקן, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו איר:

— זיי רואיק, סאָלאַנזש־שערי. דער טאַטע וועט באַלד קו־מען. מיר וואַרטן אויף דיין גוטן פּאַפּאַ.

סאָלאַנזש האָט אָפּגעהויבן איר קעפּעלע און אירע אויגעלעך האָבן זיך אויסגעלויטערט. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן ביי אירע מויל־ווינקלען, אַ שמייכל פֿון דאַנקבאַרקייט.

נאָך אַ ווייל איז דער שמייכל צערונען געוואָרן פֿון איר פּנים.
— דער פּאַפּאַ אַליין?

און זעענדיק ווי די מאַדמואַזעל ענטפֿערט איר נישט, האָט זי געוואָנדן איר קעפּעלע צו מאַדאַם גרינטוש:
— דער פּאַפּאַ אַליין?

מיינענדיק, אַז די צוויי פֿרויען פֿאַרשטייען נישט איר פֿראַגע, שטויסן זיך נישט אָן אין וואָס איר גייט, האָט זי צוגעגעבן:

— ...אָדער צוזאַמען מיט דער מאַמאַן־שערי?

אַנשטאָט אַ תשובה, האָט בעלאַ זי נאָך פעסטער צוגעדריקט צו זיך און פרוי גרינטוך האָט גענומען גלעטן איר קעפּעלע און קושן אירע הערעלעך. אינעם קעפּעלע פון דעם מיידעלע איז גע־בוירן געוואָרן אַ פעסטער געדאַנק: אַזוי ווי מען וואַרט היינט אָפּ דעם טאַטן, אַ זאַך וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געטאָן, און נישט נאָר די מאַדאַם גרינטוש, נאָר אויך די מאַדמואַזעל, און זיי זענען אַזוי אומגעדולדיק — מוז עס זיין עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט. און וואָס קאָן עס זיין נאָך אַזוי אויסערגעוויינלעך און וויכטיק, ווי דאָס צוריקקומען פון דער מאַמאַן־שערי? אויפן טאַטן אַליין וואָלטן זיי דאָך נישט געוואַרט. נישט אַנדערש ווי זיי ווילן, אַז דער מאַמעס צוריקקומען זאָל זיין פאַר איר אַ סיורפּריז...

זיי זענען געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער קליינער און אַזוי געפּלעפּט פון איר פּלוצימדיקער פראַגע, אַז זיי האָבן נישט באַ־מערקט און נישט געהערט ווי מסיע פראַנסאָן איז אָנגעקומען.

— בראַוואָ, האָט ער אויסגעשריגן פון דערווייטנס, דערקע־נענדיק די פרויען. און צוגעגעבן שטייענדיק געדיכט נעבן זיי: דער מיניסטער האָט פאַרשטאַנען. ער גייט אַרויס אויף דער פריי.

ער איז געווען אַזוי גערירט פון קאָנען איבערגעבן די פרויען די גוטע בשורה, אַז ער האָט קוים באַמערקט זיין טעכטערל אין די אָרעמס פון בעלאַן.

— זי איז שלעפעריק, האָט בעלאַ זיך אָנגערופן.

סאָלאַנזש האָט אויפגעהויבן אירע אויגעלעך אויפן פאָטער און געקוקט אַרום אים, צי איז נישטאָ נעבן אים די מאַמע, געקוקט פון אַלע זייטן, צי באַהאַלט זיך נישט ערגעץ אויס די מאַמע, דער גרויסער סיורפּריז. אירע ליפּעלעך האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. זי האָט געוואָלט שטעלן דעם טאַטן די זעלבע פראַגע, וואָס זי האָט געשטעלט ערשט דער מאַדמואַזעל און דער מאַדאַם, אָבער זעענ־דיק ווי די פּנימער ביי אַלעמען האָבן פּלוצים אויפגעשיינט, און זעענדיק ווי מאַדאַם גרינטוש קושט די הענט פונעם טאַטן, און ער שטופּט זי אָפּ, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון די הענט פון בעלאַ און אויך גענומען קושן זיינע הענט, העלפנדיק אים אָפּ־שטופּן די דיקע פרוי.

— מאָן פּטי פּאַפּאַ, שערי — האָט זי איבערגעחזרט כסדר.

דער פּאַטער האָט זי געגומען אין זיינע אָרעמס. זי פעסט צו־געדריקט צו זיך. געמאַכט עטלעכע שפּאַן ביז צום טויער און פאַרנומען זיך אין דער ריכטונג פון די שטיגן. ער האָט זיך פאַר־נייגט. זיך אַנטשולדיקט און דער ערשטער אַרויף אויף די שטיגן. די פרויען זענען אים נאָכגעגאַנגען און איבערחזרט כסדר:

— מערסי, מעסיע פראַנסאָן.

— מערסי, מעסיע עמיל.

— פּאַ דע קואַ, מע וואַיאַן מאַדמואַזעל. וואַיאַן, מאַדאַם, האָט ער געענטפערט אַ זשענירטער, מיטן קאָפּ איבערגעבויגן אי־בערן קינדס פּנימל.

די פרויען זענען אים נאָכגעגאַנגען און נישט געוווסט ווי אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט. ווען ער האָט גענומען מיט איין האַנט אויפשליסן די טיר, האָט פרוי גרינטוך געוואָלט צופאַלן צו דער האַנט און זי אויסקושן. פלוצים איז געוואָרן פינצטער. דאָס אויטאָמאַטישע לעמפּל איז אויסגעגאַנגען. פרוי גרינטוך האָט אין דער פינצטער גענומען זוכן דאָס ליכט־קנעפּל און פון גע־רירטקייט נישט געקאָנט געפינען. מסיע פראַנסאָן האָט דערווייל געעפנט די טיר, אַריין איבער דער שוועל און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל ביי זיך אין צימער. ער האָט אָפן־געלאָזן די טיר, בכדי דאָס ליכט זאָל פאַלן אויף די שטיגן.

— מערסי, האָט בעלאַ אויסגערופן און די ערשטע צוגעלאָפן צום קוועטש־קנעפּל. מערסי, האָט זי איבערגעחזרט, ווען עס איז געוואָרן ליכטיק. דערנאָך איז זי צוגעלאָפן צו דער אָפענער טיר און אַריינגעשריגן: וויוו לאַ פראַנס!

— וויוו לאַ פראַנס, מעסיע פראַנסאָן! האָט פרוי גרינטוך אונטערגעכאַפּט.

דערהערנדיק זייער אויסרוף, האָט עמיל פראַנסאָן גיך אַוועק־געזעצט זיין טעכטערל אויף אַ שטול און צוגעלאָפן צו דער אָפע־נער טיר.

— וויוו לאַ זשיסטיס, מעדאַם — האָט ער זיי געענטפערט און זיי נאָכגעקוקט, ווי זיי פאַרשווינדן אויף די טרעפּ. ער איז צו־געלאָפן צו דער ראַמפּע און אַרויפגעשריגן: וויוו לע זשואיף!

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט זייערע פּנימער צו אים. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. דאָס ליכט איז ווידער אויסגעגאַנגען. אין דער אָפֿענער טיר האָט זיך באַוויזן די קליי־נע סאָלאַנזש. זי האָט אָנגענומען איר פּאָטער ביי אַ האַנט און אים אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין.

יח

ווען דער פּאָטער האָט זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע, איז סאָלאַנזש געווען זיכער, אַז דאָס גרייט ער זיך צו פֿאָרן צו דער מאַמען, וואָס וואַרט אויף זיי ערגעץ ווייט. דער טאַטע זאָגט — וואַקאַנס, אָבער מיינען מיינט ער — די מאַמע. ער וויל איר מאַכן אַ סיורפּריז. האָט זי גענומען פּאַקן אויך איר וואַליזקעלע. און ווען אירע זאַכן זענען געווען פּאַרפּאַקט, האָט זי אַ קוק געטאָן איפֿן גלאָב מיטן פֿישעלע און געפֿרעגט, פֿריער מיט די אויגע־לעך און דערנאָך מיט די ליפּעלעך: — און דאָס פֿישעלע, פּאַפּאַ, ווי וועלן מיר עס איינפּאַקן?

— מיר וועלן דאָס פֿישעלע נישט מיטנעמען, שערי. עס איז אַ ווייטער וועג און דאָס פֿישעלע וואָלט געקאָנט קראַנק ווערן אונ־טערוועגס.

איז זי געשטאַנען מיט פֿאַרוויינטע אויגעלעך און ציטערדיקע ליפּעלעך, און אַרומגענומען מיטביידע הענטעלעך דעם גלאָב.

— טאָ וואָס וועט זיין מיטן פֿישעלע, פּאַפּאַ? עס וועט דאָ בלייבן אַליין? עס וועט דאָך אויסגיין פֿון בענקשאַפֿט. און ווער וועט אים געבן צו עסן, פּאַפּאַ, ווער?

— מאַדמואַזעל — האָט ער געענטפֿערט ספּאָנטאַן, וויסנדיק, אַז דערמיט וועט ער קאָנען איינעמען דאָס קינד און פֿאַרקלע־נערן איר צער.

זי האָט אָפּגעוואָנדן איר קעפּעלע פֿונעם פֿישעלע און אויפֿ־געהויבן אירע אויגעלעך אויפֿן פּאָטער. אירע אויגנלעדלעך האָבן

גענומען ציטערן, אַראָפּיאָגנדיק די טרערן, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן אין די ראַנד־הערעלעך און אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף אירע בעקעלעך.

— מאַד־מו־אַ־זעלל? האָט זי געפרעגט שטאַמלענדיק און אָנ־געוויזן מיט אַ פינגער אַרויפצו? די מאַדמו־אַ־זעלל, אויבן?

— יאָ, די מאַדמואַזעל בעלאַ, האָט דער פאָטער איבערגע־חזרט גיך, מיט אַ שטאַרקן קול, וועלנדיק זיך אַליין צוגעבן זי־כערקייט.

— זייער גוט, פּאַפּאַ שערי, האָט זי אַרומגענומען דעם פאָ־טערס היפטן.

ער האָט אַרומגענומען דאָס קעפּעלע פונעם קינד און צוגעצ־דריקט עס פעסט צו זיך. ער האָט געגלעט אירע געלאָקטע הערע־לעך און אירע צעפלאַמטע בעקעלעך. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ ווייל און אַ חרטה־געפיל איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַרן קינד. און אפשר וועט די מאַדמואַזעל גאָר אָפּזאָגן, און ער וועט גאָר זיין אַ ליגנער אין די אויגן פון קינד. ער האָט געזוכט עפּעס אַן אויסוועג, כדי אָפּצושוואַכן די זיכערקייט און צוגרייטן זיין טעכטערל צו אַן עווענטועלן אָפּזאָג. אָבער ער האָט נישט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט. זיינע פיס האָבן פּלוצים גענומען ציטערן, ווי ביי איינעם, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ נישט קאָרעקטע זאַך און פילט זיך שולדיק, וואָרט אויף אַ שטראָף.

ווי זי וואָלט געלייענט זיינע מחשבות, האָט זיך סאָלאַנזש פּלו־צים אַרויסגעריסן פון פאָטערס הענט און צוגעלאָפן צו דער טיר, דערנאָך צו די שטיגן און נישט אָנצינדנדיק די ליכט — אַרויפ־געלאָפן די דריי שטאָק. עס איז געווען זונטיק. בעלאַ האָט נישט געאַרבעט. זי האָט דערהערט די טריטעלעך פונעם מיידעלע, האָט זי איר געעפנט די טיר, איידער זי האָט נאָך אָנגעקלאַפּט. סאָ־לאַנזש איז געווען פאַרסאָפּעט און גערעדט צו איר גיך, פאַר־געסנדיק, אַז מען דאַרף צו דער מאַדמואַזעל רעדן געלאַסן און וואָרט נאָך וואָרט, אויב מען וויל, אַז זי זאָל פאַרשטיין. בעלאַ האָט נישט געגנוי פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיידעלע וויל. אָבער זי האָט זיך משער געווען, אַז עס האַנדלט זיך אין וואַקאַנס, אין פישע־לע. און איידער זי האָט נאָך געשטעלט אַ פראַגע, האָט סאָלאַנזש זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און גענומען זי שלעפּן מיט זיך. בעלאַ האָט זיך געלאָזט פירן.

עמיל פראַנסאָן איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר. ער האָט געטראַכט, צוערשט, נאָכצולויפן זיין טעכ־טערל, זי איינצוהאַלטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לויפט זי אַרויף צו דער יונגער שכנטע. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ קאַ־טאַסטראָפע. ער קען זי דאָך אייגנטלעך ווייניק, די מאַדמואַזעל. זי קאָן אָפזאָגן. איז, וואָס דעמאָלט? און ער האָט איינצייטיק באַ־וווּנדערט דעם חוש פון געוואַגטקייט פון דער קליינער, פון אַנט־שלאָסנקייט. זי האָט עס גערשנט פון דער מאַמען. זי איז אויך געווען אַזעלכע און אַן עקשן דערצו. דעריבער האָט זי טאַקע באַ־צאָלט מיטן לעבן. ער האָט איר געבעטן, אַז זי זאָל פאַרלאָזן פאַ־ריז, פאָרן צו די עלטערן אין די בערג, צוזאַמען מיטן קינד, האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט אים נישט געוואָלט לאָזן אַליין, ווען עס לויערן אויף אים סכנות. זי האָט זיך באַפרידיקט מיט פאַר־זיכערן דעם גורל פון קינד, און אַליין געבליבן דאָ, מיט אים...

די דערנענטערנדיקע טריט אויף די שטיגן האָבן אים אַרויס־געריסן פון די מחשבות. ער האָט באַמערקט זיין טעכטערל און די יונגע שכנטע. ער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען און אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין. סאָלאַנזש האָט אָנגעוויזן אויפן פישעלע און וויטער גערעדט גיך, נאָך גיכער ווי פריער. בעלאַ האָט געקוקט אויפן פישעלע, דערנאָך אויף דער הויכער געשטאַלט פון מסיע פראַנ־סאָן, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. אירע באַוועגונגען מיטן קאָפּ האָבן אים אַרויסגעצויגן פון דער פאַרלוירנקייט. ער האָט צו־גערופן זיין טעכטערל און געבעטן, אַז זי זאָל גיין רופן מאַדאַם גרינטוש, זי זאָל קומען אַרויסהעלפן. סאָלאַנזש האָט פאַרשטאַ־נען דעם פאָטערס כוונה און תיכף אַרויפגעלאָפן די צוויי שטאָק. נאָך אַ ווייל איז זי שוין געווען צוריק, פירנדיק ביי דער האַנט די דיקע שכנטע. מסיע פראַנסאָן האָט איבערגעגעבן, מיט גרויס פאַרלעגנהייט און איבערבעטנדיק כסדר פאַר זיין דרייסטקייט, אין וואָס עס גייט אים. מאַדאַם גרינטוך האָט נישט געוואַרט ביז בע־לאַ וועט געבן איר הסכמה, און תיכף מסכים געווען אויף איר אָרט. און איידער מאַדאַם גרינטוך האָט געגעני איבערגעזעצט אין וואָס עס גייט, האָט בעלאַ תיכף צוגעשטימט. בעלאַ איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טון פאַר גרויס פרייד. זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: מערסי, מסיע פראַנ־סאָן; אַוועק גראַן פּלעזיר. און געבעטן די שכנטע איבערצוזעצן,

אַז זי וועט אָפּהיטן דאָס פּישעלע ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז זי וועט זיין זייער גוט צו אים און ווינאַר זיי וועלן זיין צוריק, וועט זי זיי אומקערן דאָס פּישעלע...

אָבער, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פֿון וואַקאַנס, האָט עמיל פּראַנסאַן באַשלאָסן איבערצולאָזן ווייטער דאָס פּישעלע ביי דער יונגער שכנטע. סאָלאַנזש האָט אָנגעהויבן צו גיין אין דער קאָמו־נאַלער שולע. זי וועט דאָרטן בלייבן אַ גאַנצן טאָג און עסן מיטאָג אין דער שול־קאַנטינע. נאָך די לעקציעס וועט זי בלייבן אין „גאַר־דערי", ביז ער וועט זי קומען נעמען, אין אָוונט, נאָך זיין אַר־בעט. אין דער שולע וועט סאָלאַנזש זיך געפֿינען צווישן קינדער, זיין פֿאַרנומען מיט די לעקציעס, מיט שפּילערייען, דערנאָך מיט די שול־אויפֿגאַבעס אין שטוב. נו, וועט זי במילא זיין באַשעפֿ־טיקט, און איר קעפּעלע וועט זיין אָבסאָרבירט מיט דעם אַלעם, אַזוי, אַז איר אויפֿמערקזאַמקייט וועט זיין אָפּגעוואָנדן פֿון... דער מאַמען. דער עקספּערימענט אין די בערג, בעת די וואַקאַנסן, האָט געוויזן, אַז אַ קינד בלייבט קינד און אַז זיין הערצעלע לאָזט זיך לייכט אָפּנאַרן. אין אָנהויב האָט זי טאַקע זיך געפֿרעגט אויף דער מאַמען, געזוכט זי אומעטום, אין דער פֿאַרם, אין שטאַל, אויפֿן גאָרן, אין די בערג, אויף די סטויגן היי; אָבער גיך פֿאַרכאַפּט גע־וואָרן דורך דעם אַרום, די שפּילערייען, מיט דער אַרבעט אין פֿעלד אַרויסהעלפֿנדיק דעם זיידן, דער באָבען און יאָגנדיק זיך מיט די עופֿות און שטאַל־חיהלעך. און איצט, ווען זי גייט אויף אַ גאַנצן טאָג אין שולע, איז רעכט, אַז זי זאָל זיך נישט צובינדן צום פּישעלע אויפֿסניי. דאָס פּישעלע וועט אפֿשר אַרויסרופֿן ביי איר אַן אַסאָציאַציע, וואָס וועט דערמאָנען אין דער מאַמען, און זי וועט ווידער נעמען לײדן. איז גלייכער, אַז זי זאָל זיך אָפּגע־ווינען פֿונעם פּישעלע... אַגב, האָט בעלאַ געוויזן, אַז זי קען זיך אומגיין מיטן פּישעלע. במשך די וואַקאַנסן איז דאָס פּישעלע גע־וואָרן שטאַרקער און גרעסער און באַקומען לעבעדיקע קאָלירן און באַוועגלעכערע שווימערס ווי פֿריער.

— בראַוואָ, מאַדמואַזעל בעלאַ, האָט ער איר געמאַכט קאָמ־פּלימענטן. איר האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

— נישטאָ מיר וואָס צו דאַנקען. דער דאַנק קומט אייך. דאָס פּישעלע האָט מיר אויסגעפֿולט די צייט, אַז איך האָב נישט גע־

ווּסט וויאַזוי זי איז אַדורך. געווייַנלעך שלעפּן זיך די טעג ווי סמאָלע און זיי ווילן זיך גאָרנישט ענדיקן. אָבער די וואַקאַנס־צייט איז אַדורך ווי אַ טאָג, ווי אַ חלום. אייך קומט דער דאַנק.

די רייד פון דער יונגער שכנטע און די גרויסע פרייד, וואָס האָט זיך צעלייגט אין אירע טריבע אויגן און פאַרזאָרגט פּנים, האָבן אים נאָך מער באַפעסטיקט אין זיין באַשלוס. ער האָט גע־בעטן פרוי גרינטוך, אַז זי זאָל אויפקלערן דער מאַדמואַזעל, אַז זי וועט אים טון אַ גרויסע טובה מיט דעם, וואָס זי וועט האַלטן ביי זיך דאָס פּישעלע. סאָלאַנזש וועט יעדן טאָג קומען זען דאָס פּישעלע און עווענטועל אַראָפּנעמען עס צו זיך זונטיק, אָדער חגא־טאָג. עס וועט זיין אַ גאָר גרויסע זאַך מצד דער מאַדמואַזעל, און נישט פאַרקערט.

בעלאַ האָט זיך געלאָזט צוריידן דערצו. זי האָט זיך געהאַט צוגעוווינט צום פּישעלע. עס איז געוואָרן א טייל פון איר. עפּעס אַ שטיק לעבן איז אַריינגעקומען אין איר בוידעם־צימערל און אויסגעפּולט די ליידיקייט. עס וואָלט געוועזן פאַר איר אַן איבער־לעבעניש, ווען זי דאַרף זיך איצט צעשיידן מיטן פּישעלע.

האָט זי געבעטן דער שכנטע איבערצוגעבן, אַז נישט נאָר איז זי מסכים, נאָר ווי שטאַרק זי פרייט זיך דערפון. זי האָט גע־בעטן איבערגעבן, אַז סאָלאַנזש מעג קומען זען דאָס פּישעלע ווען און וויפיל מאָל זי וויל נאָר. דאָס פּישעלע וועט אייגנטלעך ווייטער געהערן צום מיידעלע. נאָר זי באָרגט עס איר ווייטער אויס, אויף דערווייל. און נישט נאָר מעג סאָלאַנזש קומען זען דאס פּישעלע, נאָר אויך איר פאָטער, מסיע פראַנסאָן, מעג קומען זען ווען ער וויל. ער בלייבט דאָך דער באַלעבאָס איבערן פּישעלע. זי וועט אים נישט שטערן. גאָר פאַרקערט.

זי האָט עס געזאָגט אַזוי נאַטירלעך און טרוקן, פּונקט ווי זי וואָלט געבעטן, אַ שטייגער, אַז ווען זי וועט גיין קויפן אַ ברויט, זאָל זי געדענקען אויך צו קויפן פאַר איר אַ האַלבן „באַגעט", אָדער אַרויפברענגען בעת־מעשה אַ פלעשל מילך; אַזוי אַז די שכנטע האָט נישט געזען דערין קיין שום הינטער־כוונה. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, אַ פינטל געטאָן מיט אירע צעשמייכלטע אויגן, אויפגעהויבן צו איר אַ וואָרנענדיקן פינגער, מעשה־אַנצו־הערעניש, און איבערגעזעצט בוכשטעבלעך אירע ווערטער.

בעלאַ האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס פֿרוי גרינטוך שאָקלט צו איר כסדר מיט איר וואָרנענדיקן פֿינגער. צי איז זי באַגאַנגען אַן אומטאַקטישקייט? צי האָט זי געזאָגט עפּעס, וואָס זי האָט נישט באַדאַרפֿט? זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון.

מסיע פֿראַנסאָן האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו בעלאַן:

— מערסי, האָט ער געזאָגט. מערסי, מאַדמואַזעל. ווו ז'עט אַדמיראַבל.

— סע ווּרע, פּאַפּאַ — האָט סאָלאַנזש אונטערגעכאַפּט — על ע אַדאָראַבל.

בעלאַ האָט באמערקט די אויסגעשטרעקטע האַנט פֿון מסיע פֿראַנסאָן און אים דערלאַנגט איר האַנט. מאַדאַם גרינטוך האָט אַוועקגעלייגט איין האַנט איבער די היפּטן און האַלטנדיק דעם וואָרנענדיקן פֿינגער פֿון דער צווייטער האַנט אין דער הויך — שטאַרק געלאַכט.

יט

ווען די קליינע סאָלאַנזש האָט, ווי געוויינלעך, זייט עטלעכע וואָכן, אָנגעקלאַפּט מיט אירע קליינע פֿינגערלעך אין דער טיר פֿון מאַדמואַזעל בעלאַ — האָט זי נישט געהערט. האָט זי נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט. זי האָט געוואַרט אַ מינוט־צוויי און אָנגעקלאַפּט פֿעסטער. דערנאָך האָט זי פֿאַרלייגט דאָס הענטעלע אין אַ פֿויסט און געקלאַפּט און געקלאַפּט מיט די אַרויסשטייענדיקע שלאָסביינדעלעך. אפֿשר איז זי שוין געגאַנגען, די מאַדמואַזעל? האָט זי געטראַכט. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פֿינגער, בכדי צו דערגרייכן מיט די אויגעלעך צום שליסל־לאָך. אינעם שלאָס האָט געשטעקט דער שליסל. זי האָט צוגעשטעלט דאָס אויער צום שליסל־לאָך און זיך איינגעהערט. פֿון אינעווייניק איז דערגאַנגען צו איר אויער אַ שווער אָטעמען, באַגלייט מיט אַ שנאָרכן און טיילמאָל אויך אַ קול, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ זיפֿץ. אַזוי אָטעמט איר טאַטע אינעם שלאָף, יעדעס מאָל ווען זי וועקט זיך ביינאַכט. יעדעס מאָל, ווען די מאַמע קומט צו איר ביינאַכט און זי

רייסט אויף אירע אויגעלעך, כדי אויסצושטרעקן צו איר אירע הענטעלעך, זי אַרומצונעמען — הערט זי ווי דער טאַטע אָטעמט שווער, וואַרפט זיך אויפן געלעגער, שנאַרכט און זיפצט — אַזוי לאַנג, ביז אירע אויגעלעך פאַרמאַכן זיך אויפסניי און די מאַמע קומט צו איר צוריק. איצט אָטעמט די מאַדמואַזעל אויך אַזוי שווער.

זי האָט נאָך אַ קלאַפּ געטאָן שטיל מיטן פויסטל, אויפגעשטעלט זיך אויפסניי אויף די שפּיץ־פינגערלעך און אַריינגעזאָגט אינעם שליסל־לאָך אַריין: „באָן זשורנעע, מאַדמואַזעל", און „באָן זשורנעע, שערי", און אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ מיט גיכע טריטעלעך, מורא האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן אין שולע.

בעלאַ האָט אויך נישט געהערט דאָס קלאַפּן אין טיר פון האַרצקען. ער איז געקומען גאַר פרי, איידער ער גייט צו דער אַרבעט. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס זי מאַכט. ער האָט געוואָלט וויסן צי זי האָט געפונען די מעדיצינען, וואָס ער האָט איר געבראַכט ביינאַכט. ער האָט געקלאַפּט דיסקרעט איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל אים אַריינרופן, אַריינבעטן. אָבער קיין שום קול איז נישט געקומען פון אינעווייניק און קיינער האָט אים נישט אַריינגעבעטן, פּונקט ווי ביינאַכט. צי זאָל ער נישט וואַרטן מער און אַליין אַריינגיין, ווי ביינאַכט, מיטן פּעקל מעדיצינען ?...

ווען ער איז זיך צעגאַנגען מיטן דאָקטאָר, האָט ער דערפילט אין דער האַנט אַ צונויפגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז די רעצעפּט, וואָס ער האָט בעתן אַרויסגיין אַ כאַפּ געטאָן פון טיש אַראָפּ. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נעבן גאַר־די־נאָר איז פאַראַן אַן אַפּטייק, וואָס איז אָפן ביז נאָך האַלבע נאַכט. עס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו זוכן אַ רפואה אינמיטן נאַכט פאַר אַ שכן. ער האָט געוווסט, אַז די אַפּטייקן עפענען זיך ערשט ניין אַ זייגער. און אַזוי ווי ער שטעלט זיך צו דער אַרבעט אַ פערטל צו אַכט, וועט ער דאָך אינדערפרי נישט קאָנען איינקויפן די רפואות, ווען ער וועט זי גיין באַזוכן פאַר דער אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן אויפצוזוכן די אַפּטייק נעבן גאַר־די־נאָר.

עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט און די לופט איז געווען אָנגעלאָדנט און שווער צום אָטעמען, ווי ערב אַ נייעם שטורעם.

זעט זיך אויס, אַז עס האָט נאָך ווייניק געדעגנט און אַז באַלד וועט זיך איבעררײַסן דער שטורעם־רעגן פֿון היינט אָוונט. פֿון די באַלויכטענע שוי־פֿענצטער און פֿון די אָפֿענע קאַפֿעען האָבן געשלאָגן פֿאַסן ליכט און אָפּגעקלאַפּט זיך מיט אַ גלאַנץ אינעם גליטשיקן אַספֿאַלט פֿון דער גאַס. הארצקע איז געגאַנגען גיך. ער האָט דורכגעשניטן די גאַסן און פֿאַרקירצט דעם וועג, ווי עס וואָלט אים עפּעס נאָכגעיאָגט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין גיין קויפֿן אַ דרינגענדיקע רפֿואה פֿאַר אַ חרוב־קראַנקן. ער האָט געשטעלט לאַנגע טריט און גיכע, ווי פֿון דער גיכקייט און פֿון דער לענג פֿון זײַנע טריט וואָלט געוועזן אָפּהענגיק אַ מענטשלעך לעבן. ער איז געגאַנגען נאָענט בײַ דער מויער, בכדי זיך אָנצוהאַלטן, אין פֿאַל ווען ער גליטשט זיך אויס. אויטאָס זענען געפֿאָ־ן לאַנגזאַם. דער נאַסער אַספֿאַלט־שפּיגל האָט געדופֿן צו פֿאָרזיכטיקייט. אינעם גלאַנץ פֿון בויכיקן אַספֿאַלט־וועג האָט ער פּלוצים זי באַמערקט. אָט זעט ער נאָר איר קאָפּ און נאַקן, אויף די שטיגן, וואָס פֿירן צום אײַזנבאַן, אויטאָמאַטישן מעטראָ־טירל. און אָט פֿאַרשווינדט זי פֿון זײַנע אויגן און קללות טראָגן זיך אינעם חלל, בייזע אויסרופֿן, געמישט מיט קרעכצן, מיט ווײ־אויסרופֿן אויף יידיש, אויף פּויליש. און פּלוצים — דער רעש פֿון אָנקומענדיקן צוג, פֿון סקריפּנדיקע וואַגאָן־טירן און פֿון געדראַנג פֿון מענטשן, וואָס שטופּן זיך דורך די צעפּראַלטע וואַגאָן־טירן, רייסן זיך אַרײַן אינעווייניק, און פֿון הינטן קומט א נייע כוואַליע מענטשן. זיי העלפֿן זיך אונטער ביים געשטופּ מיט הענט און אַקסלען, מיט קני און בויך, און ווער מיטן אַרויסשטײַענדיקן פֿאַרנט און ווער מיטן קאָפּ. און עס פֿאַלן כאַרכלדיקע קולות, און בייזע באַמערקונגען אויפֿן חשבון פֿון די, וואָס זענען פֿון הינטן און שטופּן זיך, ווי עס וואָלט שוין געווען דער לעצטער צוג, ווי אין צוויי מינוט אַרום וואָלט נישט געקומען נאָך אַ צוג... און אונטער די פֿיס פֿון די איבערגעבליבענע פּאַסאַזשירן — זי. עטלעכע מענטשן שטייען אַרום איר. מען וועקט זי, מען טרייסלט מיט איר. זי ליגט שטײַף, אָן באַוווסטזיין. עס קומט דער שעף פֿון דער סטאַציע. מען טראָגט זי אַרויף אויף דער באַנק, נעבן וואַנט. איר לינקער אַרבל איז אויפֿגעריסן, ביז אַרויף. און אויפֿן אָרעם — א נומער. אַ לאַגער־נומער. פֿון צייט צו צייט גיט זי אַ שפּרונג אויף, אַ צאַפּל מיטן גאַנצן גוף, און עפֿנט אַ פּאָר פֿאַרוואָרפֿענע אויגן, ציטערט אַרויס

פון די פאַרשטייפטע ליפּן: מאַמע, מאַ־מע. און אַט אַ פּיף, אַ געקלונג און אַ רעש פון אַ נייער מעטראָ־באַן. און אַט רייסט זי זיך אויף און לויפט. און ער כאַפּט דעם בייטל און לויפט נאָך. לויפט נאָך אַ פרעמדער פרוי. דאָס הינטערשטע קאַפּע־צימערל. דאָס פאַרליבטע פּאָרל. און אַט — אַ טאַקסי. שנעלער, שנעלער — איילט ער דעם שאָפער. גיכער! ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן. אַט, אַ שטייגער ווי איצטער. שנעלער, האַרצקע — האָט ער געוועדט צו זיך. און צוגעאיילט נאָך גיכער זיינע טריט. אַט איז גאַר־די־נאָר.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער אָנגעקומען אַהערצו: באַטרעטן די פרייע און אויסגעבענקטע ערד פון פרי־יהייט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון פּיין און קנעכטשאַפט, דירעקט פון לאַגער אַרויס, דירעקט פון פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד. שוין נישט געווען יענער טויטן־לאַגער און נישט יענע היטערס מיט הינט. אַמעריקאַנער הי־טערס אין מיליטערישע מונדירן און דזשאָינט־יידן, מיט עסן אי־בער דער זעט, מיט וויטאַמינען און פּעניצילין. אָבער דאָך אַ לאַ־גער, מיט דיסציפּלין, מיט געמאַסטענע פּאָרציעס, מיט מויערן, מיט באַוועגונגס־באַגרענעצונגען. נישטאָ קיין עלעקטריזירטע שטאַכל־דראָטן אַרום, אָבער נישטאָ וווּ צו גיין, וווּ צו אַנטרינען. די וועלט איז פאַרמאַכט. קאָמיסיעס פון אַלע באַפרייטע לענדער קומען זוכן זייערע צוגעהעריקע, נעמען זיי מיט. קיינער קומט נישט אויסלייזן די פּוילישע יידן. ווען וועט קומען אונדזער גואל? ווען וועט קומען אונדזער גואל?! אַט, אַ פראַנצויזישע קאָמיסיע. מען זוכט פראַנ־צויזן. יידן, דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייך, מעלדן זיך. זיי האָבן נישט קיין פּאַפּירן. דער איינציקער באַוויז — קענטעניש פון דער שפּראַך. אַז די וועלט איז נאָך תמיד פול מיט שקר — זאָל זיין נאָך אַ שקר! זעקס יאָר גימנאַזיע־פראַנצויזיש און צוויי יאָר בוכהאַלטער־פראַנצויזיש איז גענוג אויף אויסצוהאַלטן דעם שפּראַך־עקזאַמען. זאָל לעבן דער הייליקער שקר! זאָל לעבן פראַנקרייך!

שפּעטע נאַכט. נאָך שפּעטער ווי איצט. עס האָט אָבער אויס־געזען אַ סך העלער, אַ סך ליכטיקער. אינמיטן נאַכט האָט די זון געשיינט! אַ געמיש פון קולות: פראַנצויזיש, יידיש, פּויליש. און אַ מאָמעדיקע שטימע דערנענטערט זיך: פונוואַנען? נישט פון שעדלעץ צומאָל? און אַ ייד, מיט אַ ווייסער באָרד, שלעפּט ביי

די פּאָלעס: נישט צומאָל פון סקערנעוויץ, נישט פון בענדין? און פון אַלע זייטן: נישט פון קאַליש? נישט פון לאָדזש? נישט פון קעלץ? און איינער וויל דווקא וויסן דעם נאָמען. האָ, לאַפּידעס? האַרצקע לאַפּידעס?! פון די טשענסטאָכאָווער לאַפּידעסעס, פון די טאָמאַשאָווער? און פון וועלכן געטאָ? פון וועלכן לאַגער? יאָ, אפשר זיך באַגעגנט דאָרטן מיט מענדל פּאַגאַל, אַ שוואָגער, געדאַרפט דאָרט זיין; צי לעבט ער כאָטש? און אָט, דערלאַנגט מען קאַפּע און אַ צובייסן און מען רעדט צו אים יידיש, און מען פירט אים אין אַן אויטאָ, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן: דאָ וועט איר איבערנעכטיקן. אַ גוטע נאַכט. אַ גוט יאָר. אַ גוטע נאַכט. אַ גוט יאָר, יידישע מענטשן. אַ גוטע נאַכט דיר, האַרצעדיק פּאַריז...

און אָט איז ער שטיין געבליבן נעבן דער אַפּטייק מיט דעם פינקלדיקן גרינעם שטערן. ער איז אַריין. אַוועקגעלייגט די רעצעפּט. פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? גענומען דאָס פּעקל מיט רפואות און געלאָזט זיך צו דער טיר. מען רופט אים צוריק. ער האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן. זייט מוחל. אינגאַנצן צעטראָגן; אַ שווער קראַנקע. זייט מוחל. „עס מאַכט נישט אויס. מען זעט עס אָפט אין אַפּטייק, בפרט ווען עס גייט אין אַ שווערן פאַל. איר זייט אַנטשולדיקט". ער האָט אַוועקגעלייגט אַ באַנקנאָט און נישט געוואַרט ביז מען וועט אים אַ רעשט צאָלן. „מסיע", האָט דער אַפּטייקער אים נאָכגערופן, „אייער רעשט-געלט!". ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געלאָפן פאַראויס. דורכגעמאַכט אויף צוריק דעם זעלבן וועג וואָס אַהערצו. פּלוצים איז ער שטיין געבליבן נעבן זעלבן טויער אויף רואַ-דע-סיאָן. ער האָט זיך אָנגעלענט אינעם ראַנד פון טויער און שווער געאָטעמט. דערנאָך איז ער אַריין אינעם טויער, פאַרדרייט לינקס און געשטעלט דעם רעכטן פוס אויפן ערשטן טרעפּל. פּלוצים איז עפּעס דער פוס געוואָרן ביי אים אַזוי שווער. ער האָט אים נישט געקאָנט אָפּהויבן פונעם טרעפּל-ברעטל. ער האָט אוועקגעלייגט די לינקע האַנט אויף דער שטיגן-ראַמפּע, בכדי זיך אונטערצוהעלפן. אָבער די פיס האָבן זיך נישט באַוויגן.

— וווּ גייסטו איצטער, אַזוי שפּעט ביינאַכט? און ווי פּאַסט עס צו גיין צו אַ פרעמדער פרוי אַזוי שפּעט? — האָט אים געמאַטערט אַ פראַגע און געשטערט צו הויבן דעם פוס. עס פּאַסט דאָך נישט. זי איז דאָך דיר אַ פרעמדע.

— יאָ, אַ פרעמדע, האָט ער איבערגעחזרט, און גיך צוגע־געבן — און נישט קיין פרעמדע. עס האָט זיך אים פלוצים גע־נומען דאכטן ווי ער וואָלט זי שוין געקענט ווער ווייס ווי לאַנג. ווי דער אומגליק אינעם מעטראָ־וואָקזאַל וואָלט געשען שוין לאַנג צוריק, און ווי נישט געציילטע מינוטן וואָלט ער פאַרבראַכט אין איר צימער, נאָר אומצאָליקע שעהן, אָוונטן גאַנצע.

— נישט קיין פרעמדע, האָט ער איבערגעחזרט און גענומען שטעלן אַ טריט. און נאָך אַ טריט. און צוריקגעשמועסט, האָט ער גערעדט צו זיך: איז זי דאָך אַ קראַנקע, אין אַ סכנה; איז דאָך נישט שייך אַ פרעמדע, צי נישט קיין פרעמדע. יעדער ליידנדי־קער איז אַ נאָענטער, איז אַ קרוב, אַפילו אַ חיה וואָס ליידט. טראָגט ער דאָך די מעדיצינען אינעם פּאַפּיר־בייטל; ער איז דאָך גע־לאָפן זוכן מעדיצינען פאַר אַ שווער קראַנקער. ווער ווייס, אפשר איז זי טאַקע אויף אַן אמת שווער קראַנק, און מען מוז זיך צו־איילן.

און אָט איז די טיר פון דער שכנטע, אין וועלכער ער האָט ערשט נישט לאַנג געקלאַפּט. מאַדאַם גרינטוך איז אויפגעשריבן אויף דער טיר. און אונטער איר נאָמען, נאָך אַ צעטעלע: מאַדאַם און מסיע ש. עלקון, און אונטער דער גרעסערער שורה מיטן נאָ־מען — אַ קלענערע און דינערע שורה: זשורנאַליסט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע און געטראַכט: ער וועט אָנקלאַפּן און אַ פרעג טאָן דעם זשורנאַליסט — ער מוז דאָך זיין אַ קלוגער מענטש, אויב ער שרייבט אין די זשורנאַלן: — זאָגט נאָר, קלוגער מענטש, צי איז רעכט ארויפצוגיין צו אַ פרוי, וואָס מען קען קוים, אין אַזאַ שפּעטער שעה; צי מעג מען? און בכדי נישט צו באַקומען פון אים אַ נעגאַטיווע תשובה, האָט ער תיכף צוגעגעבן: זי איז אָבער קראַנק, מסיע עלקון; נעמט עס אויך אין באַטראַכט, מסיע זשור־נאַליסט. און דערצו האַלט איך אין האַנט אירע רפואות.

און אויסציִענדיק די רעכטע האַנט, צו ווייזן דאָס זעקל מיט רפואות, האָט זיך אים געדאַכט, ווי מען גיט אים אַ צי ביי דער האַנט און ווי מען וואָלט אים אַ שטויס געטון פאַראויס, אַרויפצו, אַ שטאָק העכער. ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר פון דער קראַנקער, מיט דעם אויסגעשטרעקטן רפואות־פּעקל געדיכט אויף

דער סאַמע טיר. ער האָט גיך איינגעצויגן דעם אָרעם און צוגע־שטעלט אַן אויער צו דער טיר. עס איז געווען רואיק אינעווייניק. ער האָט זיך איינגעבויגן צום שליסל־לאָך. עס איז געווען פֿינצ־טער. מסתמא איז זי איינגעשלאָפֿן. איז בעסער נישט קלאַפּן. בע־סער נישט וועקן בעתן ערשטן שלאָף, וואָס איז דער בעסטער... זי האָט פֿאַרדינט אַ מנוחהדיקן שלאָף, נאָך אַזאַ איבערלעבעניש. זי שלאָפֿט דאָרטן מיט אַ רואיקן שלאָף, ווי אַ פּרינצעסין, וואָס וואַרט אויפֿן קעניגלעכן ריטער. און אירע לאַנגע, גאָלדענע האָר זענען פֿאַרוואָרפֿן אויף פֿאָרנט און פֿאַרדעקן דאָס שיינענדיקע פּנים, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען דיביילן אויפֿן שיינעם שטערן, די בלויע סימנים אויף אירע צעגליטע בעקעלעך, און די אונטערגעהויבענע ליפּ. און אָט זעט ער דעם אויבערשטן ראַנד פֿון איר ביוסטהאַלטער, וואָס קוקט אַרויס דורך דער איינגעריסענער און פֿונאַנדערגע־קנעפּלטער בלוזקע. יאָ, און וואָס פֿינקלט דאָרטן פֿונדערווייטנס? יאָ, דאָס זענען די גלעזערנע קנעפּלעך פֿון איר בלוזקעלע. זיי וואַלגערן זיך נעבן דער וואָקזאַל־באַנק. פֿאַרוואָס האָט ער זיי נישט אויפֿגעהויבן דעמאָלט? ער וואָלט זיי איר איצט דערלאַנגט. אָבער, נישט קיין קנעפּלעך איז ער דאָך געקומען איר ברענגען איצטער צום בלוזקעלע, נאָר רפֿואות, צו ראַטעווען די נשמה, דאָס חיות! וואָס שטייט ער דאָ ווי אַן אָרעמער און אומדרייסטער גאַסט היב־טער דער טיר? און אפֿשר זענען עס שוין אירע לעצטע מינוטן? אפֿשר איז נאָך צייט זי צו ראַטעווען? אפֿשר קאָנען נאָך די רפֿואות העלפֿן?

נישטאָ מער קיין רגע צום פֿאַרלירן.

ניין זי איז נישט טויט. זי אָטעמט. די ברוסטן הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. נישטאָ מער דאָס צעריסענע בלוזקעלע און דער האַרטער ראַנד פֿון ביוסטהאַלטער. לבֿנה־שטראַלן וואַנדערן איבערן בעטל, איבער איר געבלימלט נאַכט־העמד, איבער דעם רוקן פֿון איר געטאָקטן נעזל, איבער די לאַנגע פֿינגער פֿון אירע אויסגעצויגענע הענט. און אירע לאַנגע האָר זענען קיין האָר נישט, נאָר שטראַלן, נאָר אַ זילבערנע כּישוף־קרוין מיט אַראָפּהענגענדיקע טראָלדן, וואָס פֿאַלן איבערן שטערן, איבער די באַקן, איבער דעם פֿאָרנט און כוואַליען מיט, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

כ

א שטאַרקער ווינט, וואָס האָט פּלוצים אַ יאָג געטאָן דורך דער עפענונג פון בוידעם־פענצטערל און געריסן זיך צו דער אָפּ־געהילטער טיר, וואָס ער האָט נישט פאַרמאַכט הינטער זיך, האָט אים אַרויסגעריסן פון געפלעף. ער האָט אַ ציטער געטאָן: — וואָס טו איך דאָ, אין דער פרעמדער שטוב, נעבן בעט פון אַ שלאָפנ־דיקער פרוי, אַזוי שפּעט ביינאַכט?

ווען ער האָט זיך פּלוצים געפונען אינעם קאַלטן און פינצ־טערן דרויסן, האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּשאָקלען פון זיך אַ מאַטערנדיקן חלום. ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז זיינע הענט זענען פריי, אַז ער האָלט נישט מער דאָס אַפּטייק־פּעקל. האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אויף זיין פּנים:

— גוט אַזוי. זי וועט זיך איבערוועקן און געפינען דאָס פּעקל. וועט זי נעמען פון די רפואות און גיכער געזונט ווערן.

און אַ צופרידענער, האָט ער גענומען שפּאַנען צו זיך אהיים. ער האָט געוווינט אויפן צווייטן עק פון בעלוויל, אויף רי האַקסאָ. אַ משפּחה פון צוריקגעקומענע פון אוישוויץ האָט אים אַריינגענו־מען, אים מקרב געווען, אים אָפּגעגעבן אַ צימער. די דירה איז זיי געווען צו גרויס. זיי זענען אַוועק זאַלבע־זעקסט און צוריקגעקו־מען זאַלבע־פערט. צוויי קינדער דאָרטן געלאָזן. צוריקגעקומען זע־נען טאַטע־מאַמע און די צוויי עלטסטע קינדער, דניאל און פרידע. מען האָט פאַרשידן גערעדט וועגן זיינע באַלעבאַטים. מען האָט זיך געסודעט וועגן דניאלן, אַז ער איז דאָרטן געווען אַ קאַפּאָ, און אַז זיין טאַטע, אייזיק פייגמאַן, האָט געגנייט פאַר די לאַגער־קאָמענדאַנטן, און אַז פרידע האָט געאַרבעט אין לאַגער פון מלבו־שים, נאָך די פאַרגאַזטע. וואָס בייזע צינגער האָבן אַלץ נישט צו־זאַמענגעשטעלט, הגם קיינער איז נישט געווען דערביי. עס האָט זיך פּשוט נישט געלייגט אויפן שכל, וואָס אייזיק איז צוריקגעג־קומען מיטן ווייב און צוויי קינדער, אין דער צייט ווען פון אַנ־דערע משפּחות איז זעלטן ווער צוריקגעקומען... נישט געווען ווײ־ניק קנאה אין די אַלע ריידערייען. מען האָט אים פּשוט נישט פאַרגונען דאָס מזל זיינס, אייזיקן. און דערצו נאָך, וואָס ער האָט תיכף איינגעקויפט זיך מאַשינען, געשטעלט זיך אַרבעטן, און

מצליח געווען אין געשעפטן. אין דער צייט, ווען אַלע אַנדערע צוריקגעקומענע האָבן געלעבט פון דזשאָינט, פון „קאָזשאַסאָר“ און קוים צוזאַמענגעשטעלט חיונה, איז ער דאָך געווען אַ ייד, אַ גביר, אייזיק פייגמאַן, פאַר דער מלחמה, איז דאָך מעגלעך, אַז ער האָט פאַרבאַהאַלטן געלט און עס אַפּגעפונען שפּעטער צו־זאַמען מיט זיין דירה — און אַ מזל פון אַ ייד — איבערגענומען זיין אַלטע דירה אָן פּראָצעסן! — ניין, מען האָט אים נישט גע־גלויבט. דאָס געלט זיינס מוז זיך נעמען פון מיאוסע געשעפטן דאָרטן, פון גיהנום אַרויס... און נאָך אַ באַוויז, אַז זייער געוויסן איז נישט ריין, איז דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן זייער אַדרעס אין דזשאָינט, צווישן די וואָס זענען גרייט אויפצונעמען אַ פּליט און אים אָפּצוגעבן אַ צימער אינגאַנצן אומזיסט... איי, וואָס זיי זענען ערשט געווען היימלאָז און געוואַלגערט זיך אין לאַגערן, און קאָנען זיך אריינפילן אינעם בייזן טעם פון א היימלאָזן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן פּרנסה — דאָס זענען שטותים, דאָס האָט זיי גאָר געשטויסן דערצו אַ פאַרבאָרגן שולד-געפיל...

האַרצקע האָט נישט געלאָזט רעדן קיין שלעכטס אויף זיי. אמת, ער האָט געזען אין די לאַגערן אויך יידן, וואָס האָבן זיך נישט לייטיש אויפגעפירט. ער האָט זיי אָבער קיינמאָל נישט פאַרמשפּט ביז אַרונטער. ער האָט תמיד געזוכט אַ זכות. ווי איז עס געווען מעגלעך צו בלייבן מענטש, ווען געוועלטיקט האָט די חיה און אירע געזעצן פון דזשונגל? און אפשר איז גאָר אונדזער מענטש־לעכקייט געווען די שוואַכקייט, וואָס האָט דערמוטיקט די חיה. מיר האָבן געוואָלט זיין יידן און מענטשן, אין דער צייט ווען דער שונא האָט געזוכט צו זיין בלויז בעסטיע און וואָס מער בעסטיע, און זיין בעסטיאַלישקייט פאַרוואַנדלט אין אַ סיסטעם, אין אַ לעבנס־פילאָזאָפיע. מיר האָבן אין געהיים געשאַפן שולעס, תלמוד־תורהס, געשפּילט טעאַטער אין די קעלערס און אַרויסגעגעבן געהיימע שריפטן, געהאלטן לעקציעס וועגן יהדות, הומאַניזם, מענטשלעכ־קייט, סאָציאַליזם, ארץ־ישראל, אחרית־הימים... הלוואי וואָלטן מיר דעמאָלט געווען וויניקער יידישע מענטשן, און באַלד אין אָנהויב זיך געזאַמלט אין די קעלערס און פאַרבאָרגענישן אַלערליי אויף צו שלייפן מעסערס, אויף שאַפן אויפרייס-מאַטעריאַל, גראַנאַטן, כלי־זיין און געאיבט זיך אין פאַרטיזאַנען־טאַקטיק, באַלד אין אָנ־הויב, נישט ערשט ביים אָנקום פון סוף... וואָס טוט אַ טויכער, ווען

ער לאָזט זיך אונטערן וואַסער? ער האַלט איין דעם אָטעם. ער איז געאיבט דערצו. וועט אים נישט אויסמאַכן, וואָס ער וועט נישט אָטעמען געציילטע מינוטן. ער האָט ביאָלאָגישע רעזערוון פון לעבנס־זויערשטאָף. אַרויסטויכנדיק פון דער שטיקנדיקער טיפע־ניש, וועט ער דאָך ווידער אָטעמען מיט פרישער לופט און ליכט. אַזוי האָבן מיר געדאַרפט איינהאַלטן דעם אָטעם דאָרטן, ווי אַ טויכער... און וואָס טוט אַ רייזנדיקער, ווען ער קומט אַריין אין אַ פינצטערן טונעל? אָדער ער בלייבט זיצן אינעם חשכות, אָדער ער צינדט אָן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. ער ווייסט, אַז ער וועט דורך דעם נישט בלייבן פאַרפינצטערט, אָדער אַז ער וועט זיך צוגעוווינען צו קינסטלעך ליכט. ער ווייסט, אַז דאָס וועט אים דערלויבן אַדורכצוקומען דעם טונעל און אַז אויף יענער זייט וואַרט אויף אים דאָס נאַטירלעכע ליכט און פרישע לופט. נו, דאַרף מען וואַרפן שטיינער אויף די, וואָס האָבן זיך אויפגעפירט ווי יע־נער טויכער, אָדער יענער טונעל־רייזנדיקער?!...

אָט די, און ענלעכע געדאַנקען איז אים אויסגעקומען צו אַנט־וויקלען יעדעס מאָל, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן קריטי־קירן די חטאים פון דעם, אָדער יענעם דעפּאָרטירטן, קאַצעטלער, געטאָ־ייד. און בעת אַ „פּרייטיק צו נאַכטס" פון דר. מאַרק דוואָר־זשעצקי, ווען אַ פול־געפּאַקטער עולם איז געקומען באַערן די קדו־שים פון געטאָ-וואַרשע, האָט ער, האַרצקע, געמאַכט אַ צווישנ־רוף: „דער אויפשטאַנד פון וואַרשע איז געקומען מיט צוויי יאָר צו שפּעט!". האָט זיך געמאַכט אַ מהומה אין זאַל. מען האָט גע־נומען שרייען: „אַרויס, אַרויס, פּראָוואָקאַטאָר, אַרויס מיט אים!". און ווען ער איז שוין געווען ביים אַרויסגאַנג, אַנגעטריבן דורכן עולם, האָט ער נאָך אַ וואָרף געטאָן צום זאַל: „הלוואַי וואָלטן מיר נישט געווען קיין פאָלק פון קדושים, אַ פאָלק פון מאַרטירער, נאָר פון קעמפער, פון גבורים, און אַפילו פון מערדער, ווי די וועלט אַרום אונדז — וואָלט מען אונדז אין די געטאָס נישט געטריבן; אַ וועלט וואָלט אונדז רעספּעקטירט מיט מענטשן צוגלייך, און וואָלט זיך אפשר צוגעהערט צו אונדזערע וואָרענונגען ערב־מלחמה און צו אונדזערע ווײ־געשרייען פון די געטאָס און קאַצעטן!"...

און ווען אַ גרויסער עולם איז געקומען אָפּגעבן כבוד, אויפן רוף פון דר. מאַרק דוואָרזשעצקי און „אונזער וואָרט", אין

„האָטעל מאָדערן", אויף רעפּובליק, אַ שפּעטן קרבן פֿון נאַציזם, אַ פּאַרצווייפֿלטע יידישע פּרוי, וואָס האָט איבערגעלעבט קאַצעטן און נישט קאָנענדיק בייקומען די שוועריקייטן פֿון אַן עמיגראַנ־טיש לעבן — באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט ער, האַרצקע, ווי־דער זיך געלאָזט הערן: „איר זייט שולדיק. די יידישע מנהיגים זענען שולדיק, וואָס מען האָט אונדזער דור נישט צוגעגרייט צו אַ האַרטן קאַמף, נאָר אים געגעבן מיט אילוזיעס אין מענטשלעכן יושר, אין אייגענער קדושה און אויסדערוויילטקייט. איז קיין וווּנ־דער נישט, וואָס די פּרוי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן אין קאָנטאַקט מיט דער חיהשער ווירקלעכקייט, מיט דעם נאָך-קאַצעטישן היב־טישן לעבן. אַנדערש האָבן זיך די זעלטענע געראַטעוועטע פֿון די נעגל פֿון טויט פֿאַרגעשטעלט די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפֿריי־אונג. אויף די הענט האָט מען זיי געדאַרפֿט טראָגן און זיך שפּיג־לען אין זיי, די ניסימדיקע יידן. און דערווייל?... בעטל־ברויט שיקן זיי אונדז, די אַמעריקאַנער יידן, אָפּגעטראָגענע מלבושים, און פּושקעס, און אַ מחנה אַמעריקאַנער יידישע באַאַמטע, מער אַמע־ריקאַנער ווי יידן, מער באַאַמטע ווי יידן... אַנשטאָט פּראָדוקטיווי־זירן דאָס לעבן פֿון די ניצול־געוואָרענע, אַנשטאָט עס צו אָריענ־טירן צו אַ זעלבסטשטענדיקע חיונה — באַגנוגנט מען זיך מיט בעטל-ברויט, וואָס איז דעמאָראַליזירנדיק... ניין, די שולד איז נישט פֿון דער פּרוי. און זי איז נישט נאָר זייער קרבן, נאָר אויך אונדזער קרבן!".

די דאָזיקע געדאַנקען זענען שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די פֿייג־מאַנס, זיינע באַלעבאַטים. זיי האָבן נישט דורכגעלאָזן קיין אייב־ציקן פֿון די „פּרייטיק־צו־נאַכטסן", ווי אויך נישט קיין איינציקן אָוונט, מיטינג אָדער פֿאָרלעזונג, איינגעאָרדנט דורך דער פֿעדע־ראַציע, יידישן שרייבער-פֿאַראיין, אָדער „בונד", ווו זיי האָבן זיך געריכט, אַז האַרצקע קאָן דאַרטן נעמען אַ וואָרט, אָדער מאַכן אַ צווישנרוף. זיי פֿלעגן גיין אַלע פֿיר צוזאַמען און פֿלעגן זוכן צווישן עולם זייער לאָקאַטאָר און אָנשטעלן די אויערן אויפֿצו־כאַפּן זיינס אַ וואָרט, אַ באַמערקונג. דניאל פֿלעגט אים געווינ־לעך דער ערשטער באַמערקן מיט זיינע שפּיציקע אייגעלעך, האָט ער געמעגט זיך געפֿינען צווישן דעם געדיכטסטן עולם, ערגיץ אין אַ ווינקל. און פֿרידע פֿלעגט זיין די ערשטע אינעם זאַל, אויף צום אַפּלאָדירן. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זי גענומען

פּאַטשן מיט די הענט און אינמיטן בעסטן פלעגט זי נעמען שריי־
ען אויפן הויכן קול: „בראַוואָ, בראַוואָ, גוט גערעדט!". זי האָט
נישט געקוקט דערויף וואָס דער אַרומיקער עולם פּראָטעסטירט
און מאַכט פּיינטלעכע באַמערקונגען, וואָס אַ חוץ איר און איר
משפּחה שליסט זיך קיינער נישט אָן אין די אַפּלאָדיסמענטן. זי
איז געשטאַנען, מיט איר קורץ געשוירענעם קאָפּ און אַרויסשטיי־
ענדיקן פּאָרנט איבער דעם זיצנדיקן און צעחידושטן עולם, און
געקלאַפּט איין האנט אין דער צווייטער וואָס אַמאָל שטאַרקער.
„אַרויס!" — האָט דער עולם געשריגן. „גיטס נאָר אַ קוק ווי זי
צערייסט זיך עס דעם יאַשטשיק, די חצופה!". „ביסט אַליין אַ
חצופה!" — האָט זי צוריקגעשריגן. „גיטס נאָר אַ קוק וואָס איז
געבליבן לעבן, משטיינס געזאָגט. דאָס בעסטע איז געבליבן אין
די קאַלכאָויוונס. הפקר־מויד!". „ביסט אַליין אַ הפקר, אַ הפקר־
בריאה!" — איז זי קיינעם נישט געבליבן שולדיק.

דעם אָוונט לכבוד דער פּאַרצווייפלטער יידישער פרוי האָט
זי זיך געפונען מחוץ דעם זאַל, צוזאַמען מיט אים, מיט האַרצקען.
דער עולם האָט זייביידן פּאַרטריבן. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט.
עטלעכע מענטשן האָבן זיך געשטעלט אויף זייער זייט. עס האָט זיך
געמאַכט אַ טומל. עס איז געקומען פּאָליציי. בכדי אויסצומיידן
געשלעגן און בזיונות, איז האַרצקע אַרויס פון זאַל. פרידע איז
אים נאָכגעגאַנגען. אָבער, איידער זי איז אַריבער די שוועל, האָט
זי זיך אויסגעדרייט צום זאַל און אַ געשריי געטאָן: „מיר וועלן
צוריקקומען!". זי האָט עס געזאָגט בלשון רבים, מ י ר, נישט
נאָר אין איר נאָמען, נאָר אויך אין זיינעם, ווי ער, האַרצקע,
וואָלט איר געבעטן דערין, אָדער ווי זי וואָלט זיך געפילט באַ־
רופן צו רעדן אויך פאַר אים, ווי אַ שטייגער — אַ ווייב, אַ גע־
ליבטע...

זיי זענען דעמאָלט אַהיימגעגאַנגען צוזאַמען. אייזיק און זיין
פרוי ווי אויך דניאל האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט האַרצקען און
פרידען און אויך פּאַרלאָזט אין דער זעלבער צייט דעם זאַל. האַרצ־
קע און פרידע זענען געגאַנגען פּאַראויס און די פּייגמאַנס זענען
זיי נאָכגעגאַנגען. פרידע האָט אים געהאַלטן פעסט אונטערן אָרעם
און געדריקט צו זיך, ווי קאַמפּס־חברים נאָך אַ געוווּנענער שלאַכט,
און פּאַרכלינעט דורכן נצחון — שווייגן זיי, בכדי בעסער טועם

צו זיין די פּרוכט פֿון זיג. זי האָט אים נישט נאָכגעלאָזן אויך שפּעטער, ווען מען האָט אויפֿגעגעסן דעם שטרודל, וואָס די איי־זיקטע מאַכט יעדע וואָך לכבוד שבת און ווען מען האָט אויס־געטרונקען דאָס הייסע גלאָז טיי מיט ציטרין. מען האָט כמעט נישט גערעדט צו זיך, נאָר געקוקט זיך אין די אויגן, זיך איבערגע־וווּנקען. דער ערשטער האָט צעריסן די שטילקייט אייזיק. ער האָט גענומען הויך געניצן. ער האָט געמאַכט בעת־מעשה אַזאַ רעש, אַז אַלע האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעציטערט. די מאַמע האָט צוגע־שטעלט איר האַנט צום מויל, בכדי צו פֿאַרשטעלן דעם וועג פֿאַר אַ געניץ, וואָס האָט זיך געריסן פֿון איר קעל. דער געניץ איז איר געבליבן שטיין אין האַלדז און זיך פֿאַרוואַנדלט אין קליינינקע הוס־טעלעך. „מען מוז גיין שלאָפֿן" — האָט זי געזאָגט צווישן איין הוסטל און צווייטן און מיט דער האַנט ביים מויל. „מען מוז שוין באַלד עפֿענען די אַטעליע... אַ גוטע נאַכט, קינדער". אייזיק האָט נאָכגעזאָגט די לעצטע ווערטער פֿון זיין ווייב און נאָכגעגאַנ־גען איר.

דניאל האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און אַ נעם געטאָן דעם מאַנטל. פֿאַרן אַרויסגיין האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויפֿ־הויבנדיק די האַנט, ווי צום געזעגענען, אַ זאָג געטאָן מיט איראָ־ניע: „מיר וועלן צוריקקומען!". און געזאָגט האָט ער עס אַזוי ממזריש, אַז אַלע זענען אויסגעבראָכן מיט אַ הילכיק געלעכטער, פֿאַרשטייענדיק די אַנצוהערעניש. אַפֿילו טאַטע־מאַמע האָבן היל־כיק געלאַכט דערפֿון אין דערבייאיקן שלאָפֿצימער.

פֿרידע האָט געטרייסלט זיך פֿון געלעכטער. זי האָט אַרומ־גענומען הערצקען, אים פֿעסט צוגעדריקט צו זיך און געטרייסלט זיך צוזאַמען מיט אים. דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט, אָנ־גענומען הערצקען ביי אַ האַנט און אים אַ צי געטאָן צו דער טיר, וואָס פֿירט אין זיין צימער אַריין. „שוין איינמאָל אַ מזיק, מיין ברודער" — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק, און איבערגעגאַנגען צו אַן ערנסטן טאָן. „מיר האָבן אים פֿיל צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מיר זענען לעבן געבליבן אין קאַצעט. ער פֿלעגט זיך אויסטויגן פֿאַר אונדז אַלעמען. ווען נישט ער, ווער ווייס צי וואָלטן מיר אַרויס לעבעדיקערהייט פֿון דאָרטן". הערצקע האָט זיך געלאָזט פֿירן און אַוועקזעצן אויפֿן בעט. דאָס דערמאָנען די קאַצעטן, האָט אים געמאַכט טרויעריק. „מיר וועלן צוריקקומען!" — האָט זי איי־

בערגעחזרט, דערלאַנגענדיק אים אַ קלאַפּ איבער דעם רוקן, ווי זי וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון אים דעם אומעט, וואָס איז אים פּלוצים באַפאַלן. און געזאָגט האָט זי עס מיט אַ שטים, וואָס האָט דערמאָנט סיי איר פּאַטאָס און פּראָטעסט ביים פאַרלאָזן דעם זאַל און סיי איר ברודערס איראָניע.

— מיר וועלן צוריקקומען, האָט ער איבערחזרט אויטאָמאַטיש.

— געווען אַן אינטערעסאַנטער אָוונט היינט, נישט אמת?

— יאָ, האָט ער צוגעשטימט. ער האָט זיך געפילט אומהיימלעך און פאַרלוירן פּנים אל פּנים מיט דער פרוי. זייט יאָרן האָט ער זיך נישט געפונען אין אַזאַ לאַגע. זייט זיין פרוי איז אומגעקומען דאָרטן, האָט ער נאָכנישט געטראַכט וועגן אַן אַנדער פרוי, וועגן פאַרבינדן זיך מיט אַן אַנדערער.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי קאַרג אין ווערטער, הארצקע? האָט זי געפרעגט, פאַרלייגנדיק איר אָרעם ארום זיין האַלדז. דו קענסט דאָך אַזוי גוט רעדן. פאַרוואָס שווייגסטו איצטער האַרצקע? רעד צו מיר, איך בעט דיך.

איר אַריבערגיין אויף „דו" און אָנרופן אים ביים נאָמען, האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ הייסן עמער. ער האָט געפילט, אַז זיין פּנים ווערט אַרומגענומען מיט פלאַמען.

— ער איז אַ מזיק, דניאל — האָט זי איבערחזרט.

— יאָ, האָט ער געזאָגט.

— געווען אַן אינטערעסאַנטער אָוונט היינט, נישט אמת?

— יאָ, האָט ער געזאָגט.

— מיר וועלן צוריקקומען, האָט זי מיט פּראָטעסט און איראָניע איבערחזרט.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר זיינע פאַרחלומטע אויגן און גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו דער וואַנט, וווּ עס איז אַראָפּגעהאַנגען די באַרנע מיטן לעש־קנאָפּ. זי האָט אַ קוועטש געטאָן.

— אַז דו ווילסט נישט רעדן, האָט זי אים אַ צי געטאָן צו זיך — טאָ, לאָמיר שווייגן, מיין ליבער, לאָמיר שווייגן.

כא

און אָט, גייענדיק באַרג אַרויף די בעלוויל־גאַס, וואָס האָט זיך צוביסלעך געגומען אַרויסטויכן פונעם קלעם פון אַ לבנהדי־קער אָקטאָבער־נאַכט, נאָך אַ רעגן, האָט ער זיך דאָס אַלץ דערמאָנט.

— יאָ, ער איז אַ מזיק, דניאל. יאָ, מיר וועלן צוריקקומען — האָט ער גערעדט צו זיך און געשמייכלט.

די משופּעדיקייט פון דער גאַס האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. אַ קילער ווינט, וואָס האָט געטריבן די געדיכטע נאכט־שאָטנס פון די ווינקלען צווישן די אָפּגעריסענע מויערן און דעם צעשעדיקטן טראָטואַר, האָט פאַריאָגט דעם שלאָף פון זיינע פיס, פון זיינע אויגן.

— יאָ, געווען אַן אינטערסאַנטער אָוונט, האָט ער איבער־געחזרט מעכאַניש, ווי עפּעס אַ ווייטער, אַ פאַרשפּעטיקטער ווי־דערקול.

אַ האַרט שטיק, וואָס האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פון טראָטואַר, האָט זיך געגומען פּלאָנטערן אונטער זיינע פיס. ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. ער האָט עס אַ קאָפּע געטאָן צום וועג צו און עס איז געפאַלן מיט רעש, קייקלענדיק זיך באַרג אַראָפּ. ער האָט זיך אויס־געדרייט און נאָכגעקוקט ווי דער שטיין קייקלט זיך אַראָפּצו, פּאַמע־לעך, קעמפנדיק קעגן דער קלעפּיקער רעגן־שיכט איבערן אַספאַלט.

— אָבער דער היינטיקער אָוונט איז נאָך אינטערעסאַנטער, האָט ער זיך צוריקגעשטעלט מיטן פּנים אַרויפצו, און געגומען ווייטער שפּרייזן. אַ סך אינטערעסאַנטער, האָט ער איבערגעחזרט. און ווי ער וואָלט וועלן איבערצייגן דערין עמיצן, וואָס וווינט אויבן הויך, עק־גאַס, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ פעסטן קול געגומען צעגלידערן יעדע זילבע; נאָך איג־טע־רע־סאַנ־טער!

קומענדיק נעבן מעטראָ „טעלעגראַף" איז אים אָקעגנגעגאַנ־גען דער אָפענער שטח פונעם קרייצוועג און דער פּלאַן פון אונ־טערערדישן פּאַריז. רעכטס זענען געלעגן איינגעפאַלענע הייזער. דאָ, אין אַ ווינקל־הויז, האָט זיך געפונען דער שטאָב פון דער געס־טאַפּאָ און מיליץ פון 20־טן אַראָנדיסמענט. פון דאָ זענען געקומען

אַלע מערדערישע באַפעלן קעגן יידן, אַלע איבערפאלן און פּאָגראָמען איבער די יידן פון בעלוויל, מעגילמאָנטאַן, ביז לילאַ. דאָ זענען פּלאַנירט געוואָרן אַלע טייוולאַנישע מאַסמיטלען קעגן די פּאַטריאָטן, רעזיסטאַנטן און פּאַרטיזאַנער. ביז, אַ שיינע נאַכט — אפשר אַזאַ נאַכט ווי היינט — האָבן זיך עטלעכע פּאַרטיזאַנער אַריינגעריסן אינעם הויז, טראָץ דער באַוואָפנטער וואַך, און אַ תל געמאַכט פון דעם אַלעם. צענדליקער דייטשן און דערונטער פראַנצויזישע פאַררעטער זענען געפאַלן אונטער די חורבות.

— געבענטשטע חורבות, האָט ער געזאָגט צו זיך. מען וואָלט זיי קיינמאָל נישט געדאַרפט באַזייטיקן און קיינמאָל קיין ניי הויז נישט אויפשטעלן אויף זייער אָרט. זאָלן זיי זיין אַ וואָרענונג און אַ מוסר. פאַראַן חורבות, וואָס זענען שענער ווי די פּרעכטיקסטע פּאַלאַצן, ווי מוזעען און דענקמאָלן. פאַראַן חורבות, וואָס דערציען, וואָס מאָנען דרך־ארץ און וועקן צו מעשים, ווי אַ דראָענדיקע פויסט, וואָס הייבט זיך אַרויס איבער די קעפּ פון אַ גלייכגילטיקן המון.

ער איז געשטאַנען אַ ווייל, אָנגעלענט אין דער אייזערנער ראַמ־פּע פון דעם געשטעל, וואָס שיצט דעם מעטראָ־איינגאַנג פון דער גאַס־זייט. די ראַמפּע און די אייזערנע שטאַנגען זענען נאָך געווען אויסגעבויגן און צעקרומט פון יענעם, אקעגנאיבערדיקן אויפרייס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט זיי, די פּאַרטיזאַנער, וואָס באַ־האַלטן זיך אויס אין דער טיפעניש פון מעטראָ־הייל און וואַרטן אויפן פּאַסיקן מאָמענט, אַז אַ גוט־געפּלאַנטע דיווערסיע זאָל אָפּ־ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער וואַך. און אָט, אַ געפּייף, אַ מאוימדיק געפּייף... זיי לויפן אויף די טרעפּן פון מעטראָ אַרויסצו, מיט די גראַנאַטן אין זייערע הענט, גרייט זיי צו שלײַדערן, און אויב נויטיק — אויפגעריסן צו ווערן צוזאַמען מיטן הויז. און איי־נער טראָגט אַ גרויסן פּאַק מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. זיי לויפן אַדורך די גאַס. און אַ ווייל שפּעטער — אַ שטורעם, אַ געדונער און געבליץ, אַ געקנאַל, אַ געדרודער, אַ געברעך און ווילדע גע־שרייען, פּאַלנדיקע ווענט, פלאַמען און רויך און אַ געפּייף, אַ וואָ־יענדיק געפּייף... עס פּייפט די סירענע אויף אַלאַרם, אויפן שפּיץ פון דער 20־טער מערי. דאָס האָבן די פּאַרטיזאַנער געמאַכט פּייפן די סירענע, כלומרשט אַלס אָנזאָג פון אַ פיינטלעכן לופט־פלי, בכדי צו זייען אַ מהומה, אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די היטער

און דערלויבן די פּאַרטיזאַנער צו אַנטלויפן נאָכן אָפּטאָן זייער שטיקל אַרבעט...

די דאָזיקע מהומה און דאָס פייפן האָבן אים דערמאָנט ביר־קענאַו. די באַן קומט אָן מיט אַ געפּייף. די וואַגאָנען עפענען זיך מיט רעש און געגרילץ. „ראַוס, ראַוס, ראַוס!". מען שטויסט זיך. מען שטופּט זיך. מען טרייבט אָן. „לינקס רעכטס, לינקס, רעכטס!". מען שרייט. מען וויינט. מען רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. „ווי איז מיר!". מען צערייסט משפחות: דער טאַטע — לינקס, די מאַמע — לינקס, זיין פרוי און קינד — לינקס. ער וויל מיטגיין מיט טאַטע־מאַמע און מיט פרוי און קינד. ער רייסט זיך צו זיי, צו גיין אינאיינעם. אָבער ניין. מען שלעפּט אים צוריק און מען קלאַפּט אים איבערן קאָפּ: ניין, ווייל דו ווילסט, וועסטו טאַקע גיין רעכטס. אויף צו להכעיס דיר — וועסטו גיין רעכטס, אויף צעפּיקעניש דיר: רעכטס, רעכטס, רעכטס!... און אָט שטעכט מען אים אויס אַ נומער אויף דעם פאָראַרעם. אַן אויסגעפּרעסענער פּאָלאַק זיצט נעבן אַן אייזערנעם טישל מיט טינט און אַ שטאָלענע פעדער, וואָס בייסט זיך אַריין אין דער הויט. אַ ריי מיט יידן אָן א סוף, מיט אויגן פול מיט פחד, מיט נייגיר, וואַרט צו דערלאַנגען דעם אָרעם. און אַ דייטש מיט אַ גרויסן בויך און קרומע פיס — ווו האָט ער גענו־מען אַזאַ גרויסן בויך און אַזעלכע קרומע פיס?! — שטייט מיט אַ ליסטע אין האַנט און לייענט אַרויס ציפערן, ציפער נאָך ציפער, און דער אויסגעפּרעסענער פּאָלאַק שטעכט אויס ציפער נאָך ציפער. פון איצט אָן זייט איר ציפערן; אויס נאָמען, אויס פאַמיליע־נאָמען, נאָר ציפערן, אַ קייטל פון ציפערן; יודען און ציפערן, זאַו־יודען און ציפערן. און דער דייטש מיטן בויך און קרומע פיס, מיט דער ליס־טע אין האַנט, רופט אים צוריק: „דו, דו, ווי הייסט דו?". „איך? איך הייס, איך הייס — לאַפּידעס, הייס איך". אַ הילכיק געלעכ־טער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דעם אויפגעפּראַלטן מויל פון דעם בייכיקן דייטש און אַ פעסטער זעץ איבערן פּנים שלײדערן אים אַנידער אויפן דיל. אַ פּאָר פעסטע הענט שטעלן אים אויף און אַן אויפגעפּראַלט מויל מיט שפּיציקע ציינער שפּייען אים אין פּנים אַריין ציפערן, איין ציפער נאָכן אַנדערן: „אָט דאָס ביסט דו. אַ ריי פון פינף ציפערן, נישט לאַפּי־דעס; כאַ־כאַ־כאַ, נישט מער אַ נאָמען, נאָר ציפערן, נישט מער מענטש, נאָר — יודע, אַ זאַו־יודע און אַ נומער: כאַ־כאַ־כאַ!"...

און פּלוצים זעט ער אַ ריי פון אַנדערע ציפערן, א פינף־ציפער־דיקער נומער: — ווו האָט ער עס דעם דאָזיקן נומער געזען? דאַכט זיך, אַז אָט ערשט נישט לאַנג. אָט ערשט...

אָט זעט ער דעם ווייסן פרויען־אָרעם מיט דעם אויסגעקריצטן נומער, אַן איידל געטאַקט פּנים, פאַרדעקט מיט לאַנגע און געדיכטע האָר, וואָס פאַרהוילן אַן אָנגעשוואָלענע ליפּ אוןביילן. און אָט — אַ המון, וואָס שטויסט זיך און שטופּט זיך און יאָגט זיך בלינדערהייט און זעט נישט ווי ער טרעט מיט די פיס א מענטשלעכן קערפּער. און אָט איז איר געבלימלט נאַכטהעמד און די פאַררונדיקטע ראַנדן פון אירע אַלאַבאַסטער־ברוסטן. און ער שטייט מיטן פּעקל אונטערן אָרעם און דאָס פּעקל פאַלט אים אַרויס, און ער שטייט און שטייט...

— וואָס שטיי איך דאָ, וואָס טו איך דאָ, וואָס שטיי איך? האָט אַ פראַגע אים אויפגעטרייסלט, ווי א שטיק אייז, וואָס באַקומט זיך פּלוצים ארונטער צווישן העמד און רוקן. און וואָס שטיי איך שוין ווידער? וואָס טו איך דאָ, אינמיטן נאַכט, אָנגעלענט אין דער אויסגעבויגענער ראַמפּע? עס טאָגט דאָך שוין באַלד; וואָס שטיי איך?

ער האָט זיך אָפּגעשטופּט פון דער ראַמפּע און גענומען גיין שנעל. פאַרדרייט אויף לינקס. רי האַקסאָ. אָט איז דאָס הויז פון די פייגמאַנס. ער האָט אַרויסגענומען דעם שליסל און גענומען שטיל אויפשליסן די טיר, קיינעם נישט איבערצוּוועקן. אַריבער די שוועל, האָט ער אַראָפּגענומען די שיך און אויף די שפּיץ פינגער געגאַנגען צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אריינגעשלייכט ווי אַ גנב, ווי איינער וואָס איז באַגאַנגען ווער ווייס וואָס פאַראַ חטא. ער האָט נישט אָנגעצונדן די לאָמפּ, נישט צו פאַרראַטן זיך מיטן רעש, וואָס עס מאַכט דאָס קוועטשן אינעם עלעקטרישן קנעפּל. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אויבערשטע בגדים און דיסקרעט אריין אין בעט, אין די אונטערוועש: נאָך וואָס אָנטון די פּיזשאַמע, אַז סיווי דאַרף ער דאָך באַלד אויפשטיין צו דער אַרבעט?

— גוט־מאָרגן האָט ער דערהערט פּלוצים אַ פּליסטערנדיקע שטים, וואָס באַגריסט אים, און דערפילט ארום זיין האַלדז אַ פּאָר וואַרעמע אָרעמס.

ער האָט דערקענט די שטים פֿון פרידען און אירע פעסטע אָרעמס. זי איז געלעגן נעבן דער וואַנט. זעט זיך אויס, אַז זי האָט געוואַרט אויף אים. ווי אַ שולדיקער, ווען מען כאַפּט פּלוצים ביי דער האַנט, האָט ער אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויפֿן דיל און געוואָלט אַרויס פֿון בעט.

— פאַרדאָן, האָט ער געזאָגט. פאַרדאָן.

צוויי גליאיקע אָרעמס האָבן אים צוריקגעשלעפּט אין בעט אַריין. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט געזוכט אַ תירוץ, בכדי אויפצוקלערן פאַרוואָס ער קומט עפּעס אַהיים אַזוי שפּעט. עס איז דאָך נישט אין זיינע געוווינהייטן. און ווען ער האָט שוין געהאַט עפּעס אַן אויסגעטראַכטן אויסרייד, וואָס וואָלט זיך געלייגט אויפֿן שכל — האָט זי אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט אָוועקגעשטופּט איר פּנים, אירע ליפּן, אירע הענט און געוואָלט איר זאָגן, אַז ער האָט באַגעגנט צופעליק עטלעכע לאַנדסלייט, צו־זאַמען געווען אין די לאַגערן, נו — האָט מען זיך פאַרשמועסט, געזעסן ביי אַ גלעשל וויין, און, און... ביז די קאָפּ האָט זיך פאַר־מאַכט... דערנאָך האָבן די פיס נישט געטראָגן, נישט געטראָגן אַרויפצו. און אין קאָפּ האָט גערוישט, גערוישט...

דערנאָך איז ער געלעגן אַ צופרידענער, וואָס ער האָט איר דאָס נישט געזאָגט. פאַרוואָס זאָגן ליגן? זי איז דאָך אַזוי גוט צו אים, טאָ פאַרוואָס איר אָפּצאָלן מיט ליגנערישע רייד? און צוריק־געשמועסט, וואָס דאַרף ער איר בכלל אָפּגעבן אַ חשבון? פאַרוואָס איז ער עס בכלל מחויב צו דערציילן איר וואָס ער טוט, ווו ער גייט און פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט? און אַגב, פרעגט זי דאָך אים גאָרנישט. זי וויל עס דאָך גאָרנישט וויסן. עס האָט אים אַפילו פאַרדראָסן, וואָס זי פרעגט אים נישט דערוועגן, וואָס עס אַרט איר גאָרנישט הלמאי ער איז אַהיימגעקומען אַזוי שפּעט. עס איז אים אַ רגע באַפאַלן אפילו אַ ווילן עס איר פאַרצוואַרפן, וואָס זי פרעגט אים גאָרנישט דערוועגן. און דווקא ווייל זי פרעגט נישט, איז אים באַפאַלן אַ חשק איר צו זאָגן. ער האָט זיך אויס־געדרייט צו איר מיטן תירוץ אויף די ליפּן. זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און צווישן אירע לייכט־צעעפנטע ליפּן האָבן גע־ציטערט הוילע שנאָרך־טענער.

כב

איר שנאָרכן האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפֿן. ער איז געווען מיד און געפּילט, אַז די אויגן פֿאַלן צו. ער איז ווידער אין געטאָ, ווידער אין וואַגאָן, וואָס פֿירט אין לאַגער, און אָט איז דער לאַגער, די ערשטע סעלעקציע; מען צערייסט זיי; לינקס, רעכטס. לינקס, רעכטס. ער וויל מיטגיין. ניין: וויל ער וויל, ווילן זיי נישט, ווילן זיי נישט... מען שלאָגט אים איבערן קאָפּ, מען שלעפּט אים. און אָט ליגט ער אויף אַ האַרטער פּריטשע. שטאָק פֿינצטער. עס קרעכצן די פּריטשעס אינעם תהומיקן חלל. עס וואַרפֿן זיך לייבער צעשלאָגענע, צעפּייניקטע נשמות און שטיקן אין זיך די יסורים, די טרערן, די שווידער־צאַפּלעניש. נאָך קלינגט אין די אויערן די וואָרענונג: „רוע, טויט־שטיל זאָל זיין!", באַגלייט מיט אַ לאַנגער מאַשין־ביקס סאַלווע פֿונעם נאַכט־פּאַטראָל.

וואָס איז דער רעש, וואָס ער הערט דאָ, האַרט נעבן זיין אויער? דאָס איז נישט יענער רעש. דאָס איז נישט יענע פּריטשע. דאָס איז נישט דאָס לייב פֿון אַ קנאָכיקן לאַגערניק. ער ליגט אין אַ ווייך און וואַרעם בעט און נעבן אים אַן אויסגעפּיטערט פֿרויען־לייב, וואָס ליגט זאַט פֿון תענוג און שנאָרכט, שנאָרכט. ער האָט איר מקנא געווען. ווי גערן וואָלט ער אויך געשלאָפֿן און ווי גערן וואָלט ער געשנאָרכט, פֿאַרשנאָרכט יענעם רעש, יענע שטיקנדיקע געוויינען און צאַפּלענישן. ער ווייסט נישט צי ער שנאָרכט אויך בעת די זעלטענע שעהן פֿון שלאָף. עס מוז זיין זייער גוט, ווען מען שנאָרכט, האָט ער געטראַכט. ווען מען איז פֿאַרטאָן אין שנאָרכן, איז מסתמא דעמאָלט דער מוח פֿאַרנומען מיט אַרויס־ברענגען די משונהדיקע קולות פֿון די אינגעווייידן און ער קאָן נישט טון קיין צוויי מלאכות... ווי גערן ער וואָלט זיך איצט אויך צעשנאָרכט.

ער האָט איר מקנא געווען. ער האָט פֿאַרשטאָפּט די אויערן מיט די האַנט־פּלאַכן, בכדי נישט צו הערן איר שנאָרכן און פֿאַרמאַכט פֿעסט די אויגן־לעדלעך. ער האָט לייכט פֿונאַנדערגעעפֿנט די ליפּן און געגנומען אַרויסרייסן פֿון דער קעל כאָרכלדיקע קולות, ווי ער וואָלט וועלן נאָכמאַכן אירע טענער, ווי אַן אַרויסרוף צום שלאָפֿן, צום שנאָרכן. די הענט האָבן די ערשטע געגומען זוכן אַ באַקוועמע פּאָזיציע צום שלאָפֿן און געגומען נידערן אַראָפּצו, צום איבער־

דעק. אָבער, ווי נאָר זיי זענען אָפּגעפּאַלן פון די אויערן, האָבן אירע שנאָרך־טענער זיך ווידער אַריינגעריסן אונטער זיין שאַרבן און אַ טרייסל געטאָן מיט זיין קאָפּ. האָט ער זיי ווידער צוגע־שטעלט צו די אויערן־לעכער, און זיי פעסט צוגעהאַלטן, אַז זיי זאָלן ווידער נישט אַנטשלאָפן ווערן און ווידער עפענען אַ וועג פאַר איר געשנאָרך. איז ער געלעגן און געקעמפט מיט די הענט, וואָס האָבן כסדר געריסן זיך אַראָפּצו. ער האָט זיי געהויבן צוריק אַרויף, צו די באַקן, צו די אויערן. זיי זענען פּלוצים געוואָרן אַזוי שווער, די הענט, די אָרעמס, די אַקסלען. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן זיי מער נישט אָפּהייבן פון צודעק, אַז זיי זענען שטאַרקער פון אים. זיי האָבן אים גובר געווען, פאַרמאַטערט, פאַרמאַטערט ביז אָנמאַכט.

אָבער וואָס איז פּלוצים געוואָרן אַזוי שטיל אין זיינע אויערן? וואָס האָט זי עפּעס אויפגעהערט שנאָרכן? אפשר האָט ער גאָר אַרויפגעלייגט די הענט אויף איר האַלדז און זי דערשטיקט? דער־שטיקט זי צוזאַמען מיט איר שנאָרכן? האָבן דאָך די זעלבע הענט געשווירן צו דערשטיקן דעם קאַפּאַ, וואָס האָט זיך איזדעקעוועט איבער זיי אינעם בלאָק. ער האָט דאָך שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך עס צו טון, צו טון עס באַצייטנס, כל זמן עס בלייבט נאָך אַביסל כוח אין די הענט, און נעמען נקמה אין אים, דעם קנעכט־ישן שרץ, וואָס האָט געוועלטיקט איבערן בלאָק מיט זיין ווילדער רציחה און אייזערנעם שטעקן. נקמה האָבן זיינע קנאָכיקע הענט גערופן. באַ־צאָלן מיטן לעבן, אָבער באַפרייען דעם בלאָק פון דעם רוצח. און אָט איז זיין פּלאַן גרייט. ער וועט זיך וואַרפן אויף אים ביינאַכט, ווען ער קומט אויף זיין נאַכט־רונדע. ער וועט אַרויפשפּרינגען אויף אים, פון דער אויבערשטער פּריטשע אַראָפּ, פאַרלייגן די הענט ארום זיין האַלדז און שטיקן, שטיקן מיט די לעצטע כוחות. זאָל זיין לעצט ביסל כוחות דינען פאַר אַ נוצלעכער אַרבעט, פאַר דער איינציקער נוצלעכער אַרבעט, וואָס ער וועט האָבן געטאָן אין זיין לאַנגער לאַגער־געשיכטע. אָבער, פאַרוואָס קומט ער נישט דער קאַפּאַ, וואָס זוימט ער אַזוי לאַנג די־נאַכט? צי האָט ער פאַראויס־געאַנט דעם גורל, וואָס וואַרט אויף אים? פאַרוואָס דויערן די רגעס ווי שעהן, און די שעהן ווי יאָרן? און ער קומט נישט, ער קומט נישט! די פיס זענען גרייט צום שפּרונג און די הענט זע־נען גרייט צום שטיקן און ער קומט נישט; ער קומט נישט.

אפשר איז ער דאָרט ביי די תליות? אפשר היט ער די פיר יידישע מיידלעך, זיי זאָלן נישט אַרויס פון די פעטליעס און טוי־טערהייט קומען ווערגן די מערדער? אפשר היט ער דאָרטן, אַז עמיץ זאָל נישט קומען איבערשניידן די שטריק, און צעשטערן דעם ספעקטאקל פון די פיר מיידלעך, וואָס מען האָט אויפגעגאנגען דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגנבעט פון „אוניאָן" דינאַמיט־פולווער פאַר דער באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן דעם קרעמאַטאָריע־אויוון. דער אורטייל איז — פיר טעג הענגען. טאָר נישט פעלן קיין רגע צו די פיר טעג. עס טאָר נישט פעלן קיין רגע, קיין איינציקע רגע. אורטייל איז אורטייל. מוז מען היטן דעם אורטייל. ווען ער וואָרט נישט איצטער אויף דעם קאַפּאָ, וואָלט ער זיך פאַרגנבעט אַהינצו, צו די תליות, נעבן די פרויען־בלאָקן, און ער וואָלט איבערגעשניטן די שטריק, וואָלט ער. ער וואָלט זיי באַגראָבן אין געהיים, אַז קיינער זאָל נישט וויסן ווו זייערע שפורן זענען אַהינגעקומען. דאָס וואָלט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ פחד, אויף די מערדער. פאַר לעבעדיקע מענטשן האָבן זיי קיין מורא נישט. זיי זענען שטאַרקער. זיי האָבן מאַשין־ביקסן, גראַנאַטן, גאַז־באָמבעס, פאַנצערס, קרעמאַטאָריעס. נו, איצטער האָבן זיי מיט איין קרעמאַטאָריע־אויוון ווייניקער, כאַ כאַ, כאַ... מיט איינעם ווייניקער. פילן זיי זיך שוואַכער געפאַלענער ביי זיך, באַשפיגענע, באַזיגטע דורך פיר יידישע מיידלעך. און דאָס אונטער דער נאָז, אינעם סאַמע הארץ פון דער מאָרד־פאַבריק. באַזיגטע... איז, פאַראויס מיטן ספעקטאקל! פיר טעג זאָלן זיי הוידן זיך אויף די שטריק און דער גאַנצער לאַגער, אַלע בלאָקן, און פון די שכנותדיקע לאַגערן, זאָלן אַלע פאַרביימאַרשירן און זען די פיר זאַו־יודינס... די שנאַוצע האָך! די שנאַוצע האָך! אַרויף קוקן, איינס־צוויי, איינס־צוויי, מאַרש, מאַרש, די שנאַוצע האָך!... אַן אויוון ווייניקער, אָבער פיר יידישקעס הוידן זיך אויף שטריק... וואָלט ער די שטריק איבערגעשניטן און די קערפערס באַגראָבן, אַן אַ שפור, אָן אַ שפור. אַ נס, אַ צייכן פון יענער וועלט. פאַר לעבעדיקע האָבן זיי נישט מורא. אָבער פאַר גייסטער, פאַר טויטע וואָלטן זיי יאָ מורא באַקומען. ציטערט, איר, ערדישע גבורים, איי־ער שעה פון חשבון קומט! די יידישע מיידלעך האָבן זיך אין הימלישע מלאכים פאַרוואַנדלט און אָט קומען זיי אייך ווערגן, דערשטיקן!

אַ בייזער ווינט קלאַפּט מיט פּראָסטיקע שניי־בײַטשן אין די פאַרקראַטעוועטע שויבן־קעסטעלעך פונעם בלאָק. אפשר ״זעט דער ווינט אַליין אויפבינדן די פּעטליעס, איבעררייסן די שטריק און פאַריאָגן די מיידלעך אין הימל אריין ?!... און אָט וועט זיך אויפפּראַלן די דעמבענע טיר און ער וועט אַרײַנפאַלן אים אונטער די הענט, דער קאַפּאָ, אָנגעטריבן דורך דער זאַוויערוכע. און אָט קומט ער, אָט קומט ער... אָבער ניין. אין דער אויפגעפּראַלטער טיר איז נישט ער אַליין, נישט ער אַליין. דער אָבערשאַרפירער און באַוואָפנטע עס־עס, מיט שטאָלענע קאַסקן אויף די קעפּ. „ראַוס, ראַוס, ראוס, זאו־יודען! צום אַפּעל, צום אַפּעל!“. עס איז דאָך נאָך פרי. עס טאָגט דאָך נאָכנישט אַפילו. „ראוס, ראוס, ראוס!“. אָט ליגן אַלע נאַקעט, מיטן פּנים אין שניי. אַ שעה. צוויי. דריי. עס שאַרט זיך איינער צום צווייטן. עס זאָל זיין וואַרעמער. איינער נעבן צווייטן. איינער אויפן צווייטן. און ווידער אַ זאַוויערוכע. אַ געדונער. אַ געבליץ. די טויטן־קאָמאַנדע. די טויטן־קאָמאַנדע. די פינגער זענען גרייט. זיי רייסן זיך אַרײַן אינעם שניי. זיי גראָבן זיך אַרײַן אין דער ערד, אונטער לייבער, אונטער שטייפע קנאָכנס. און די טויטן־קאָמאַנדע ארבעט. שלעפּט פונאַנדער, לאָדנט אויף האַנט־וועגעלעך. עס גרילצן די רעדער. עס קרעכצן נישט־דערקוילעטע, נישט דערפרוירענע גופים. די טויטן־קאָמאַנדע אײַלט זיך. אײַלט זיך. עס פאַלט באַלד צו די נאַכט. מען דאַרף אויסרייניקן דעם אַפּעל־פּלאַץ. באַלד קומט אַ נייער טראַנספּאָרט. ער דערנענטערט זיך שוין צו דער ראַמפּע. די העפטלינגס וועלן מוזן פאַרבייגיין דעם אַפּעל־פּלאַץ, צום בלאָק, וואָס איז פאַר זייערטוועגן אויסגעליידיקט געוואָרן. איז בעסער, אַז זיי זאָלן נישט תיכף אַנטרעפן זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט. דאַרף מען זיך אײַלן, זיך אײַלן. עס איז נאַכט. עטלעכע געזונטע הענט רייסן אים אָפּ פונעם שניי. הייבן אים אונטער און לאָזן אים תיכף אַראָפּ. „ער לעבט נאָך“, זאָגט איינער צום צווייטן אויף יידיש. „ער לעבט נאָך; ער צאַפּלט נאָך; גיב אַ קוק“. „יאָ. זיינע אויגן גלאַנצן, אַ שרעק“. „איך נעם אים נישט. נעם דו“. „איך אויך נישט. נעם דו“. „קוק ווי זיינע אויגן שניידן ווי מיט מעסערס. איך נעם אים נישט“. „איך אויך נישט“. „נעמט נישט, נעמט נישט“ — זאָג איך צו זיי. „איך וועל אַליין גיין, אַליין גיין. איך וועל נישט גיין, נאָר — לויפן. לויפן. אָבער ווו לויפט מען? וואַהין?“. „לויף צוריק צו דיין

בלאָק, צו דיין בלאָק לויף״, זאָגט איינער אינדערשטיל. „באַהאַלט דיך דאָרטן ערגעץ און וועסט דיך אויסמישן מיט די נייַ־געקומע־נע. איינער מער, איינער ווייניקער. זיי וועלן זיך נישט כאַפּן״. און איך לאָז זיך נישט זאָגן צוויי מאָל. איך לויף. איך לויף פייל אויסן בויגן. איך לויף. אַרויס פון דער הויט, אַרויס פון זיך. אַט בין איך נישט מער ווי אַ שאָטן, גראָב זיך אויס אַ לאָך אין דער ערד. גראָב מיט די קנאָכיקע פינגער און קריך אַרונטער אונטער דעם פּריטשע־ברעט, וואָס אויף דער ערד. און איך ליג דאָרטן ווי אַ נישט־דאָאיקער. ווען אַלע גייען אַרויס צום אַפּעל גיי איך אַרויס אויף אַ ווייל, זוך אויף ברעקלעך ברויט, גנבע זיך צו צו אַ ברויט־רעשטל, וואָס עמיץ האָט געלאָזן אויף שפּעטער. און בייס אָפּ אַ פּיצעלע, אַז מען זאָל זיך נישט כאַפּן. און אַט ברעכט אויס אַ געשלעג. צוויי פּריטשע־שכנים קריגן זיך, ווייל איינער איז חושד זיין שכן, אַז ער האָט אים אָפּגעביסן אַ ברעקל ברויט. ער האָט גוט געמאָסטן זיין ברויט און ווייס, אַז עס פעלט אים אַ פּיצעלע. יענער שווערט זיך ביי אַלעם הייליקן, אַז נישט. און אַט שלאָגט מען זיך. קריך איך אַרויס. בין זיך מודה: „שלאָגט מיך. שלאָגט מיך. איך בין דער גנב״. אַלע זענען נבהל ונשתומם. אַ פּחד באַ־פאַלט זיי אַלעמען. איך דערצייל זיי דעם גאַנצן אמת, דעם גאַנצן אמת, וואָס אַזוינס איז געשען מיט דעם בלאָק יידן פאַר זיי. זיי פאַרברעכן די הענט. זאָג איך צו זיי: „ברידער יידן. נישט פאַר־ברעכן דאַרפט איר די הענט, נאָר זיי פאַרלייגן אין אַ פויסט. איר זעט דאָך. מיר זענען אַלע פאַרמשפּט. באַלד וועט קומען אַ פרישער טראַנספּאָרט און מען וועט ווידער מוזן אויסליידיקן דעם בלאָק פאַר די פריש־געקומענע. נישטאָ מער קיין סעלעקציעס. זיי גאַזן נישט מער. ברענען נישט מער. נעכטן איז אויפגעריסן געוואָרן אַ קרעמאַטאָריע־אויוון. פיר יידישע מיידלעך האָט מען אויפגעהאָנ־גען דערפאַר. נישט פאַרברעכן די הענט, נאָר שאַרפן די נעגל, שאַרפן די נעגל. עס טאָר די מערדער נישט אָנקומען אַזוי לייכט ווי מיט די יידן, וואָס זענען געווען דאָ פריער. שוינט אייערע כוחות פאַר דער איינציקער נוצלעכער אַרבעט, וואָס וואַרט אויף אונדז דאָ. מיר וועלן סיווי אומקומען. זאָלן דעריבער צוזאַמען מיט אונדז גיין פון דער וועלט אויך עטלעכע רוצחים. זאָלן זיי צאָלן טייער פאַר אונדזערע לעבנס! אַט, מיט די הוילע הענט, מיט די קנאָכיקע הענט אונדזערע וועלן מיר זיך וואַרפן אויף זיי, אויף

זייערע אויסגעפּרעסענע העלדזער... און שטיקן, דערשטיקן... אַט אַזוי, אַט אַזוי...

פּלוצים האָט אַ ווילדער קוויטש און אַ שאַרפער ווייטיק אַ טרייסל געטאָן מיט אים.

„וואָס טוסטו? דו שטיקסט דאָך מיך", האָט ער דערקענט די שטים פון פרידען, און דערפילט אירע שאַרפע נעגל, וואָס גראָבן זיך איין אין דער הויט פון זיינע הענט. „וואָס איז מיט דיר? דו חלומסט?!". „יאָ, איך חלום". „נאָך גוט וואָס כ'האָב זיך איבער־געוועקט גיך. האָסט מיך געקאָנט דערשטיקן אויף אַן אמת. אַ בייזער חלום, האַ?!". „יאָ, אַ בייזער חלום. זיך געחלומט דער לאַגער. אַ בייזער חלום. זיי מוחל". „שיין וואָלט עס אויסגעזען, ווען דו דערשטיקסט מיך. אויסגעהאַלטן אַלע לאַגערן. לעבן גע־בליבן נאָך אַזויפיל נסיונות, בכדי דערשטיקט צו ווערן פון דייַנע הענט, כאַ, כאַ. איך בין געבליבן לעבן, בכדי צו געניסן פונעם לעבן. איך האָב זיך געשווירן צו נעמען פון לעבן וואָס מער, וואָס מער, זיך אָפּנעמען פאַר די געפּטרטע יאָרן...". „אַ חלום נאָר, אַ חלום, זיי מוחל". „האָסט דאָך מיך געקאָנט דערשטיקן אויף אַן אמת, מיט דיינע דאָרע פינגער מיט דיינע פעסטע הענט... זיי זע־נען נישט געמאַכט צום שטיקן, זענען זיי נישט געמאַכט דיינע הענט, נישט צום שטיקן, נאָר צו עפּעס אַנדערש...".

זי האָט נישט נאָכגעלאָזן זיינע הענט. זי האָט זיי אַ צי גע־טאָן צו זיך און צוגעלייגט צו איר לייב. „נישט צום שטיקן זענען דיינע הענט געמאַכט געוואָרן, נאָר צו עפּעס אַנדערש, צו עפּעס אַנדערש... איך האָב זיך געשווירן אין לאַגער, אַז אויב איך וועל אַרויס אַ לעבעדיקע, וועל איך זיך אָפּנעמען פאַר די פינצטערע יאָרן, וועל זיך אָפּנעמען, האָב איך זיך געשווירן... און דו, צי האָסטו נישט דאָרטן געטראַכט דאָס זעלבע, האַ? האָסט נישט געשווירן דיר, אַז וועסט דיר אָפּנעמען פאַר די פאַרלוירענע יאָרן, האַ, זאָג". „יאָ, יאָ". „וואָס יאָ?". „יאָ, אויך געשווירן, אויך געשווירן". „דו, זאָגסט עס נאָר אַזוי, מיר צוליב צו טון, נישט אמת?". „יאָ, יאָ, געשווירן, אויף אַן אמת, געשווירן יאָ, יאָ"...

אויף דער וואַנט האָבן זיך גענומען מאָלן די ערשטע סימנים פון פרימאָרגן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט פּאַראַלעלע פּאַסן, דורך די אויבערשטע שפּאַלטן פון פאַרמאַכטן לאָדן.

כג

ווען האַרצקע האָט געקלאַפּט דיסקרעט אין דער טיר און נישט געהערט איר שטים, וואָס בעט אים אַריין, האָט ער גע־טראַכט: מסתמא שלאָפט זי. האָט ער אַ פעסטערן קלאַפּ געטאָן. זעט זיך אויס, אַז זי האָט זיך איבערגעוועקט, געפונען דאָס פּע־קעלע, איינגענומען די מעדיצינען און איינגעשלאָפן אויפסניי ווי אַ טייבעלע, האָט ער געטראַכט. און געווען צופרידן, וואָס זיין צו־ריקקומען ביינאַכט האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן.

אַ שטאָק נידעריקער האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ רעש פון אויפגעעפנטע לאָדנס און פון וואַסער, וואָס רינט אַריין אין אַ בלעכערנער כלי. דערנאָך האָט ער געהערט ווי אַ מיר שליסט זיך אויף, עטלעכע שווערע טריט און דאָס עפענען פון אַ צווייי־טער טיר, הינטער וועלכער עס האָט זיך פאַרמאַכט ענערגיש אַ סקריפּנדיקער ריגל. האָט ער צוריקגעצויגן די האַנט, וואָס איז גע־ווען גרייט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ צו טון אין דער טיר. ער האָט אָפּ־געוואָנדן די האַנט און אָנגעכאַפּט די ראַמפּע, זיך אויסגעדרייט און אויף די שפּיץ פינגער גענומען אַראָפּלויפן, אַריבערהיפּנדיק עט־לעכע טרעפּ מיטאַמאָל. ווען ער איז געווען מיט צוויי שטאָק ני־דעריקער, האָט ער ווידער דערהערט אַ רעש פון וואַסער, פון וואַסער־שטראָמלעך, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דינינקע שפּאַלטנס, פאַלן אַריין אין אַן אָפענעם תהום און ווערן איינגעשלונגען מיט אַ פילפאַכן עכאָ, ווי אַ וואַנדער־קול אין די בערג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עטלעכע אָפּשפּריצן פונעם וואַסער־פאַל האָבן זיך פאַרגנבעט הינטער זיין קאָלנער און רינען אַראָפּצו, לאַנגאויס זיין רוקנביין.

אויך דר. גאָלדבוך האָט געטראָפן די טיר פאַרמאַכט און די שטים, וואָס האָט געדאַרפט אים אַריינבעטן, האָט ער נישט גע־הערט. ער איז געקומען זייער פרי, איידער ער גייט אין דיספּאַנ־

סער. ער איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס זי מאַכט, ווי עס איז אַדורך די נאַכט, צי זי ליידט נאָך אַזוי ווי נעכטן אָוונט, צי שטעכט איר נאָך אין דער זייט און צי דאַרף מען נישט טאָקע מאַכן אַ רענטגען־דורכלויכטונג. ער האָט טאַקע נעכטן מינימיזירט אַלע סימפּטאָמען און זי באַרויקט; אָבער ער איז נישט געווען רויק. אפשר איז דאָך פֿאַראַן אַן ערנסטע באַשעדיקונג, אַ ברוך? פֿון אַ בלויזן קלאַפּ, פֿון אַ טרוקענער קאָנטוזיע, וואָלט דאָך איר מסתמא נישט אַזוי וויי געטאָן. אפשר וואָלט גאָר געווען נויטיק צו מאַכן אַ רענטגען־אויפֿנאַמע פֿון קאָפּ, פֿון שאַרבן. זי האָט זיך דאָך באַקלאָגט אויפֿן קאָפּ אויך. אירע אויגן זענען געווען ווי פֿאַר־לאָפֿן און איר בליק האָט אויסגעזען אַזאַ ווייטער און דער גאַנ־צער קוק אירער איז געווען פֿול מיט שטוינען, מיט נישט־דאַאי־קייט, מיט חידוש געמישט מיט רעזיגנאַציע, ווי מען זעט עס אין פֿאַלן פֿון שאָק־צושטאַנדן, פֿון געהירן־אויפֿטרייסלונג. עס טרעפֿט דאָך אָפֿט, אַז די סימנים זענען נישט באַלד אין אָנהויב בולט, אַז זיי קומען ערשט דערנאָך, מיט שעהן, אָדער אַפֿילו טעג שפּעטער.

ער האָט צוליב דעם נישט געקאָנט שלאָפֿן. ער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, אַראָפּגעגאַנגען פֿון בעט און צוגעגאַנגען צו זיין ביבליאָטעקל מיט מעדיצינישע ביכער. ער האָט אַרויסגענו־מען אַ דיק בוך, עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, צוגעשטעלט אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אָנגעצונדן דאָס שטיי־לעמפּל מיטן פּאַרמעט־אַבאַזשור, אויסגעלאָשן דאָס באַלקן־לעמפּל, און גע־נומען מישן דאָס בוך. ער האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס קאַפּיטל, וואָס באַציט זיך צו טראַומאַטאָלאָגיע, און דאָס אונטערקאַפּיטל, וואָס רעדט אַרום גאָר באַזונדערס די סימפּטאָמען, די אַנטוויקלונג און באַהאַנדלונג פֿון שאַרבן־קאָנטוזיעס און מוח־אויפֿטרייסלונגען, וואָס שטייען אין דעם שייכות. עס איז אים געגאַנגען אין דער־מאָנען זיך נאָכאַמאָל דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון פֿראַגן, וואָס נעמען אַרום דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פֿון דער פּאַטאָלאָגיע. ער האָט עס געטאָן נישט, חלילה, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אַזאַ וויכטיקן טייל פֿון דער טאָג־טעגלעכער מעדיצין, נאָר בכדי אויפֿצופֿרישן דעם זכרון און צו דערמאָנען זיך די קלענסטע פּרטים, וואָס קאָנען טיילמאָל אַרויס פֿון קאָפּ. זענען דאָך פֿאַראַן, אין יעדער קרענק, אַזעלכע זעלטענע אַנטוויקלונגס ־ ניואַנסן טיילמאָל, וועגן וועלכע עס רעדן נאָר שטרענג ־ ספּעציאַליזירטע ביכער, און מען באַגעגנט זיי נאָר גאָר

אויסנאַמווייז אין דער קוראַנטער פּראַקטיק. זיי זענען אַזוי זעלטן, אַז זיי דינען כלומרשט נישט מער, ווי צו די עקזאַמענעס פון מע־דיקער, צו באַשווערן דעם זכרון און צו דערלייכטערן דעם פּראָפע־סאָר גיכער אָפּצושיידן אַ סטודענט, וואָס האָט נישט נושה־חן גע־ווען אין זיינע אויגן בעתן עקזאַמען... אָבער דאָך, עס זאָל נישט געשען, וואָס עס געשעט, קאָן דאָס לעבן פון אַ מענטש טאַקע זיין אָפּהענגיק פון דעם, וואָס דער דאָקטאָר דערקענט זיך נישט אויף אַזאַ פּרט, וואָס זעט אין פלוג אויס זעלטן, אומוויכטיק. ווען דער דאָקטאָר וואָלט געטראַכט אויך וועגן אַ זעלטענעם פּרט, וואָלט ער געקאָנט אָפּט באַצייטנס וויסן וואָס אַזעלכעס מען דאַרף טון אויף צו פאַרהיטן אַ פאַטאַלע אַנטוויקלונג, אַ פאַטאַלן אויסגאַנג. און דער אומגליק איז דאָך טאַקע, וואָס די אויסנאַמספאַלן זענען גאָרנישט אַזעלכע אויסנאַמען; און דווקא דעמאָלט, ווען מען ריכט זיך אַמווייניקסטן דערויף, קומען זיי פאַרפינצטערן די לאַגע. ווי־פיל מאָל האָבן די דאָקטוירים, וואָס פירן טאָג־ביכער, פאַרצייכנט — ווער מיט אַ ציטערדיקער שריפט און ווער מיט שרייאיקע ווערטער און אונטערגעצייכנטע מיט רויטן בליי: „ווידער אַ קרבן פון אַן אויסנאַמספאַל“; אָדער „נישט מיין שולד — אַן אויס־נאַמספאַל“; אָדער — „לויט אַלע סטאַטיסטיקעס טרעפט אַזאַ זאַך איינמאָל אויף 2000, טאָ פאַרוואָס איז עס דווקא מיר געקומען צו האָבן אַזאַ פאַל צווישן מיינע פאַציענטן ?!“. איז דאָך זיין פּראַק־טיק, דר. גאָלדבוכס, אויך שוין רייך איז ענלעכע אויסנאַמספאַלן.

ער האָט פאַרוואָרפן זיין קאָפּ אויף הינטן און זיך פאַרקוקט אין אַ ווינקל פון באַלקן, ווו עס האָט געציטערט אַן אויסגעקרומטער ליכט־פלעק, אין קלעם פון שאָטנדיקע רייפן. דער ליכט־פלעק האָט געריסן זיך צום באַלקן־צו מיט אַ שפּיציקער צונג, און די רונ־דיקע שאָטנס האָבן אים צוריקגעהאַלטן, נישט געלאָזן. זיין פּראַק־טיק איז אייגנטלעך נישט געווען קיין גרויסע. געקומען קיין פראַנקרייך אין 1932, פון זיין פּוילישן פּראָווינץ־שטעטל. אַנטרונען פון די פּוילישע פּאָגראָמען און רדיפות אויף די אוניווערסיטעטן, פון דעם נומערוס קלאַוזוס אויף די מעדיצינישע פאַקולטעטן. שווערע יאָרן פון שטודירן און אַרבעטן איינצייטיק אויף חיונה. צערשט אַליין. דערנאָך — זאַלבעצווייט. מען פאַרטיקט אויס בע־רעטן. זי נייט אַריין דאָס לעדערל אַרום, און ער פאַרפעסטיקט דאָס שלייפל פון הינטן, ווו די לעדער־ברעגן קומען זיך צונויף. און

גייענדיק אויפן אוניווערסיטעט, אָדער שפּיטאָל, טראָגט ער אָפּ די סחורה צום בערעטן־פאַבריקאַנט. און זי, אַהיימקומענדיק פון דער קונסט־שולע, ברענגט זי מיט נייע וואַליזעס מיט בערעטן אויף אויסצופּאַרטיקן. די בערעטן־אַרבעט האָט אָבער נישט געגעבן מער ווי וואַסער אויף קאַשע. האָבן זיי געגומען זוכן אַן אַרבעט, וואָס לוינט זיך מער. האָט זי געפונען אַ האַלב־טאָגיקע אַרבעט אין אַ פאַבריק פון צוקערלעך און קאַראַמעלן. דאָס האָט מער אַריינגעבראַכט. ער האָט גענומען מאַכן פּאָרטרעטונגען פון עקסטערנס אין שפּיטאָל און צו מאַכן איינשפּריצונגען און אינפּירמיערישע אַרבעט אין גאַס. זיי האָבן געביטן דאָס בוידעם־שטיבל אויף אַ ליי־טישער צימער אין לאַטיינישן קוואַרטל, מיט לויפנדיק וואַסער און אַן אָפּטריט אינעם זעלבן קאָרידאָר, און געטראַכט וועגן חתונה האָבן. אירע פרומע עלטערן פון פּוילישן שטעטל האָבן כסדר געשריבן, אַז עס פּאַסט נישט, אַז עס קאָסט זיי געזונט. וואָס זייער טאָכטער וווינט אונטער איין דאַך מיט אַ מאַן און אָן חופּה וקדושין. זיי האָבן געשריבן, אַז זיי האָבן חרפּות. דאָס גאַנצע שטעטל רעדט דערוועגן. פּאַריז איז דאָך נישט עק וועלט, און מען ווייסט וועגן אַלעם. טאַטע־מאַמע האָבן געשריבן, אַז זיי וועלן פאַרזעצן אַלץ, וואָס לאָזט זיך, און צוגרייטן אַ חתונה, און אַז זיי זאָלן קומען וואַקאַנס־צייט און עס וועט געפּראַוועט ווערן אַ שמחה, ווי עס פּירט זיך ביי יידן. איז אָבער נישט געווען באַשערט. זי האָט גענומען קרענקן. זי האָט פּלוצים גענומען ברעכן, פאַרלירן וואָג, און אָט האָבן אַ לויזן מאָגן, און אָט אַרומגיין גאַנצע טעג און נישט אַרויס־גיין. אינמיטן דרינען האָט זי גענומען ווערן געל. ער האָט גערופן דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן. מען האָט זי גענומען אין שפּיטאָל אַריין, מען האָט געפּאָרשט. געמאַכט אַנאַליזן. דורכגעלויכטן. פּרובירט אַלערליי רפואות. און גאָרנישט. נישט מען האָט געוווּסט, וואָס איר איז און נישט מען האָט געפונען די מעדיצין איר צו העלפן. ער איז געזעסן נעבן איר טאָג און נאַכט און איר צוגעגעבן מוט: „אסתר, מיין טייערע, סטערע־לעבן, האָב בטחון. אָט באַלד וועט קומען וואַקאַנס־צייט, און מיר וועלן פאָרן צו טאַטע־מאַמע, און שטעלן חופּה, ווי עס פּירט זיך ביי יידן. וועסט זען". זי איז געלעגן מיט אירע געלע, איינגעפאַלענע באַקן און געקוקט אויף אים, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָפּט פלעגט זי אים אויסכאַפּן דעם געדאַנק, און אַליין רעדן וועגן וואַקאַנס־צייט, וועגן טאַטע־מאַמע,

ווענן חופּה, ווי עס פּירט זיך ביי יידן. און ער פלעגט צושאָקלען מיטן קאָפּ, גלעטן אירע לאַנגע האָר און קושן אירע אויסגעטריקנ־טע ליפּן. יעדעס מאָל, ווען מען האָט איר איינגעגעבן אַ נייע רפואה, האָבן אירע אויגן געגלאַנצט און געווען פול מיט גלויבן, און אויף אירע באַקן האָבן לייכטע פלעמעלעך גובר געווען אויף אַ ווייל די וואַקסענע געלקייט. אָבער די קרענק איז נישט גע־שטאַנען אויף אַן אָרט. זי האָט פאַרלוירן כסדר די כוחות און גאָר־נישט געקאָנט מער איינגעמען דורכן מויל. ערב־גסיסה האָט זי זיך געשטאַרקט און אַרויסגעבראַכט עטלעכע ווערטער פאַר די ליפּן: „אַ שאָד, וואָס דו ביסט נאָכנישט קיין געענדיקטער דאָקטאָר. דו וואָלסט יאָ געוווּסט ווי מיך צו היילן. דו האָסט אַ גוטן קאָפּ. שטאַמסט דאָך פון גאונים און רבנים. אַ שאָד, וואָס מיין קרענק האָט נישט אונטערגעוואַרט, עטלעכע יאָר, אַ שאָד". און זי איז אַוועקגעפאַלן. ער איז צוגעפאַלן צו איר פּנים: „אסתר, סטערע־לעבן, נײַן, איך וועל דיך נישט אַוועקלאָזן. וואָס פאַראַ ווערט וועט האָבן מיין לעבן אָן דיר. ניין. ניין. אסתר"... און לײַדער, טויזנט מאָל לײַדער, איז מען ערשט דערגאַנגען וואָס עס איז איר, ווען מען האָט אונטערזוכט טויטערהייט איר מאָגן, די געדערים און לעבער. מען האָט געפונען, אַז די שליימהויט איז געווען צעפרעסן דורך אַ שטאָף, וואָס נעמט זיך פון אַ כעמישער פאַרבינדונג פון אַ צוקער מיט קוואַס, אַ פאַרבינדונג ביי גאָר אַ הויכער טעמפּע־ראַטור. די לעבער איז געווען באַשעדיקט דורך אַ גרויסן לאַגער פון אַט דעם שטאָף. אָבער פונוואַנען האָט זיך דער דאָזיקער שטאָף געגומען ביי איר אין קערפּער? ער האָט גענומען זוכן, נישטערן און פאָרשן, מאַכן אַנקעטעס אין דער פאַבריק, וווּ זי האָט גע־אַרבעט. און ער איז דערגאַנגען צו דער סיבה. די חברטעס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר געאַרבעט, האָבן דערציילט, אַז סטערע פלעגט כאַפּן בגנבה אַ נאַש פון דעם וואַרעמען צוקער־טייג, פון וועלכן עס זענען געמאַכט געוואָרן די קאַראַמעלן. זי פלעגט רייסן שטיקער קאַראַמעלן־טייג און לייגן אין מויל אַריין הייסערהייט. זי איז, זעט זיך אויס, געווען הונגעריק און נישט געוואַרט ביז דער טייג וועט זיך אָפּקילן, נו, האָט זי זיך צוביסלעך פאַרסמט, געמאַכט אַ תל פון דער לעבער... זי פלעגט אהיימקומען תמיד פון דער אַרבעט אַזאַ צופרידענע, מיט אַזעלכע צעפלאַמטע בעקעלעך, מיט אַזויפיל קוראַזש, און האָט אַזוי גוט אויסגעזען, אַז ער האָט זיך

פּשוט נישט פֿאַרגונען צו קוקן לאַנג אויף איר, נישט צו געבן קיין עין־הרע. און ער האָט גאָרנישט געזאָגט דערוועגן, אויף קיין רגע נישט, אַז דאָס קאָן זיין אַ זון פֿאַר אַ שטורעם, אַ פֿאַרפּיר־ליכטל; ביז, ביז עס איז געקומען דער קריזיס, ביז דער גיפֿט איז אַריבער דאָס מעסטל... און, ווען ער האָט עס שפּעטער איבערגעגעבן דעם פּראָפֿעסאָר, אין וועמענס שפּיטאָל־אָפּטיילונג זי איז געלעגן, האָט ער געענטפֿערט סטערעאָטיפּיש: „נישט קיין מזל: אַן אויסנאַמס־פֿאַל!". און דער פּראָפֿעסאָר האָט צוגעגעבן: „עס וואָלט געווען געווונטשן, אַז מען זאָל באַשרייבן דעם דאָזיקן פֿאַל און גריבלען זיך אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור, און אויסגעפֿינען ענלעכע פֿאַלן, מאַכן דערפֿון די טעמע פֿון אַ דאָקטאָראַט־אַרבעט. און פֿאַרוואָס נישט טאַקע אייער צוקונפֿטיקע דיסערטאַציע־אַרבעט צום דאָקטאָר־דיפּלאָם?". און דער פּראָפֿעסאָר האָט נאָך צוגעגעבן, ביים געזעגענען זיך: „לאָמיר זיך לערנען אויף אונדזערע פֿעלערן. לאָמיר רעהאַביליטירן דעם אויסנאַמספֿאַל און רעדוצירן מענטש־לעכע ליידן, מענטשלעכע פֿאַרלוסטן!".

דר. גאָלדבוך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער נאַקן האָט אים גענומען שטאַרק וויי טון פֿון קוקן אין דער הויך. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו די פּאָליצעס מיט ביי־כער און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן אַ דיקן באַנד: „דער אויס־נאַמספֿאַל — אונדזער גרויסע חרפּה", פֿון דר. מישעל גאָלדבוך. דאָס איז זיין דיסערטאַציע־אַרבעט, וואָס איז פּרעמירט געוואָרן דורך דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע און אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף איר חשבון אין בוך־פֿאָרם. דאָס בוך איז געווען געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פֿון סטערען, וואָס איז געשטאָרבן אַ קרבן פֿון אַן אויסנאַמספֿאַל און מיט איר טויט וועט זי פֿאַרהיטן פֿון ענלעכע קרבנות... פּראָפֿ. מאַרסעל ליסבאָן, דער וואָס האָט געגעבן די טע־מע צו דער אַרבעט, האָט פֿאַרזען דאָס בוך מיט אַ גרויסן אַריינ־פֿיר. דר. גאָלדבוך האָט געעפֿנט די דיקע טאָוולען פֿונעם בוך און זיך איינגעקוקט אינעם מאָטאָ, וואָס האָט אַראָפּגעשריגן פֿונעם שער־בלאַט: „היט מיך, גאָט, פֿאַר אַ טעות, ווייל דער מענטש איז פֿול מיט טעותים. היט מיך גאָט פֿון צופֿיל גלויבן אין זיך און אין מיין וויסן, ווייל אַנישט קאָן איך ווערן געשטרויכלט און האָבן דאָס לעבן פֿון אַ מענטש אויף מיין געוויסן". און אונטער די דאָ־

זיקע שורות איז געווען אַ קלענערע שורה, וואָס האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גענומען פון רמב״ם, פון זיין מעדיציניש׳ער שבועה. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס אָפענע בוך זיינס, מיטן מאָטאָ אויפן שער־בלאַט, נעבן דעם פריער־געעפנטן בוך, און גענומען מעיין זיין אי־נעם קאַפּיטל וועגן מוח־קאָמאַציעס, מיט דעם אונטער־קאַפּיטל, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם פאַל, וואָס האָט געטראָפן היינט אַוונט מיט דעם מיידל, דער אינפירמיערשע, אינעם בוידעם־צימערל.

זיינע אויגן האָבן גענומען שטעכן, ווי אַ הייסער מדבר־ווינט וואָלט פאַריאָגט שפּיציקע זעמדעלעך הינטער זיינע אויגן־לעדלעך. זיין קאָפּ איז געוואָרן שווער און זיך געבויגן צו די אָפענע זייטן פון בוך. פון אונטער דעם פאַרמעט־אַבאַזשור האָבן דינינקע ליכט־שפּיזעלעך זיך פאַרגנבעט צו די ראַנדן פון די באַהאָרטע ברעגן פון זיינע אויגן־דעקלעך און זיי צונויפבאַהאַפטן, ווי זיי וואָלטן אויף זייערע שפּיצן קלעפּשטאָף אָנגעטראָגן. דר. גאָלדבוך האָט אויטאָמאַטיש אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן וואַרט אויף אים אַ טאָג פון אַחריותדיקער אַרבעט, פון גאָר און גאָר אַחריותדיקע דעציזיעס, און מען דאַרף זיין אויסגערוט. זאָל זיין כאָטש עטלעכע שעה שלאָף. ער האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין.

כד

אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. סטערע איז גע־שטאַנען פאַר זיינע אויגן, מיט אירע צעפלאָמטע בעקעלעך. ער האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ סימן פון געזונט. זי האָט אים דערציילט, אַז זי באַקומט ביי דער אַרבעט פרישטיק און מיטאָג, אַלס הוספה צו איר געהאַלט. אין דער צייט, ווען דער אמת איז געווען, אַז זי נאַשט פונעם צוקער־טייג און ווערט דערפון זאַט. זי האָט עס געטאָן, בכדי איינצושפּאָרן זיך דאָס געלט פון אַ מאָלצייט און קאָנען גיכער קו־מען צו אַ פּאָר פראַנק און דערגרייכן דעם ציל פון פאַרלאָזן דאָס מאַנסאַרדע־שטיבל, אַן וואַסער, מיט אַן אָפּטריט דריי שטאָק בי־

דעריקער, און זיך קענען אַריינציִען אין אַ לייטישן צימערל. דאָס איז געווען אַ הייליקער ליגן און אַ הייליקע גנבה. זיי האָבן נישט געקאָנט לענגער בלייבן אין זייער מאַנסאַרדע. עס האָט כסדר אַריינגערעגנט. די זון, וואָס פֿלעגט שיינען בשפֿע אין די נאָכמיטאָג־שעהן, ווען זיי פֿלעגן קוועטשן די אוניווערזיטעטס־באַנק, האָט נישט באַוויזן אויסטריקענען די פֿייכטקייט און אויסצופּרעסן די שימל־פֿלעקן פֿון די ווענט. דאָס בעט איז תּמיד געווען פֿייכט און קאַלט און עס האָט נישט געהאָלפֿן דאָס אָפּטע בייטן דאָס שטרוי פֿונעם פּרימיטיוון מאַטראַץ און פֿון די ליילעכער. דער קישן, וואָס סטערע האָט מיטגעבראַכט פֿון דער היים, אַ מתּנה פֿון דער באָבען, צו איר לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ זאַק מיט נאַקעטע ריטלעך, מיט שפּיצן, וואָס שטעכן אַדורך דאָס קלעפּיקע ציך־געוואַנט. סטערע האָט זיך געטאָן אַ נדר, אַז אַזוי לאַנג ווי זי וועט וווינען אין דעם צימערל, וועט זי זיך מיט דעם קישן נישט שיידן. דאָס איז געווען איר ערשטע פּאַריזער דירה און דער קישן האָט זי געבונדן מיט דער היים. זי פֿלעגט אים תּמיד דערלאַנגען אַ העלפֿט פֿון קישן, ער זאָל אַרויפֿלייגן אויף אים דעם קאָפּ, און זי פֿלעגט דערציילן וועגן דער גוטינקער באָבע פֿעסל, וואָס איז געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל אַ יידישע טאָכטער אַוועקלאָזן פֿון דער היים, און דערצו נאָך קיין פּאַריז... און זי האָט דערציילט, ווי די באָבע האָט זיך געשלעפּט צו דער באַן, הינטערן שטעטל, מיט דעם קישן, וואָס זי האָט אַליין אָנגעפּילט מיט פּוך און מיט פֿעדערן, און דעם ציכל, וואָס זי האָט אַליין אויפֿגעניייט און אויסגעהאָפֿטן א גרויסן אלף, אין אַ ווינקל, אַ גרויסן אלף, ווי אויפֿן שער־בלאַט פֿון איר צאינה־וראינה. און דערלאַנגענדיק איר דעם קישן, האָט זי אַריינגעוויינט אין איר פּנים אַריין: „זיי אַ גוטע יידישע טאָכטער און שייד זיך נישט מיטן קישן. אלף מאַכט אסתּר, אַזוי ווי אסתּר פֿון דער מגילה, ווי די הייליקע אסתּר, זי זאָל זיך מיען פֿאַר אונדז..."

לאַנג האָט זי אָבער דער באָבעס ווונטש נישט געקאָנט אָפּהיטן. אָבער אינגאַנצן שיידן זיך מיטן קישן און ברוטאַל האָט זי אויך נישט געקאָנט. ווינאַר זיי זענען אַריבער אין דעם נייעם צימער, מיט פּליסיק וואַסער און אַן אָפּטריט נישט מער ווי פֿאַר איין שטאָק לאַקאַטאַרן, האָט זי קודם גענומען דעם קישן, איינגע־

הילט אין אַ דיק פּאַק־פּאַפּיר און אים געלייגט אונטערן בעט. אָבער אַזוי ווי דער שימל און שוויס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורכן פּאַק־פּאַפּיר, האָט זי אַריינגעלייגט דאָס פּעקל אין אונ־טערשטן שופלאָד פון שראַנק. אָבער טראָץ דעם, וואָס זי האָט דעם שופלאָד קיינמאָל נישט געעפנט, האָט פון דאָרטן געשלאָגן אַ ריח פון פאַרשימלטער קאָרע, וואָס האָט געמאַכט ניסן און געמאכט ענג די לופט אין צימער. אַפילו דאָס כסדרדיקע לופטערן האָט נישט געהאָלפן. און אַפילו דאָס איינפּאַקן דעם קישן אין אַ ספּע־ציעל צעראַטע־געוואַנט, ווי מען פּאַרפּאַקט אַ געשוואָלענעם גליד, וואָס זאָל איינהאַלטן די ווירקונג פון דער באַנוצטער זאַלב — האָט נישט געהאָלפן. האָט זי, אַ שיינעם פרימאָרגן, אַראָפּגעטראָגן דעם קישן צוזאמען מיטן מיסט־עמער פאַר דעם אָפּפאַל־וואָגן.

דר. גאָלדבוך איז נישט געווען קיין אבערגלויביקער, אָבער אין דעם אַקט פון מפקיר זיין אויפן מיסט דער באָבע פעסלס קישן, האָט ער געפילט, אַז נישט נאָר וואַרפט מען אַרויס דאָס איבער־בלייבעכץ פונעם קישן, נאָר אויך די ברכה, וואָס די אַל־טע באָבע האָט מיטגעגעבן אין וועג אריין. אַזוי ווי עפּעס אַ קללה וואָלט זיך אריינגעריסן זייט דעמאָלט אין זיי־ער שטוב און געבליבן הענגען איבער זייער גורל. זייט דע־מאָלט האָט סטערע גענומען קרענקען. און וויניק, וואָס זי האָט געקרענקט, האָט מען בכלל נישט געקענט דערגיין, וואָס זי האָט אַזעלכעס. און זי איז אויסגעגאנגען. און אויסגעגאנגען איז אויך די באָבע פון גרויס צער, ווען זי איז צופעליק געוואָר געוואָרן דערוועגן. איר מאמע איז שווער קראַנק געוואָרן, און געלעגן כסדר צו בעט. איר טאַטע האָט אויפגעהערט שרייבן צו אים. ער האָט אים געמאכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פון זיין איינ־ציקער טאָכטער. אַלע זיינע אויפקלערונגען און אַטעסטאַטן פון דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, וואָס ער האָט דאָ געלאָזט איבערזעצן אויף פּויליש, און צו וועלכע ער האָט צוגעגעבן יידישע אויס־טייטשונגען, האָבן נישט געהאָלפן. סטערעס טאַטע האָט אויפגע־הערט צו שרייבן. און ווען ער האָט זיי אויף ראש־השנה געשיקט אַ ביסל געלט, כדי אירע עלטערן זאָלן קענען צוגרייטן אַ בעסערן יום־טוב — איז דאָס געלט צוריקגעקומען. און ווען ער האָט אַ יאָר שפּעטער געשיקט דריי מעטער פון שענסטן ליאָנער זייד,

אַז סטערעס מאַמע זאָל זיך לאָזן אויפנייען אַ נײַי קלייד, צו מאַכן דעריבער שהחיינו ערב ראש־השנה צו ליכט־בענטשן, איז דאָס פּעקל זייד צוריקגעקומען...

הגם ער און סטערע האָבן לעגאַל נישט חתונה געהאַט, האָט ער זי באַטראַכט ווי זיין אייגן ווייב, ווי אייגן בלוט און פליישׂ. אַפילו טויטערהייט, האָט ער געפילט, אַז זי האָט אים נישט פאַר־לאָזן. זי איז אומעטום געווען מיט אים און אויסגעפילט אַלע ווינ־קלען, די גאַנצע פרייע צייט. ער האָט זיך קיין נדר נישט געמאַכט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס צו פּרויען, און געטראַכט צו פאַרבלייבן אַזוי ווי ער איז. ער האָט אויף קיין פרויען זיך נישט אומגעקוקט. אַז סטערע איז געווען אומעטום, טאָ נאָך וואָס טויג אים אַן אַנדערע פרוי. סיידוי וועט זי קיין אַנדערע נישט קענען פאַרטוישן, נישט קענען פאַרנעמען איר אָרט אין זיין האַרץ, אין זיינע מחשבות. און צוזאַמען מיט אירע בלויע אויגן, לאַנגע האָר, די חן־גריבעלעך און שאַרף נעזעלע, האָבן אים אויך פאַר־פאָלגט אירע רויטע בעקעלעך און די טענה פון איר טאַטען, אַז דאָס האָט ער זי אומגעבראַכט, אַז ער איז שולדיק אין איר טויט. ער האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ער וועט אָפּשפּאָרן דאָס נויטיקע געלט אויף אַ נסיעה קיין פּוילן, וועט ער וואַקאַנס־צייט אַ שפּרונג טאָן צו אירע עלטערן אין שטעטל און זיך באַ־מיען ריינוואַשן פון דער גרויסער זינד, אין וועלכער מען באַשול־דיקט אים. ער וועט זיי דאָרטן אַלץ אויפקלערן און געבן צו פאַר־שטיין, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ער וועט זיי זאָגן, אַז סטערע האָט אים גענאַרט, נישט דערציילט דעם אמת... ער האָט זיך אָבער שנעל צוריקגעכאַפּט: יאָ, ווי קען מען עס זאָגן עלטערן, אַז זייער טאָכטער איז געווען אַ ליגנערין... און נישט נאָר אַ ליג־נעריך, נאָר אויך אַ גנבטע; זי האָט געגנבעט פון דעם צוקער־טייג און גענאַשט, געגעסן דערפון הייסערהייט, אַז דער באַלעבאָס זאָל זי נישט חושד זיין... ער האָט געציילט יעדן אָפּגעקילטן קאַ־ראַמעל, אָבער עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז אויך דעמאָלט, ווען דאָס טייג איז הייס, קאָן עמיץ אָפּצופן דערפון שטיקלעך און אויפעסן, זיך זעטיקן דערמיט אַנשטאָט פרישטיק, אַנשטאָט מי־טאָג. אמת, דאָס זענען געווען הייליקע ליגנס און הייליקע גזלה, אָבער גיי און גיב עס צו פאַרשטיין אלטע טאַטע־מאַמע. און צו־

ריקגעשמועסט, האָט ער געטראַכט, איז ער דאָך אומדירעקט שול־דיק אין איר טויט. די ראָל פון אַ מאַן איז דאָך צו באַזאָרגן די פרוי מיט חיונה. ווען ער פאַרדינט מער, וואָלט זי דאָך געקאָנט לערנען במנוחה, גיין רעגולער פון קורס צו קורס און נישט גע־מוזט אָנקומען צו דער קאָנדיטעריי־פאַבריק. און הלוואי וואָלטן זיי געבליבן ביי די בערעטן, און נישט געזוכט קיין בעסערע פרנסות. נו, האָט זי דאָך געחלומט וועגן אַ גרעסער און באַקווע־מער צימער, צו קענען מאַכן אירע היים־אַרבעטן פון דער קונסט־שולע. זיי האָבן פשוט נישט געקאָנט מאכן זייערע לעקציעס אינעם פייכטן, שימלדיקן און עיפּושדיקן בוידעם־צימערל. און זיין שולד איז דאָך אויך גרויס צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט דער־קענט אויף איר קרענק, איידער זי איז רעכט אַוועקגעפאַלן. ווו זענען געווען זיינע אויגן און זיין הארץ? האָט ער דאָך געדארפט זען, אַז די פלעמלעך אויף אירע באקן זענען קרענקלעך, אז דער גלאַנץ פון אירע אויגן איז נישט ווי דער גלאנץ פון אַ פאַר־ליבטער פרוי, אַז איר הייטערקייט און דאָס כסדרדיקע טוליען זיך צו אים איז נישט מער געווען ווי אַ פּאַראַוואַן, צו פאַרדעקן איר ליגן און איר גנבה. ווו זענען זיינע חושים דעמאָלט געווען?... און פאַרוואָס האָט ער נישט גענומען דורכפירן אַן אַנקעטע אין דער פאַבריק באַצייטנס, נאָר ערשט שפּעטער, ווען מען האָט זי געפּאַל־מעסט? פאַרוואָס איז ער ערשט דעמאָלט געגאַנגען דורכרעדן זיך מיט אירע חברטעס אין דער קאָנדיטאָריי־פאַבריק נאָכדעם, ווי מען האָט פון דער שפּיטאָל־לאַבאָראַטאָריע געגעבן צו וויסן, אַז מען האָט אין דער לעבער און די געדערים אַנטדעקט יענעם כעמישן שטאָף, וואָס האָט געמאַכט אַ תל צו אירע יונגע יאָרן? פאַרוואָס איז ער נישט געגאַנגען דורכפירן די אַנקעטע פריער, ווען זי איז נאָך געווען קראַנק, און מען האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז איר; פאַרוואָס? און פאַרוואָס האָט ער בכלל דערלאָזן, אַז מען זאָל זי פּאַלמעסן? וואָס וואָלטן געזאָגט אירע טאַטע־מאַמע, ווען זיי ווערן אויך געוואָר, אַז מען האָט זייער סטערע געפּאַלמעסט?! מען וואָלט דאָך אים נאָך מער פאַרשאָלטן די יאָרן. אמת, עס איז נישט זיין שולד; מען האָט עס געטאָן אָן זיין וויסן. זי איז דאָך געווען אין רשות פון שפּיטאָל און ער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער. ער האָט זיך דאָך דעמאָלט אַ מעשה געוואָלט אָנטון. מען האָט אים שפּעטער אויפגעקלערט, אַז סיווי וואָלט ער נישט געקאָנט

זיך קעגנשטעלן, ווייל דאָס קאָן נאָר טון די נאָענטסטע משפחה, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער, אַ שוועסטער; און ער געהערט זיך דאָך איר אייגנטלעך גאָרנישט אָן לעגאַל; זיי זענען דאָך נישט געווען מאַן און ווייב לויטן געזעץ... „יאָ", פלעגט ער זיך מאַכן פאָרווורפן, „געדאַרפט זי אַרויסנעמען פון שפּיטאָל ווען זי האָט גענומען גוססן און ברענגען צו זיך אין צימער, ביז צו קבורה. וואָלט זי געבליבן מיט אים נאָך אַ צוויי טעג. יאָ, און עס וואָלט צו בזיון המת נישט געקומען". „נו — האָט ער איינגעטענהט מיט זיך — וואָלט מען דאָך נישט אַנטדעקט פונוואַנען עס איז געקומען איר קרענק, פון וואָס זי איז פון דער וועלט געגאַנגען; די מעדיצין וואָלט פון איר פאַל גאָרנישט געקאָנט געניסן; די מענטשהייט וואָלט גאָרנישט נישט געקאָנט לערנען פון איר פאַל; די דיסער־טאַציע־אַרבעט וואָלט נישט געשריבן געוואָרן און עס וואָלט נישט צוגעצויגן געוואָרן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וויסנשאַפט צו דער חשיבות פון אויסנאַמספאַל; און עס וואָלט נישט אַרויסגע־הויבן געוואָרן דאָס אָרט פון אויסנאַמספאַל אין דער מענטשלעכער פּאַטאָלאָגיע און די בית־עלמינס וואָלטן זיך ווייטער, מיט אַזאַ זעלבן טעמפּאָ, אָנגעפילט מיט קרבנות פון איגנאָרירטע אויסנאַמס־פאַלן"...

ער האָט זיך געדרייט אויף זיין געלעגער און נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפינען. ער האָט פעסט פאַרמאַכט די אויגן און גע־דרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, בכדי צו פאַרטרייבן די זלידנע מחשבות. אָבער דאָס שאָקלען מיטן קאָפּ האָט זיי צונויפגעטריבן, צונויפבאַהאַפטן ווי פונאַנדערגעוואָרפענע קיילעכלעך פון קוועק־זילבער, אין איין גרויסן קיילעך, וואָס האָט געשווערט און גע־פינקלט אונטערן שאַרבן און פאַרנומען דאָס אָרט פונעם שלאָף.

כה

נאָך גוט וואָס פּראָפ. ליסבאָן האָט אים דעמאָלט מקרב גע־ווען, ווען נישט וואָלט ער מסתמא אַראָפּ פון זינען, אָדער נאָך ער־גער. פּראָפ. ליסבאָן איז געווען דער ממונה איבער דער קאַטעדרע פון אינערלעכער פּאַטאָלאָגיע אויפן אוניווערסיטעט און האָט אָנ־

געפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכער מעדיצין אינעם שפּיטאָל. אין זיין אָפּטיילונג איז טאַקע סטערע געלעגן און דאָ איז זי אויך אויסגעגאַנגען. דער פּראָפעסאָר האָט אויך פריער גע־האַט באַמערקט די פעאיקייטן פון גאָלדבוכן, ווען ער האָט געמאַכט זיין סטאַזש אין זיין אָפּטיילונג, אָבער ער האָט אים נישט גע־שאָנקען מער אויפמערקזאַמקייט ווי די אַנדערע סטודענטן־סטאַ־זשיערן. דער טויט פון סטערען האָט זיי ערשט דערנענטערט. צי האָט דער פּראָפעסאָר אויך געפילט אין זיך אַ טייל פון דער אַחריות אינעם טויט פון דער יונגער פרוי? צי איז עס געווען אויס גרויס מיטלייד צו איר חתן, צו וועמענס צער עס איז קיין פאַרגלייך נישט געווען? צי איז עס געווען אויס גרויס אינטערעס צו דעם אויסנאַמספּאַל, וואָס איז אויך, אין דער זעלבער צייט, אַ גרויסער ביישטייער צו דער מענטשלעכער פּאַטאָלאָגיע? צי איז עס דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט מקרב זיין אַ יונגן מע־דיקער, אין וועמען ער האָט געזען אַ צוקונפטיקן דאָקטאָר מיטן שווונג פון אַ פאָרשער, און אפשר ווי אַ דערפאָלגרייכן מיטאַרבע־טער? און אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ גרויסער הו־מאַניסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט זיין מעדי־ציניש וויסן, נאָר אויך אויפן געביט פון ליטעראַטור, קונסט און פּסיכאָלאָגיע? און אפשר גאָר דערפאַר, וואָס ער האָט — ווי מען האָט געשמועסט — געשטאַמט פון יידן?

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט פּראָפ. ליסבאָן אים אויסגע־שטרעקט אַ פריינטלעכע האַנט בעת די פינצטערסטע טעג אין זיין לעבן. דאָס האָט ער אים פאַרגעשלאָגן די טעמע פון זיין דיסער־טאַציע־אַרבעט און געשטעלט צו זיין רשות זיין ביבליאָטעק און זיינע פּריוואַטע, ווי אויך שפּיטאָל־אַרכיוון. זעענדיק ווי ער מוט־שעט זיך און קען קיין חיונה נישט צונויפשטעלן, האָט ער אים געשאַפן אַ פּראָוויזאָרישן פּאָסטן אין זיין אָפּטיילונג, מיט אַ לוין פאַר צוויי שעה אַרבעט, אַ פּאָסטן וואָס ער האָט ספּעציעל געשאַפן פאַר זיינעטוועגן, שעפּנדיק דעם געהאַלט פון די ספּעציעלע פאַרש־פּאָנדן ביי זיין קאַטעדרע. דאָס האָט דער פּראָפעסאָר אים אויך אָפּגערעדט פון פאָרן קיין פּוילן: „וואָס וועסטו פאָרן אַהינצו? עס בושעוועט דאָרט דער ראַסיזם און דער אַנטיסעמיטיזם און די מלחמה שטייט שוין ביי די טויערן פון דעם אומגליקלעכן לאַנד

— האָט ער מיט אים איינגעטענהט. און נאָך וואָס אויפֿפרישן די ווונדן פֿון אַלטע טאַטע־מאַמע. די צייט איז דער בעסטער באַלזאַם״.

איז ער טאַקע נישט געפֿאָרן. זיין אייגענער טאַטע איז געשטאָרבן נאָך מיט אַ צייט צוריק. די מאַמע האָט געקרענקט און דער עלטערער ברודער האָט געשריבן, אַז זי נויטיקט זיך אין אַן אָפּעראַציע. עס האָבן ביי איר זיך אַראָפּגעלאָזן די פּרויען־אָרגאַנען, פֿון האָבן אַ סך קינדער, אַזוי, אַז זי ליגט מער ווי זי גייט. עס דאַכט זיך איר כסדר, ווי זי גייט נאָכאַנאַנד צום קינד, אַזוי ציט זי די גאַנצע צייט צום בעט. די גאַנצע משפּחה האָט זיך צוזאמענגעלייגט און מען האָט זי געפֿירט צו אַ פּראָפֿעסאָר אין וואַרשע. האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט, אַז נאָר אַן אָפּעראַציע קאָן זי ראַטעווען. האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט אַהערנעמען קיין פּאַריז זיין אָרעמע מאַמע, און דאָ לאָזן אָפּערירן. האָט ער געשפּאָרט געלט, געלאָפֿן איבער שטאָקן מאַכן איינשפּריצונגען, שטעלן באַנקעס, צאַפּן בלוט פֿאַר אַ לאַבאָראַטאָריע, אָדער אַסיסטירן ביי אָפּעראַציעס אין אַ קליניק. ער האָט אויך נישט פֿאַרנאַכלעסיקט זיינע סטודיעס, זיינע קורסן, סטאַזשן, און אויך נישט די אַרבעט אַרום זיין דיסערטאַציע. ער האָט כסדר געשריבן צו זיין אַלטער מאַמען, אַז אָט־אָט נעמט ער זי אַריבער אַהערצו און וועט זי לאָזן אָפּערירן ביים גרעסטן כירורג אין פּאַריז. ער דאַרף נאָר אָפּשפּאָרן נאָך אַ פּאָר פֿראַנק, ער דאַרף נאָך דורכקוקן נאָך אַ ריי אַרכיוון, ער דאַרף פֿאַרענדיקן די לעצטע זייטן פֿון זיין דאָקטאָר־אַרבעט, און אַז אָט דאַרף ער אויסהאַלטן זיין טעזע און באַקומען זיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָם; און אַז שוין ווערט ער פֿריי און זיך קענען ווידמען אינגאַנצן דער מאַמען און איר אָפּעראַציע. דערנאָך האָט ער געשריבן, אַז אָט באַקומט ער פֿאַר איר אַ וויזע קיין פֿראַנקרייך און אַז פּראָפֿ. ליסבאָן האָט אינטערווענירט פֿאַר איר אין אויסערן־מיניסטעריום.

דער אויסברוך פֿון דער מלחמה האָט אָבער אַלץ צעשטערט. די אָרעמע און קראַנקע מאַמע האָט געשטרעקט אירע אויסגעדאַרטע הענט איבער די צעווילדעוועטע קעפּ פֿון די נאַצישע האָרדעס, וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד און איר שטעטל, בכדי זיך צו פֿאַראייניקן מיט איר זון, וואָס וואַרט דאָ אויף איר מיט

דעם בעסטן כירורג אין לאַנד. ער האָט כסדר געזען אירע הענט, וואָס ציען זיך אַהער, וואָס רייסן זיך אַהער צום זון, וואָס וואַרט אויף איר. ער איז געלאָפן צום רויטן קרייץ, צו אַמבאַסאַדעס; אפשר קאָן מען זי ברענגען, די מאַמע, דורך רומעניע, דורך טראַנזיט־לענדער, וואָס זענען נישט אין מלחמה. זי איז דאָך אַן אַלטע און קראַנקע פרוי, און עס גייט דאָך אין אַן אָפּעראַציע, און דאָרטן, אין די מלחמה־באַדינגונגען, וועט מען זי דאָך נישט קאָנען אָפּערירן.

די פאָרווורפן, וואָס ער האָט די מאַמע נישט אַראָפּגעבראַכט באַצייטנס קיין פּאַריז, נאָר אָפּגעשלעפּט, אָפּגעשלעפּט אונטער פאַר־שידענע תירוצים — האָבן שיעור נישט אויפגעריסן דעם באַלעם פון קוועק־זילבער אונטער זיין שאַרבן. ער איז אַראָפּ פון בעט און אין דער פינצטער גענומען זוכן זיין שעכטל מיט אַספּירין־פּילן, וואָס ער האָט תמיד געהאַט לעצטנס אונטער דער האַנט. דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט צווי פּילן אין מויל אריין, אויפגעדרייט דאָס וואַסער און גענומען נאָכטרינקען דירעקט פון דער אָפּענער רער. דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן איבער זיין פּנים, אַריינגעפאַלן אין האַלדז אַריין, פאַרהאַלטן זיך אויף זיין באַהאַרטן פאָרנט און אָפּגעצוואָגן דעם אויבערשטן טייל פון זיין פּיזשאַמע. אַ שוידער איז אים אַדורך אין אַלע אברים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און צוגערירט אַ נאַסע האַנט צו זיין נאַסן שטערן. דערנאָך אָנגענומען מיט דער זעלבער האַנט דעם פּולס־אָדער פון דער צווייטער און געציילט: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... אים האָט זיך געדאַכט, אז ער האָט פיבער. ער האָט אָבער פאַרטריבן פון זיך דעם געדאַנק. ער האָט נישט קיין צייט צו האָבן היץ, צו קרענקן. מאָרגן וואַרט אויף אים אַ שווערער טאָג. עס איז פאָראויסגעזען אַ גרופּע פון איבער הונדערט פּליטים, דירעקט פון די דייטשע לאַ־גערן; מען דאַרף זיי אונטערזוכן און די, וואָס זענען נישט אַנ־שטעקעוודיק און קאָנען אויסהאַלטן אַ שווערע רייזע אין באַדינגונ־גען פון דער „אומלעגאַלער" עליה — דאַרף מען אימפן, שיצן קעגן פּאָקן און אַנדערע קלעפּיקע מחלות. און אפשר וועט ער גאָר דאַרפן באַגלייטן אַ טראַנספּאָרט קיין מאַרסעי, אין די דורכ־גאַנגס־לאַגערן, ווו עס קומט אויס צו וואַרטן אויף אַ שיף. מען האָט אים געגעבן אָנצוהערן דערוועגן ערשט נעכטן. און אפשר וועט

ער דאַרפן זיי באַגלייטן אויף דער שיף קיין ארץ־ישראל. ער האָט אַגב זיך אַליין פאַרגעשלאָגן דערצו. דאַרפן דאָך די דאָזיקע ניצול־געוואָרענע יידן אַ הילף אונטערוועגס, בפרט וואָס די נסיעה איז נישט ווי אַלע נסיעות. עס איז נישט קיין פייערלעכע טריומף־רייזע, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, פון מענטשן באַפרייטע פון די שרעקלעכסטע יסורים און נסיונות. און נישט מיט פאַראַדן וואַרט מען דאָרטן אויף זיי, אינעם לאַנד פון זייערע חלומות און האָפענונגען. זייער נסיעה איז ערגער ווי אַ פּיראַטן־רייזע. אין פּרימיטיווע שיפלעך דאַרפן די קוים־ניצול געוואָרענע יידן דורכרייסן די שטורעמדיקע כוואַליעס פון ים, צונויפגעדרענגטע און צונויפגעשטופּטע ווי אין די פיי־וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט צום טויט. אָבער איצט פאָרן זיי זינגענדיק און מיט בטחון, אַז דאָרטן, ביי די אויסגעבענקטע ברעגן, וואַרט אויף זיי לעבן, האָפענונג, גאולה... אמת, נישט אַלע וועלן אפשר דערפאָרן. עס לויערן אונטערוועגס פאַרפאַנצערטע בריטישע שיפן מיט זייערע האַרמאַטן־לופעס געוואָנדן אין יעדן פאַרדעכטיקטן שאָטן, וואָס באַוועגט זיך אויף די כוואַליעס, וואָס כוואַליען אין דער ריכטונג פון די פאַלעסטינער ברעגן. מעכטיקע רעפלעקטאָר־סנאָפּעס פון די שפּיצן פון שיף־טורעמס צערייסן די סודותדיקייט פון דער נאַכט און בייזע סירענעס וואָרענען אויף ענגליש און אויף יידיש: „יידן, קערט זיך צוריק פונוואַנען איר זייט געקומען; יידן, צוריק אין די לאַגערן אַריין! פאַלעסטינע איז פאַר אייך פאַרבאָטן!". און הילכערס הילכן פון די פאַנצער־שיפן אַראָפּ די לעצטע ווענדונג פון בריטישן סאָציאַליסטישן אויסערן־מיניסטער: „יידן, דאָס חרובע אייראָפּע וואַרט אויף אייך, איר זאָלט צוריק אויפבויען די חורבות, צוריקבויען די פאַרוויסטע שטעט און פונאַנדערבויען דעם האַנדל. דאָס איז אייער מיסיע אין דער אָרעמער אייראָפּע. דעריבער, קערט זיך אום פון אייער וועג, גייט נישט דאָרטן, ווו איר זייט אומגעוווּנטשן; מיר וואָרענען אייך, איר זייט געוואָרנט... איינס, צוויי... יו העוו בין וואָרנט... איינס, צוויי, דריי"... און נאָך די וואָרענונגס־סאַלוועס קומען קאַנאָנען־שאָסן. און קולות טראָגן זיך אינעם פינצטערן חלל: שמע־ישראל, „זאָג נישט קיינמאָל", און עם ישראל חי... רעטונגס־שיפלעך, רעטונגס־בייגל, בלאָז־מאַטראַצן... דערטרונקענע, פאַרוווּנדעטע, פאַרוווּנדעטע...

ער האָט זיך צוריקגעלייגט. נישטאָ קיין צייט קראַנק צו זיין

דווקא איצט. עס וואַרט דאָך אַזאַ גורלדיקע אַרבעט. ער האָט אַרויפגעצויגן דעם צודעק איבערן קאָפּ און באַמיט זיך איינצו־שלאָפן. ער וועט דאָך נישט קענען אויספירן זיין אַרבעט, אויב ער וועט נישט זיין אויסגערוט. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צום רענצל, וואָס שטייט תמיד נעבן זיין בעט, גרייט פּאַר דרינגענדיקע פאַלן, אויב מען רופט אים פלוצים צו אַ קראַנקן. ער נעמט ביי זיך נישט אויף קיין קראַנקע, ווייל ער איז נישט איינגעאָרדנט. ער אַרבעט בייטאָג אין יידישע דיספאַנסערס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּליטים, און גייט צו קראַנקע, אויב מען רופט אים אַרויס אין אַ נויטפאַל. איז זיין רענצל תמיד גרייט און עס איז אָנגעפּיקעוועט מיט רפואות, אין פאַל פון אַ דרינגענדיקן מעדיצינישן אקט, אין פאַל פון אַ שפּעטער נאכט־וויזיט, ווען די אַפּטייקן זענען פאַרמאַכט. דעמאָלט מאכט ער אַן איינשפּריצונג און לאָזט איבער עפּעס פון די נויט־רעזערוון, וואָס ער שלעפּט תמיד אין זיין שווער רענצל. האָט ער אויסגעצויגן די האנט און גענומען זוכן אינעם רענצל דאָס שעכטל מיט שלאָף־צעפּלעך. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס לעצטע שעכטעלע מיט די שלאָף־צעפּלעך איבערגעלאָזן ביי דער לעצטער קראַנקער, דאָרטן אויבן, אינעם בוידעם־שטיבל, ביי דער פרוי, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן אינעם מעטראָ־וואָקזאַל, די פרוי מיט די ביילן, מיטן שטעכן אין דער זייט, מיט די שטאַרע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ ווייטן בליק, מיט דעם אָפּגעדעקטן לייב, איבער וועלכן ער האָלט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און די פינגער לאָזן זיך נישט אַראָפּ, וואָגן נישט צוצורירן זיך צו איר, בלייבן הענגען אין דער לופטן...

כו

ווי אויף להכעיס האָט דער שלאָף זיך ערשט אַריינגעריסן צו אים אין שטוב צוזאַמען מיט דעם אָנזאָג אויף טאָג. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, בכדי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. ער וואָלט איצטער געקאָנט געשמאַק שלאָפן און דעקן דעם דעפיציט, אָבער ער קאָן זיך נישט דערלויבן דערויף. עס וואָלט געווען אַ פאַר־

ברעכן, ווען ער לאָזט זיך ווייטער באַהערשן דורך זכרונות און אַלערליי אומהיימלעכע רעיונות און דורך דער מידקייט, וואָס שלעפּערט אים איין. עס וואַרט אויף אים אַ שווערער טאָג. יעדע רגע מוז אויסגענוצט ווערן. אַ פאַרשווענדעטע רגע איז מער ווי אַ פאַרשווענדעטע רענדל. דאָס רענדל וועט נאָך אפשר צוריקקומען, אָבער די רגע זיכער נישט מער. דאָס רענדל וועט מען נאָך מסתמא קאָנען אָניאָגן, אָבער די רגע, וואָס מען האָט נישט אויסגענוצט צו אַ דבר טוב, איז אַ פאַרשפּילטע רגע, איז אַ זיכערער פאַרלוסט. האָבן דאָך אונדזערע חכמים עס געזאָגט אַזוי טרעפלעך, אַז פאַראַן מענטשן, וואָס ראַטעווען די וועלט אינעם זכות פון איין שעה פון זייער לעבן... זענען עס דאָך איצטער גורל-שעהן פאַרן גערודפטן יידישן פאָלק, פאַר דעם פאָלק, וואָס איז אַרויס פון די געטאָס און לאַגערן, פאַר די רעשטלעך נישט-דערברענטע, נישט-דערגאַזטע, נישט-דערקוילעטע. אפשר גאָר גורל-רגעס. אָט, האָט זיך די מלחמה געענדיקט פאַר דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט פאַר אונדז. דער שונא איז נישט דערזעלבער, אָבער דער פאַרמעסט איז נישט קיין קלענערער ווי בעת די אויפשטאַנדן אין די געטאָס... אָבער דאָס געוויסן פון דער וועלט איז איצטער אַ סך וואַכזאַמער, שפּירעוודיקער. און עס איז נישט מעגלעך, אַז דאָס שולד-געפיל לגבי דעם דריטל פון אונדזער פאָלק, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן אַזוי ברוטאַל ביי דער הסכמה, אָדער אָפּהענטיקייט פון די וועלט-מושלים, זאָל זיין גלייכגילטיק צו דעם אומגלייכן קאַמף, פון דעם דוד און גלית-קאַמף, וואָס גייט אָן אויף שטורמישע ים-כוואַליעס, און אויף זאַמדיקער ערד, וואָס פרעמדע הענט האָבן פאַרוויסט און פאַראומרייניקט, אויפן הייליקן באָדן, וואָס לעכצט נאָך גאולה...

דר. גאָלדבוך האָט אַרונטערגעשטעלט זיין קאָפּ אונטער אַ שטראָם וואַסער און גוט איינגעריבן מיט ביידע האַנט-פלאַכן די מחיהדיקע פרישקייט אין יעדן ברעקל פון זיין קאָפּ, פון זיין פּנים, פון זיין באַהאָרטן פאַרנט. עס איז נאָך געווען פרי. מסתמא שלאָפט זי נאָך — האָט ער געטראַכט. זי האָט זיכער אַריינגעזעצט דאָס צעפּל און אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ קעצעלע. זי וועט זיך איבערוועקן אַן אויסגערוטע און אַנטשפּאַנטע, און עס וועט זיין לייכטער צו דערקענען זיך אויף איר צושטאַנד, עס וועט זיין לייכטער זי צו אונטערזוכן און צו וויסן, וואָס מען דאַרף טון. יעדנ-

פֿאַלס, וועט מען זיכער מוזן מאַכן אַ רענטגען־אויפֿנאַמע פֿון איר קאָפּ, פֿון דער זייט.

ער האָט זיך געשטעלט ראַזירן. זיין פּנים איז נאָך געווען יונג, הגם די האָר זענען געווען שוין ערטערווייז ווייס ווי ביי אַן עלטערן מענטש. די שוואַרצע און לאַנגע האָר פֿון זיין טשופּרינע, מיט וועלכע ער האָט זיך געגרויסט אַלס שילער און אַלס יונגער סטודענט, זענען צוביסלעך אַרויסגעפֿאַלן און זייער אָרט האָבן פֿאַר־נומען שיטערע הערלעך, נישט־גראָ און נישט־שוואַרץ, אַרומגע־רינגלט פֿון הינטן און ביי די זייטן מיט אַ געדיכטער זילבער־ראַם. די ברעמען־בערשטלעך האָבן אויפֿגעהאַלטן די פֿאַרב פֿון די אַרויס־געפֿאַלענע קאָפּ־האָר און זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער דיקער און שוואַרצער אויבערשטער ראַם פֿון זיינע ברילן. אויך די אַרויס־שטייענדיקע האָר פֿון זיינע צעשפּרייטע נאָזלעכער און אויערנ־לעכער זענען געווען שוואַרץ און שוואַרץ זענען אויך געווען די וויעס. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן צום ראַזירן, צורוקנדיק זיין פּנים נאָענט צום שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען איבער דעם וואַש־בעקן. פֿונדערווייטנס האָט ער נישט געזען. די ראיה האָט זיך שטאַרק פֿאַרערגערט ביי אים זייט מאַוטהאַוזען. די העפֿטלינגס, וואָס האָבן געטראָגן ברילן, זענען דאָרטן געווען די ערשטע קרבנות. מען האָט זיי אָנגענומען פֿאַר אינטעלעקטועלע און דעם מין מענטשן האָבן די רויע און ווילד־פּראָסטע נאַצי־אויפֿזעער נישט ליב גע־האַט. זיי פֿלעגן זיך כסדר איזדעקעווען איבער זיי און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט פֿאַרווילן, אָדער געוואָלט אָפּשרעקן די אינטערנירטע און זיי טעראָריזירן, איז דער קרבן געווען איינער, וואָס האָט געטראָגן ברילן, אָדער געהאַט אַן „אינטעליגענט" פּנים. ביז ער איז דערוועגן געוואָר געוואָרן, האָט ער גוט דערפֿילט אויף זיין הויט די בייטש פֿון דעם ווילדן אויפֿזעער און צוויי מעת־לעתן אינעם שטיינערנעם קאַרצער, מיט וואַסער איבער די קני, אָן ברויט און אָן וואַסער. סתם אַזוי צוליב די ברילן. בעת דעם ערשטן אַפּעל צומאָרגנס נאָכן אָנקומען, האָט אים דער קאָמענדאַנט אַרויסגערופֿן פֿון דער ריי: „דו, פֿילאָזאָף, קאָם הער", און אָנגע־וויזן מיט דער בייטש אויף אים. דערנאָך האָט ער אים געגעבן אַ שמיץ אינעם פּנים און באַפֿוילן: „שנאוצע אַם באָדן". און ווען ער איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד, האָט ער געהערט צווישן יעדן שמיץ און קלאַפּ מיטן האַרטן עק פֿון דער בייטש, ווי ער

ווילדעוועט: „נידער מיט דעם פּילאָזאָפֿן, נידער מיט דעם יודען, די דען קריג געוואָלט האבן... טאָט דען יודען און דען פּילאָזאָ־פֿען". און ווען זיין כעס איז געשטילט געוואָרן, האָבן אים עטלעכע פעסטע הענט אַריינגעשלײדערט אינעם קאַרצער־קעלער און האָבן אים נאָכגעוואָרפֿן די ברעקלעך פֿון זיינע צעבראָכענע ברילן. ווען ער איז געקומען צו זיך אינעם וואַסער פֿון פֿינצטערן קעלער, האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די פֿינגער עטלעכע ראַמען פֿון ברילן, וואָס זענען אַרומגעשווומען אינעם וואַסער. ווו ער האָט אויסגעצויגן די הענט, האָט ער אָנגעטאַפּט צעבראָכענע ברילן־ראַמען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז יעדע בריל־ראָם באַדייט אַ קרבן פֿון אַן ענלע־כער רציחה. און ער האָט געזאָגט צו זיך: וועט ער דערלעבן אַרויסצוגיין לעבעדיק פֿון דעם תּפֿיסה־קעלער, וועט ער וואָרענען יעדן איינעם, וואָס וועט קומען מיט אַ פֿרישן טראַנספּאָרט, אַראָפּ־צוּוואַרפֿן קודם כל פֿון זיך די ברילן, נישט קומען צום אַפּעל אין ברילן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס קיינער פֿון די אַלטע לאַגערניקעס האָט אים נישט געוואָרנט; זיי האָבן דאָך געוווּסט, וואָס אַזעלכעס עס וואַרט אים דערפֿאַר. צי זענען זיי גע־וואָרן שוין אַזוי גלייכגילטיק צו אַלע ליידן, אָדער זיי נויטיקן זיך גאָר אין אַזאַ ספּעקטאַקל, וואָס זאָל צערייסן די מאָנאָטאָנקייט פֿון דעם לאַגער־לעבן ?... יעדנפֿאַלס, ער האָט זיך געטאָן אַ נדר, אַז ווינאָר ער וועט דערלעבן אַרויסצוגיין פֿון דעם לאַך, וועט ער וואָרענען יעדן איינעם אָוועקצוּוואַרפֿן די ברילן. און אַ שיינע פּאָר מנינים העפֿטלינגס האָט ער טאַקע געראַטעוועט פֿון דעם קאָמענ־דאַנטס בייטש און פֿון קאַרצער...

זייט דעמאָלט איז זיין ראיה אַ שלעכטע. צוויי און אַ האַלבן יאָר פֿון אָנשטרענגען די אויגן בעת דער קאַטאָרגע־אַרבעט האָט געמאַכט אַ תּל פֿון זיין ראיה. ווען עס נעמט נישט קיין סוף צום לאַגער און ער וואָלט נאָך געדאַרפֿט לענגער מאַטערן די אויגן אָן ברילן, וואָלט ער זיכער היינט בלינד געווען. און ווען מען וואָלט אים נישט אַרויסגעצויגן דעם דריטן טאָג פֿון קעלער, בכדי אַריינצוּוואַרפֿן אַהינצו, אויף זיין אָרט, אַן אַנדערן „פּילאָזאָף", וואָלט ער זיכער היינט נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, און נישט געשטאַנען איצטער פֿאַר זיין שפּיגל מיט אַ ראַזיר־מעסער אין האַנט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אין זיין נאָטיץ־ביכל מיטן פּראָגראַם אויפן היינטיקן טאָג. ביידע זייטלעך פון דעם קאַלענדאַר־טאָג זע־נען געווען אָנגעפּיקעוועט ביז איבער די ברעגעס. צווישן די צוויי זייטלעך האָט זיך געפונען אַ לויז בלעטל, וואָס איז אויך געווען געדיכט באַשריבן מיט באַגעגענישן, ראַנדעוווס, באַזוכן ביי קראַנ־קע און אויפגאַבן, וואָס וואַרטן אין לויף פון טאָג. ער האָט אַראָפּ־גענומען די ברילן און צוגעשטעלט די זייטלעך געדיכט צו די אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שורה, וואָס איז געווען דיק אונטערגעשטראָכן מיט רויטע בליי. די דאָזיקע שורה און דער רויטער שטריך איבערחזרן זיך שוין זייט אַ לאַנגע צייט אין זיין פּראָגראַם פון יעדן טאָג. און ביז היינט האָט ער זיך נאָכנישט באַפרייט פון דער אויפגאַבע, הגם זי געהערט צו די התחייבותן, וועלכע ער טאָר נישט פאַרנאַכלעסיקן. פּראָפ. ליסבאָן האָט אים געשריבן אַנומלט, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט זיך מיט אים באַ־געגענען. ער פּלאַנירט פונאַנדערצובויען אויפסניי זיין לאַבאָראַ־טאָריע. וואָלט ער זיך וועלן מיט אים באַראַטן און עווענטועל אים צונעמען אַלס אַסיסטענט. בעט ער אים, אַז ער זאָל אים אָנקלינגען צווישן אַכט און האַלב ניין אין דער פרי, איידער ער גייט אין שפּיטאָל. וועלן זיי באַשטימען אַ באַגעגעניש, וואָס וועט זיי ביידן אַנטשפּרעכן, און זיי וועלן קענען זיך ברייט פונאַנדערשמועסן וועגן אַלעם. צוויי בריוו האָט שוין דער פּראָפעסאָר געשריבן צו אים און דעם צווייטן געשיקט מיט רעקאָמענדירטער פּאָסט, מיי־נענדיק, אַז ער האָט דעם ערשטן בריוו נישט דערהאַלטן. ער האָט אָבער כסדר אָפּגעלייגט מיט געבן תשובה אויפן פּראָפעסאָרס איינ־לאַדונג. ער האָט קיינמאָל נישט דיספּאָנירט מיט קיין פרייער צייט און דערצו איז אים תמיד אויסגעקומען צו זיין ביי קראַנקע פון פאַרטאָגס אָן און די אָרעמע יידן אין די בוידעם־שטיבלעך, אָדער אין די ביליקע האָטעלעכלעך, אויסגעהאַלטן דורכן דזשאָינט, האָבן קיין טעלעפאָנען נישט געהאַט. ער האָט געוווּסט, אַז פון דעם גע־שפּרעך מיטן פּראָפעסאָר איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק זיין ווייטערדיקע קאַריערע און זיין גורל בכלל. ער האָט געוווּסט, אַז דער פּראָפעסאָר וועט אים ווייטער מקרב זיין, אפשר ווי אַמאָל, און אין זיין נייעם צענטער פאַר עקספּערימענטאַלער מעדיצין וואָלט ער געקאָנט פאַרנעמען אַ גאָר אָנגעזען אָרט. עס וואָלט אויף אַזאַ אופן גענומען אַ סוף צו דעם דראַפּען זיך אויף די שטאָקן, צום

שלעפּן זיך בייַנאַכט צו דרינגענדיקע פֿאַלן, צו דעם שאַרפֿן קלונג ביי זיין טיר, וואָס וועקט אים אַרויס פֿון וואַרעמען בעט צו אַ פֿרוי, וואָס איז אַוועקגעפֿאַלן, צו אַ מאַן, וואָס האָט באַקומען אַ שטיינער־אַנגריף, צו אַ קינד, וואָס האָט זיך פֿאַרקייכט אינמיטן שלאָף און פֿאַכעט מיט דער נשמה. ער וואָלט זיך אַזוינאָך גע־קאָנט באַפֿרייען פֿון דעם אַלעם. האָבן זיך דאָך זיינע ביינער נאָכ־נישט באַפֿרייט פֿון דער ירושה פֿון לאַגעח. פֿון די מאָוטהאַוזענער טרעפּן, פֿון די שמיץ און פֿון יענע מאָרימדיקע קאַרצער־מעת־לעתן. און דאָס רענצל ווערט עפּעס וואָסאַמאָל שווערער אין זיינע הענט און די פֿיס הויבן זיך נישט דווקא אַזוי גיך, בפֿרט ווען זיי דאַרפֿן גיין העכער ווי צוויי־דריי שטאָקן. אָבער דאָס אָנקומען פֿון נייע יידן פֿון די „די־פּי״־לאַגערן אין דייטשלאַנד, האָט כסדר אָפּגע־שלעפּט זיין באַשלוס צו טעלעפֿאָנירן צום פּראָפֿעסאָר. זיי האָבן זיך געגוויטיקט אין אים. מען האָט זיך געגוויטיקט אין אים אין „אָזע״־דיספּאַנסער. דערצו וועט ער דאָך אינגיכן דאַרפֿן באַגלייטן אַ גרופּע קיין מאַרסעי, און אפֿשר גאָר פֿון דאָרטן קיין ארץ־ישׂראל. וועט ער טעלעפֿאָנירן שפּעטער, מאָרגן, איבערמאָרגן...

ער האָט אָנגעפּילט זיין רענצל מיט נייע רפֿואות, וואָס ער האָט אויסגעליידיקט אין לויף פֿון טאָג, און איז גיך אַראָפּ אין גאַס. מענטשן אין אַרבעטער־בגדים, מיט שלאָף אין די אויגן, האָבן געאיילט זיך צו די מעטראָ־איינגענג. שלעפּערס האָבן געגישטערט מיט בלויזע הענט אין די מיסט־עמערס, און געזוכט דאָרטן ווערט־זאַכן, וואָס אַ נישט־פֿאַרזיכטיקע באַלעבאָסטע האָט צופֿעליק גע־קאָנט אַרויסוואַרפֿן, אָדער שטיקלעך מעטאַל, בלעך, אָדער שטאָף, וואָס קאָן האָבן אַ ווערט אַלס ברוכוואַרג. אין אָנהויב גאַס האָט זיך געהערט דער רעש פֿון דעם שווערן מיסט־וואָגן, וואָס קומט איינשלינגען דעם אָפּפֿאַל פֿון די עמערס און דאָס מיסט, וואָס די שלעפּער־הענט האָבן געזוכט אויפֿן טראָטואַר בעתן נישטערן. אַ קאַפֿע־הויז האָט זיך געעפֿנט מיט רעש און געקלאַנג פֿון אייזער־נע שטאַנגען און זשאַלוזעס. דר. גאָלדבוך איז אַריין און געבעטן אַ שטאַרקע קאַפֿע מיט אַ בייגל, אַ טאָפּלט טעפּל קאַפֿע מיט אַ קרואַסאַן.

כז

דער דאָקטאָר האָט לאַנג נישט געזוימט אין קאַפּע. ער האָט געדאַרפט זען באַלד פּאַרטאָגס איינע פון זיינע פּאַציענטינס, וועלכע ער זעט כמעט יעדן טאָג. זי קומט נישט פון די געטאָס און נישט פון די דייטשע קאַצעטן, נאָר פון רוסישע לאַגערס. זי איז פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט איר מאַן און זעקס־יאָריק מיי־דעלע אין דער געגנט פון אַלמאַ־אַטאַ. דאָרט האָט איר מאַן באַ־קומען מאַלאַריע, בעת דער ארבעט אין די רייז־באַגנעס, און איז אַוועקגעפאַלן. זי האָט אים געפּרווט ראַטעווען. דער נאָענטסטער דאָקטאָר איז געווען אַ דרייסיק קילאָמעטער פון רייז־פעלד. ער האָט שוין נישט געקאָנט גיין. ער האָט געגליט און געוואָרפן זיך פון היץ. זיין גאַנץ לייב האָט געציטערט, יעדעס ברעקל פון זיין לייב האָט זיך געוואָרפן אין קאָנוולסיעס. זי האָט אים גענומען אויף די פלייצעס און געלאָזט זיך גיין צום דאָקטאָר. איר האָט זיך געדאכט, אַז זי טראָגט אַ פלאַמיק שטיק פייער אויף איר רוקן, און אַז זי ווערט אַליין פאַרברענט. דערצו איז געווען אַ הייסער טאָג און די זון האָט געגליט פון פאַרטאָגס מיט אַ ברען פון מיטב־טאָג. זי האָט דורכגעשניטן פעלדער, קוסטע־וועלדער און זומפּן, בכדי צו פאַרקירצן דעם וועג, צו געווינען עטלעכע קילאָמעטער. זי האָט געוואָלט ווי אַמשנעלסטן אַהינבאַקומען זיך צום דאָקטאָר. עס איז געווען אַנהויב וואָך און זי האָט נישט געקאָנט וואַרטן מיט איר מאַנס קרענק, ביז דער דאָקטאָר וועט פאַרבייפאָרן זייער פאַר־שיקונגס־פּונקט בעת זיינע קורצע, סוף־וואָכיקע באַזוכן. אָט ווערט ער דאָך באַלד פאַרברענט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט, אַז זי זאָל גיין, אָבער ער האָט זי געוואָרנט, אַז דער וועג איז אַ ווייטער און אַ שווערער, און דערצו זענען פאַראַן שלאַנגען אונטערוועגס. ער האָט זיין פערד און וואָגן נישט געוואָלט געבן צו דעם צוועק, ווייל עס איז אים בפירוש פאַר־באָטן. דאָס פערדל דינט אים צו ברענגען יעדן סוף־וואָך פראָ־

וויאַנט פֿון ראַיאָן־פּונקט און איצטער איז קוים מאַנטיק. ער טאָר מער ווי איינמאָל אין וואָך נישט מאַטערן דאָס פֿערדל אויף דעם שווערן וועג וואָס פֿירט אין ראַיאָן־פּונקט. ער האָט אויך נישט דער־לויבט, אַז אַ פּריינט פֿון צווישן די אַרבעטער זאָל זיי באַגלייטן אין וועג און העלפֿן טראָגן דעם קראַנקן, ווייל עס וועלן פֿעלן אַר־בעטס־הענט. עס קאָן אַראָפּפֿאַלן אומגעריכט אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע און עס קאָן, חלילה, צופֿעלן צום קאָנטינגענט פֿון רייז, וואָס דער דאָזיקער פּונקט דאַרף צושטעלן — וואָלט ער פֿאַרפֿוילט געוואָרן אין אַ פֿינצטערער תּפֿיסה, נאָך איידער עס וואָלט פֿאַרגעקומען זיין משפּט, צוליב סאַבאָטאַזש... איז זי געגאַנגען, און געלאָפֿן, און געשוועבט אין דער לופֿטן מיט אירע שווערע און לאַנגע פֿיס, טראָגנדיק דאָס שטיק פֿייער אויף איר רוקן. זי האָט זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוווינט צו דער פֿייער־משא, אַז זי האָט לסוף אויפֿ־געהערט צו פֿילן איר גלי. און ווען זי איז געקומען פֿאַר דער שוועל פֿון דאָקטאָרס הויז און האָט אַוועקגעלייגט איר מאַן אויפֿן דיל, האָט זי געהערט ווי דער דאָקטאָר נעמט שרייען אויף איר און וואַרפֿן זיך מיט כּעס: „וואָס האָט איר מיר געבראַכט? אַ טויטן מענטש. איר זוכט מסתּמא דאָס טויטן־שטיבל און נישט אַ דאָקטאָר. נעמט אים אַוועק און טראָגט אים ווייטער“. זי האָט אים נישט אַוועקגעטראָגן ווייטער, ווייל זי איז געפֿאַלן אַ פֿאַר־חלשטע און נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר. ווען זי האָט זיך אויפֿגעוועקט, האָט זי זיך געפֿונען אויף אַ שפּיטאָל־בעטל. אַרום זענען געווען בעטלעך מיט קראַנקע. זי האָט גע־רעדט פֿון היץ. ווען די היץ איז אָפּגעפֿאַלן און זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אויפֿגעריסן און גענומען לויפֿן צוריק, צוריק צום רייז־פֿעלד. „לאהלע, מיין קינד, לאָלאַ מיין איינציקע“ — האָט זי גערעדט צו זיך, לויפֿנדיק צוריק. „קיין טאַטן האָסטו שוין מער נישט, דערפֿסטו כאָטש האָבן אַ מאַמען. און דו ביסט איצטער מיין גאַנצע משפּחה, מיין טרייסט, מיין לעבן. איך וועל אַרבעטן פֿאַר דעם טאַטן אויך, אַז עס זאָל דיר גאָרנישט פֿאַרפֿעלן“. און זי האָט זיך גענומען אַרבעטן איבער־שעהן. געוואָרן אַ סטאַכאַנאָווקע. אַרויסגעגעבן מער אַרבעט אויף אַ שעה, ווי אַלע אנדערע אינעם רייז־פֿעלד. דאָס האָט איר געגעבן רעכט צו פֿאַרברענגען אַ טאָג אין חודש אינעם „ווישיאַלעק“, אַ 15 קילאָמעטער פֿון דאַ, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען די קינדער פֿון די אַרבעטער פֿון דער אַרו־

מיקער געגנט. דאָס האָט איר אויך געגעבן דאָס רעכט צו באַ־קומען אַלס פּרעמיע אַ קליין חזירל, יעדע זעקס חדשים, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אינעם ווישיאַלעק. ווען דאָס חזירל איז אונ־טערגעוואַקסן, האָט מען עס געקוילעט. דאָס קינד האָט דעמאָלט געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען מער פּעטס און שינקע, ווי די קינ־דער פון דעם טאַטן, אָדער מאַמען, וואָס האָבן זיך נישט אויס־געצייכנט מיט סטאַכאַנאָווסקער אַרבעט. דאָס האָט איר אויך דער־מעגלעכט מיטצונעמען אַ שפּאָרע פּאָרציע שינקע און אַ טעפּל שמאַלץ, פון יעדן באַזוך בײַם קינד און אַזוי אונטערצוהאַלטן די כוחות צו דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. צוויי חזירימלעך האָט זי זיך אַזוינאַך פאַרדינט און אַ דאַנק דעם איז די קליינע לאָלאָ געוואקסן א געזונט מיידעלע, מיט ראָזע בעקעלעך און גלאַנצע־דיקע אייגעלעך, און זיך געקאָנט אַקעגנשטעלן אַלע עפּידעמיעס און טראַפּישע קרענק, אויף וועלכע עס פלעגן אָוועקפאַלן די קינ־דער, וועמענס עלטערן האָבן נישט פאַרדינט קיין פּרעמיע. די אויפזעער פונעם קינדער־צענטער האָבן געוואכט איבער דעם, אַז איין קינד זאָל נישט געניסן פון דעם חזירל פון אַ קינד, מיט אַ פאַרדינסטפולן טאַטן, אָדער מאַמען. די שפּייז־נאָרמע פונעם קינד איז געווען אַן אינדיווידועלע און גענוי ראַציאָנירט לויט דער אַר־בעטסנאָרמע פון די עלטערן, לויט דעם צי דער אַרבעטער, צו וועמען עס געהערט דאָס קינד, האָט יאָ פאַרדינט אַ חזירל, אָדער נישט...

אַזוי האָט זי דערצויגן ביזן סוף פון קריג און ווינאַר עס איז געווען מעגלעך — איז זי צוריקגעפאָרן קיין פּוילן. טרעפנדיק אין איר שטעטל בלויז חורבות און קיינעם נישט פון דער משפחה איז זי געלאָפן ווייטער און אָנגעשפּאַרט אין דעם גרויסן פּאַריז. דאָ איז זי געקומען צו זיך. באַקענט זיך מיט אַ סימפּאַטישן מאַן. ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און קינד אין אוישוויץ. זענען זיי גע־גאַנגען ווינען צוזאַמען. זייער דירה איז געווען צו קליין, האָבן זיי אָוועקגעגעבן לאָלען אין קינדערהויז פון „אַרבעטער־היים", אין אַנדעליס, און פלעגן זי גיין באַזוכן יעדן זונטיק. זיי האָבן גע־זעצלעך חתונה געהאַט און געוואָלט האָבן אַ קינד. ער האָט גע־וואָלט האָבן אַ ייִנגעלע, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זיין פאַר־ברענטן מאַטעלען. שוין צום דריטן מאָל פאַרגייט זי אין טראָגן און טראָגט נישט אויס. ביים סוף פון צווייטן אָדער בעתן דריטן

חודש נעמט זי פּלוצים בלוטיקן, און עס ענדיקט זיך מיט מפּלען; און דאָס לעצטע מאָל האָט מען זי אַפּילו געמוזט אויסקראַצן. נו, און איצטער שוואַנגערט זי ווידער, און זי לעבט אין שרעק, אַז זי קאָן חלילה ווידער פֿאַרלירן דאָס קינד. איר מאַן ציטערט אײַ־בער איר, שלאָפֿט נישט צו גאַנצע נעכט, און אין געהיים, אַז זײַנע חברים אין דער פּאַרטיי זאָלן נישט וויסן — האָט ער געגעבן געלט, אַז מען זאָל זאָגן תהילים אין אַלע שולן אויפֿן „פּלעצל" און אַליין געלאָזט זיך אויפֿרופֿן אין דער פּאַווע־שול צו דער תורה, געלאָזט מאַכן אַ מי־שברך און מנדר געווען אַ שיינעם פּדיון פֿאַר דער שול און פֿאַר דעם פֿאָנד פֿון די „אומלעגאַלע", וואָס קעמפֿן קעגן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן...

אַט דאָס אַלץ איז פֿאַרביי אינעם קאָפּ פֿונעם דאָקטאָר, פֿאַרנ־דיק מיט דער מעטראָ־באַן צו דער קראַנקער. ער איז געווען צו־פֿרידן, וואָס דער וועג איז אַ לאַנגער און וואָס ער מוז בײַטן צווײמאָל די ריכטונג ביז צו דער בעלוויל־סטאַציע, ווו עס וווינט די קראַנקע. לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון פּראָפֿעסאָר און באַרימטן פֿרויען־ספּעציאַליסט, דאַרף זי ליגן כּסדר, ביז עס וועט אַדורך דער דריטער חודש. זי דאַרף די גאַנצע צײַט זײַן אונטער אַ שטרענגער אָבסערוואַציע און באַקומען אײַנשפּריצונגען. נו, קומט ער זי זען אַ פֿיר־פֿינף מאָל אין וואָך. ער קומט צו איר באַלד פֿאַרטאָגס, איידער דער מאַן גייט צו דער אַרבעט. דער מאַן וואַרט אויף אים מיט אַ ציטער אין זײַן שטימע און מיט בעטלענ־דיקע אויגן און קוקט מיט גרויס האָפֿענונג אויף יעדער באַווע־גונג פֿונעם דאָקטאָר, פֿון זײַנע פֿינגער, זײַנע אויגן־לעדלעך, ליפּן און פֿון יעדן קלענסטן געזיכט־מוסקל. ער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווען דער דאָקטאָר אונטערזוכט די אינטימע טיילן פֿון זײַן פֿרוי, אָדער ווען ער מאַכט אַן אײַנשפּריצונג, און דערנאָך דרייט ער זיך אויס: „נו, טייערער דאָקטאָר, נו?". און דערנאָך גייען זיי ביידע אַראָפּ די שטיגן, גייען צוזאַמען ביז דעם מעטראָ־אײַנגאַנג און ביים געזעגענען זיך קלאַפּט אים דער דאָק־טאָר גוטברודעריש איבער דער פּלייצע און באַרואיקט דעם ציי־טערדיקן מאַן: „זייט רואיק עס גייט גוט. עס וועט זײַן אַ ברית, אם ירצה השם".

זי האָט געהאַט פֿאַרצוג. עס גייט דאָך אין אַ לעבן פֿון אַ קינד,

פון אַ ייִדיש באַשעפעניש, וואָס מען מוז מיט כוח ברענגען אויף דער וועלט. ווייניק, וואָס ייִדן לעבן מיט ניסים, מוז מען זיי טייל־מאָל אויך ברענגען אויף דער וועלט מיט ניסים. און יעדער ייִד איז דאָך היינט אַ קרן, אַ גרויסער קרן. האָבן מיר דאָך פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און דערונטער אַ מיליאָן קינדער און איבער אַ מיליאָן פּאָטענציעלע מאַמעס. אויב מיר וועלן זיך נישט נעמען צו האָבן קינדער, וועט עס זיין אַ נאַציאָנאַלע קאַ־טאַסטראָפע. אויב האָבן קינדער וועט ביי אונדז ייִדן נישט אָנ־נעמען איצטער אַ מאַסן־כאַראַקטער, וועלן מיר, חלילה, אונטער־גיין. וועלן מיר, חלילה, אַריינשפּילן אין דעם טייוול־שפּיל פון אונדזערע מערדער, וואָס האָבן געצילט אונדז אונטערצוברענגען, פאַרניכטנדיק די קינדער, די יוגנט, די מאַמעס, סטעריליזירנדיק די מענער, די יונגע פרויען... ניין, מיר טאָרן נישט צוטאָן אַ פינ־גער צו די בייזע כוונות פון אונדזערע פאַרטיליקער און אַלע שטילע שונאים, וואָס האָבן נאָך תמיד נישט אויפגעגעבן זייער וויזיע פון אַ וועלט אָן ייִדן, ניין — בשום אופן נישט. נישט דערצו זענען געציילטע שארית־הפליטה פרויען לעבן געבליבן, אַז מען זאָל זיי מפקיר זיין, אַז מען זאָל נישט אויסנוצן זייערע ביאָלאָגי־שע פּרוכפּער־מעגלעכקייטן אויף צוריקבויען נייע דורות, צוריק־ברענגען, און דאָס ווי אַמגיכסטן, דאָס דריטל, וואָס איז פאַר־שניטן געוואָרן.

ער איז אַרויס פון מעטראָ, אַריין אין דער בעלוויל־גאַס, און באַלד פאַרנומען זיך אויף לינקס, אין פּאַסאַזש־קושניער. די גאַס איז געווען ליידיק. אַמאָל פלעגט אויפלעבן די גאַס באַלד פאַר־טאָגס, ייִדן פלעגן גיין צום ערשטן מנין אין שול אַריין. פאָלקס־ייִדן האָבן אויסגעבויט דאָס דאָזיקע שולעכל אינמיטן פון פּאַסאַזש, עט־לעכע יאָר פאַר דעם חורבן. און באַלד פאַרטאָגס פלעגן שטראָמען ייִדן אַהערצו, פאַר די „מאַרשעס", איידער מען האָט געעפנט די קלייטן. היינט איז ליידיק אין דעם שול־געסל. צי שלאָפן זיי נאָך די ייִדן, וואָס פלעגן זיך אַמאָל אַזוי פרי פעדערן אַהערצו? צי שלאָפן זיי גאָר זייער אייביקן שלאָף און וועלן שוין נישט קומען?

— גוט מאָרגן, דאָקטאָר — האָט פּלוצים אַ הייזעריקע שטימע אים אַרויסגעריסן פון די רעיונות. ער האָט דערקענט די שטימע פון אביגדורן, דעם שמש, וואָס איז צוריקגעקומען פון די לאַגערן, דער איינציקער פון אַלע מתפללים. ער איז אַוועק אַ יונגער, אַ

לעבעדיקער, מיט אַ שטימע פון אַ חזן, מיט אַ דין באָרד־שנירל, און צוריקגעקומען איז ער אַ זקן, גרוי ווי אַ טויב, אַן איינגע־בויגענער, אַן אויסגעלאָשענער און מיט אַ הוסט, אַ הייזעריקייט אין קול. דר. גאָלדבוך קען אים גוט. געהערט ער דאָך צו זיינע פּאַציענטן זייט זיין צוריקקומען, צו די שטאַם־פּאַציענטן.

אַביגדור איז פּלוצים אויסגעוואקסןביים שוועל פון קאָרי־דאָר, וואָס פירט אין שול אַריין און גענומען שלעפּן דעם דאָקטאָר ביי אַן אָרעם.

— קומט אַרייַן, ר׳ מיכאל, קומט צום מנין.

דער דאָקטאָר האָט זיך ווי איבערגעוועקט פון אַ חלום און זיך געוווּנדערט, וואָס דער שמש שלעפּט אים עפּעס אינמיטן דרי־נען. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם רענצל, אַז ער דאַרף גיין צו אַ קראַנקן.

— ר׳ מיכאל, איר קומט ווי פון הימל אַראָפּ, ווי אַ מלאך. איר וועט האָבן אַ גרויסע מצווה; פאַראַן היינט צוויי יאָרצייטן, נאָך טאַטעס געבליבענע אין די אויוונס, קומט אַרייַן.

— יאָ, ר׳ אַביגדור. אָבער וועלכע מצווה איז גרעסער? גיין צו אַ יידישע פרוי, וואָס וואַרט מיט אומגעדולד און קאָן, חלילה, אָפּגיין מיט בלוט, צוזאַמען מיטן וולד, און עס וואַרט איר מאַן מיט פחד אין יעדן אבר, אָדער — דערגענצן אַ מנין? האָ, ר׳ אַביגדור? אין איין זייט איז פּיקוח־נפש און עס שטייט אפשר אין קאָן אַ יידיש קינד, דער גורל פון אַ יידיש לעבן; און פון דער צווייטער זייט — ווילן צוויי יידן האָבן אַ מצווה פון אַרייַנכאַפּן אַ קדיש נאָך טויטע יידן, קדושים־טאַטעס... און צוליב רגע׳ס קאָן דערווייל אויסרינען אַ יידיש קינד. און אַ יידיש לעבן היינטיקע צייטן, איז נישט ווי אַמאָל, ר׳ אביגדור, איז אַ סך מער ווי אַמאָל.

דער דאָקטאָר האָט אַוועקגעשטעלט זיין רענצל אויף דער ערד און אַרויפגערעדט צום שמש, וואָס איז געשטאַנען אַ צע־טומלטער.

— איר קענט דאָך, ר׳ אַביגדור, די דריבנע אותיותלעך; ווי שטייט עס דאָרטן: ווער עס ראַטעוועט איין נפש בישראל, איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ וועלט אַ גאַנצע... היינט ערשט, ווען

אַ דריטל פון ישראל איז פאַרשניטן געוואָרן, איז עס אַזוי ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ וועלט און אַ דריטל; און ווען מען ווערט נעמען אין באַטראַכט, אַז זיי האָבן אומגעבראַכט אַ מיליאָן קינדער און אפשר נאָכאַמאָל אַזויפיל פּאָטענציעלע יידישע מאַמעס, איז עס דאָך מער ווי אַ דריטל, איז עס אפשר מער ווי צוויי דריטל, הייסט עס דאָך, אַז דאָ ווערט געראַטעוועט נישט איין וועלט, נאָר אפשר גאַנצע צוויי...

און איבעררייסנדיק דעם זאַץ, האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעריסן זיין אָרעם פון דעם שמשס ביינערדיקער האַנט און גענומען דאָס רענצל. עטלעכע טריט ווייטער, איז ער נעלם געוואָרן אין אַ שמאָלן איינגאַנג, וואָס האָט געפירט אין אַ טונקעלן קאָרידאָר אַריין. איי־דער ער איז פאַרשוווּנדן, האָט ער נאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטערווייַלעכץ צו דעם שמש, וואָס האָט אים נאָכגעקוקט, שטיי־ענדיק נאָך תמיד אויף דער שוועל אָן לשון:

— זייט מוחל, ר׳ אַביגדור. ווינאָר איך וועל ענדיקן ביי דער קראַנקער, וועל איך זיך אַריינכאַפּן צום מנין, זיך אַריינכאַפּן אויף אַ רגע, עטלעכע מינוטן, צו שמנה־עשרה. עס וואַרט נאָך אַ קראַנ־קע, אַ שווער געליטענע, אויך פון די לאַגערן... דאַוונט דערווייל און וואַרט יעדנפאַלס אונטער מיטן קדיש.

דער דאָקטאָר האָט שוין נישט געזען דעם שמייכל, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן ברחבותדיק אויפן פּנים פון שמש און פאַר־טריבן די פאַרלעגנקייט און באַזאָרגטקייט פון זיין איינגעשרומפּע־נעם שטערן, און ער האָט אויך נישט געהערט ווי ער זאָגט צו אים, מיט אַן אַנטשלאָסענעם קול: — איילט זיך נישט, ר׳ מיכאל; מיר שטעלן זיך תיכף דאַוונען... מיר וועלן דאַוונען אין שול און איר וועט דאַוונען — ביי דער קראַנקער; וועט עס זיין: צען מאַן, וואָס דאַוונען; איז עס דאָך אַ מנין... און ווען דער דאָקטאָר איז נעלם געוואָרן, האָט דער שמש ווייטער גערעדט ווי צו זיך: מוחל זיין? דאָס דאַרפן מיר דאָך גאָר אייך מוחל זיין. אייער דאַוונען איז דאָך אַ הייליקע עבודה. איר זייט דאָך נישט סתם אַ צענ־טער צום מנין. איר זייט דאָך אַ שליח־ציבור, און מיר — נישט מער ווי סתם דאַוונער... מיר דאַוונען בלויז בעתן מנין, און איר דאַוונט דאָך יעדע רגע פון טאָג... זאָל גאָט שיקן אייך הצלחה, ווו איר וועט זיך ווענדן און וואָס איר וועט טון...

דער שמש איז אַריין אין שול און אַ קלאַפּ געטאָן אין עמוד:
רבותי, מיר וועלן דאַווענען. דער עולם האָט זיך געחידושט: זאָל
ר׳ אַביגדור האָבן געמאַכט אַ טעות אין חשבון?

כח

ד״ר. גאָלדבוך האָט אָנגעשטעלט אַן אויער פאַרבייגייענדיק
די שול. מען האָלט שוין גאָר ווייט. האָט ער זיך אַריינגעשלייכט
אין שול אַריין. עס האָט געהאַלטן גראָד ביי קדיש. אַלעמענס אויגן
האָבן זיך געוואָנדן צו אים מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט נאָכגע־
זאָגט וואָרט ביי וואָרט נאָך די קדיש־זאָגערס און נאָכן לעצטן קדיש
— שטיל אַרויס פון שול. ער האָט צוגעאײַלט זיינע טריט, אַרויס
גיך פון פּאַסאַזש, אַראָפּ די בעלוויל־גאַס און אַריין אין מעטראָ. ער
איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון די, וואָס שטעלן זיך
אַרבעטן גאַנץ פרי. די טרעפּן האָבן זיך באַוויגן אונטער זיינע פיס
און לינקס האָבן זיך טרעפּן באַוויגן אַרויפצו און אַרויפגעבראַכט
שיטערע מענטשן, וואָס האָבן זייער אַרבעטס־אָרט אין דעם וויי־
ניק־אינדוסטריעלן בעלוויל־קוואַרטל. מען האָט נישט געדאַרפט
באַוועגן מיט די פיס. די שטיגן האָבן זיך אַליין באַוויגן און גע־
פירט מענטשן אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. יעדעס מאָל,
ווען ער האָט געזען שטיגן, האָט עס אים דערמאָנט י ע נ ע
שטיגן, אין מאַוטהאַוזען. אָה, האָט ער געטראַכט איצטער — ווען
יענע שטיגן וואָלטן אויך אַזוי געפאָרן אַרויף און אַראָפּ, באַזונ־
דערס — אַרויף, ווי גוט וואָלט עס דעמאָלט געווען. צענדליקער
טויזנטער העפטלינגס וואָלטן נאָך היינט ביים לעבן געווען און
די זעלטענע לעבנגעבליבענע, וואָלטן נישט אונטערגעריסן זיך די
הערצער און די געדערים, טראָגנדיק די שטיינער אַרויפצו און
וואָלטן נישט אויסגעשפּיגן שטיקער לונגען אויף די אומצאָליקע
טרעפּן...

אַנשטאָט זיך איבערצווזעצן און נעמען אַ באַן, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון סען־פּאָל, איז ער אַריין אין אַ לאַנגען קאָרידאָר און געלאָזט זיך מיטשלעפּן דורכן עולם אין גאַס אַרויס. רעפּובליק־פּלאַץ. אַ רחבותדיקער פּלאַץ מיט אַ גרויסן נאָמען. אינמיטן פּלאַץ — אַן אימפּאָזאַנטע סטאַטוע. אויף אַ ריזיקן שטיינערנעם פּאָדיום — די פאַרקערפּערונג פון פרייהייט, ברודערלעכקייט און גלייכקייט, די מעכטיקע מאַריאַננע מיט אַן איילבירט־צווייג אין איר רעכטער האַנט, סימבאָל פון שלום. „שלום־עליכם דיר, מלאך פון שלום”, האָט ער געזאָגט, ווי יעדעס מאָל, ווען עס איז אים אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דעם דאָזיקן פּלאַץ און די דאָזיקע סטאַטוע, און גיך צוגעגעבן: „אָבער פאַר מיין פאָלק איז תמיד נישט פאַראַן קיין שלום און קיין פרייהייט נישט, און קיין ברודערלעכקייט נישט און נישט קיין גלייכקייט; נאָך תמיד רודפט מען אונדז”. דער מעכטיקער לייב, וואָס שטייט צופוסנס פון דער פרוי מיטן איילבירט־צווייגל, האָט אים איינגעהאַלטן אויף אַ רגע. עס האָט תמיד אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ סתירה. אָט איז די שאַרמאַנטע און צניעהדיקע מאַריאַננע, מיטן לאַנגן קלייד, וואָס פאַרהוילט אַלע פאַרבאָרגענישן פון איר קערפּער און דאָס ציטערדיקע איילבירט־צווייגל אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט, און אָט — דער נאַקעטער לייב, דער קעניג פון די רויב־חיות, וואָס וואַרפט אַן אַ שרעק אויפן גאַנצן קעניגרייך פון דער דזשונגל. וואָס פאַראַ סמיכות־הפרשות איז דאָ פאַראַן צווישן דער פרוי און דעם לייב? נאָך וואָס זענען זיי דאָ צונויפגעפּאָרט געוואָרן? און ציענדיק ווייטער דעם זעלבן געדאַנק, האָט ער זיך געפרעגט: נאָך וואָס דאַרף מען דאָ די קאַזאַרמע, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע זייט פון דעם גרויסן פּירעק? פאַרוואָס האָט מען אַוועקגעשטעלט אינעם הינטערגרונט פון פּלאַץ, וואָס סימבאָליזירט פרייהייט און שלום, און דווקא דאָ, אַ קאַזאַרמע, וואָס איז דער היפּוך דערצו? איינס פון די ביידע: אָדער די קאַזאַרמע פּאַסט זיך דאָ נישט אַריין, אָדער די מאַריאַננע? פּונקט ווי דער לייב פּאַסט זיך נישט אַריין. דער דאָזיקער זיווג האָט אים תמיד שאָקירט און אין דער דאָזיקער סתירה האָט ער געזען נישט אויפריכטיקע כוונות און היפּאָקריזיע און די סיבה פון אַלעם בייזן... אויך די ענגלענדער — האָט ער געטראַכט, פאַרלאָזנדיק דעם פּלאַץ — פּרעדיקן שלום און פרייהייט און אין דער זעלבער צייט פירן זיי מלחמה קעגן פאָלק, וואָס האָט דער וועלט

די אידעען פון שלום און פרייהייט געגעבן און קעגן לאַנד, ווו עס זענען די איילבירט־ביימער געוואקסן און פון וואַנען עס זע־נען זיך זייערע צווייגן איבער דער וועלט צעגאַנגען...

אין די אָפענע קאַפע־הייזער זענען געשטאַנען נישט־אויסגע־שלאָפענע קאָנסומענטן און געזופט שוואַרצע קאַפע, געטונקען אַ שפיץ פון אַ בייגל אין קאַפע־טעפל און פאַרביסן צווישן איין שלוק און צווייטן, דיסקוטירנדיק וועגן דעם און וועגן יענעם. אַ יונגער מענטש איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטער דעם אָרעם און מיט אַ צייטונג אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, שריי־ענדיק הויך אויפן קול: „נאָך אַ יידישע שיף אונטערגעגאַנגען. דער בריטישער קריגס־פלאָט אַנטשלאָסן נישט אַרויפצולאָזן קיין איינ־ציקן ייד אויפן ברעג פון פּאַלעסטינע!". דער קאָלפּאָרטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער אָפענער קאַפע־טיר און אַריינשטעקנ־דיק די פרימאָרגן־אויסגאַבע פון „פראַן־טירער", אַריינגעשריגן צו די קאַפע־געסט: „פאַרצווייפלטער קאַמף פון אָפּגעגנוצטע, אומבאַ־וואָפנטע האַנדלס־שיפן מיט יידן קעגן דער מאָדערנער בריטישער אַרמאַדע". „יידן קעמפן ווי דעספעראַדאָס, יידן קעמפן"!... דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט ווי עס לויפט דער צייטונג־פאַרשפּרייטער ווי אַ שטאָפּעט און שרייט אויס אויפן קול די קעפּלעך פון זשורנאַל, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז נישט נאָר רעקלאַמירט ער אַזוי זיין סחורה, נאָר אַז עס איז פאַראַן אויך אין זיין קול אַ סך איראָניע: „יידן קעמפן, יידן קעמפן"... ווי דער יונגער פּאַריזער קאָלפּאָרטער וואָלט זיך שטאַרק געחידושט צוליב דעם, וואָס יידן קעמפן... עס האָט זיך אים אַזוי געגלוסט נאָכצולויפן דעם יונגען מענטש, אָנצויאָגן אים, און אים אַריינ־שרייען אין פּנים אַריין: „יאָ, יידן קעמפן. יידן האָבן תמיד גע־קעמפט קעגן אַ וועלט פול מיט רשעות און געמיינקייט. יאָ, אין די געטאָס האָבן זיי געקעמפט, אין די קאַצעטן האָבן זיי געקעמפט, אין אוישוויץ האָבן זיי אויפגעריסן דעם אויוון. אין געטאָ־וואַרשע האָבן זיי געגעבן אַ לעקציע פון בראַוווּר און פון העכסטער גבורה; יאָ, יונגערמאַן — יידן קעמפן!". אָבער, ביז ער האָט געגומען דעם באַשלוס, איז דער קאָלפּאָרטער שוין געווען ווייט און דאָס שווע־רע רענצל, האָט ביי אים אַוועקגענומען דעם חשק צו לאָזן זיך אין אַ וועטגעלויף מיט דעם יונגן מענטש, וועמענס גיכע פיס זענען אַ טייל פון זיין פּרנסה.

און אַט איז 110 רי וויעי די טאַמפּל. דאָ איז דער טעמפּל פון „בונד". עס שטראָמען אַהערצו רעשטלעך פון די אָרגאַניזיר־טע פּאַך־פּאַראיינען און די וואָס האָבן פון קאַלך־אויוון געראַטע־וועט נישט נאָר זייער בידנעם גוף, נאָר אויך אַ טייל פון זייערע אידעאַלן און געטריישאַפט צו אַ דאָקטרין. די קאָשמאַר־יאָרן האָבן נישט באוויזן אונטערצוגראָבן דעם יסוד פון זייער גלויבן; גאָר פאַרקערט, זיי האָבן אין אים דווקא געזוכט אַ תיקון צו דער אידעען־וועלט, וואָס איז אַזוי ברוטאַל פאַרטונקלט געוואָרן, כמעט ווי אויסגעלאָשן געוואָרן; און אין די פונקן פון דעם תיקון געזוכט אַן אָנהאַלט און אינהאַלט, געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר עקזיס־טענץ, פאַר ווייטערדיקן געראַנגל טראָץ אַלעם און אויף להכעיס דער ברוטאַלערווירקלעכקייט. און דאָ געפינט זיך אויך די רע־דאַקציע פון „אונזער שטימע", אַ מאָגערער עכאָ פון דער „פאָלקס־צייטונג", אַ סיאַמער שוועסטער פון יענעם מעכטיקן, וואַרשעווער אָרגאַן; אָבער די קאָמוניקאַציע־רער, וואָס פירט פונאַנדער דאָס וויטאַלע בלוט צווישן די צוויי שוועסטערן, איז איינגעשרומפן גע־וואָרן און נעמט וועלקן, ווי דער נאָפּל־שטריק אַ קורצע צייט נאָך דער געבורט. איצטער איז דאָ ליידיק. דאָס גרויסע טויער איז גע־שלאָסן. עטלעכע יידישע שורות פון אַ גרעסער שילדל זענען מודיע אַלע פאַרבייגייער, אַז די יידישע ביבליאָטעק, אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם, איז אָפן יעדן אָוונט. דאָ קיניגט חבר נאַטאַן יעדן אָוונט. ער האָט די טויזנטער ביכער געראַטעוועט בעת די פינצטערע יאָרן און אויסגעלייזט פון פאַרניכטונג. ער זאָגט נישט אַנדערש וועגן די ביכער ווי „מיינע קינדער, מיין בלוט־און־פליייש". מען דערציילט לעגענדעס גאַנצע וועגן חבר נאַטאַנס מסירת־נפש און שווערן קאַמף אויף צו ראַטעווען די יידישע ביכער, פאַרן פרייז פון תפיסות און טויט־סכנות. דער דאָקטאָר האָט זיך אומ־געקערט הינטערווייַלעכץ און געזוכט מיט די אויגן, צי זעט ער נישט ערגעץ יענעם צייטונגס־פאַרשפּרייטער, בכדי צו קענען אים אַריינשרייען אין פּנים אריין: „יאָ, יידן קעמפן, יידן האָבן גע־קעמפט אויף אַלע פראָנטן, יאָ!".

אַנשטאָט צו גיין ווייטער אויף דער זעלבער גאַס האָט ער אַרונטערגעדרייט לינקס: רי דע ראָזיע, די „רייזעלע"־גאַס. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ רגע און זיין וועג האָט געפירט אין דער שכנותדיקער געגנט, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אַהערצו, אינעם

סאַמע האַרץ פונעם „פלעצל״. ווי עס וואָלט אים עפּעס געצויגן אַהערצו. דאָס איז די אומעטיקסטע גאַס היינט אין פּאַריז. נישטאָ נאָך אַזאַ גאַס אין דער וועלט, אַחוץ די יידישע שטעט און שטעט־לעך אין פּוילן און ליטע, וואָס זאָלן זיין אַזוי פאַראַבלט. קיין שום לעבעדיקע גאַס אין פּאַריז איז נישט אַזוי ברוטאַל און טאָטאַל פאַר־לאָזן געוואָרן ווי די „רייזעלע״־גאַס. עס האָט דאָ ערשט נישט לאַנג געטומלט און געווימלט ווי אין אַ בינשטאָק און פון פאַר־טאָגס אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָ האָבן געפירט קאָנקו־רענץ צווישן זיך די קראָמען מיט היימישע אַרטיקלען, מיט הע־רינג, כשרן ווורשט, קעזקוכן, אייערבייגל, ראַזעווע ברויט, כאַל־ווע און שבת־יום־טובדיקע מאכלים; דאָ האָבן ליציטירט זייער סחורה, אויף דער שוועל אָדער אינעם טויער, פּיפּיקע וואַלוטע־ספּעקולאַנטן; דאָ האָבן יידישע אותיות אַראָפּגעקוקט פון שילדן, פון אויפשריפטן אויף די ווענט און פון ספרים און יידישע ביי־כער, אויסגעשטעלט אין די שויפענסטער פון די בוכהאַנדלונגען און די פּאָר שולעכלעך און מנינים האָבן זיך איבערליציטירט מיט דער גאונות פון זייער רב, מיט דער עשירות פון זייער פּרעזידענט, מיט דער אָפּגעהיטנקייט פון די מתפּללים אָדער מיט זייער צאָל. איצט איז רואיק. פון די „פלעצל״־יידן זענען נאָר געציילטע צו־ריקגעקומען. קריסטן האָבן פאַרנומען זייערע דירות. קומען די זעלטענע יורשים נאָענטע, אָדער ווייטע, און זיפצן נאָך די אַמאָ־ליקע צייטן, נאָך די קרובהשע דירות, און אויסגעוואַרצלטע לאַ־גער־יידן טראָגן זיך מיט אַ חלום פון צוריקבויען דאָס „פלעצל״ און די „רייזעלע״־גאַס, מיט די ריחות פון די קראָמען און בעקערייען, מיט די יידישע אותיות, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן, און דאָס יידישע וואָרט, וואָס קלינגט נאָכאַנאַנד אין די אויערן, מיט די יידישע קרעכצן און די יידישע פריידן, מיט די יידן, וואָס גייען פאַרטאָגס צום ערשטן דאַווענען, און מיט דער יוגנט, וואָס איילט זיך באַלד פאַרטאָגס אין דער „ארבעטס־שולע״, דער „עקאָל דע טראַוואַי״, מיט איר גרויסן יחוס; אַ שיטערע יוגנט היינט: צענדלי־קער פון זיי האָט מען, פון דאָ אויס, צוזאַמען מיט די לערערס, קיין אוישוויץ פאַרשיקט...

און אָט איז נומער 34. אַ דיסקרעט שילדלביים טויער איג־פאָרמירט די פאַרבייגייער: „דאָ האָט געוווינט לואי שאַפּיראָ, גע־בוירן אין פאַריז אין 1913. קאָמענדאַנט פון די פריי־שיסער און

פּאַרטיזאַנער. דערשאָסן דורך די דייטשן אין דער פעסטונג פון מאָן־וואַלעריאַן דעם 30־טן אַפּריל 1944. אומגעקומען בכדי פראַנק־רייך זאָל לעבן״.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען ער גייט פאַרביי דאָס דאָזיקע שילדל, שטעלט ער זיך אָפּ. פאַרנויגט זיך, פאַרטראַכט זיך אַ רגע. און ער איבערחזרט אין דער שטיל עטלעכע מאָל די קורצע פראַזע פונעם סוף, און ער פילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. ער פילט, אַז נישט נאָר איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן אַ שטורמיש און שטאָלץ יידיש לעבן, נאָר אויך איז דער מוסר פון זיין טויט נישט קיין פאַרענדיקטער, אַז דער טעקסט פונעם שילדל איז אויך איבערגעריסן געוואָרן. לואי שאַפּיראָ, דער קאָמענדאַנט און העלד, איז דאָך געפאַלן אויך ווי אַ ייד און אפשר דווקא — ווייל אַ ייד, און אויך בכדי דאָס יידישע פאָלק זאָל לעבן. פאַרוואָס זאָל דאָס נישט דערמאָנט ווערן אויפן מצבה־טאָוול אין דער יידישסטער גאַס אין פּאַריז?

כט

די רואַ דע סיאָן און דער נומער, וואָס ער זוכט. ער איז אַריין אינעם שמאָלן איינגאַנג, וואָס איז איצטער געווען נאָך שמע־לער צוליב דעם בריווחדיקן אָרט, וואָס די מיסט־עמערס האָבן פאַרנומען, וואַרטנדיק אויף די הענט פון די פלעגמאַטישע אַלזשע־ריאַנער, וואָס באַדינען די פּאַריזער מיסט־אויטאָס. די „קאָנ־סיערזשקע״ איז נאָך געשלאָפן. איר טיר איז געווען פאַרמאַכט און די שויב — פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלן געוואַנט פון אינעווייניק. זעט זיך אויס, אַז די לאָקאַטאָרן פון הויז זענען זייער טאָלעראַנטע מענטשן, אָדער האָבן אַ ספּעציעלע סיבה אויף נישט צו פאַרלאַנ־גען צופיל פון איר.

דער דאָקטאָר איז אַרויף אויף די טרעפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער און געגומען שטעלן גרויסע טריט, צו צוויי, צו דריי טרעפּן מיטאַמאָל. גיך האָט ער זיך געפונען ביי איר טיר. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס רענצל און אָנגעקלאַפּט. נישט באַקו־

מענדיק קיין ענטפער, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט. עס איז גע־וועזן שטיל. ער האָט צוגעשטעלט אַן אויער צו דער טיר, ווי ער וואָלט זיך צוגעהאָרכט צו אַ פּלייצע פון אַ קראַנקן, און זיך איינ־געהערט. האָט ער נאָך פעסטער אָנגעקלאַפּט, צוערשט אונטער־לייגנדיק די פינגער פון דער צווייטער האַנט, ווי ער מאַכט עס ביי אַ קראַנקן, און דערנאָך דירעקט אויף דער טיר. אַ מאָטערנ־דיקער געדאַנק איז אים אַ רגע באַפאַלן און אַ מורא: אפשר האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה? ער האָט אָנגענומען דאָס הענטל פון דער טיר און עס באַוויגן אַראָפּצו: אפשר איז די טיר נישט פאַר־מאַכט אויפן שליסל?

די טיר האָט זיך געעפנט. ער האָט זי אָפּגעלענט און אַריינ־געקוקט. זי איז געלעגן מיטן פנים אַרויף. די נאָז־פליגלען האָבן זיך לייכט באַוויגן און דער צודעק איבער אירע ברוסטן האָט זיך לייכט געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. הייסט עס — איז ער געווען צופרידן — אַז זי לעבט, אַז זי אָטעמט, הגם דאָס אָטעמען זעט נישט אויס אַזאַ טיפעס ווי ביי אַ געזונטן מענטש. נו, מילא — די הויפּטזאַך, אַז זי איז דאָ, אַז זי אָטעמט, מעג עס זיין אויבער־פלעכלעך.

ער איז אַריינגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט אַוועק־געשטעלט דאָס רענצל ביי דער טיר, בכדי נישט צו פּאַרטשעפּען די מעבל אינעם ענגן צימערל און אַרויסרופן אַ רעש, וואָס וואָלט זי געקענט אויפוועקן פונעם געשמאַקן שלאָף. אירע אויגן זענען געווען צו, ווי פאַרהאַקט. זעט זיך אויס, אַז דאָס שלאָף־מיטל, וואָס ער האָט איר נעכטן אָוונט איבערגעלאָזן, האָט גוט געווירקט. ער וויל בעסער, אַז דאָס זאָל אַזוי האָבן געווירקט דאָס שלאָף־מיטל, ווי דער אינערלעכער שאָק, אין שייכות מיט אַ מעגלעכער גע־הירן־אויפטרייסלונג. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער איר און געציילט די אָטעם־באַוועגונגען. זיי זענען געווען רעגולער, צוגע־איילטע, אָבער אָן אומנאָרמאַלע הפסקות צווישן איין אָטעם־צוג און צווייטן. און אפשר ווירקן דאָ גאָר ביידע סיבות מיטאַמאָל: סיי דאָס שלאָף־מיטל און סיי אַן עווענטועלער אינערלעכער שאָק? יעדנפאַלס — האָט ער געטראַכט — איז דאָ דאָס שלאָף־מיטל גובר. ווייל, אויב דער שאָק וואָלט באמת געווען אַ טיפער, וואָלט ער גובר געווען דאָס קינסטלעכע שלאָף־מיטל. אגב, האָט זיך דאָך

דאָ געהאַנדלט נישט מער, ווי אין אַ מילד צעפּל, מיט אַ גאָר קליינער דאָזע פון אַ היפּנאָטישן שטאָף. זעט זיך אויס, אַז אַרום און אַרום איז עס אַ מילדער פאַל, אַ באַנאַלע קאָנטוזיע.

פּלוצים זענען זיינע אויגן געפאַלן אויף אַ פּעקל, וואָס איז געלעגן אינמיטן בעט, אינעם גריבל, ווו די פיס גייען זיך פונאַנ־דער און עס פאַלדעוועט זיך דער צודעק. דאָס פּעקל האָט גע־טראָגן אויף זיך דעם נאָמען און דעם אַדרעס פון אַן אַפּטייק. אונ־טערן פּאַפּיר האָט מען בולט געזען די קאָנטורן פון מעדיצין־שעכטלעך. דאָס פּעקל איז געווען פאַרמאַכט און פאַרפּעסטיקט מיט קלעפּיקע בענדער. „פונוואַנען נעמט עס זיך דאָ?" — האָט ער זיך געפרעגט. און גיך האָט ער זיך אַליין געגעבן אַ תשובה: מסתמא האָט די שכנטע אַרויפגעבראַכט די מעדיצינען, וואָס ער האָט פאַרשריבן. זי האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפן בעט און נישט געוואָלט אויפוועקן די קראַנקע, זעענדיק ווי זי שלאָפט געשמאַק. „אָבער ניין", האָט ער זיך אַליין געענטפערט: „די שכנטע האָט דאָך נישט געהאַט די רעצעפּט. דאָס האָט דאָך דער בוכהאַלטער גענומען צו זיך די רעצעפּט און געדאַרפט איינקויפן די רפואות ערשט היינט. די אַפּטייקן זענען דאָך נאָך צו. איז דאָך נישט מעג־לעך, אַז ער זאָל זיי שוין האָבן געקויפט, און שוין האָבן אַרויפ־געבראַכט. און אפשר גאָר — איז אים באַפאַלן אַ געדאַנק — האָט ער געקויפט די מעדיצינען נאָך נעכטן אָוונט, אין אַ דיזשורנער אַפּטייק, און זיי אַרויפגעבראַכט? און ווען ער איז געקומען, איז זי שוין געשלאָפן. איז ער מסתם אַזוי געשטאַנען נעבן איר, ווי ער אַליין שטייט איצטער דאָ, זיך איינגעקוקט אין איר, ביים שיין פון דער לבנה, וואָס פאַלט דורכן הימל־פענצטער, באַוואונדערט איר יונגע געשטאַלט, אירע שוואַרצע און לאַנגע האָר, איר אָפּגעדעקטן דעקאָלט, איר געטאָקט נעזל און...". ער האָט איבערגעריסן אַ רגע זיינע מחשבות. פון הינטן איז צו אים דערגאַנגען אַ שטילער רעש, ווי אַ פליעסק, און דערנאָך נאָך איינער. ער האָט זיך אויסגעדרייט פאַרזיכטיק און באַמערקט פישעלעך, וואָס קוקן אויף אים מיט אָפענע אויגן און וואַרפן מיט די עקן אין אַלע זייטן.

„גוט מאָרגן, פישעלעך" — האָט ער געזאָגט בשתיקה, קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן. אָבער איבעררבויגנדיק זיך איבערן גלאָב, וואָס האָט זיך געטונקט אין דער פרימאָרגנדיקער זון, האָט ער געזען, אַז עס איז נאָר דאָ איין פישעלע. האָט ער אַריינגע־

פֿליסטערט אינעם וואַסער אַריין „פּאַרדאָן" און איבערחזרט: „אַ גוט מאָרגן דיר, פֿישעלע".

דאָס פֿישעלע האָט געוואָרפֿן גיך מיט אַלע טיילן פֿונעם קער־פּער און געמאַכט פּאַמעלעכדיקע באַוועגונגען מיט די ליפּן און מיט די באַקן. דינע בלעזעלעך און אַ שוים האָבן געפּערלט זיך אַרום די ליפּן און זיי געמאַכט קלעפּיק. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס פֿישעלע וואָלט געקעמפּט יעדעס מאָל, ווען עס עפֿנט דאָס מויל. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט דאָס פֿישעלע אַרויסשטעקן דאָס קעפּעלע פֿון וואַסער און אַ שפּיי טאָן מיט בלעזלדיקע שוים־בערע־לעך. ער האָט זיך צוגעקוקט און אַ רחמנות האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן פֿישעלע. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי דאָס פֿישעלע וואָלט געווען קראַנק, ווי עס וואָלט געהאַט פֿאַרלייגטע לופֿט־רער־לעך, ווי עס וואָלט געווען אַסטמאַטיש און קען זיך נישט באַפֿרייען פֿון לייכעץ. ער איז נישט געווען קיין דאָקטאָר פֿון גאָלדענע פֿי־שעלעך, אָבער די אַנאַלאָגיע מיט דער מענטשלעכער פּאַטאָלאָגיע, האָט אים געזאָגט, אַז דאָס פֿישעלע מוז זיין נישט מיט אַלעמען. זיין קלינישער חוש, וואָס האָט אים זעלטן פֿאַרפֿירט, האָט אויך אינעם פֿאַל פֿון פֿישעלע, דיקטירט אים די דיאַגנאָזע און תיכף אויך די טעראַפּעוטיק. און ווי יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך גע־פֿונען פֿאַר אַ פּראָבלעם פֿון היילן אַ קראַנקן, האָט ער אויך דאָס מאָל גענומען טראַכטן וועגן דער סיבה, דער עטיאָלאָגיע, פּראָפֿי־לאַקטיק און היגיענע, נאַטירלעכע מיטלען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט אַקוואַריומס און מיט פֿיש־צוכט. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט פֿון זיינע סטודענטן־יאָרן, פֿון די פּראַקטישע לאַ־באָראַטאָריע־לעקציעס פֿון ביאָלאָגיע, וועגן דעם לעבעדיקן גלייכ־געוויכט, וואָס גייט כסדר אָן אין דער נאַטור, צווישן די בעלי־חי און דער פֿלאַנצן־וועלט. ער דערמאָנט זיך געוויס, ווי דער פּראָפֿע־סאָר פֿאַר נאַטור־וויסנשאַפֿט האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע סטודענטן אַרום אַ ריזיקן אַקוואַריום, אין וועלכן עס זענען אַרומגעשוווּמען גאָלדענע פֿישעלעך צווישן צוויגן און בלעטער פֿון קינסטלעך־פֿאַרפֿלאַנצטע געוויקסן. און דער פּראָפֿעסאָר האָט אויפֿגעקלערט, אַז די פֿלאַנצן זענען נישט קיין דעקאָראַציע, נאָר אַ נויטווענדי־קייט, וואָס דערמעגלעכט אַ נאַטירלעכן אויסטויש פֿון ביאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר צווישן די פֿיש און די געוויקסן, און אַז די דאָזיקע פּראָצעסן דערגענצן זיך. און פֿון דעם גלייכגעוויכט

איז אָפּהענגיק דאָס געזונט און דאָס לעבן פון דעם בעל־חי. און דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ, האָט ער געזען די סיבה פון דעם פּישעלעס נישט פילן זיך מיט אַלעמען און זיין אַסטמאַטישן אָטעמען, אינעם מאנגל אין דער ביאָלאָגישער גלייכגעוויכט, אין דער אומבאַדינגט נויטיקער האַרמאָניע פון נאַטירלעכע פּראָצעסן. אַז דאָס פּישעלע איז אַליין אינעם רונדיקן און בייכיקן תפיסה־קאַמער און קיין גרינס איז נישט פאַראַן אַרום, ווערט איבערגעריסן דער ביאָלאָגישער ציקל, וואָס איז נויטיק אויף אונטערצוהאַלטן די ווייטאַלסטע און אינטימסטע פּראָצעסן פון לעבעדיקן באַשעפעניש, פון קלענסטן קעמערל, אָדער געוועב. דאָס אָטעמען און דאָס דערנערן זיך ווערן צעשטערט. פון דאַנען נעמען זיך אַלע שטרויכלונגען אין דער נאַטור, אַלע קראַנקייטן, אַזוי גוט פון דער העכסטער באַשעפעניש, דעם מענטש, ווי דער קלענסטער — דאָס ווערעמל, אָדער די איינצעליקע גליווער־געוויקסן אין די ים־טיפענישן. פון דאַנען נעמט זיך דאָס שווערע אָטעמען און דעם פּישעלעס נישט־פילן זיך מיט אַלעמען.

ער איז געשטאַנען און אָבסערווירט דאָס פּישעלע און זיך געוווּנדערט, וואָס עס ווערן בכלל פאַרקויפט אַזעלכע פּרימיטיווע אַקוואַריומס, אָן פלאַנצן, אָן אַ סיפאָן־אינסטאַלאַציע — וואָס זענען אַ פּראָוואָקאַציע קעגן דער עלעמענטאַרער לאָגיק און אַ פּראָפאַנאַציע פון די פונדאַמענטאַלסטע געזעצן פון דער נאַטור. עס איז דאָך פּשוט אַ צער־בעלי־חיים. עס וואָלט געדאַרפט זיין פאַרבאָטן אַזאַ זאַך. דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, ווי... ווי נעמען פרייע מענטשן און זיי אַריינזעצן אין אַ געטאָ, אין אַ לאַגער, פאַרשקלאַפן זיי און צונעמען ביי זיי די לופט צום אָטעמען...

די דאָזיקע אַנאַלאָגיע האָט אָפּגעוואָנדן זיינע אויגן פון דעם פּישעלע אין דער ריכטונג פון דער שלאָפנדיקער פרוי. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס בילד פונעם מעטראָ. זי גייט אַראָפּ די שטיגן און ווערט פאַרטראָגן אויפן וואָקזאַל דורך דעם שטראָמענדיקן עולם. זי זעט אינעם המון די צונויפגעדריקטע יידן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אינעם מעטראָ־צוג, די וואַגאָנען וווהין מען טרייבט אַריין די פאַרזאַמלטע מאַסע. און איצט ליגט זי אין געהאַקטע ווונדן, מיט ביילן אויפן שטערן, אויף דער באַק, מיט אַן אָנגעשוואָלענער ליפּ און אַרויסשטייענדיקע ציין, מיט אַ ווייטיק אין אַ זייט און אַן אויפגעטרייסלטן מוח...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז שוין געווען קנאַפּע זיבן. זון־שטראַלן האָבן זיך געריסן דורך די צוויי אויבערשטע פּירעקן פון הימל־פענסטער און געפאַלן דירעקט אינעם אַקוואַריום־וואַסער. דאָס פישעלע האָט כסדר אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל, ווי עס וואָלט וועלן זיך אָנכאַפּן אינעם שפּיץ פון אַ שטראַל און אַ הויב טאָן זיך אַרויסצו, אַרויס צו דער פרייהייט. בעלאַ איז געשלאָפן. עס האָט זי נישט געאַרט וואָס אַ פרעמדער מענטש געפינט זיך ביי איר זייט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ דאָקטאָר, וואָס איילט זיך, ווייל יעדע רגע איז ביי אים טייער; עס האָט זי נישט געאַרט וואָס די ערשטע הימל־שטראַלן קומען זי וועקן און אַז זי פאַרשלאָפט און קאָן זיך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט; עס האָט זי נישט געאַרט, וואָס אַ פּעקעלע ליגט אויפן צודעק, דאָרטן וווּ עס צעגייען זיך אירע פיס; עס האָט זי נישט געאַרט, וואָס דאָס פישעלע פּילט זיך נישט מיט אַלעמען און ציט כסדר אויס דאָס קעפּעלע צו איר בעטל און בעט זי אין הילף. זי איז געשלאָפן און נעבן איר איז געשטאַנען איבערגעבויגן דער דאָקטאָר און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון: צי זאָל ער זי אויפוועקן, צי זאָל ער זי לאָזן ווייטער שלאָפן און אַוועקגיין. זי שלאָפט דאָך אַזוי געשמאַק און דאָס שלאָפן איז דאָך זיכער פאַר איר אַ רפואה, בעסער פון אַלע מעדיצינען. און פון דער צווייטער זייט, דאַרף ער דאָך זיך איילן אין דיספּאַנסער. עס וואַרט אויף אים דאָרטן אַ סך אַרבעט באַלד פאַרטאָגס, און אפשר דאַרף מען גאָר זי דרינגענדיק אונטערזוכן אויפסניי און ענדערן די מעדיצינען, ווייל די קראַנקייט איז געגאַנגען פאָראויס?

ל

ער האָט נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אין דעם ענגן צימערל האָט זיך פּלוצים באַוויזן די שכנטע, די פרוי, וועמען די קראַנקע האָט געהייסן רופן נעכטן אָוונט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפּן, אין דער קווער, צווישן נאָז און גאָמבע, און געבעטן זי זאָל שווייגן: שאַ, שטיל. פרוי גרינטוך האָט אויפגעהויבן צום דאָקטאָר אַ פּאָר נישט־אויסגעשלאָפענע און באַזאָרגטע אויגן און געפרעגט: נו?

— נו, נו — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט בלחשדיק אונ־טער דער נאָז, ווייזנדיק מיט דער האַנט ווי זי שלאָפט, און צו־ריקגעשטעלט אַ פינגער אין דער קווער איבער די ליפּן.

פרוי גרינטוך האָט אָפּגעשטופּט דעם דאָקטאָר אין אַ זייט און זיך געשטעלט קוקן אויף דער קראַנקער: מיין טייערע בעלקע, מיר זאָל זיין פאַר דיר, טאַטע זיסער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַבורעטל נעבן בעט און שווער געזיפצט. דערנאָך האָט זי אויסגעדרייט אויפסניי אירע פרעגנדיקע אויגן צום דאָקטאָר, וועל־כער איז געשטאַנען צווישן טישל און צופוסנס פון בעטל און גע־האַלטן דעם פינגער איבערן מויל.

זיי האָבן ביידע געקוקט זיך אַ ווייל אין די אויגן און געשוויגן. פרוי גרינטוך האָט זיך די ערשטע אָנגערופן: — אַ גאָלדענע נשמה, די בעלקע. אַ לאַנדסמאַנקע. האָט קיינעם נישט מער אין דער וועלט... געגאַנגען זוכן אויף די ליסטעס פון דזשאָינט פון די פריש־געקומענע, צי האָט זיך נישט געראַטעוועט אַהערצו עפּעס אַ קרוב, אַ לאַנדסמאַן. און גיב אַ קוק: בייגעל, בעלאַ בייגעל, און גיב אַ טראַכט: בייגעל? פון וועלכע בייגעלס? נישט צומאָל פון דער מיל, פּיניע מילנערס טאָכטער? די עלטסטע טאָכטער האָט טאַקע געהייסן בעלאַ... און עס האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אונ־טערן הארצן... טאַקע נישט מיינס אַ קרובה, און אפשר אַ דירעק־טע לאַנדסמאַנקע אויך נישט, ווייל די בייגעלס האָבן געוווינט אַ שפּאַר שטיקל הינטער דער שטאָט, פאָלג מיך אַ גאַנג. אָבער, ווער האָט עס נישט געקענט ר' פּיניע בייגעל? ער האָט טאַקע געוווינט אין דאָרף, אָבער די שטאָט איז תמיד געווען פול מיט אים, אין דער גמינע, אין אַלע חברות, און געטיילט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. און ווער איז עס זומער־צייט נישט געפאָרן אין מיל אַריין זיך באָדן, אָדער זיך שיפלען, אַ שבת אָדער אַ זונ־טיק, און ווער האָט זיך עס אַליין נישט געשדכנט צו איר, דעם מילנערס טעכטערל?... ווען איך האָב זי געקענט, איז זי געווען נאָך אַ יונג מיידעלע. אָבער מען האָט מיר געשריבן אין די בריוו פון דער היים. דאָקטוירים האָבן זיך געשדכנט צו איר, העלמאַנס זון פון דער צעגעלניע, מאַרקוספעלדס פון דער גלאָז־הוטע, און אַפילו דער יונגער פּאָטאָצקי. איר הערט — דער יונגער פּאָ־טאָצקי, צו וועמען עס וועלן געהערן אַלע גיטער אַרום און וועל־דער און דערפער גאַנצע, נאָך דעם אַלטן פּאָטאָצקיס טויט; דער

יונגער פּאָטאָצקי, איר הערט, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר און געגעבן אַ גרויסע שפּענדונג פאַרן יידישן שפּיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט, און געהאָלפן איר טאַטען, פיניע בייגעל, צו באַקומען אַ רעגירונגס־קאָנצעסיע אויף אַ יאָר, צוזושטעלן מעל פאַר דער אינ־טענדאַנטור, פאַר די צוויי פּולקן, וואָס שטייען אין שטאָט... איר הערט, דאָקטאָר, פאַר דער אַרמיי, יידיש מעל... נישט געווען אַ קלייניקייט... די ענדעקעס האָבן געווילדעוועט, געגאַנגען פּראָ־טעסטן און פּעטיציעס פון אַלע ענדעקישע קרייזן און עס האָט זיך עפּעס געטאָן... מען האָט געזאָגט, אַז אין דעם יונגן פּאָטאָצקי האָט זיך אויפגעוועקט דאָס בלוט פון דעם גר־צדק, ר' אברהם פּאָ־טאָצקי... איר קענט דאָך די מעשה, בעסטער הער דאָקטאָר, די מעשה מיט דעם גר־צדק...

דער דאָקטאָר איז כסדר געשטאַנען מיטן פינגער איבערן מויל און צוגעהאָרכט זיך צו אירע רייד. און יעדעס מאָל, ווען איר שטימע האָט באַקומען אַ העכערע אינטאָנאַציע, האָט ער פעס־טער צוגעדריקט דעם פינגער צו די ליפּן און געבעטן: ש, שאַ, שטילער... און אין דעם איז געווען איינצייטיק אַ געבעט, אַז זי זאָל ווייטער דערציילן, אַז זי זאָל ווייטער איבערגעבן וואָס זי ווייסט אַלץ וועגן דעם, וואָס מען האָט איר געשריבן אין די בריוו פון דער היים. נו, נו — האָט ער אַריינגעפלאָכטן איינזילביקע ברום־טענער אין די צווישעדיקע ראשי־תיבות פון שאַ און פון שטיל: — נו, ש־ש־נו, נו־ש־נו?

און זי האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. און זי וואָלט זיכער דער־ציילט די גאַנצע מעשה מיטן לעגענדאַרן גר־צדק, אין איר איי־גענער ווערסיע, פאַרגעסנדיק לגמרי, אַז דאָס איז אייגנטלעך אַ זייטיקער עפּיזאָד, נישט מער ווי דרך־אַגב. זי האָט זיך אַזוי פאַר־קאָכט אין דער מעשה, אַז זי האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט געדאַרפט דערציילן וועגן בעלאַ בייגעל און איר משפחה. און זי וואָלט אַזוי דערציילט און דערציילט, ווען בעלאַ נעמט זיך נישט פּלוצים וועקן, דרייען זיך אינעם בעט און אויסציען די הענט,ביים קלאַנג פון אַ געניץ, באַגלייט מיט אַ קוויטשיקן צושפּיל פון אַן אָפּגעהאַקטן ווייטיק־אויסרוף.

פרוי גרינטוך האָט איבערגעריסן און אויסגעדרייט איר פּנים צו דער קראַנקער. — ווײ איז מיר נישט. דער דאָקטאָר האָט אַוועקגענומען זיין פינגער פון מויל און איינגעגראָבן זיינע אויגן

אינעם פּנים פון דעם מיידל. בעלאַ האָט צוגעלייגט אירע הענט צום מויל, פאַרדעקנדיק אירע ברייט־צעעפנטע ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן דערשטיקן דעם קול, וואָס רייסט זיך פון איר האַלדז, פון דער טיף. דערנאָך האָט זי געעפנט די אויגן. די אויגן־לעדלעך זענען געווען שווער. צווישן די לייכט־צעעפנטע אויגן־שפּאַלטן האָט זי דערזען צוויי געשטאַלטן. צוויי באַקאַנטע פּנימער. זי האָט אָוועק־גענומען אַ האַנט פון מויל און גענומען רייבן מיט איר די אויגן. דערנאָך האָט זי ווידער געקוקט. יאָ — צוויי באַקאַנטע פּנימער. יאָ — די שכנטע און, און... ווער איז דער מאַן, וואָס שטייט דאָ נעבן איר? ווער איז ער, דער פרעמדער? ניין, נישט קיין פרעמ־דער. איר דאַכט זיך, אַז זי קען אים. ווען האָט זי עס אים געזען? דאַכט זיך ערשט נישט לאַנג, ערשט נישט לאַנג. דאַכט זיך, אַז ערשט... יאָ, דאָס איז דאָך דער דאָקטאָר... זי האָט אַ צי געטאָן דאָס ליילעך מיטן צודעק ביז איבערן האַלדז, בכדי צו פאַרדעקן די אַנטבלויזטע אויבערטיילן, און אָוועקנעמענדיק די צווייטע האַנט פון מויל, אַ זאָג געטאָן: — פאַרדאָן, זייט מוחל. און צוגע־געבן מיט אַ מויל פול מיט חידוש און פאַרלעגנהייט: — פון וואַ־נען נעמט איר זיך דאָ פּלוצים? אַ חלום, אַ קאָשמאַר, צי וואָס?... איך האָב אייך גערופן, שכנטע? און איר, דאָקטאָר, וואָס טוט איר דאָ?

די שכנטע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן ליגנדיקן מיידל און גענומען פּירן אירע דיקע ליפּן איבער איר פּנים. צווישן איין קוש און צווייטן, אַריינגערעדט אין איר: — שווייג, שווייג בעל־קעשי, מיר זאָל זיין פאַר דיר... אַקסידענט, נעכטן אָוונט, איבעם מעטראָ... דער דאָקטאָר איז געקומען דיך זען נעכטן און איצט ווידער, בעלאַ קרוין, מיר זאָל זיין פאַר דיר.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף בעלאַס פּנים. זי האָט גע־ענטפערט מיט אַ קוש און אָפּגעשטויסן די דיקע ליפּן פון דער שכנטע. זי האָט אויפגעהויבן אירע שווערע אויגן אויפן דאָקטאָר, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס און געקוקט אויף איר.

— מערסי, האָט זי געזאָגט, אַ דאַנק, דאָקטאָר. און ווי זי וואָלט פּלוצים געזען פאַר זיך דעם גאַנצן פאַרלויף פון נעכטיקן אָוונט, האָט זי זיך געגעבן אַ זעץ אויף אינעם בעט און גענומען קוקן אַרום זיך. און ווו איז, ווו איז — האָט זי געפרעגט — ווו איז דער גוטער מענטש, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגן פון צווישן די

טרעטנדיקע פּיס ?... ווו איז ער ? וואָס האָט מיר דעם בייטל צו־ריקגעבראַכט מיט די שליסלען, ווען נישט וואָלט איך נישט גע־קענט אַריינגיין... וואָס האָט מיר שפּעטער דעם דאָקטאָר געבראַכט; וואָס איז שפּעטער, דאַכט זיך, ווידער געקומען, געשטאַנען, גע־שטאַנען מיט אַ פּעקל אין האַנט, און נעלם געוואָרן... געשטאַנען, געשטאַנען און געוואָרן אויס. ווו איז ער, דער גוטער מענטש ?...

פֿרוי גרינטוך און דער דאָקטאָר האָבן זיך איבערגעקוקט. און ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק, האָט די שכנטע אָפּ־געטרעטן איר אָרט דעם דאָקטאָר. עס איז נישט געווען לייכט אַדורכצוגיין איינער נעבן צווייטן. איז פֿרוי גרינטוך צוגעגאַנגען צו דער טיר, געעפֿנט און אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווייל. ווען דער דאָקטאָר האָט פֿאַרנומען איר אָרט אויפֿן טאַבורעט, איז זי צו־ריקגעקומען און זיך געשטעלט צופֿוסנס. דער דאָקטאָר האָט אָנגע־נומען די האַנט פֿון דעם מיידל און געציילט דעם פּולס. די שכנטע האָט געקוקט אויפֿן פּנים און די ליפּן פֿונעם דאָקטאָר, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּלייענען פֿון זיי צי דער פּולס איז גוט, צי ער קלאַפּט רעגולער און צי זאָגט ער נישט אָן עפּעס אויסטערלישעס.

— פֿופֿצן, זעכצן, זיבעצן, האָט דער דאָקטאָר פּלוצים גענו־מען ציילן אויפֿן קול — אַכצן, ניינצן, צוואַנציק. און אַרויפֿציענ־דיק אַ ברייטן שמייכל אויף זיין מילד פּנים, פֿאַרוואָרפֿן זיין קאָפּ צום באַלקן און איבערחזרט די לעצטע ציפֿער : צוואַנציק, און גע־נומען חשבונען : — אַז אין אַ פֿערטל מינוט איז צוואַנציק, איז אין אַ מינוט פֿיר מאָל אַזויפֿיל; איז עס אַ קימאַ־לן פֿון 80, אַכציק הייסט עס; נישט אמת, שכנטע, אַז פֿיר מאָל 20 איז אַכציק, נישט אמת ?

— ווי זאָגט איר, האָט פֿרוי גרינטוך איבערגעפֿרעגט, פֿיר מאָל וויפֿיל, פֿיר מאָל... — פֿיר מאָל צוואַנציק.

— פֿיר מאָל צוואַנציק, פֿיר מאָל צוואַנציק, וואַרט צו אַ רגע... וויפֿיל זאָגט איר, דאַרף עס אויסמאַכן.

— אַכציק.

— יאָ, יאָ, אַכציק — האָט בעלאַ מסכּים געווען מיטן דאָק־טאָר און אַרויסגענומען איר האַנט פֿון צווישן דעם דאָקטאָרס פֿינ־גער. אַז אַכציק איז דאָך גוט, האָט זי צוגעגעבן און זיך אויפֿגע־זעצט. און נאָך אַ רגע זיך אויפֿגעריסן פֿון בעט, ווי זי וואָלט וועלן

אַראָפּגיין: — עס מוז שוין זיין שפּעט, איך מוז גיין צו דער אַרבעט.

דער דאָקטאָר און די שכנטע האָבן זי צוגעהאַלטן און נישט געלאָזט זיך באַוועגן.

— ווי איז מיר, האָט די שכנטע זי געהאַלטן פעסט ביי די פיס און נישט געלאָזן פון בעט אַרויס.

— ניין, ניין, נישט לאָזן, נישט לאָזן — האָט דער דאָקטאָר איבערחזרט, צוהאַלטנדיק זי פעסט ביי די אַקסלען און ביים פאַרנט. עס איז צו פרי מאַדמואַזעל, צו פרי נאָך.

— אַכציק איז דאָך גוט, הער דאָקטאָר, 80 פּולסאַציעס אין אַ מינוט איז דאָך נאָרמאַל, בין איך דאָך געזונט. איך האָב דאָך נאָך קיין רגע נישט פאַרפעלט צו דער אַרבעט ביז איצט... און אַר־בעט איז דאָך פאַר מיר אַ רפואה, מאַכט מיך אין אַלעם פאַרגעסן. איך מוז גיין, איך מוז. דער באַלעבאָס וואַרט דאָרטן אויף מיר, און זיין זון אויך; ער קען זיך דאָך נישט באַגיין אָן מיר, בער־נאַרד; אָן מיר איז ער דאָך ווי אָן אַ האַנט, בערנאַרד, לאָזט מיך! איך בין אים שולדיק אַ תשובה... ער וועט מיינען אַז דאָס איז אַ דיפּלאָמאַטישע אָפּוועזנקייט. לאָזט מיך!

— ווי איז מיר, האָט די שכנטע כסדר איבערחזרט און זי געהאַלטן וואָסאַמאָל פעסטער. זי וועט זיך דאָך אַ מעשה אָפּטון, דאָקטאָר, האַלט פעסט.

— יאָ, מאַדאַם, איך האַלט, און איר? ציט צוריק אירע פיס.

— אַכציק איז דאָך נאָרמאַל, לאָזט מיך! האָט בעלאַ זיך געריסן פון בעט אַראָפּ.

— מאַכט איר אַ פּיקיר, דאָקטאָר, אַ שפּריץ, זי זאָל איינ־שלאָפן, זי וואַרפט זיך דאָך אינגאַנצן ווי אין קאָנוווּלסיעס, מאַכט איר אַ שפּריץ, דאָקטאָר, וואָס שטייט איר?

— איך שטיי נישט, איר זעט דאָך, איך האַלט.

— האַלט מיט איין האַנט, דאָקטאָר. איר זייט דאָך נישט קיין יידענע. און מיט דער צווייטער מאַכט איר אַ פּיקיר.

— עס איז לייכט צו זאָגן.

— פיר מאָל 20 איז דאָך אַכציק, איר האָט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, לאָזט מיך!

— ווי איז מיר. מיר זאָל זיין פאַר דיר. שנעלער, דאָקטאָר.

— לאָזט מיך, שלעכטע מענטשן. איך בין דאָך נישט אין לאַ־גער! אין קאַצעט!

דער דאָקטאָר מיט דער שכנטע האָבן זיך איבערגעקוקט. די גרויסע שווייס־טראָפּנס, וואָס זענען גערונען פון די פאַלדן פון דער שכנטעס פּנים, האָבן זיך געגומען מישן מיט די טרערן פון די אויגן. דער דאָקטאָר האָט פאַרביסן די ליפּן. דאָס פּעקל, וואָס איז געלעגן אויפן בעט און געוואָרפן זיך ביי יעדער באַוועגונג פון בעלאַן, איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל מיט אַ הוילן קלאַפּ.

לא

אינמיטן פונעם אַמפּערניש האָבן זיי פּלוצים דערהערט אַ לייכט קלאַפּן, ווי דינינקע קינדער־פינגערלעך וואָלטן זיך צוגע־רירט צו דער טיר. נאָך אַ ווייל האָט זיך דאָס קלאַפּן איבערחזורט, דין, דיסקרעט, ווי נישט ווילנדיק. די שכנטע און דער דאָקטאָר האָבן געוואָנדן די קעפּ צו דער טיר און זיך געוווּנדערט: ווער קאָן עס קלאַפּן אַזוי פּרי אין דער טיר פון דעם קראַנקן מיידל? בעלאַ איז געבליבן רואיק און זיך איינגעקוקט אין דער טיר, צו־הערנדיק זיך צום באַנייטן געקלאַפּ פון אומדרייסטע פינגער אינעם אַלטן האָלץ פון איר טיר.

— אַנטרעע, אַריין! האָט זי געזאָגט, אַרויפציענדיק די דעק ביז איבערן האַלדז.

די טיר האָט זיך לייכט אָפּגעלענט.

— אַנטרעע, האָט בעלאַ איבערחזורט, ווי צו עמיצן, אויף וועמען זי האָט זיך געריכט. אין דער צעעפנטער טיר האָט זיך באַ־וויזן אַ באַהאָרטער שאַרבן־דעק צוזאַמען מיט אַ שטילן „באָן־זשור", קוים צו דערהערן. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שטערן און אויגן, צוויי פינטלדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך גיך פאַרמאַכט און געלאָזט פאַלן אַ שטילן און קורצן „פאַרדאָן". עס איז געווען שווער צו וויסן צי זענען די וואָקאַלן פון די צוויי זילבן פון „פאַרדאָן" איינגעשלונגען געוואָרן דורך די פאַרמאַכטע אויגן־

לעדלעך, אָדער דורך דער טיר, וואָס האָט זיך אויפסניי פאַרמאַכט מיט אַ זעץ.

— אַנטרעע, האָט בעלאַ איבערחזרט אויפזעצנדיק זיך ספּאַנ־טאַן אין בעט — אַנטרעע. און זעענדיק ווי די טיר בלייבט ווייטער פאַרמאַכט, האָט זי געגומען רופן אויפן קול: קומט אַריין, קומט אַריין, דאָס איז דאָך ער, ער, וואָס האָט מיר דאָס לעבן געראַטע־וועט, רופט אים אַריין, רופט אים, אַנטרעע!

— ווו ווּעט מען אים אַריינלאָזן? — האָט דער דאָקטאָר זיך אָנ־גערופן, בעטנדיק בעלאַן זיך צוריקצולייגן. שטרענגט זיך נישט אָן, איך בעט אייך.

— יאָ, ווו ווּעט ער דאָ אַריין? האָט די שכנטע צוגעשטימט. פאָלג מיך אַ גאַנג.

— טאָ גייט איר אַרויס אויף אַ רגע, האָט בעלאַ געבעטן די שכנטע. זייט מוחל, שכנטע, זייט מוחל.

די שכנטע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן.

— נאָך גוט, וואָס דו הייסט נישט אַרויסגיין דעם דאָקטאָר, האָט זי געזאָגט, און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— זייט מוחל, מאַדאַם גרינטוך, האָט בעלאַ איבערחזרט מיט אַ בעטנדיקן טאָן. און ווען די טיר האָט זיך געעפנט, איז איר טאָן פון געבעט איבערגעגאַנגען אין אַ באַפעל: אַנטרעע, קומט אַריין!

— באַנזשור, האָט זיך דערהערט אַ שטילע באַגריסונג הינ־טער דער טיר, באַגלייט מיט פאַרדאָן. עס איז געווען שווער צו וויסן צי דאָס איז געווען געוואָנדן צו דער שכנטע, אָדער צו בעלאַן מיטן דאָקטאָר. אָבער באַלד איז עס קלאָר געוואָרן, אַז עס גייט אין דער שכנטע: זייט מוחל — האָט ער זיך אַנטשולדיקט — איר האָט נישט געדאַרפט אַרויסגיין. איך האָב צייט. איך האָב זיך באַ־פרייט פון דער אַרבעט אויף אַ שעה; געזאָגט דעם פאַטראָן, מסיע טאָלער, אַז כ'האָב צאָן־ווייטיק און מוז גיין צו אַ דענטיסט...

— אַז רייסן זאָל מען אים טאַקע אַלע באַק־ציין דיין פאַטראָן, מסיע טאָלער, האָט זיך דערהערט דער שכנטעס שטאַרקע שטימע. עס זאָל אים זיין פאַר מיין בעלקען. ער איז זיך געזעסן, מסיע טאָ־לער, מעשה־גראַף אין דער שווייץ, אין דער צייט ווען מיינער איז געלעגן אין געהאַקטע ווונדן אין דראַנסי, אין די לאַגערס, אין דער צייט ווען בעלקע האָט זיך אַרומגעטליקעט מיטן טויט... אַז זיין זאָל אים פאַר אירס אַ האָר פון קאָפּ, טאַטע זיסער.

זי האָט אים געמאַכט אַן אָרט, אַ שטופּ געטאָן די טיר און אים אַ שטויס געטאָן אין קליינעם שטיבל אַריין:

— גיי אַריין, צדיק מיינער, האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכ־טער אין קול און שוין זייענדיק אויף די טרעפּ אַרויפגעשריגן: זייט נישט לאַנג, איך קום באַלד אַרויף מיט אַ טעפּל קאַפע.

— באַנזשור, האָט האַרצקע איבערחזרט, אַראָפּבויגנדיק דעם קאָפּ, ווי דאָס שטיבל וואָלט אים אויסגעזען נאָך נידעריקער ווי עס איז, און אויס מורא נישט צו צעקלאַפּן זיך דעם קאָפּ.

— באַנזשור, האָט בעלאַ געענטפערט, זיצנדיק אין בעט, צו־האַלטנדיק מיט איין האַנט דעם צודעק ביז איבער די אַקסלען און אויסשטרעקנדיק די צווייטע האַנט צו אים. אַ גוטן מאָרגן אייך, מיין רעטער.

האַרצקע האָט אויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט אויסבויגנדיק זי אויף פאָרנט, אַריבערן בעט, נישט צו פאַרטשעפּען דעם דאָק־טאָר, וואָס האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע פרייע אָרט צווישן דעם בעט און דעם קאָמאָד מיטן פישעלע פון הינטן.

— אַ גוטן מאָרגן אייך, האָט ער געזאָגט, באַגעגנדיק די פינגער פון איר אויסגעשטרעקטער האַנט. געקומען זען וואָס איר מאַכט. וואָס מאַכט איר טאַקע?

— אַ דאַנק, האָט זי געזאָגט, איבערבויגנדיק זיך נאָך מער פאָראויס, בכדי אַריינצונעמען זיין גאַנצע האַנט אין אירער. אַ דאַנק, מערסי, גוטער מענטש, מערסי. און געזאָגט האָט זי עס מיט אַ תפילהדיקן טאָן, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ סך מער. ווי אַ דאַנק דערפאַר, וואָס ער איז געקומען היינט פרי, בכדי צו זען וואָס זי מאַכט, נאָר אַ דאַנק אויך קודם כל דערפאַר, וואָס ער האָט געטאָן פאַר איר בכלל. אַ דאַנק, גוטער מענטש, האָט זי אי־בערחזרט, דריקנדיק פעסט זיין האַנט.

האַרצקע האָט זיך איבערגעבויגן נאָך מער איבערן בעט, צו־האַלטנדיק זיך מיט דער צווייטער האַנט אינעם אייזערנעם שטאַנג פון צופוסנס, בכדי נישט אַריבערצוּוועגן זיך אויפן בעט אַרויף. ער האָט געפילט ווי אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער זיין גאַנצן גוף, ווי דינינקע, שפּיציקע גליִ־ווערעמלעך, וואָלטן אַראָפּ פון אי־רע פינגער און אַריבער אויף זיינע און פון דאָרטן איבערן גאַנצן לייב.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט בעסער אויפן טאַבו־רעטל און צוגעקוקט זיך צו דער פּאָר הענט, וואָס האַלטן זיך גע־קלאַמערט איינע אין דער אַנדערער און צוגעהערט זיך ווי זייערע ליפּן איבערחזרן כסדר:

— דאַנק.

— נישטאָ וואָס צו דאַנקען.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ וואָס צו דאַנקען.

— עס איז יאָ דאָ...

— ס׳איז נישטאָ...

— יאַ דאַ, האָט בעלאַ איבערחזרט מיט אַנטשלאָסנקייט אין יעדן וואָרט. און בכדי אונטערצושטרייכן איר אויפריכטיקייט האָט זי צוגעלייגט איר לינקע האנט צו דער רעכטער און מיטביידע פעסט אַרומגעקלאַמערט זיין האנט. און זי האָט צוגעגעבן: ווידער־אַמאָל געראַטעוועט געוואָרן... ווידעראמאָל.

באַפרייט פון איר לינקער האַנט, האָט זיך דער צודעק אַראָפּגעריטשט און אָפּגעדעקט דעם אויבערשטן טייל פון איר פאַרנט. דער ראַנד פון אויסדעקאָלטירטן נאַכט־העמד האָט זיך אַראָפּגערוקט נידעריקער, אַראָפּגעצויגן דורך דעם אויסבויג פון איר קערפּער און דורך דער לאַסט פון אירע אַראָפּהענגנדיקע ברוסטן. ביי יעדן באַוועג פאַראויס פון איר קערפּער, האָט זיך דער ראַנד אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער, נאָך ווייטער, ביז ער איז אַריבער די צוויי טונקעלע בערגלעך אינמיטן פון די ברוסטן; פאַרטשעפּנדיק זיך אין די צוויי אַרויסשטייענדיקע וואָרצלען איז דער העמד־ראַנד געבליבן שטיין פון אונטן און נישט געקענט מער אַריבער.

דער דאָקטאָר האָט פאַרגעסן זיין ראָל און נאָכוואָס ער איז געקומען אַהערצו. ער איז געזעסן און געקוקט. דאָ אויף די אָפּ־געדעקטע אויבערשטע טיילן פון די יונגע ברוסטן, דאָ אויף די אַרויסשטייענדיקע צוויי ברוסט־וואָרצלען, דאָ אויף דעם ראַנד פון העמד, וואָס ראַנגלט זיך מיט די ברוינע בערגלעך און וויל אַריי־בערהיפּן אויף צוריק, און דאָ אויף דעם מיידלס הענט, וואָס קלאַ־מערן זיך אין דער האנט פון דעם מאַן, וואָס שטייט איבערגעבויגן איבערן בעט מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. פון דער טיר פון

הינטן, וואָס דער גאַסט האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן, האָט געיאָגט אַ ווינט. דאָס פּישעלע, וואָס איז שוין לאַנג געווען וואַך, האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צום בעט. עס האָט באַוויזן ציטערדיק מיט די דינע פּיבערס פֿון עק און פֿון די שווימערס און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, ווי צוגעקלעפּט מיט די שוימיקע ליפּעלעך צום גלאָז.

— אַ דאַנק, האָט בעלאַ געזאָגט נאָך שטילער ווי פֿריער.

— נישט... האָט ער געוואָלט איבערחזרן דאָס זעלבע, אָבער איבערגעהאַקט דאָס וואָרט, נישט וועלנדיק זיך איר אַקעגנשטעלן.

— אַ גרויסן דאַנק, האָט זי געזאָגט נאָך שטילער. און זעענ־דיק ווי ער שטייט און באַוועגט נישט מיט די ליפּן, האָט זי, אַ צופֿרידענע, נאָך פֿעסטער אַרומגענומען זיין האַנט און זיך אויס־געבויגן נאָך מער אויף פֿאַראויס. דער ראַנד פֿון איר העמד האָט געגעבן אַ ציטער, האָט אַ כוואַליע געטאָן און אַראָפּגערוקט זיך נאָך נידעריקער, פֿאַרטשעפּנדיק זיך אונטער דעם פֿאַלד צווישן איר לייב און די ברוסט־קיילעכס. האַרצקע האָט זיך אַ וואַקל גע־טאָן. ער האָט נאָכגעלאָזן די האַנט, מיט וועלכער ער האָט גע־האַלטן די אייזערנע בעט־שטאַנג און זי אַוועקגעלייגט מיט דער פֿלאַך אויפֿן בעט, פֿון פֿאַראויס, בכדי נישט אומצופֿאַלן. זיין לינ־קע האַנט האָט אָנגעטראָפֿן איר פֿוס, איבער דער קני.

— פֿאַרדאָן, האָט ער געזאָגט אַ שעמעוודיקער, און איבער־חזרט: פֿאַרדאָן.

— עס מאַכט נישט אויס, האָט זי געענטפֿערט מיט אַ שמייכל.

— עס מאַכט יאָ אויס, פֿאַרדאָן.

— עס מאַכט נישט...

ווער ווייס ווי לאַנג עס וואָלט אַזוי געדויערט, ווען עס באַ־ווייזט זיך נישט פּלוצים אין דער טיר די שכנטע. זי איז געקומען פֿרעגן דעם דאָקטאָר צי מעג זי ברענגען עפּעס צו פֿאַרבייסן און אויב יאָ, טאָ וואָס; און אויב נישט, טאָ וואָס פֿאַראַ קאַפּע זאָל זי ברענגען, אַ שטאַרקע צי אַ שוואַכע, מיט ציקאָריע, אָדער אָן ציקאָריע. אָבער דערזעענדיק פּלוצים די סצענע, איז איר צוערשט דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. דערנאָך האָט זי אַ פּעסטן צי גע־טאָן האַרצקען ביים רעקל, אַז ער איז שיעור נישט געפֿאַלן מיטן קאָפּ אויף דער וואַנט הינטערווייל־עכטס.

— קאָשאָן, האָט זי אים אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַריין, ווען ער איז געבליבן זיצן וואַקלדיק אויפֿן טישל.

— קאַשאַן, האָט זי אַ שליידער געטאָן אין פּנים פון דאָק־טאָר, וועלכער איז געזעסן אויפן טאַבורעטל ווי אַ געפּלעפּטער.

— פאַרדאַן, האָט האַרצקע זיך אַנטשולדיקט מיט אַ האַלב־מויל. פאַרדאַן.

בעלאַ איז צוריקגעפאַלן אויפן בעט, ווי אַ שפּרינגפעדער, וואָס טשעפּעט זיך פּלוצים אָפּ פונעם נאָגל, אין וועלכן זי האַלט זיך. די שכנטע האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן דעם דאָקטאָר און דעם בעט און גענומען אַרויפציען איר צודעק ביז איבערן האַלדז.

— מיין קליין חזירל, האָט זי געזאָגט מיט אַ געמיש פון רוגזה און ליבשאַפט, מאַ פעטיט...

אָפּגעשטויסן אין אַ זייט, האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגע־שטעלט און זיך געוואָנדן צו דער טיר. די שכנטע האָט אים אָנ־געכאַפּט ביים רעקל און איינגעהאַלטן.

— נישט איר, איר בלייבט דאָקטאָר. איך דאַרף מען. און ווענדנדיק זיך באַפעלעריש צו האַרצקען, וואָס איז געזעסן אַ צי־טערדיקער אויפן טישל, האָט זי אַ שריי געטאָן: און דו גיי אַרויס, ווער אַ האָז, און די רגע, שוין!

— פאַרדאַן, האָט האַרצקע איבערחזרט, אויסדרייענדיק זיך זיצנדיקערהייט מיטן קערפּער צו דער טיר.

— שוין, די רגע — האָט די שכנטע באַפוילן, אונטערשטופּנ־דיק אים. און ווען ער איז שוין געווען אויף די שטיגן, האָט זי אים נאָכגעשריגן: און מער לאָמיך דיך נישט זען דאָ, קאַשאַן!

זעענדיק, ווי די שכנטע טרייבט אַרויס איר גאַסט, האָט בע־לאַ זיך ווידער אויפגעזעצט. איר פּנים איז געוואָרן רויט און אָנ־געלאָפן, אז מען האָט קוים אַרויסגעזען די בלאָע פלעקן און די ביילן.

— פרוי גרינטוך, וואָס טוט איר?! האָט זי גענומען שרייען. פאַר־וואָס טרייבט איר אים? ער איז דאָך מיין רעטער, איז ער דאָך. און זעענדיק ווי ער גייט אַרויס, האָט זי גענומען נאָך העכער שרייען: ניין, ניין, גייט נישט, איך וויל נישט, איך וויל נישט און זעענדיק ווי ער קומט אַוועק אין אירע אויגן האָט זי גענומען שרייען נאָך העכער: רופט אים צוריק, רופט אים צוריק, איר הערט — רופט אים צוריק, רופט צוריק!

לב

הארצקע איז נישט געגאַנגען מיט די שטיגן אַראָפּ, נאָר געלאָפן. ער איז געלאָפן, ווי איינער וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוסע זאַך און אַנטלויפט ערגעץ צו באַהאַלטן זיין פּנים פאַר שאַנד. ער איז געלאָפן ווי אַ גנב, וועמען עס איז געלונגען צוצורויבן עפּעס אַ טייערן חפץ, עפּעס אַ גרויסן אוצר, און ער לויפט ערגעץ מיט אים אַוועק, מען זאָל אים נישט כאַפּן, נישט אָניאָגן, צונעמען די גניבה און אָנלערנען.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען רופט אים צוריק. ער האָט געהערט אַ געמיש פון קולות, וואָס לויפן אים נאָך אויף די טרעפּ: אַ דיק קול, וואָס שטראָפט אים, וואָס טרייבט אים, און אַ קול אַ דינעס, וואָס רופט אים צוריק, וואָס הייסט אים צוריקקומען; אַ געמיש פון ווערטער, וואָס מוסרן און פּאַלן ווי שמיץ, און פון ווערטער, וואָס דערמוטיקן, וואָס צעגייען זיך ווי באַלזאַם איבער אַלע אברים.

ער איז אַריין אין מעטראָ. פאַרשפּעטיקטע אַרבעטער האָבן זיך געשטופּט אין די וואַגאָנען. זיי האָבן זיך געאיילט, בכדי נישט פאַרגרעסערן נאָך זייער פאַרשפּעטיקונג. ביוראָ־אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, וואָס הייבן אָן זייער אַרבעט ערשט שפּעטער, אָדער וואָס זייער חוש פאַר פּינקטלעכקייט האָט זיי באַפוילן זיך צו פעדערן — זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיטן שטראָם. האַרצקע האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט זיך באַפרייט אויף אַ שעה פון פּאַטראָן. און עס בלייבט אים נאָך איבער אַ האַלבע שעה. אפילו, ווען ער פאַרשפּעטיקט זיך, האָט ער אויך געקאָנט געפינען אַן אויסרייד: אַז מען גייט צו אַ דאָקטאָר, אָדער צו אַ דענטיסט, קאָן מען דאָך קיינמאָל נישט אויסרעכענען גענוי פון פריער ווען מען וועט צוריקקומען...

דעריבער האָט דער פּאַטראָן זיינער אים נאָכגעשריגן: — געדענקט אָבער, אָן קונצן. אַ שעה איז אַ שעה. איך האָב פיינט די

אויסריידן... דאָקטאָר, דענטיסט... מיך וועט מען נישט טשאַקען... אַ שעה איז אַ שעה. עס איז סוף חודש, מען דאַרף מאַכן די רע־כענונגען. איך האָב פיינט די פוילע שטיק, איר הערט לאַפּידעס, אָן חכמות!

און דאָ וועט ער גאָר קומען מיט גוטע 20 מינוט צו פרי. ער וועט דאַך אויפשטעלן אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן, און גאָרנישט וועלן גלויבן: — שוין? וועט ער שטוינען און קוקן אויפן זייגער. עפּעס גאָרנישט מעשה־דזשאָינט־ייד!... טאָלער, זיין פּאַטראָן, האָט אַלע ניצול־געוואָרענע יידן פון די לאַגערן אַרומגע־נומען אונטער איין מאַנטל און זיי גערופן „דזשאָינט־יידן". ער האָט אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט אַ פּאָר יידן, געקומענע פון די לאַגערן. געהאט רחמנות אויף זיי און אַריינגענומען זיי אָן שפּראַך, אָן פּאַפּירן, אָן פאַך. אין אָנהויב זענען זיי געזעסן רואיק און גאָרנישט געזאָגט, אַפילו נישט אויף יידיש. זיי זענען געזעסן און געאַרבעט. און ווי נאָר זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך און באַקומען די אַרבעט־פּאַפּירן, פלעגן זיי באַקומען לשון און פאַר־לאַנגען אַ הוספה. זיי פלעגן נישט וועלן אַרבעטן ווי ביז איצט, פאַר אַ הונגער־לוין. פלעגט ער זיך בייזערן: — וואָס הייסט? איך האָב אייך געמאכט פּאַפּירן, אויסגעלערנט א מלאכה, און דאָ קומט איר גאָר מיט טענות, איר ווילט, אַז איך זאָל אייך באַגליקן! געהערט אַ מעשה? גייט צום דזשאָינט! ער גיט אייך צו עסן בחינם, ער שיט אייך אָן פולע טאַשן מיט גאָלד, מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרס... ער האָט אייך צעבאַלעוועט. אויפגעשטאַנען א נייע קאַסטע פון פּריווילעגירטע יידן... עס קומט זיי דאָס טעלערל פון הימל, ווייל זיי זענען לעבן געבליבן, זע נאָר מיר די נייע קעסט־קינדער... זע נאָר די חוצפה גאָר, זיי ווילן דעם סינדיקאַלן לוין, און אור־לאַפּ ווילן זיי און הכל בכל ווי די רעגולערע פראַנצויזישע אַרבע־טער; אַנדערש זענען זיי נישט געוווינט, די דזשאָינט־יידן..

האָרצקע האָט גוט געקענט די דאָזיקע טענות זיינע. אַ סך מאָל האָט ער זיך שוין צוגעהערט צו פיינלעכע דיאַלאָגן צווישן די יידישע אָנגעשטעלטע און דעם באַלעבאָס. נישט איינמאָל האָט ער שוין געוואָלט זיך אַריינמישן אין אַ דיסקוסיע, אים אַ שפּיי טון אין פּנים: — דו מנוול איינער, וואָס דו ביסט. האָסט קיין דייטש נישט געזען פאַר די אויגן; ביסט באַצייטנס אַנטרונען אין דער

שווייַך מיט דייַן גאַנצן געלט, און איצט קומסטו זאָגן מוסר די אָרעמע שארית־החורבן, דו אויסוווּרף וואָס דו ביסט, דו נידעריק באַשעפֿענישל, וואָס דו ביסט... ביז ער האָט שוין מער נישט גע־קאָנט אויסהאַלטן. ווען מסיע טאָלער איז אָנגעפֿאַלן אויף אַ יונ־גער לאַגער־אַלמנה, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט דעם סינדיקאַלן פּרייַז, און ער האָט איר געוויזן די טיר, שיקנדיק זי צום דזשאָינט — איז ער אַרויס פֿון זייַן שרייַב־צימערל, צוגעלאָפֿן צום פּאַטראָן, אים אָנגענומען ביי די לאַצן פֿון זייַן רעקל און גענומען טרייסלען מיט אים, ווי מיט אַ בוים מיט רייפֿע פּירות. — מנוול אײנער, האָט ער מיט אים געטרייסלט, דו נבזהדיקער וואָרעם, וואָס דו ביסט... קושן דעם שטויב פֿון אירע פֿיס דאַרפֿסטו. זי איז געווען אין אוישוויץ און דעם טויט פֿאַר די אויגן געזען יעדע מינוט פֿון מעת־לעת און דו האָסט קיין דייטש פֿאַר די אויגן נישט געזען...

מסיע טאָלער האָט זיך געווערט, זיך געריסן פֿון זייַנע הענט:

— הערט אויף, איר צערייסט מיר די לאַצן פֿון מייַן בעסטן אַנ־צוג, הערט אויף.

— איך וועל נישט פֿריער אויפֿהערן, ביז איר וועט נישט צו־ריקרופֿן די אָרעמע אַלמנה און בעטן מחילה, פֿאַלן צו אירע פֿיס... ער האָט מיט אים געטרייסלט און צוגעשטופּט צו דער וואַנט, קלאַפּנדיק מיט זייַן קאָפּ אין דער וואַנט.

— הערט אויף, האָט דער פּאַטראָן זיך געריסן פֿון זייַנע פֿעס־טע הענט, עס מאַכט מיר ווײ אין קאָפּ, לאַפּידעס, איר זייט משוגע געוואָרן, עס טוט מיר ווײ.

— און אַז איר טוט ווי די אַרבעטער, אַז איר נוצט זיי אויס די אָרעמע געטאָ־יידן, די לאַגער־יידן, און איר איזדעקעוועט זיך איבער זיי, ווייל איר מיינט, אַז אַלס גביר מעגט איר אַלץ טון, נו, — טוט עס זיי נישט ווײ?

דער פּאַטראָן האָט זיך געריסן פֿון זייַנע הענט, געווערט זיך מיט די קני, געוואָלט געבן האַרצקען אַ שטויס אין בויך אַריין. האַרצקע איז געשטאַנען געדיכט נעבן אים, אויף אים, זייַנע פֿיס אויף טאָלערס, זייַן בויך אויף טאָלערס, בלויז דעם אויבערשטן טייל פֿון קערפּער אויסגעבויגן אויף הינטן, בכדי צו קענען באַ־וועגן מיטן קאָפּ פֿון פּאַטראָן צו זיך און צו דער וואַנט צו, פֿון דער וואַנט — צו זיך צו. דאָס פּנים פֿון טאָלערן איז געוואָרן בלאָ, די אויגן זענען געקראָכן פֿון זייערע גריבער אַרויס און אַ שוים

האָט זיך געשפּאָרט אויף זיינע ליפּן. עטלעכע אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט פון אַ זייט און זיך צוגעקוקט. זיי זענען געשטאַנען און זיך געוואַקלט: זיך אַריינמישן, אָדער נישט אַריינמישן, זיי פונאַנדערררייסן, אָדער נישט פונאַנדעררייסן. זיי זענען געשטאַנען און געהאַט אַן אינערלעכע הנאה פון די קלעפּ, וואָס עס כאַפּט זייער בייזער פּאַטראָן, מיט וועלכן יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיינע חשבונות. לעלו, דער שעף ד׳אַטעליע, האָט זיך געגרייט אָפּ־אָט צוצולויפן און זיי פונאַנדערשיידן. ער האָט אויך נישט גע־האַט קיין גרויסע סימפּאַטיעס מיט זיין פּאַטראָן און וואָלט אויך גע־וואָלט ביי אים זען דאָס ערגסטע, אָבער ער האָט זיך געטראַכט, אַז אייגנטלעך איז ער דאָך דער אַממערסטן פּריווילעגירטער פון אַלע אַרבעטער, דער אַמבעסטן באַצאָלטער, און צו וועמען ער לאָזט אַמוויינקסטן אויס זיין כעס, נו — וואָלט נישט געשאַדט, אַז ער זאָל זיך אָננעמען פאַר אים; ער וועט נישט צולייגן דערצו. קיין יידיש האָט ער נישט פאַרשטאַנען און אייגנטלעך נישט גע־ווסט, וואָס איז דאָ דער גאַנצער סקאַנדאַל. אָבער פּלוצים איז געפאַלן פון מויל פון פּאַטראָן דאָס וואָרט — פּאָליציי, פּאָליס. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט האַרצקען נאָך מער אָנגעצונדן.

— דו סטראַשעסט מיט פּאָליציי גאָר?... זאָלן זיי קומען, איך וועל זיי ווייזן דיינע ביכער, דיינע חשבונות... איך ווייס דאָך, וואָס עס שטייט אין זיי; וועסט פוילן אין די תפיסות און מיט טאַרבעס וועסטו אַרומגיין, דו נבזהדיקער שטייער־שווינדלער.

ער האָט אים נאָכגעמאָלט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אין וואַנט. דערנאָך האָט ער אים אָנגענומען ביים נאַקן, אויסגעדרייט אים און אים אַ שליידער געטאָן אין די אָרעמס פון שעף ד׳אַטעליע, וואָס זענען געווען גרייט אים אויפצונעמען.

נאָך דער דאָזיקער סצענע האָט זיך איינגעשטעלט אַ גאָר נייער סדר אין טאָלערס קאָנפעקציע־געשעפט. דריי טעג שפּע־טער איז דער פּאַטראָן אַליין געקומען בעטן האַרצקען, אַז ער זאָל צוריקקומען צו אים אַרבעטן. ער איז געקומען אַ ציטערדיקער, ווי ער וואָלט נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון די פּאַרדרייטאָ־גיקע קלעפּ, און געבעטן, אַז ער זאָל צוריקקומען. ער וועט שוין זיין גוט און פרום. ער וועט שוין אַפילו צוריקרופן די אַלמנה און איר געבן דעם נאָרמאַלן סינדיקאַלן לוין, הגם ער האָט איר אויס־

געלערנט אַ פֿאַך, און געמאַכט פּאַפּירן... נאָר ער זאָל צוריקקומען, האַרצקע, און נישט, חלילה, גיין מסרן צו דער פּאָליציי. ער האָט אָנגענומען אַלע באַדינגונגען וואָס ער, האַרצקע, האָט אים גע־שטעלט. דער פּאַטראָן האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט נישט נאָר אַריינגעמען די אַלמנה, נאָר אַז ער וועט זי אויך איבערבעטן און קויפֿן אַ מתנה, אַז ער וועט ווידער אַריינגעמען יידישע לאַגער־מענטשן צו דער אַרבעט און זיי באַהאַנדלען יושרדיק. נו, איז ער צוריקגעגאַנגען אַרבעטן. און עס האָט זיך אויף אַן אמת געביטן אינעם געשעפֿט. טאָלער איז געוואָרן ווייך ווי פּוטער און פֿלעגט אָקעגנטראָגן דער ערשטער אַ ברייטן „באָנזשור" יעדן אַרבעטער און יעדן קונה. אָבער דאָך, פֿלעגט ער זיך פֿון צייט צו צייט פֿאַרגעסן און אַרויסקומען מיט זיין חזיר־פּיסל, ווי אַ שטייגער היינט אין דער פֿרי. ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין צו אַ דענטיסט, האָט ער תיכף מסכים געווען, אָבער באַלד האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים אַ געפֿיל פֿון חרטה, וואָס האָט אים דיק־טירט צו מאַכן די באַמערקונג: „געדענקט, לאַפּידעס, אָבער אַן קונצן. מיך וועט מען נישט טשאַקען... אַ שעה, איז אַ שעה... איך האָב פֿיינט פֿוילע שטיק, איר הערט, לאַפּידעס".

האַרצקע האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. עס האָט נאָך גע־פֿעלט אַ 15 מינוטן צו דער שעה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פּאַר־מאַפּע: ווו זענען מיר דאָס? צי איז ער נישט פֿאַרפֿאָרן ער־געץ צו ווייט שוין? ער האָט דאָך געדאַרפֿט טוישן דעם מעטראָ אויף רעפּובליק. ווו זענען מיר דאָס? אינדעם האָט זיך די באַן אָפּ־געשטעלט. אויף דעם וואָקזאַל־וואַנט האָבן זיך באַוויזן גרויסע אותיות: רעפּובליק. ער האָט זיך דערפֿרייט. הייסט עס, נישט פֿאַר־פֿאָרן צו ווייט. עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג, האָבן אים מיטגעשלעפּט אַרויסצו. רעפּובליק. איבער דער ראַמפּע, נעבן דער אויפֿשריפֿט — ערשטע קלאַס — איז גע־האַנגען אַ גרויסער זייגער. הינטער דעם פֿאַרשטויבטן גלאָז־דעק האָבן די ווייזערס געוויזן 13 צו 9. נו, איז דאָך נאָך צייט. פֿון דאָ איז דאָך נישט מער ווי צוויי סטאַציעס ביז צו טאָלערס אַנגראָ־געשעפֿט. צוויי סטאַציעס איז דאָך נישט מער ווי דריי מינוט, אַנ־דערטהאַלבן מינוט אַ סטאַציע. נו, האָט ער דאָך נאָך צייט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער שכנותדיקער באַנק. פּלוצים האָט עפּעס אַ פֿינקל געטאָן אין זיינע אויגן: ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן.

אַ קנעפּל. אַ פֿינקלדיק קנעפּל. ער האָט עס אויפֿגעהויבן. אַ קנעפּל נישט ווי אַלע קנעפּלעך. עפּעס אַ באַקאַנט קנעפּל. ווו האָט ער עס געזען דאָס דאָזיקע קנעפּל? ער קען עס דאָך. עס איז דאָך אים אַזוי באַקאַנט. ווו האָט ער עס געזען? ער האָט דאָך ערשט געזען ענלעכע גלעזערנע קנעפּלעך. און ווו? ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון געזעס. יאָ, טאַקע דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, און ערשט נעכטן אָוונט. יאָ, דאָס איז דאָך אַ קנעפּל פֿון איר בלוזקע...

ער האָט געדריקט דאָס קנעפּל פֿעסט אין זיין האַנט און גע־לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג. ער האָט אַ קוק געטאָן היִנטער־ווײַלעכץ צום ענג־זייגער. עס איז געווען עלף מינוט צו ניין. וועט ער נישט וואַרטן, ער וועט צוגיין. נישטאָ קיין געדולד צו וואַרטן. עס איז דאָך נישט ווייט צו דער אַרבעט. אַפֿילו מיט אַ דריבנעם טריט וועט ער קומען צו דער אַרבעט אין דער צייט. עס וועט אים נאָך בלייבן אַן עודף. ער פֿרעגט טאַקע נישט נאָך זיין פּאַט־ראָן, אָבער זייט יענער סצענע, האָט ער באַקומען אויף אים רחמנות: אַ נישטיק און קראַנק מענטשעלע, האָט ער אָפּט גע־טראַכט זעענדיק אים, נישטאָ אַפֿילו אויף וועמען בייז צו זיין; גיי און זיי בייז אויף אַ שרץ, וואָס קריכט דיר אונטער די פֿיס, אָדער אויף אַ ווילד־בין, וואָס זשומעט אַרום דיינע אויערן און וויל דיר אַ ביס טון. דערצו איז ער אַ שרץ און דערצו איז זי אַ ווילד־בין... ער האָט זיך ווי געפֿילט שולדיק, וואָס ער האָט אים דעמאָלט אַנגעלערנט, אָפּגעחוזקט פֿון אים אין דער אַנוועזנקייט פֿון זיינע אַרבעטער. ער האָט גיכער געדאַרפֿט געבן אים אַ שפּיי אין פּנים און אַ זעץ טון מיט דער טיר, אַז די מויערן זאָלן אויפֿ־ציטערן; אָבער נישט קלאַפּן מיט זיין קאָפּ אין וואַנט. אַזוי האָבן געטאָן די דייטשן מיט די יידן אין די קאַצעטן. זיי האָבן אַזוי לאַנג געקלאַפּט מיט די קעפּ אין וואַנט, ביז דער ייד איז געפֿאַלן אַ טויטער... עס איז זיי געווען אַ שאַד אַ קויל. דער ייד איז נישט ווערט די קויל... אָבער ווי קומט ער צו טרייסלען מיטן קאָפּ פֿון זיין פּאַטראָן אין דער וואַנט? עס איז אמת, אַז ער האָט אים נישט געהרגעט, אָבער דאָך... ער האָט זיך געפֿילט שולדיק. האָט ער זייט דעמאָלט געזוכט צו זיין העפֿלעך צו זיין פּאַטראָן, נישט צו דער־צערנען אים, צו זיין פּינקטלעך, צו זיין גוט צו אים. ער זאָל, חלילה, נישט איינהאַלטן אין זיך דעם חשד, אַז ער, האַרצקע, טראָגט זיך מיט אַ היִנטער־כוונה צו מסרן אים אין שטייער־אַמט.

פע, ווי האָט עס געקאָנט קומען איבער זיין מויל אַזאַ אויסטערלי־שע כוונה? מסירה! ער, האַרצקע לאַפּידעס, אַ מסור?!... עס איז אמת, אז ער האָט עס נישט געמיינט; עס איז נישט מער געווען ווי אַ מין אויטאָמאַטישע זעלבסטפאַרטיידיקונג בעת־מעשה, נישט מער ווי אַ רעפלעקס אויף דעם פּאַטראָנס סטראַשען מיט פּאָלי־ציי... נו, איז געקומען זיין מעכאַנישע רעפּליקע: אַ סטראַשונעק פאַר אַ סטראַשונעק... ער האָט אָפט געוואָלט צוגיין צו טאָלערן און אים בעטן מחילה. „פּאַרדאָן" האָט ער אים געוואָלט זאָגן. „זייט מוחל, דאָס איז נישט מער געווען ווי אַן אומזיניקער רעפלעקס; נישט געמיינט עס. נישט געווען מער ווי אַ מין מאַנעווער, אָן כוונה, אָן מינדסטער כוונה". פון דער צווייטער זייט, האָט ער געטראַכט: איז אפשר בעסער, אַז דער פּאַטראָן זאָל נישט באַ־פרייען זיך אינגאַנצן פון דער מורא פאַר מסירה... וועט עס אים צוריקהאַלטן פון טון עוולות און וועט אים פירן צום פאַרטראַכטן זיך באַצייטנס, און אפשר גאָר אַרויספירן אויפן רעכטן וועג. ניש־טאָ נאָך אַזאַ פאַרפירעריש געפיל, ווי פילן זיך אַלס איינציקער באַלעבאָס, ווי פילן אין זיך אומבאַגרענעצטע מאכט, בפרט ווען דער דאָזיקער אינסטרומענט פון הערשן באקומט זיך אַריין אין די הענט פון נידעריקע באַשעפענישן... אומקאָנטראָלירטע מאַכט דערנידעריקט אַפילו דעם הערשער, וואָס איז מלכתחילה איידל און ביי די בעסטע כוונות. און איינמאָל — דערנידעריקט, פירט אים דער וועג גלייך אין תהום אַריין. ער האָט עס געזען, ער האָט עס געשפּירט אויף זיינע אייגענע אברים, אויף זיין לייב און לעבן אין די שקלאַפן־לאַגערן... נו, האָט ער נישט געוואָגט צוצוגיין צום פּאַטראָן, און אים זאָגן: „פּאַרדאָן, מסיע טאָלער, זייט מוחל..". אָבער מיט זיין אויפפירן זיך האָט ער געוואָלט פאַרקלענערן אין די אויגן פון פּאַטראָן דאָס מורא־געפיל, וואָס האָט אים זיכער געפּייניקט; זאָל עס אים ווייניקער פּייניקן, ווייניקער, נישט מער ווי טליען ערגעץ אין זיין הינטערבאַוווסטזיין און טאַרמאָזירן זיינע מעשים...

האָט ער טאַקע היינט אויך געוואָלט זיין פּינקטלעך, צו דער שעה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

וואָס קומט דאָ פאַר אייגנטלעך? דער זייגער ווייזט דאָך שוין נאָך ניין, שוין געציילטע מינוטן נאָך ניין. און ווו איז ער עס? ווו געפינט ער זיך אייגנטלעך? מסתמא איז ער שוין נעבן דעם

געשעפּט פון טאָלערן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ שילדל פון דער גאַס. וואָס איז דאָס אייגנטלעך? ניין, נישט מעגלעך: רי רואַ דע סיאָן. ער איז שטיין געבליבן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום טויער. איבערן איינגאַנג איז געווען אַ נומער: 36. ער איז געשטאַנען אַ רגע. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צוגעדריקט פעסט אין דער האַנט דאָס קנעפּל, וואָס ער האָט אקארשט געפונען. און מיט גיכע טריט געלאָזט זיך גיין אויף צוריק.

לג

דער דאָקטאָר האָט גענומען איר פּולס און גענומען ציילן במחשבה. דאָס מאָל האָט ער נישט געציילט אויפן קול. בעלאַ איז געלעגן און געקוקט אַ ברוגזע אויף דער שכנטע, וואָס האָט פאַר־נומען דאָס אָרט פון איר רעטער. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגנ־דעקלעך ווי צום שלאָפן. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זי, דורך אַ דין־דין שפּעלטעלע צווישן די דעקלעך פונעם לינקן אויג, כאַפּן אַ בליק אויפן דאָקטאָר, וואָס האַלט זיינע פינגער אויף איר רעכטן פולס־אָדער. זי האָט זיך געוווּנדערט: וואָס האַלט ער עפּעס אזוי לאַנג זיינע פינגער אויפן פולס? צי איז עפּעס נישט אויפסניי אין אָרדענונג מיטן פולס? מאַדאַם גרינטוך האָט אויך געקוקט אויפן דאָקטאָרס פינגער און זיך אויך געחידושט: וואָס זיצט ער אַזוי לאַנג איבערן פולס, האַלט פאַרמאַכט די אויגן און דעם קאָפּ אונטערגעהויבן, ווי בעת אַ שווערער סוגיה, ווי בעת אַ האַרבן ענין, איבער וועלכן מען דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן.

— נו, האָט זי אַ ברום געטאָן. נו, דאָקטאָר?

ווי ארויסגעריסן פון עפּעס אַ חלום, אינמיטן שלאָף, האָט דער דאָקטאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אָנגערופן, ווי פון דער הוילער הויט אַרויס:

— יאָ, מען וועט זיך נישט לאָזן, ניין בשום אופן נישט.

בעלאַ האָט אויפגעעפנט אירע אויגן און געוואָנדן איר קאָפּ

אויפֿן דאָקטאָר, פֿול מיט חידוש. די שכנטע האָט געטאָן דאָס זעלבע. אירע אויגן זענען געווען פֿול מיט פּחד.

דער דאָקטאָר האָט געצויגן ווייטער זיין געדאַנק:

— ניין, מען וועט זיך נישט לאָזן. געגנוג געטרעטן אויף אונדז. דער לייב פֿון יהודה וועט באַזיגן דעם בריטישן לייב; עס וועט זיך איבערחזרן מעשה דוד און גלית. מען וועט זיך נישט לאָזן...

פֿרוי גרינטוך האָט מיט איר רעכטער האַנט אָנגעכאַפּט דעם לינקן אַקסל פֿון דאָקטאָר און מיט אים אַ טרייסל געטאָן, ווי זי וואָלט ווען אים אויפֿוועקן פֿון אַ בייזן חלום, אַראָפּשאָקלען פֿון אים די רעשטלעך פֿון אַ זלידנעם קאָשמאַר. דער דאָקטאָר האָט נאָכגעלאָזן דעם פּולס פֿון דער קראַנקער און געעפֿנט אַ פּאָר גרויסע אויגן אויף דער שכנטע, דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער קראַנקער. עפּעס אַ מאָדנער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים, אַ שמייכל פֿול מיט פֿאַרלעגנהייט און מיט כּלומרשטער התנצלות.

— זייט מוחל, יאָ — דער פּולס איז גוט, אַ סך בעסער ווי נעכטן אָוונט, אַ סך בעסער...

מאַדאַם גרינטוך האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפֿן זיפֿץ, ווי עס וואָלט איר אַראָפּ אַ שווערער שטיין פֿון האַרצן.

— געלויבט איז דער אויבערשטער, האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטער געמיט. כ'האָב געמיינט ווער ווייס וואָס; אַז מיר זאָל זיין פֿאַר איר.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט אויפֿן טאַבורעטל און געגומען זוכן אין זיין רענצל. ער האָט אַרויסגעצויגן זיינע הער־טרייבלעך, אַריינגעשטעקט אין די אויערן, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער קראַנקער, זיך לייכט איבערגעבויגן איבער איר פֿאַרבנט און געהאַלטן אַ רגע דאָס הער־טעצעלע אין זיין רעכטער האַנט. ער האָט אַ קוק געטאָן פֿון אַ זייט אויף דער שכנטע, וואָס קוקט אים אויף די פֿינגער, געוואַקלט זיך אַ רגע און דערנאָך צוגעשטעלט דאָס פֿינקלדיקע הער־טעצעלע צום העמד, איבערן אונטערשטן ברעג פֿון איר לינקן ברוסט־בערגל. דערנאָך האָט ער געפֿירט דאָס טעצעלע אַרויפֿצו, איבער דער ברוסט און דערנאָך

צום ברעטל, צווישן די ברוסטן, און אָפּהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער זיך אויסגעגראָדט אויפן געזעס, אַרויסגענומען די טרייבלעך פון די אויערן און אַ זאָג געטאָן צו דער שכנטע, מיט אַ זיכערן טאָן:

— עס איז גוט.

און איבערגעחזרט, ווענדנדיק זיינע אויגן צו דער קראַנקער:

— עס איז גוט, דאָס האַרץ קלאַפּט רעגולער. זייט רואיק.

די שכנטע האָט אַרויסגעלאָזן אַ פרישן זיפץ און אַ צופרי־דענער שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער אַלע טיילן פון איר ברייט פּנים. בעלאַ האָט געהאַלטן ברייט אָפן אירע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסלייענען פון דאָקטאָרס פּנים צי עס איז אינגאַנצן אמת דאָס וואָס ער זאָגט. דער דאָקטאָר האָט אָפּגעוואָנדן זיין פּנים פון איר פאַרשערישן בליק, און אַ זאָג געטאָן, ווי סתם אַזוי, צו דער וואַנט: עס איז גוט, אויף אַן אמת. און צוגעגעבן: — אויף אַן אמת. מען וועט זיך נישט לאָזן, מען וועט נישט לאָזן...

און ער איז אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער. דאָס לאַכן האָט געדאַרפט דינען אַלס קאָמופלירטע פאַרענטפערונג פאַר דער סמיכות־הפרשות און אַלס מיטל אַרויסצוראַטעווען זיך פון דער פריערדיקער פאַרלעגנהייט. מאַדאַם גרינטוך האָט מיטגעלאַכט. זי האָט געקוקט אויפן דאָקטאָרס פּנים און געלאַכט נאָך העכער פון אים, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן, איבערחזרנדיק: מען וועט, מען וועט נישט לאָזן, נישט לאָזן... בעלאַ האָט געקוקט וויביידע לאַכן, האָט זי אויך גענומען לאַכן. דאָס פּישעלע אינעם וואַסער האָט אַ פּעסטן פליעסקע געטאָן, אַ וואָרף געטאָן מיט אַלע אברים און ברייט געעפנט דאָס פּיסקעלע, ווי עס וואָלט מיטגעלאַכט.

די ערשטע האָט איבערגעריסן דאָס לאַכן בעלאַ. זי האָט דער־פילט אַ ווייטיק אין דער אויבערשטער ליפּ. זי האָט אויסגעקרומט דאָס מויל. דערנאָך האָט זי צוגעטאָן איר האַנט צום מויל, דאָרטן ווו די ליפּ איז געווען אונטערגעהויבן.

— מיר לאַכן, האָט די שכנטע אַ זאָג געטאָן צום דאָקטאָר, און זי האָט יסורים; ווויי איז מיר.

דער דאָקטאָר האָט באַמערקט דאָס פּעקל, וואָס איז געלעגן אויפן דיל, ביים בעט. ער האָט עס אויפגעהויבן און גענומען פּו־נאַנדערוויקלען.

— עס איז גאָרנישט, האָט ער געזאָגט. דאָס איז אַ קלייניקייט; די ליפּ איז צעקלאַפּט, דאָס יועט אַדורך. די הויפּטזאַך, אַז דאָס האַרץ איז געזונט.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פון פּעקל אַ שעכטל מיט גרייטע באַנדאַזש־בענדלעך. ער האָט אָפּגעקלעפּט דאָס שוץ־פּאַפּיר, אַרויסגענומען פון דער טובקע אַביסל זאַלב, אַרויסגעקוועטשט די גרויס פון אַן אַרבעסל אויף דער גאַזע, און צוגעלייגט דעם באַנ־דאַזש צו בעלאַס ליפּ, פאַרפעסטנדיק אים פון איין זייט אויף דער צווייטער העלפט ליפּ און פון דער צווייטער — אויף דער רעכ־טער זייט פון איר באַק. ער האָט געגעבן קליינע פּעטשעלעך מיט די פינגער, אַז די קלעפּיקע עקן פון באַנדאַזש זאָלן זיך ענג באַ־העפטן מיט דער הויט.

— עס איז גאָרנישט, האָט דער דאָקטאָר איבערגעחזרט. די הויפּטזאַך, אַז דאָס האַרץ, אַז די לונגען זענען געזונט.

— די לונגען? האָט בעלאַ געפרעגט אויסדרייענדיק דאָס נעזל, ווייל דער באַנדאַזש אונטער דעם לינקן נאָז־לעכל האָט איר געשטערט. די לונגען?

— יאָ, האָט מאַדאַם גרינטוך אונטערגעכאַפּט. ווי האַלט עס מיט אירע לונגלעך?

דאָקטאָר גאָלדבוך האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך היינט נישט אונטערזוכט די לונגען פון דער קראַנקער, האָט ער ווידער אַ נעם געטאָן זיינע הער־טרייבלעך. בעלאַ האָט אויטאָ־מאַטיש זיך אַ דריי געטאָן אינעם בעט און געלייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּצו. מיט איין האַנט האָט זי גענומען אַראָפּרוקן הינטערווייַלעכץ דעם צודעק. דער דאָקטאָר האָט איר גענומען צוהעלפן און אָפּגע־דעקט איר קערפּער ביז אונטער די לענדן. ער האָט אויסגעגראַדט איר העמד, אַז עס זאָלן נישט בלייבן קיין פאַלדן, וואָס וואָלטן גע־שטערט צוצוהערן זיך צו די לונגען דורכן העמד. ער האָט נישט געוואַגט אָפּצודעקן איר לייב. ער האָט געפירט זיינע הענט איבער איר רוקן און געצויגן דאָס העמד אַראָפּצו, אַז עס זאָל פאַרשווינדן יעדער קנייטש. מאַדאַם גרינטוך האָט געקוקט אים אויף די פינגער און עס האָט זי געחידושט, וואָס דער דאָקטאָר שטעלט עפּעס צו זיין הער־טעצעלע דירעקט צום העמד צו און נישט צום לייב, ווי עס טוען עס אַלע דאָקטוירים. איר חידוש איז געווען נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס אָט האָט זי געזען, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ

שעמעוודיקער דער דאָקטאָר, ער איז גאָרנישט אזא צדיקל, דער דאָקטאָר גאָלדבוך...

— נו, האָט זי געפרעגט, ווען דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגע־נומען דאָס הער־טעצעלע פון איר רוקן, נאָכדעם ווי ער האָט גע־הייסן טיף אָטעמען און הוסטן, נו?

— עס איז אַזוי ווי כ׳האָב אָקאָרשט געזאָגט. די לונגען זע־נען אויך אין אָרדענונג.

בעלאַ האָט זיך אויסגעדרייט פּאָרזיכטיק און אָוועקגעלייגט זיך מיטן רוקן אַראָפּצו. זי האָט אַ הוסט געטאָן און אויסגעקרומט דאָס פּנים, ווי בעת אַ ווייטיק.

— ווי איז מיר, האָט די שכנטע אַרויסגעלאָזן אַ זיפץ.

— עס איז גאָרנישט, האָט בעלא געזאָגט ,צולייגנדיק איר האַנט צו דער לינקער זייט און אַרויסגעלאָזן נאָך אַ הוסט, און באַלד נאָך איינעם, ווי עס וואָלט זיך אָפּגעריסן אַ קייט מיט הוסטן, און די באַזונדערע רינגען וואָלטן גענומען שיטן זיך פון אָפענעם מויל און פאלן אין אַ פלאַכן, בלעכערנעם בעקן.

— ווי איז מיר נישט, האָט די שכנטע איבערגעחזרט און באַגלייט יעדן הוסט מיט אַ זיפץ.

בעלא האָט זיך אויפגעזעצט, אַז עס זאָל איר זיין לייכטער צו הוסטן.

— בלייבט זיצן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו איר און אַרומגענומען מיט זיין אָרעם איר רוקן, אונטערצוהאַלטן זי. מיט דער לינקער האַנט האָט ער גענומען פירן זיין הער־טעצעלע אי־בער איר פּאָרנט, צוהערנדיק זיך וואָס עס קומט פאָר אין איר ברוסטקאַסטן בעתן הוסטן.

פון דעם וואַרפן זיך בעת דעם הוסטן, האָט זיך דער עק פו־נעם באַנדאַזש פון דער באַק־זייט אָפּגעקלעפּט. ער האָט געפלאַ־טערט ווי אַ פאָן אויפן ווינט. ווען דאָס הוסטן האָט זיך אָפּגע־שטעלט האָט דער דאָקטאָר נאָכגעלאָזן דאָס טעצעלע און צוריק־געקלעפּט דעם לויזן עק פון באַנדאַזש.

— נו, האָט די שכנטע געפרעגט מיט גרויסע אויגן, נאָכדעם ווי בעלא האָט זיך צוריקגעלייגט און גענומען אָטעמען רואיקער. נו, דאָקטאָר ?

— זי האָט זיך געמוזט צוקילן נעכטן אָוונט, בעתן רעגן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט; אָבער עס האָט נישט קיין שייכות מיטן מעטראָ, האָט ער באַלד צוגעגעבן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן טישל, אַרויסגענומען אַ רעצעפּט־בויגן און גענומען שרייבן. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט די רעצעפּט דער שכנטע. — איר וועט איר געבן דעם סיראָפּ, האָט ער געזאָגט. ער האָט אַריינגעלייגט דעם סטעטאָסקאָפּ אין רענצל, צוריקגעגאַנגען צום בעט, אַראָפּגעבויגן זיך איבער דער קראַנקער און אַ קוש געטאָן אין איר שטערן.

— זייט געזונט, האָט ער געזאָגט.

דערנאָך האָט ער נאָכאַמאָל צוגעלייגט די פֿינגער צו איר פּולס־אָדער און געציילט בשתיקה. בעלא האָט געקוקט אויף אים און געציילט, ווי זי וואָלט אַראָפּגעלייענט די ציפֿערן פֿון זיינע ליפּן, וואָס האָבן זיך כמעט ווי נישט באַוועגן.

— עס איז גוט, האָט ער איבערגעריסן, אַראָפּנעמענדיק זיינע פֿינגער פֿון איר האַנט. זייט געזונט, האָט ער איבערחזרט צו איר, און צוגעגאַנגען צו דער טיר. — אַ רעוואַר, האָט ער זיך פֿאַרנייגט פֿאַר דער שכנטע.

— מען וועט זיך נישט לאָזן? האָט די שכנטע געפֿרעגט מיט אַן איראָנישער אָנצוהערעניש, זעענדיק ווי דער דאָקטאָר פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— און ווען וועט מען מאַכן אַ רענטגען, דאָקטאָר? — האָט בעלאַ געפֿרעגט איידער די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט.

די טיר האָט זיך צוריקגעעפֿנט און דאָס פּנים פֿון דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן אַן ערנסטעס און אַנטשלאָסענעס.

— נישט נויטיק.

און נאָך אַ ווייל, האָט ער צוגעגעבן: — אפשר שפּעטער, לשם קאָנטראָל. דערווייל נישט נויטיק, לחלוטין נישט נויטיק.

און ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ האָט ער אַרויפֿגעשריגן, ווי אַ תשובה צו דער שכנטעס פֿריערדיקער באַמערקונג:

— מען וועט זיך נישט לאָזן, ניין.

און ווען ער איז געווען שוין מיט אַ שטאָק נידעריקער, זענען נאָך דערגאַנגען אין בוידעם־צימערל אריין אָפּגעריסענע זילבן פֿון דער זעלבער פֿראַזע, באַגלייט מיט אַ הוילן עכאָ.

לד

די שכנטע האָט איינגאַנצן פאַרגעסן נאָך וואָס זי איז אַרויפ־געקומען. דאָס בילד, וואָס זי האָט באַגעגנט, ביים צוריקקומען, האָט ביי איר אָפּגענומען דאָס לשון. דערנאָך איז דער שמועס אַוועק אויף אַנדערע דרכים און זי האָט פאַרגעסן צו פרעגן דעם דאָקטאָר צי מעג זי ברענגען פאַר דער קראַנקער קאַפע, שטאַרקע אָדער שוואַכע, און צי מעג זי מיטברענגען אויך צובייסן. אָבער די באַרואיקנדיקע ווערטער פון דאָקטאָר וועגן בעלאָס צושטאַנד, האָבן איר צוגעגעבן מוט. זי איז געווען רואיקער, הגם זי האָט נישט געגלויבט ביז אַרונטער אין אַלעם, וואָס ער האָט געזאָגט. עפּעס האָט זיך ערטערווייז זיין צונג געפּלאָנטערט און ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרטראַכט. מעגלעך, אַז ער איז שלעכט גע־שלאָפן, גערופן געוואָרן צו אַ קראַנקן אינמיטן נאַכט. זי האָט נישט געהאַט קיין ספקות בנוגע זיין בקיאות. האָט ער דאָך גע־שמט אַלס גוטער דאָקטאָר און אַלס זייער געוויסנהאַפטער. דערצו האָט מען דאָך אים געקרוינט אין יידישן קוואַרטל מיטן טיטל — פאָלקס־דאָקטאָר און מען האָט זיך אַנדערציילט מעשיות אָן אַ סוף וועגן זיין גוטער דיאַגנאָסטיק און גרויסן מסירת־נפש. נאָר עפּעס איז ער היינט נישט געווען דער זעלבער דאָקטאָר גאָלדבוך ווי תמיד. עס האָט געפעלט זיכערקייט אין זיין טאָן. און הגם זיין איבערחזרן די פראַזע „מען וועט זיך נישט לאָזן" איז געווען אַרויס־געזאָגט מיט טיפער איבערצייגונג און פעסטער אַנטשלאָסנקייט, האָט זיך אָבער געפילט, אַז די דאָזיקע פראַזע האָט עפּעס נישט קיין שייכות מיט דער קראַנקער און אַז זי איז גיכער אַ תשובה צו אַ געראַנגל, וואָס האָט געמוזט אָנגיין אינעם שאַרבן פונעם דאָקטאָר נאָך איידער ער איז אַריינגעקומען. און עס איז אויך מעגלעך, אַז ער האָט נישט געוואָלט זאָגן דעם אמת אין דער אַנ־וועזנקייט פון דער קראַנקער, בכדי זי נישט איבערצושרעקן. זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט נישט באַגלייט דעם דאָקטאָר אויף

די טרעפּ, ווי עס פּירט זיך, און נישט געבעטן ביי אים, היגטער די אויערן פון בעלאַן, ער זאָל איר זאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן איר צושטאַנד. זי האָט עס שטאַרק באַדויערט. זי וואָלט אים שוין אין איינוועגס געפרעגט צי זי מעג איר געבן קאַפע און וואָס פאַראַ קאַפע, און וואָס פאַראַ צובייסעכץ? זי וואָלט אים שוין איינצייטיק געבעטן ער זאָל איר פאַרשרייבן עפּעס אַ גוט שלאָפמיטל, ווייל זייט אַ שיינע פּאָר נעכט קאָן זי נישט צומאַכן קיין אויג. זי האָט געוווסט, אַז די שולד איז נישט אירע, אַז עס טראָגן די אַחריות פאַר איר נישט שלאָפן די לאָקאַטאָרן אירע. אָבער דאָך, האָט זי געטראַכט, מוז דאָך זיין עפּעס אַ שטאַרק מיטל, וואָס זאָל גובר זיין די קריגערייען און די געוואַלדן, וואָס טראָגן זיך אַריבער צו איר פון דעם צימער, וואָס זי האָט אָפּגעדונגען איר לאָקאַטאָרן־פּאָרל. זי האָט שוין פון לאַנג געוואָלט צוגיין צו אַ דאָקטאָר, בכדי ער זאָל איר פאַרשרייבן אַ גוט שלאָפמיטל. אָבער זי האָט זיך געטראַכט: בעסער נישט אָנהויבן. אויב מען געוווינט זיך צו צו שלאָפמיטלען, ווערט מען פאַרשקלאָפט צו זיי און מען קאָן מער אָן זיי נישט אויסקומען. און ווי יעדע רפואה, איז דאָך אויך אַ שלאָפמיטל אַ שטעקן מיט צוויי עקן. האָט זי אַריינגעטאָן וואַטע אין די אויערן. אין אָנהויב האָט עס געהאָלפן. זייערע קולות זענען נאָך געווען צו דערליידן. שפּעטער האָט זי זיך אַחוצדעם אויך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ אַרום די אויערן מיט אַ דיקן וואָלענעם טוך צונויפגעלייגט אין עטלעכע דיק. אָבער די לעצטע טעג זענען זייערע אַרומרייסעניִשן און געוואַלדן געוואָרן אַזוי שטאַרק און אָנגענומען אַזעלכע פאַרמען, אַז נישט די וואַטע און נישט דער וואָלענער טוך האָבן געהאָלפן. זי האָט פשוט מקנא געווען יעדן איינעם, וואָס האָט אויסגעזען אויסגערוט נאָך אַ גוט דורכגעשלאָפענער נאַכט. זי איז אַרומגעגאַנגען נאַר מיט איין פאַרלאַנג — זיך גוט אויסצושלאָפן אַ נאַכט, ווי אַלע מענטשן, און אָן וואַטע אין די אויערן, אָן אַרומגעבונדענעם קאָפּ.

די שכנטע איז געשטאַנען צופוסנס פון בעלאַס בעט, זיך געריבן די אויגן, אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן גענעץ, און איידער דער גענעץ איז נאָך געווען געענדיקט, האָט זי אָנגעהויבן אַ פראַגע:

— ביסט, בע־לאַ־אַ־אַ, גוט געשלאָפן?

— יאָ, האָט בעלאַ געענטפערט קורץ.

— אַ לעבן אין דיר, אַ־אַה־אַה־אַה — האָט די שכנטע אָנגע־הויבן אַ נייעם געגעץ. און ווען דער געגעץ איז געווען כמעט ביים סוף, האָט זי צוגעגעבן: אַז מען שלאָפט איז מען אַ גאָר אַנדערער מענטש. און וועלנדיק זיך פאַרזיכערן האָט זי נאָכאַמאָל איבערגע־פרעגט: ביסט טאַקע אויף אַן אמת געשלאָפן, אַ גאַנצע נאַכט אַדורך, האַ? האַ־אַ־אַ־אַ?

בעלא האָט געשאָקלט אויף יאָ. דערנאָך האָט זי געפרעגט:

— און איר?

די שכנטע האָט געענטפערט מיט אַ געגעץ און איידער דער געגעץ איז געווען געענדיקט, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ זיפץ:

— איך ווייס נישט וויפיל איך וואָלט געגעבן פאַר אַ נאַכט שלאָפן, אַ שטיק לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן... איך ווייס נישט פון דעם טעם זייט זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן. אָבער לעצטנס איז עס שוין נישט אויסצוהאַלטן, פשוט נישט אויסצוהאלטן...

בעלאַ האָט איבערגעריסן אירע רייד מיט אַ טיפן זיפץ צו־האַלטנדיק מיט אַ האַנט דעם באַנדאַזש, ער זאָל זיך נישט אָפּ־קלעפּן פון דער ליפּ.

— אָרעמע מענטשן, האָט זי זיך אָנגערופן דערנאָך. ווער עס פאַרשטייט נישט זייער צער, דעמס צער זאָל אויך נישט פאַר־שטאַנען ווערן.

—יאָ, האָט די שכנטע מסכים געווען. אָבער וואָס וועט דאָס העלפן דאָס אַרומרייסן זיך? זי זאָגט, אַז ער איז שולדיק און ער זאָגט, אַז זי איז שולדיק, און אַזוי אַהין און אַהער. זאָגט זי, אַז ווען ער גיט נישט אַוועק דאָס קינד צו דער גויע אין דאָרף אַריין, צו די עלטערן פון אַנטאָשיאַן, זייער דינסט, וואָלטן זיי עס מיטגענומען מיט זיך אויף זייער וואָגל־וועג אין רוסלאַנד. זאָגט ער, אַז דאָס איז געווען איר געדאַנק, ער האָט נאָר געטאָן, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. זאָגט זי, אַז זי האָט נישט פאַרלאַנגט, נאָר געטראַכט הויך, און ער האָט עס גענומען פאַר אַ פאַרלאַנג. אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג זאָגט זי, אַז עס איז איר געקומען די שטראָף, ווייל זי האָט זיך נישט געטאָרט צעשיידן פון אַ קינד, אַ מינדעריעריק קינד. זאָגט ער, אַז עס וואָלט זיכער אויסגעגאַנגען צום זעלבן, ווייל אַלע קינדער זענען דאָך דאָרטן, אין די פּאָשיאָל־קעס, אין די סטעפּעס, אין די וועלדער, אויסגעשטאָרבן ווי די פליגן, און אַפילו עלטערע קינדער און שטאַרקערע. נעמט זי ווײַ־

נען און קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט: „ניין, אַ מאַמע טאָר זיך נישט שיידן מיטן קינד"; איר קינד וואָלט נישט געשטאָרבן. זאָגט ער: „וואָס קאָן מען וויסן? באַרואיק דיך". נעמט זי שרייען: „גזלן! וואָס קענסטו פאַרשטיין אַ צעריסן האַרץ פון אַ מאַמען". זאָגט ער: „אַ גורל אַזאַ, אַ באַשערט־זאַך, עס וואָלט אפשר סיווי נישט גע־לעבט, ווען עס איז מיט אונדז". שרייט זי: „וואָלט איך כאָטש גע־ווּסט, אַז עס איז געשטאָרבן, און ווו דער קבר איז; אַזוי ווייס איך דאָך נישט אויף זיכער. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז מירעלע לעבט, אַז עס איז ערגעץ אין אַ קלויסטער און אַז די נאָנעס באַ־האַלטן זי אויס און זי וועט אויסוואַקסן אַלס קריסטלעך קינד". זאָגט ער, אַז זיי האָבן דאָך פאַרבראַכט דריי חדשים אין פוילן, און געזוכט אין אַלע קלויסטערס אַרום וואַרשע; איז נאָכוואָס באַנייען די ווונדן?...

די שכנטע האָט געריבן די אויגן און גענומען פאַרברעכן די הענט קוקנדיק אויף בעלאַן ווי זי וואָלט געבעטן ביי איר רחמים פאַר איר אייגענעם צער און נישט דערשלאָפענע נעכט. בעלאַ האָט אַוועקגענומען איר האַנט פון דער ליפּ און זי אַרויפ־געלייגט אויף אירע אויגן ווי זי וואָלט וועלן פאַרשטעלן די טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויסצו.

— זיי מוחל, בעלעשי, האָט די שכנטע זי גענומען בעטן. איך ווייס, אַז איך טו דיר וויי, אַז יעדעס מאָל, ווען איך דערצייל דיר דערוועגן, קאָסט עס דיך געזונט, אָבער וואָס זאָל איך טון? עס רעדט דאָך אַרויס פון מיר. איך בין דאָך שוין באַלד אַליין אַראָפּ פון זינען. ווידער דאָס זעלבע און אָבער דאָס זעלבע, עס איז דאָך משוגע צו ווערן... און איצטער ווידער רייסט זי זיך צוריק קיין פוילן. זי וויל לויפן צוריק און זוכן. אַזוי ווי באַקאַנטע יידן האָבן איר געשריבן, אַז אַנטאָשיאָס פאָטער איז געשטאָרבן און אַז אַנטאָשיאַ אַליין האָט לעצטנס חתונה געהאַט מיט אַ פּויער אין דער געגנט פון קראָקע, און אַזוי ווי אַנטאָשיאָס ברידער זענען געפאַלן אין קריג, און איר מאַמע איז געבליבן אַליין אין דער פערמע — לייגט זיך אויפן שכל, אַז זי וועט מסתמא גיין אין קלויסטער, און צוריקנעמען מירעלען, אַז זי זאָל איר פּאַשען די גענדז, מעלקן די קי, העלפן באַמיסטיקן דאָס פעלד, אַרויס־רייסן דאָס ווילדגראָז... „אונדזער מירעלע וועט מעלקן קי, שיטן מיסט אויפן פעלד, גזלן, רוצח. לאָז מיך, לאָז מיך!" — שרייט זי

און רייסט זיך מיט אַלע כוחות. און ער נעמט זי אין די אָרעמס און באַרואיקט זי. און זי רייסט זיך און שרייט און שילט. „וואָס ווערסטו פאַרן, נאַרעלע. די פּאָלאַקן הרגענען דאָך ווייטער יידן דאָרטן. אָט האָבן זיי דאָך ערשט אומגעבראַכט אויף אַ חיהשן אופן 40 יידן אין קעלץ". „לאָמיך אויך אומקומען. מיין לעבן איז ערגער ווי דער טויט", שרייט זי און רייסט זיך צו דער טיר. „זי וועט מיר מוזן זאָגן געטוי צו וועלכער נאָנע זי האָט איבערגעגעבן דאָס קינד. זאָל מען זאָגן, אַז עס איז אמת, אַז זי האָט מורא געהאַט צו האַלטן אַ יידיש קינד און אַז די פּויערים אין דאָרף האָבן זי געמסרט... יאָ, טאָ ווי האָט אויסגעזען די נאָנע? לייכט צו זאָגן — סתם אַ נאָנע, אין אַ שוואַרצן סורדוט, מיט אַ צלם אויפן שוואַרצן פאַרנט, און אַן אַ נאָמען... דאָס איז אַן אָפּגערעדטע זאַך... סתם אַ נאָנע; און פון וואָס פאַראַ קלויסטער?... פון טייוולס קלויסטער? נישט אַנדערש, נישט אַנדערש...".

די שכנטע איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן. בעלאַ האָט ווייטער געהאַלטן די האַנט איבער די אויגן; דאָס פּישעלע איז געבליבן מיטן שנאָבעלע צוגעקלעפּט צו דער פאָדערשטער וואַנט און צו דער גאָר־אויבערשטער שיכט פון וואַסער־שפּיגל און ווי זיך צוגעהערט.

— עס איז פּשוט משוגע צו ווערן, האָט זי זיך ווידער אָנגערופן. איצט וויל זי צוריק קיין פּוילן, אין דאָרף אַריין. אַריינרייסן זיך צו אַנטאָשיאַס מוטער אין שטוב אריין ביינאַכט, און אומדערוואַרט, ווען די פּויערטע וועט זיך גאָרנישט ריכטן אויף איר, וועט זי דאָרט אַנטדעקן איר מירעלען... אָדער זי וועט זיך אָוועקשטעלן וואַרטן פאַרטאָגס, ווען מירעלע גייט באַמיסטיקן דאָס פעלד, אָדער מעלקן די קי, און זי דערזען... „מערדער, שרייט זי אויף אים. לאָז מיך, לאָז מיך".

די שכנטע האָט געפילט ווי די פיס ברעכן זיך אונטער איר, האָט זי זיך אָנגעהאַלטן ביים בעטל, צוגערוקט זיך פאַראויס און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ שווערן זיפץ אויפן טאַבורעטל. בעלאַ האָט מיטגעזיפצט.

— טיילמאָל טראַכט איך, האָט זי ווייטער גענומען רעדן, זיך אַריינצומישן און צורעדן טאַקע, אַז זי זאָל פאָרן קיין פּוילן. איך האָב דאָך שוין קיין כוח נישט. און זאָל ער מיטפאָרן מיט איר. וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיין רואיק און איך וועל זיך לסוף אויס־

שלאָפן, אָפּנעמען מיר פאַר אַלע נעכט. און דיך, בעלעשי, אַריינגע־מען צו מיר, אויף זייער אָרט... דו וואַלגערסט דיך דאָ אין אַ בוי־דעם־שטיבל, פּיניע בייגעלס טאָכטער אין אַ בוידעם־שטיבל...

בעלאַ האָט זיך פּלוצים אויפגעזעצט, צוגעטאָן איר האַנט צום מויל פון דער שכנטע און נישט געלאָזן ווייטער רעדן.

— שווייגט, האָט זי געבעטן. שווייגט. איר זינדיקט, שכנטע.

פרוי גרינטוך האָט אַ רגע געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַוועק־גענומען בעלאַס האַנט פון איר מויל און זיך אויפגעשטעלט.

— עס איז לייכט צו זאָגן, האָט זי זיך אויפגערעגט. איך וועל עס לענגער נישט אויסהאַלטן. איך בין שוין באַלד מער משוגע פון איר... הערסט, בעלעשי, שוין באַלד מער משוגע פון איר. זי האָט ברייט געעפנט דאָס מויל צו אַ געניץ, וואָס איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין קעל און אַרויס שטיקלעכווייז אין דער פאָרם פון עטלעכע הוסטלעך. דערנאָך האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן אי־בער דער זיצנדיקער בעלאַן און איר געגעבן אַ קוש אויפן קאָפּ. זי האָט איבערחזרט: — פּשוט משוגע צו ווערן. זי האָט געעפנט די טיר און איידער זי האָט זי צוגעמאַכט הינטער זיך, האָט זי אַ זאָג געטאָן: — איך קום באַלד צוריק, וועל ברענגען קאַפּע מיט ביסקאָט, באַלד קומען.

לה

די שכנטע האָט אַרויפגעבראַכט אַ טעפּל ווייסע קאַפּע, האַלב־קאַפּע און האַלב־מילך, און אַ ביסקאָט מיט פּוטער. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טאַבורעטל, נעבן בעט, און איז גיך אַוועק־געגאַנגען, אָנזאָגנדיק, אַז זי גייט איינקויפן אויף מיטאָג, און אַז זי וועט וועגן איר, דער קראַנקער בעלאַן, אויך נישט פאַרגעסן בעת־מעשה.

בעלאַ האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט גענומען דאָס טעפּל קאַ־פּע צום מויל און געגעבן אַ זופּ. זי איז געווען שטאַרק דורשטיק.

אין איין רגע האָט זי אויסגעליידיקט דאָס טעפּל. צום ביסקאַט האָט זי זיך נישט צוגערירט. זי איז נישט געווען הונגעריק. אָבער געטרונקען וואָלט זי אַ סך. זי האָט באַדויערט וואָס דאָס טעפּל איז אַזוי קליין. זי וואָלט געקענט אַראָפּזופּן אַ שיינע פּאָר קאַפּע־טעפּעלעך, איינס נאָכן אַנדערן. זי האָט געפילט, ווי די קאַפּע צע־גייט זיך אין אַלע אירע אברים און טרייבט פון זיי אַרויס די מיד־קייט, די ווייטיקן.

זי איז אַראָפּ פון בעט. איר בליק איז געפאַלן אויפן קליינעם פּרימוס־מאַשינקעלע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל. זי פלעגט אויף אים אויפקאָכן וואַסער און מאַכן זיך אַ גלאָז טיי, אָדער אַ טעפּל קאַפּע, אין די אָוונטן, אָדער באַלד אין דער פרי. אָבער, זייט זי האָט בײַ זיך דאָס פישעלע, פלעגט זי עס מאַכן וואָס זעל־טענער. זי האָט געוווּסט, אַז דער גאַז, וואָס טיילט זיך אויס פון ברען־מאַשינקעלע, איז נישט גוט פאַרן פישעלע. פלעגט זי כאַפּן אַ קאַפּע אינעם שכנותדיקן באַר און צובייסן אַ „קרואַסאַן“, גייענ־דיק צו דער אַרבעט. און אין אָוונט פלעגט זי עסן אַ קאַלטע מאָלצייט און פאַרענדיקן מיט אַ פרי, אַ זאַפטיקער פרוכט. האָט זיך איר דווקא געוואָלט אַ וואַרעמער טרונק, פלעגט זי זיך אַראָפּ־כאַפּן צו דער שכנטע, אָדער אַראָפּגיין אין קאַפּע־באַר, אָדער — אַרויסשטעלן אויף עטלעכע מינוטן דעם גלאָב אין קאָרידאָר, און אויפקאָכן דאָס וואַסער. זי פלעגט עס טון וואָס זעלטענער, מורא האָבנדיק, אַז דאָס פישעלע זאָל זיך נישט צוקילן צוליב דער ענ־דערונג פון דער טעמפּעראַטור, אָדער צוגווינט.

זי האָט איצטער פאַרהאַלטן אירע אויגן אויפן פּרימוס־מאַ־שינקעלע אינעם ווינקל, אָבער גיך אָפּגעשאָקלט זיך פונעם גע־דאַנק. איר בליק איז אַריבער אויפן פישעלע אין וואַסער. דאָס פישעלע איז איר אַקעגנגעשווומען. עס האָט זיך געשטעלט מיטן שנאָבל אינעם ווינקל צווישן דעם וואַסער־שפּיגל און דער פאָדער־שטער וואַנט פונעם גלאָב. עס איז געשטאַנען רואיק און פון צייט צו צייט געעפנט די ליפּן מיט אַ פוילקייט, וואָס איז געווען בײַ אים אַ זעלטנקייט. דער ברייטער עק און די שווימערס האָבן זיך בײַ אים קוים באַוויגן. אַזוי פלעגט עס זיין, ווען דאָס פישעלע פלעגט זיך נישט פילן מיט אַלעמען. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן וואַסער. דאָס פישעלע האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט, אַ

קוק געטאָן אַרויפֿצו, צו אירע אויגן און נאָך אַ ווייל אַ שווים געטאָן צום באָדעם.

בעלאַ איז אים נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן און זיך געחידושט וואָס דאָס פֿישעלע שטעלט זיך נישט צו איר פּנים אל פּנים און מאַכט נישט ווי תמיד קוש־באַוועגונגען מיט די ליפּן און באַוועגט נישט, ווי תמיד, מיט אַלע זיינע שווימערס און מיטן גאַנצן קערפּער, ווי עס פֿלעגט טאָן יעדן פֿרימאָרגן אײדער זי פֿלעגט גיין צו דער אַרבעט. זי האָט געהאַט פֿאַר אים אַ פֿאַרענטפֿערונג. עס איז דאָך שוין שפּעט, זי גייט דאָך נישט צו דער אַרבעט. און מסתמא ווייסט דאָס פֿישעלע, אַז זי איז נישט מיט אַלעמען, נו — פֿילט עס מיט.

אינעם וואַסער־שפּיגל האָט זי דערזען איר פּנים. דער באַנדאַזש אויף דער ליפּ האָט זיך שלעכט געהאַלטן. זי האָט צוגעלייגט אַ פֿינגער, בכדי צו באַפֿעסטיקן דעם עק, וואָס האָט זיך אָפּגעקלעפּט אונטער דער נאָז. דערנאָך האָט זי געפֿירט איר פֿינגער איבער די נאָז־פֿליגלען. דער רויטער פֿלעק אינעם לינקן אויג איז געוואָרן נאָך רויטער און דיביילן אויפֿן שטערן נאָך בולטער, און די בלאָע פֿלעקן אויפֿן פּנים נאָך בלאָער. אויפֿן אָרט פֿון דער צעריבענער הויט האָבן זיך באַוויזן ברוינע שופּן און שנירלעך פֿון ראָסט.

בעלאַ האָט אָפּגעוואָנדן איר פּנים פֿון וואַסער און באַמערקט אויפֿן טישל די טובקע מיט זאַלב, וואָס איז געלעגן אָן דעקל, וואָס דער דאָקטאָר האָט פֿאַרגעסן אַרויפֿצודרייען אויפֿן שרויף־העלדזל. זי האָט גענומען די טובקע אין האַנט אַריין און צוריקגעשטעלט זיך איבערן וואַסער־שפּיגל. דאָס פֿישעלע איז נאָך תמיד געווען אויף זיין פֿריערדיק אָרט, מיטן פּנים צום באָדן. בעלאַ האָט אַרויסגעקוועטשט אַביסל זאַלב און גענומען באַשמירן מיט אַ פֿינגער די ביילן, די בלאָע פֿלעקן. דערנאָך האָט זי צוגעטאָן אַ צווייטן פֿינגער און גענומען איינרייבן די זאַלב. עס האָט איר נישט ווי געטאָן. האָט זי גענומען נאָך פֿעסטער איינרייבן. די זאַלב איז פֿאַרשוווּנדן אונטער אירע פֿינגער. האָט זי גענומען נאָך אַביסל ווייסע זאַלב, וואָס איז גיך געוואָרן רויט אונטער אירע פֿינגער. אויך די בלאָע פֿלעקן זענען געוואָרן רויט. דערנאָך האָט זי גענומען לייכט באַשמירן די צעריבענע ערטער פֿון דער הויט. די ערטער האָבן יאָ ווי געטאָן. האָט זי נאָר לייכט באַשמירט, נישט

געוואַגט איינצורייבן. זי האָט געוווּסט, אַז מיט אַזעלכע רייב־ווונדן מוז מען זיך אומגיין דעליקאַט, מוז מען האָבן געדולד; ווייל, אויב מען רייסט אָפּ די ברוינע קאָרע, קאָן זיך די ווונד נישט פאַרהיילן פון אונטן און עס בלייבט אַ מיאוסער סימן אויף תמיד. זי איז געווען צופרידן, וואָס אַלס פלעגע־שוועסטער האָט זי וועגן דעם אַלעם געוווּסט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, זייט יענע טראַגישע יאָרן, וואָס זי האָט זיך, מיט צופרידנקייט, דערמאָנט איר פאַך. זי האָט עס געוואָלט פאַרגעסן. זי האָט זיך געצוווּנגען צו פאַר־געסן. זענען דאָך אַזויפיל אויסטערלישע דערינערונגען געבונדן מיט איר פאַך. עס איז געבנוג געווען זיך צו דערמאָנען אויף אַ רגע, אַז זי איז אַ פלעגע־שוועסטער און באַלד זאָלן נעמען לויפן פאַר אירע אויגן די בילדער פון געטאָ און פון לאַגער, סצענעס, וואָס קענען פירן צו משוגעת, סצענעס — פון וועלכע זי האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט זיך באַפרייען. ווען זי האָט באַטרעטן די פראַנצוי־זישע ערד און אַ פרוי פונעם אויפנעם־קאָמיטעט האָט געפרעגט ביי איר וועגן פאַך, האָט זי אויטאָמאַטיש געענטפערט: פלעגע־שוועס־טער. און ווינאַר זי האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט פאַרן מויל, האָט זי עס תיכף באַדויערט. זי האָט עס תיכף געוואָלט צוריקציען. אָבער די פרוי פון קאָמיטעט איז שוין געהאַט אַוועק צו אַן אנדערע פריש־געקומענע, און איר פראַגע־בויגן איז שוין נישט געווען אין איר רשות. זי האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען מען האָט איר אַ צייט שפּעטער צו וויסן געטאָן, אַז אַלס אויס־לענדערין האָט זי נישט קיין רעכט צו אַרבעטן אין פראַנקרייך אַלס פלעגע־שוועסטער. דערצו דאַרף מען זיין אַ פראַנצויזין און האָבן אַ נאַציאָנאַלן דיפּלאָם און נישט קיין אויסלענדישן. עס זע־נען געווען נאָך שאַנסן פאַר איר צו אַרבעטן אַלס געהילף־פלעגע־רין צו שוואַרצער שפּיטאָל־אַרבעט, און דאָס נאָר אין ראָטשילד־שפּיטאָל. דער שפּיטאָל, וואָס איז געווען איבערפולט מיט קראַנקע לאַגער־יידן, האָט זיך גענויטיקט אין יידישן פּערסאָנאַל, אין אַ גע־שולטן פּערסאָנאַל, וואָס זאָל קענען יידיש, אָדער פּויליש, און זאָל זיך קענען אַריינפילן אין די ליידן פון די געליטענע, וואָס האָבן זיך דאָ געפילט איינזאַם, אויסגעוואָרצלט, אָן שפּראַך, אָן משפחה. איז די לייטונג פון שפּיטאָל געווען גרייט אַוועקצוקוקן פון די האַר־בע גזעצן און עובר צו זיין אויפן בפירושן פאַרבאָט פון פלעגער־סינדיקאַט, וועלכער האָט אַרומגענומען אויך געהילף־פלעגערינס.

די אַדמיניסטראַציע פֿון שפּיטאָל האָט גענומען אויף זיך, אונטערן דרוק פֿון „קאָזשאַסאַר“, אויסצופּועלן, אין די געהעריקע קרייזן, אַ פּראָוויזאָרישע דערלויבעניש פֿאַר בעלאַן, און געווען גרייט זי תיכּף אַריינצונעמען צו שוואַרצער שפּיטאָל־אַרבעט. אָבער בעלאַ האָט נישט געוואָלט הערן דערוועגן. זי האָט שוין געהאַט אָנגע־הויבן די אָוונט־קורסן פֿון „אָרט“ און דער „אָרט“ האָט שוין אײנ־צווישן געהאַט געפֿונען פֿאַר איר אַ פּאַטראָן, ווו זי האָט געקאָנט אַרבעטן בייטאָג, אַלס לערן־מיידל, און שוין פֿאַרדינען אויף עסן. זי האָט אָפּגעזאָגט נישט צוליב דעם, וואָס שוואַרצע שפּיטאָל־אַרבעט האָט איר געעקלט; נאָך דער אַרבעט אין געטאָ און אין לאַגער, האָט זי שוין גאָרנישט מער געקאָנט עקלען. דער קאָנטאַקט מיט דעם שפּיטאָל־לעבן, מיט קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע, מיט פֿלעגערס און דאָקטוירים, איז איר געוואָרן דערווידער. בלויז דער געדאַנק דערוועגן פֿלעגט זי אַרויספֿירן פֿון גלייכגעוויכט און באַרויבן זי פֿון שלאָף, טרייבן צו שגעון. זי האָט געוואָלט פֿאַרגעסן און וואָס גיכער, וואָס גיכער. איז זי געגאַנגען צו די קורסן פֿון „אָרט“ אין די אָוונטן און בייטאָג — אין שטריקער־פֿאַבריק. זי האָט זיך אַרײנ־געוואָרפֿן אין לערנען און אַרבעטן. דאָס נייע פֿאַך האָט זי אײנ־גאַנצן אַבסאָרבירט און נישט אַרויסגעבראַכט קיין זכרונות, קיין אויסטערלישע רעמיניסצענצן. זי האָט געוואָלט פֿאַרגעסן. פֿאַרגעסן. איבערדרייסן מיט דעם שוידער, מיט די בילדער פֿון דאָרטן, מיט די געשפּענצטער, וואָס לויפֿן איר נאָך, וואָס פֿאַרפֿאָלגן זי אויף שריט און טריט. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין לייכטע זאַך, אַז זי וועט נישט קענען אַרויס פֿון איר הויט, אַז די געשפּענצטער זענען נאָך תמיד אַ טייל פֿון איר אַליין, און אַז קיינמאָל וועט זי נישט קענען אָפּטרייסלען זיך פֿון זיי, אַראָפּ־וואַרפֿן פֿון זיך, ווי מען וואַרפֿט אַראָפּ אַ בגד. אָבער יאָגן זיך נאָך די געשפּענצטער האָט דאָך זיכער קיין זין נישט. ווידער זיין אין קאָנטאַקט מיט קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע, מיט ליידן און בלוט, וואָלט דאָך געהייסן שיטן זאַלץ אויף די ווונדן, איבערגעבן זיך אין די הענט פֿון שטן, פֿון טייוול...

אָבער איצטער איז זי געווען צופֿרידן, וואָס זי האָט געהאַט ידיעות אין פֿלעגעריי. דאָס וועט איר דערלויבן גיכער געזונט צו ווערן. אייגנטלעך פֿילט זי זיך נישט קראַנק. עס ברעכט אין די ביינער און פֿון צייט צו צייט גיט ערגעץ אַ שטאָך, גיט אַ שפּרונג

אַ מוסקל, שפּאַנט אונטער דער ברוסט, אָדער גיט אַ שווינדל פאַר די אויגן; אָבער דאָס זענען בלויז סימנים פון צעקלאַפּטקייט, פון די קאָנטוזיעס, פון די זעץ, וואָס זי האָט באַקומען. זי האָט פאַר־נאַנדערגעשפּרייט די אָרעמס און אַ פּאָכע געטאָן מיט זיי אין דער לופטן, ווי אַ פויגל צום פליען. די אָרעמס האָבן זיך לייכט גע־הויבן ביז אויף אין ליניע מיט די אַקסלען. זיי האָבן אָבער נישט געלאָזט זיך פאַרטראָגן אויף הינטן, בפרט דער לינקער אָרעם. אַ שאַרפער ווייטיק אין דער לינקער זייט האָט צוריקגעשלעפּט דעם אָרעם פון פאָראויס און ער איז צוריקגעפאַלן מיט אַ ציטער ווי א שפּרונג־פעדער. „מסתמא זענען באשעדיקט געוואָרן די צווישן־ריפּן־מוסקלען‟, האָט זי געזאָגט צו זיך.

זי האָט אָפּגעבויגן איר פּנים פון וואַסער־גלאָז און אַרויפ־געהויבן די אויגן צום פענסטער. אויפן הימל איז געשטאַנען א צעפליקטער, ווייסער וואָלקן און דורך די שפּאַרונעס זיינע האָבן זיך געריסן שטיקלעך זון. אינעם שטויב, וואָס אויף די פיר שייב־לעך פונעם פענצטער, האָבן זיך געוואָלגערט זילבער־פלעקן, גע־רעמט אין גאָלד. און אין די שויבלעך האָט זי געזען איר פּנים. זי האָט שוין לאַנג נישט גערייניקט די שייבלעך פון דרויסן. זי האָט די לעצטע טעג כסדר אָפּגעלייגט און ווען זי איז שוין גע־ווען דעצידירט עס צו טון, פלעגט אַריינקומען די שכנטע, אָדער די קליינע סאָלאַנזש, און ווידער האָט זי עס נישט געטאָן. וויל, אויב עס איז געווען שטויב אויפן פענצטער און אַ זילבער־וואָלקן, גערעמט אין זון־שטראַלן, פלעגט זיך שטעלן איבערן דאַך, פלעגן זיך די שייבלעך פאַרוואַנדלען אין שפּיגלען. און אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט זען זיך אין שפּיגל, פלעגט זי יעדן טאָג רייניקן די שייבלעך, אַראָפּיאָגן דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אינעם מעת־לעת, און די פלעקן, וואָס פלעגן בלייבן נאָך אַ רעגן. ווען די שייבלעך זענען געווען ריין פלעגט אַריינקומען מער זון און וואַרעמקייט אין שטיבל אַריין, פאַר דעם פישעלע, וואָס בוי־טיקט זיך אַזוי שטאַרק דערין.

אָבער איצטער איז זי געווען צופרידן, וואָס זי האָט נישט גערייניקט שוין עטלעכע טעג דאָס פענצטער. זי האָט דערזען זיך אין די שייבלעך. אין יעדן איינעם פון די שייבלעך האָט זי געזען איר פּנים. די ביילן אויפן שטערן זענען נאָך געווען רויט און די בלאָע פלעקן זענען נאָכנישט געוואָרן צוריק בלאָ. דער באַנדאַזש

האָט זיך געהאַלטן איבער דער לייכט־אויפֿגעהויבענער אויבער־שטער ליפּ. זי האָט גענומען אַביסל זאַלב און אויפֿסניי גענומען פֿירן מיט אַ פֿינגער איבער די קאַרע־שופּן און ראָסט־ווירעס, וואָס האָבן פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון דער געזונטער הויט אויף דער גאָמ־בע, אויפֿן שלייף־ביין און ביים לינקן אויער.

פֿון האַלטן דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אין דער הויך, האָט איר גענומען ווי טון דער נאַקן. „ווען נישט די וווּנדן אויפֿן פּנים, ווען נישט די אַנגעשוואָלענע ליפּ" — האָט זי געזאָגט צו זיך — „וואָלט שוין אייגנטלעך געווען מעגלעך צו גיין צו דער אַרבעט; ווען נישט דאָס פּנים". זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע אויגן זענען געפֿאַלן אויפֿן ביסקאָט, וואָס איז געלעגן אויפֿן טאַבורעטל. זי האָט אים צוגעטראָגן צום מויל, אַ ביס געטאָן. דער ביסן איז איר גע־בליבן שטיין אין האַלדז.

לו

אמידע, האָט זיך בעלאַ צוגעזעצט אויפֿן טאַבורעט, וואָס נעבן טישל. זי האָט אויטאָמאַטיש אויפֿגעעפֿנט דעם שופֿלאָד. אי־נעווייניק איז געלעגן פּאַפּיר, שרייב־געצייג. זי האָט געטראַכט צו שרייבן צו איר פּאַטראָן, צו דער דירעקציע, אָדער גיכער צו בער־נאַרדן, דעם פּאַטראָנס זון, וואָס איז איר דירעקטער באַלעבאָס אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. זי האָט אים געוואָלט מודיע זיין, אַז זי איז נישט מיט אַלעמען און אַז ער זאָל די נאָענטסטע טעג נישט רעכענען אויף איר. זי דאַרף דאָך זיין קאָרעקט לגבי אים און נישט איבערפֿירן דעם ווינטער־סעזאָן. עטלעכע טעג פֿון דעזאָרגאַניזירטער אַרבעט אין דער מאַשין־אָטעליע איז עלול צו קאָמפּראָמיטירן דעם גאַנצן סעזאָן. אַז מען וועט נישט ליפֿערן גענוג סחורה, וועלן די אַנדערע אָפּטיילונגען, די צושניידערס, די מאָדעליסטן און נייערס — נישט אַרויסגעבן גענוג פּולאָווערס, גענוג זשאַקעטלעך, און די פֿירמע וועט נישט קענען אויספֿירן אַלע באַשטעלונגען. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט אומפֿאַרטרעטבאַר, אָבער זי מוז

דאָך צו וויסן טון ווי אַמשנעלסטן, בכדי בערנאַרד זאָל קענען רעאָרגאַניזירן די אַרבעט. עס איז אמת, אַז עס וועט אים זיין שווער צו געפינען אַזאַ אַרבעטערין ווי זי. ער פלעגט עס איר דאָך כסדר אונטערשטרייכן, אַז זי אַרבעט פאַר צוויי, און ער האָט איר אַפילו געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וועט איר הויבן די שכירה, און יעדעס מאָל, בעתן אויסצאָלן אין ביוראָ, פלעגט ער אַפילו וועלן אַריינשמאָגלען אַ מטבע, אָדער אַ באַנקנאָט, כלומרשט אַלס פּרעמיע פאַר איר גוטער און גיכער אַרבעט. זי פלעגט אים אָבער קוקן אויף די פינגער, און נישט לאָזן אַריינשמוגלען קיין איין פראַנק מער, ווי עס קומט איר; זי פאַרלאַנגט נישט מער ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, עס קומט איר נישט מער. אלא־וואָס, זי אַרבעט גיכער, גיט אַרויס מער סחורה, ווי אַ צווייטער — נו, דאָס איז נישט איר פאַרדינסט. זי אַרבעט גיך און זי האָט זיך אָנגעוואָרפן אַ טעמפּאָ, נישט בכדי צו פאַרדינען מער, נאָר בכדי זיך לאָזן אַריינציען אין דער אַרבעט, בכדי צו ווערן אַבסאָרבירט דורך דעם געקלאַפּ פון די מאַשינען און ווערן מיטגעריסן מיט די באַלעמס וואָל, מיט די ציטערדיקע שפּאָגלען אויף די שפּין־נאָדלען און מיט די קונציקע גלידער פון דער מאַשין, וואָס גייען אַהין און אַהער, אַהער און אַהין און שפּרייטן אויס ווירעס סוועטער־שטאָף, ווירע נאָך ווירע, פלאַכטע נאָך פלאַכטע, באַלעם נאָך באַלעם. און אַלץ גייט אַזוי קונציק, אַליין פון זיך, מיטן אויג נישט צו דערכאַפּן, מיטן געדאַנק נישט אָנצוויאָגן. זי האָט זיך פּשוט אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ מאַשין. עס פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז זי איז אַליין געוואָרן אַ טייל פון דער מאַשין און אירע הענט גייען אליין פון זיך און אַז איר קאָפּ איז הויל, ווי דער קאָפּ פון דער מאַשין. עס איז געווען אַ גענוג געווען, אַז זי זאָל קומען אין דער פרי און אַ קוועטש טאָן אויף אַ קנעפּל ביי דער מאַשין, אַז נישט נאָר זאָלן די באַזונדערע מאַשין־גלידער נעמען זיך באַוועגן צום ריטם, נאָר אַז אויך אירע הענט און פיס זאָלן זיך נעמען באַוועגן אויטאָמאַטיש און אַז אַלע אירע מחשבות זאָלן אַנטרונען ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג. אַפילו בעת דער מיטאָג־הפסקה איז זי געווען ווי אַ מאַשין. אַרויסגעגאַנגען מיט אַלע אַרבעטערס צו דער שכנותדיקער קאַנטין. געוואָרט אויפן עסן. געגעסן. געזעצט זיך צווישן פראַנצויזישע אַרבעטערס, מיט אַ כוונה, בכדי נישט צו דאַרפן רעדן צו זיי, ווייל די שפּראַך האָט זי נאָכנישט געקענט. געשוויגן. געטראַכט וועגן דער

אַרבעט, ווען דער מאַשין. נישט צוגעלאָזן צו זיך קיין אַנדערע מחשבות. און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט אויף פֿרישע פֿיר, פֿינפֿטהאַלבן שעה. אויך אַ טייל פֿון איר אָוונט איז געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון דער אַטעליע, פֿון דער מאַשין. ערשט נאָכן אָפּעסן זענען צוריקגעקומען די זלידנע געדאַנקען פֿון אַט ערשט נישט לאַנג. ווען זי איז געווען אַליין, פֿלעגט ערשט דעמאָלט ווידער אַרויסטויכן די היים, געטאָ, לאַגער, טויט־סכנות... פֿלעגט זי אויס־קוקן זיך די אויגן, אַז עס זאָל נעמען טאָגן און ווידער זאָל זיך שטעלן אַן אַרבעטס־טאָג און ווידער זאָל זי זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מאַשין...

פֿאַרקערט, נישט נאָר האָט זי נישט געוואָלט נעמען קיין הוספֿה, זי איז אַפֿילו געווען גרייט צו צאָלן פֿון איר געלט פֿאַר דער טובֿה, וואָס די אַרבעט אין דער מאַשין־אָפּטיילונג טוט איר. זי ווייסט גאָרנישט ווי אָפּצודאַנקען פֿאַר דעם דאָזיקן חסד. און ווען קיינער פֿלעגט נישט זען, פֿלעגט זי צופֿאַלן מיט די ליפּן צו דער מאַשין. זי פֿלעגט אַ קוועטש טון דעם עלעקטרישן קנאָפּ און איינצייטיק אַ קוש טון דאָס קאַלטע אייזן פֿון געשטעל. אָפֿט פֿלעגט זי גלעטן די נישט־באַוועגלעכע טיילן פֿון דער מאַשין און פֿליסטערן אינדערשטיל: אַ דאַנק, אַ דאַנק. עס האָט זי נישט גע־אַרט, וואָס דעם פּאַטראָנס זון רעדט צו איר מילד, תּמיד ווען ער גייט פֿאַרביי נעבן איר, אָדער דערציילט אויפֿסקול, מיט גע־לעכטער און מעשה־פֿראַנט, וועגן זיינע ליבע־אַוואַנטורעס. זי האָט אויטאָמאַטיש מיטגעלאַכט צוזאַמען מיט אַלע אין אַטעליע. עס האָט דאָך נישט געפּאַסט אַנדערש. עס האָט איר נישט געאַרט, וואָס בערנאַרד פֿלעגט זיך פֿאַרגנבענען בשתיקה, קיינער זאָל נישט זען, און אויסמעסטן איר אַ קוש אין נאַקן, ווען זי איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט; אָדער גאָר אַ לייכטן גלעט טון איר אין אונטער־חלק. אויך דעמאָלט ווען ער האָט זי אַרומגעהאַלדזט ביי זיך אין ביוראָ, יעדן מאָנטיק אָוונט, בעתן אויסצאָלן דעם וועכנטלעכן לוין, און געפֿירט זיינע קרעפּטיקע הענט איבער איר לייב, אויך דע־מאָלט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז ווייטער אַ טייל פֿון דער מאַשין און אַז דאָס געהערט צו די אויטאָמאַטישע באַשעפֿטיקונ־גען, וואָס גייען ווי פֿון זיך אַליין, אַזאַ רוטין־זאַך, איבער וועלכער מען דאַרף זיך נישט פֿאַרטראַכטן...

בעלאַ האָט אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר, אַ טינט־בליי, און

פאַרמאַכט דאָס שופלאָד. אַ קוויטשיקער סקריפּביים פאַרמאַכן דעם שופלאָד איז אַדורך ווי מיט נאָדלען איבער איר גאַנצן קער־פּער. זי האָט אויפגעציטערט. זי האָט זיך געזען אין ביוראָ פון בערנאַרדן. ער האָט זי אַריינגערופן צום סוף, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעצאָלט און אהיימגעשיקט אַלע אַרבעטער. ער האָט איר דערלאַנגט איר קאָפּערט ווי תמיד, און ווי תמיד האָט זי גענומען ציילן, צי איז נישט פאַראַן דאָרטן מער געלט ווי עס קומט איר. אַנשטאָט די געוויינלעכע קליינע באַנקנאָטן, ווי תמיד, זענען אין דער קאָפּערט געלעגן באַנקנאָטן פון פינף טויזנט פראַנק, אַ גאַנ־צער באַרג מיט פינף־טויזנטער. זי האָט נישט געציילט, נאָר מיט ציטערדיקע פינגער צוריקגערוקט אין קאָפּערט אַריין און צוריק־געלייגט אויפן ביוראָ־טיש.

— דאָס איז פאַר דיר, בעלאַ — איז ער אַריבער אויף דו און אָנגערופן זי ביי איר קליינעם נאָמען. — דו האָסט עס כשר פאַרדינט.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן און געשאָקלט אויף ניין.

— נעם עס, איך בעט דיך, בעלאַ — האָט ער איבערחזרט, און אַרויסגעזאָגט איר נאָמען מיט אַ שטימע, וואָס האָט געמאַכט ציטערן איר האַרץ. שוין לאַנג, גאָר לאַנג, האָט מען נישט אַרויס־געזאָגט אויף אַזאַ אופן איר נאָמען.

זי האָט געפילט, אַז די פיס ברעכן זיך. ער האָט באַמערקט, אַז זי וואַקלט זיך. איז ער צוגעגאַנגען צו איר און זי צוגעפירט צו זיין פאָטעל און זי אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן זייטיקן אָנלען און זיך אָנגעשפּאַרט אין איר אַקסל, בכדי בעסער צו זיצן. ער האָט גענומען די קאָפּערט און איר דערלאַנגט.

— נעם, בעלאַ, דאָס איז דיין נדן. איך ווייס, אַז דו האָסט נישט. איך וועל דיר יעדע וואָך געבן אַ גרויסע קאָפּערט דער טאַטע זאָל נישט וויסן; אַזוי מאַכן, אַז דער טאַטע זאָל נישט וויסן. עס וועט זיין פאַר אונדזביידע. דו וועסט עס זאַמלען פאַר אונדז ביידע. איך האָב דיך ליב.

זי האָט נישט געגלויבט אירע אויערן. זי האָט נישט געגלויבט אירע אויגן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס רוישט אַזוי ווייטער די מאַשין און אַז דאָס באַוועגן זיך אַזוי כסדר די מאַשין־טיילן, און אַז זי הערט נישט מער און זעט נישט מער, אַז זי איז אַליין אַ

מאַשין, אַ טייל פֿון אַ מאַשין; און דאָ, פּלוצים... זי האָט זיך אויפֿ־געריסן פֿון פֿאָטעל און געלאָפֿן צו דער טיר. ער איז איר נאָכ־געלאָפֿן און זי אָנגעכאַפּט ביי אַן אָרעם. זי האָט אַרויסגעריסן דעם אָרעם און אָנגעכאַפּט די קלאַמקע פֿון דער טיר. ער האָט אַרויפֿ־געלייגט זיין האַנט אויף איר האַנט און אינאיינעם אַראָפּגעדריקט די קלאַמקע. זיי זענען אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט ביי דער טיר איין האַנט אויף דער צווייטער און מיט דער קלאַמקע אַראָפּגעלאָזן. זיי האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט ער גענומען רעדן. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז ביי אים מער ווי אַן אַרבעטערין. פֿון ערשטן מאָמענט אָן האָט ער געוואָרפֿן אויף איר אַן אויג. אַז זי איז אים געפֿעלן געוואָרן. אַז עס האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ, זעענדיק ווי זי אַרבעט שווער, ווי זי יאָגט זיך ביי דער אַרבעט, ווי זי וואָלט וועלן זיך אַריינוואַרפֿן אין דער מאַשין אַריין, און נישט דאַרפֿן זיך אומקוקן אויף די אַרומיקע מענטשן, אויף אים אויך נישט. ער האָט אַלץ געטאָן צו געבן איר צו פֿאַרשטיין, אַז זי איז ביי אים מער ווי סתם אַן אַרבעטערין. אָבער זי איז געווען פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, און האָט עס נישט געזען, נישט געפֿילט. ער האָט דערציילט אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן מכלומרשטע ליבע־אַוואַנטורעס, מיט דער כוונה צו מאַכן זי איפּערזיכטיק. אָבער עס איז געווען אַן פּעולה. האָט ער זיינע געפֿילן געשטיקט אין זיך, גע־שטיקט אין זיך און געזוכט אַן אופֿן ווי איר עס צו אַנטפּלעקן. אָט, איז געקומען דער מאָמענט. זאָל זי זיך נישט שרעקן פֿאַר זיין פֿאָטער. ער נעמט עס אויף זיך. און אויב דער טאַטע וועט אים פֿאַרטרייבן פֿון שטוב, פֿון געשעפֿט, וועט ער קומען צו איר. דערווייל וועלן זיי זען אָנצוזאַמלען געלט, יעדע וואָך אַ גרעסערע סומע. זי וועט עס זאַמלען. ווען עס וועט זיין מער געלט, וועלן זיי קויפֿן אַ דירה. און צוביסלעך, צוביסלעך, וועט ער נעמען צוגע־וווינען דעם פֿאָטער צום געדאַנק, אַז ער וועט אָן איר נישט קע־נען לעבן.

אַזוי זענען זיי געשטאַנען. און ער האָט גערעדט. און גערעדט. און זי האָט געשוויגן. זי האָט דערפֿילט, אַז די שטאָלענע קלאַמקע, וואָס זי האַלט אין דער האַנט, נעמט גליען ווי פֿייער, האָט זי אויפֿגעהויבן די פֿינגער, בכדי נישט אָפּגעבריט צו ווערן. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די האַנט און געפֿילט ווי בערנאַרדס האַנט באַגלייט זי ביז אַראָפּ. זי האָט פֿונאַנדערגעשפּרייט די פֿינגער און געפֿילט

ווי זיינע פינגער קריכן אַריין אינעם צווישנשייד פון אירע פינגער און קלאַמערן זיך אַרום זיי. ער איז געשטאַנען הינטער איר און ווייטער אַריינגערעדט שטיל אין איר האַלדז אַריין, אין איר לינקן אויער, אין איר דיקן האָר־קאָקס אַריין. און זי האָט געשוויגן. דער־נאָך האָט ער נאָכגעלאָזן איר האַנט און זיך איבערגעבויגן איבער דעם לעפל פון איר אויער, צורירנדיק זיך צו אים מיט די ליפּן, ביי יעדן וואָרט:

— דו מוזסט נישט געבן תיכף אַ תשובה, האָט ער פּאַמעלעך באַוויגן מיט די ליפּן. פּאַרטראַכט זיך. איך וועל מאָרגן נישט באַ־ווייזן זיך אין אַטעליע און נישט באַמיען זיך מער דיך איבערצו־צייגן. וועסט מיר געבן אַן ענטפער מאָרגן אָוונט. וועסט נישט דאַרפן רעדן. איך וועל דיר דערלאַנגען מאָרגן אָוונט דיין קאָפּערט. און אויב דו וועסט נעמען אין נישט ציילן, וועל איך וויסן, אַז ביסט מסכים... אויב וועסט נעמען און נישט ציילן, וועל איך וויסן, אַז ביסט מסכים...

זי האָט פלוצים דערפילט אַ פייכטקייט ביים לעפל פון איר אויער, דערנאָך אַ וואַרעמקייט, ווי דאָס אויער און די גאַנצע באַק וואָלטן זיך געטונקען אין גליאיק וואַסער, אין וועלכן עס קריכן אַרום טויזנטער שפּיציקע ווערעמלעך. זי האָט אַ בויג געטאָן מיטן קאָפּ, בכדי זיך צו באַפרייען פון דעם געפיל, אָבער זי האָט פלו־צים דערפילט, אַז זי קען נישט אויסבויגן דעם קאָפּ, ווייל איר לעפל געפינט זיך ווי אין קלאַמערן.

— וואָס טוט איר? האָט זי אַרויסבאַקומען דריי קורצע זילבן פון איר קעל. ער האָט נישט געענטפערט נאָר ווייטער געהאַלטן פעסט איר לעפל צווישן זיינע ליפּן און ציינער.

זי געדענקט נישט וויאַזוי זי האָט באַפרייט איר לעפל פון קלעם, אָבער זי געדענקט, אַז פלוצים איז זי באַפאַלן אַן אָוונטיקע קעלט אינדרויסן און די ערשטע טראָפּנס רעגן. דערנאָך האָט זיך דער רעגן פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעם, און אָנשטאָט צו לאָזן זיך מיט דעם וועג אהיים, ווי יעדן אָוונט, האָבן זיך אירע גיכע טריט געוואָנדן צום מעטראָ־איינגאַנג, און וואָס עס איז ווייטער געשען מיט איר — גיט זי זיך נישט געבוי אָפּ אַ חשבון. יאָ, דער אָנ־געלויף און געשטופּ פון די מענטשן האָט איר דערמאָנט געטאָ, אומשלאגפּלאַץ, דאָרטן... זי האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט. זי איז

פאַרשלעפּט געוואָרן, צעטרעטן געוואָרן. און געדאַכט האָט זיך איר, אַז מען טרייבט זי אין אַ וואַגאָן אַריין, אַז מען טרייבט זי צוזאַ־מען מיט אַלע יידן אין די וואַגאָנען אַריין, ווי די פֿי, און אַז די וואַגאָנען פֿאָרן איבער איר אַדורך, איבער איר לייב, און מאַכן אַ סוף צו איר... און אָט אַ פֿרישע באַן. וואָס: איבערשטייגן? ווידער וואַגאָנען? ניין, ניין. זאָל זיין וואָס עס וויל! נישט מער וואַגאָ־נען, ניין!

זי האָט זיך דערפֿילט מיד. די בליי, וואָס זי האָט גענומען אין האַנט אַריין, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אירע פֿינגער. זי האָט זי געלאָזט ליגן אויפֿן טיש נעבן בויגן פּאַפּיר. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט. אָנגעשפּאַרט זיך אין בעט. עס האָט זי געצויגן צו־ריק אין בעט אַריין.

לז

זי האָט געוואָלט שלאָפֿן. זי האָט פֿעסט פֿאַרמאַכט די אויגן און געבעטן, אַז עס זאָל קומען אויף איר אַ שלאָף, וואָס זאָל דויערן טעג און וואָכן, און אַז זי וועט זיך אויפֿכאַפּן זאָל איר פּנים שוין זיין אויסגעהיילט, און זי זאָל נישט דאַרפֿן מער רייבן מיט זאַלב און פֿאַרדעקן די ליפּ מיט אַ באַנדאַזש. אָדער זי זאָל לכל הפּחות שלאָפֿן ביז זי וועט ווידער גיין צו דער אַרבעט... זי וואָלט שוין געוואָלט זיין עלטער מיט עטלעכע טעג. זי וואָלט אַזוי וועלן, אַז זי זאָל שוין האָבן איבערגעקומען די באַגעגעניש מיט איר פּאַטראָנס זון. זי שרעקט זיך אַגב נישט דערפֿאַר. עס איז דאָך נאָר מעגלעך פֿאַר איר אײן ענטפֿער, אָן איין אײנציקער ענטפֿער. זי וועט אים צוריקווייזן די קאָפּערט מיטן געלט, אים צוריקשליי־דערן דאָס געלט אין פּנים אַריין... אָדער זי וועט אַרויסנעמען פֿון דער קאָפּערט די סומע, וואָס זי באַקומט יעדע וואָך, און די רעשט וועט זי איבערלאָזן אויפֿן טיש. זי וועט נישט צוריקוואַרפֿן די־

קאָפּערט, האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט, נישט וואַרפן, נאָר — צו־ריקלייגן. מען דאַרף דאָך זיין דערצויגן. אַגב, איז ער דאָך אויך קאָרעקט לגבי איר. געווען קאָרעקט באַלד אין אָנהויב, ווען זי איז געשיקט געוואָרן דורכן „אָרט" אַהינצו אויף אַרבעט, אַלס לערן־מיידל. דאָס האָט דאָך בערנאַרד ווערבירט נייע אַרבעטער און נישט זיין פּאָטער, הגם ער איז אויך געווען דערביי. בער־נאַרד האָט איינגעשריבן דעם נאָמען, עלטער, אדרעס, געבורט־דאַטע און אָרט, און זיך אויסגעפרעגט וועגן קוואַליפיקאַציעס. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ביוראָ־טיש און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט מילדע אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַ פּאַרלוירענע, וואַרטנדיק אויף אַ דעציזיע. דער אַלטער פּאַטראָן האָט זיך געדרייט אַרום איר אַהין און צוריק, געהאַלטן אין דער האַנט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון „אָרט" און עפּעס געברומט אונטער דער נאָז. פּלוצים האָבן זיך אירע אויגן געטראָפן מיט די אויגן פון בערנאַרדן. „גוט, גוט — האָט ער געזאָגט מיט אַ מילדער שטימע — עס איז גוט. קומט מאָרגן פרי. איר געפעלט מיר". דער פּאָטער האָט אַ מרוקע געטאָן אונטער דער נאָז און באַגלייט מיט עטלעכע קליינע הוסטלעך. בערנאַרד איז צוגעגאַנ־גען צו איר, אָנגענומען ביים אָרעם און איבערחזרט: „גוט, איר געפעלט מיר". און צוגעגעבן, אין דער ריכטונג פון פּאָטער — „איר זעט אויס צו האָבן אַ גוטן קאָפּ, און איר וועט זיך גיך אויסלערנען די פּראַקטישע זייט פון דער אַרבעט. איך וועל אייך צולערנען ביי דער מאַשין". און ער האָט זי טאַקע געלערנט. ער איז געשטאַנען אָפּט נעבן איר און געוויזן וואָס מען דאַרף טון. ער האָט זיך פאַרנומען מיט איר אַ סך מער ווי מיט אַנדערע. די אַרבעטערינס אַרום האָבן בייז געמרוקעט אונטער דער נאָז און געמאַכט באַמערקונגען אויף פראַנצויזיש, אָבער זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן. בערנאַרד, וואָס האָט זעלטן גערעדט יידיש, האָט אָבער צו איר זיך נישט אַנדערש געוואָנדן ווי אין יידיש, ווייל ער האָט געוווסט, אַז זי וועט פראַנצויזיש נישט פאַרשטיין. אין אָנהויב פלעגט ער בלויז די טעכנישע ווערטער באַנוצן אין פראַנצויזיש. אָבער דערנאָך פלעגט ער צוביסלעך נעמען אַריינפלעכטן גאַנצע פראַנצויזישע זאַצן. „ביי מיר וועט איר זיך אויסלערנען נישט נאָר צו זיין אַ גוטע טריקאָ־מאַשינערין — האָט ער אָפּט איבערחזרט — נאָר אויך אַ קענערין פון דער פראַנ־

צווישער שפּראַך". און טײַלמאַל פֿלעגט ער איר זאָגן: „בײַ מיר וועט איר אויך ווערן אַ גאַנצע פֿראַנצויזקע". זי האָט זיך געלאָזט לערנען און גיך געכאַפּט אַלע סודות פֿון דער מאַשין, פֿון דער אַרבעט. מיט דער שפּראַך איז איר געגאַנגען אַ סך שווערער. זי האָט זיך געקויפֿט אַ גראַמאַטיק, אַ לערן־ביכל פֿון פּויליש אויף פֿראַנצויזיש. אָבער עס איז געגאַנגען זייער שווער. איר קאָפּ איז געווען הויל און די אַלע כּללים, וואָס זי האָט געדאַרפֿט פֿאַרגע־דענקען, האָבן זיך קוים פֿאַרהאַלטן אין די הוילע ווענט פֿון איר שאַרבן. טײַלמאַל פֿלעגט זי טראַכטן פּונקט פֿאַרקערט, אַז איר קאָפּ איז גאָר פֿול, פֿול איבער די ברעגעס און גאָרנישט גייט דאָרטן מער אַרײַן; מען קען דאָרטן גאָרנישט מער אַרײַנשטופּן. די טעכ־נישע אָנווײַזונגען, וווּ עס האָט זיך נישט געצוויטיקט קיין זכרון, קיין גײַסטיקער אָנשטרענג, נאָר נישט מער ווי דאָס אָנטוויקלען פֿון אַ רײַ אויטאָמאַטישע זשעסטן, מעכאַנישע באַוועגונגען — זע־נען איר יאָ אַרײַן אין קאָפּ; אײַגנטלעך, נישט אין קאָפּ, נאָר אין די אבֿרים. זי איז געווען צופֿרידן, וואָס בעת דער אַרבעט דאַרף זי נישט טראַכטן, גאָרנישט טראַכטן, נאָר זיך לאָזן מיטרײַסן, זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ טייל פֿון דער מאַשין, אין אַ טייל פֿון די באַ־לעמס שטריקער־סחורה... בערנאַרד פֿלעגט זיך טײַלמאַל אָוועק־שטעלן נעבן איר און רעדן צו איר. איז זי געווען אַזוי פֿאַרנו־מען מיט דער אַרבעט, אַז זי האָט זעלטן געהערט וואָס ער רעדט צו איר. אויס קאָרעקטקייט, פֿלעגט זי שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ, אָדער ניין, ווי עס פֿלעגט איר אײַנפֿאַלן, און פֿלעגט ווײַטער אַרבעטן. „פֿאַרוואָס זײַט איר אַזוי ערנסט?", פֿלעגט ער אָפֿט פֿרעגן. אַזוי ווי די דאָזיקע פֿראַגע פֿלעגט ער כּסדר איבערחזרן, האָט זי אײַנמאָל געוואָלט אים ענטפֿערן מיט אַן אַנדערע פֿראַגע: „פֿאַרוואָס זאָל איך נישט זײַן ערנסט?", אָבער זי האָט דעם ענט־פֿער נישט געוואָגט צו ברענגען איבערן מויל. ער האָט אָבער גע־מוזט דערגיין אירע מחשבֿות און בכּדי צוצוגעבן איר מוט, אַראָפּ־צורעדן זיך פֿון האַרץ, פֿלעגט ער נעמען דערציילן וועגן זײַן פֿאַר־טיזאַנטקע אין ווערקאָר, אין די סאַוואָיער בערג, וועגן דער טויט־סכּנה, וואָס האָט געלויערט אויף יעדן טריט דאָרטן. זי האָט יאָ געהערט זײַנע פּאַרטיזאַנער־מעשׂות און נישט געהערט; זיי האָבן זיך פֿאַרלוירן אינעם רעש פֿון דער מאַשין און אינעם אימפּעט פֿון איר אַרבעט, אין דער הויכקייט אָדער איבערפֿולטקייט פֿון

איר שאַרבן... ער האָט איר אַנומלט פֿאַרגעשלאָגן צו לערנען די שפּראַך. ער וועט איר גערן ווידמען אַביסל צייט אין די אָוונטן אויף צו לערנען פֿראַנצויזיש; ער האָט אַ גוטע מעטאָדע, האָט ער געזאָגט. אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זיך נישט מער ווי פֿאַרבייגעשליכט נעבן אירע אויערן און נישט אַריין אי־נעם קאָפּ אַריין, נישט אַריין...

זי האָט געוואָלט שלאָפֿן, נאָר דער שלאָף איז נישט געקומען. זי האָט געטראַכט צו נעמען אַ שלאָפֿמיטל, פֿון די מעדיצינען, וואָס דער גוטער דאָקטאָר האָט איר פֿאַרשריבן. זי האָט זיך אויפֿגעזעצט, אויסגעצויגן די האַנט. אָבער געלאָזט זי הענגען אין דער לופֿטן. עס איז דאָך טאָג. די שכנטע וועט דאָך באַלד קומען. און וואָס פֿאַרא זין האָט עס צו שלאָפֿן אינמיטן טאָג? זי האָט זיך צוריקגעלייגט. ווען זי קאָן אַזוי כאַפּן אַ דרימל אויף אַ שעה־צוויי, האָט זי געטראַכט, וואָלט יאָ גוט געווען. זי האָט פֿעסט פֿאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט. אָבער אַנשטאָט דעם דרימל איז געקומען פֿאַר די אויגן די סצענע פֿון נעכטן אָוונט, אין ביוראָ מיט בערנאַרדן. און דערנאָך סצענעס פֿון דער אַרבעט, ווי זי שטייט ביי דער מאַשין, און בערנאַרד שטייט נעבן איר און גיט איר אָנווייזונגען, רעדט צו איר, רעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו דער אַרבעט... זי האָט גענומען לאַכן אין זיך, לאַכן און שטוינען: ווי איז עס מעגלעך, אַז זי האָט ביז איצט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט צו איר גערעדט? זי האָט, הייסט עס, געמוזט וואַרטן ביז נעכטן אָוונט, בכדי צו פֿאַרשטיין וואָס אַזעלכעס עס האָט געזאָלט באַדייטן זיין אויפֿפֿירן זיך לגבי איר, זיין באַנעמען זיך לגבי איר זייט דעם מאָמענט ווי זי איז געקומען מיטן רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון „אָרט"...

זי ווייסט נישט צי זי איז אַנטדרימלט געוואָרן, צי גאָר איינגעשלאָפֿן. אָדער, די בילדער, וואָס זענען אַדורך כסדר פֿאַר די אויגן, אין וועלכע זי האָט געזען סיי זיך, סיי בערנאַרדן בעת די לעצטע חדשים, האָבן זי גאָר געהאַלטן אין צושטאַנד צווישן דרימל און שלאָף, אָדער צווישן דרימל און וואָך; זי האָט עס קלאָר נישט געוווסט. אָבער איין זאַך האָט זי זיך גענוי אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דער רעש, וואָס דערגייט צו איר פֿון

די שטיגן, געהערט נישט מער צום דרימל, נאָר איז אַ רעש אויף דער וואָר. זי האָט געריבן די אויגן מיט די פֿינגער און זיך אויפֿגעזעצט אינעם בעט.

זי האָט געהערט קולות, וואָס זענען דערגאַנגען צו איר אין ייִדיש, אָפּגעריסענע געשרייען, ווי ווען מען וואָלט זיך געקריגט, געשאָלטן, זיך געריסן ביי די קעפּ. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: מסתמא אַ קריגערײַ צווישן דעם פּאָרל לאָקאַטאָרן. זיי האָבן גע־נאָסן פֿון דעם, וואָס די שכנטע איז אַוועק איינקויפֿן, און האָבן באַנײַט זייערע אַרומרייסענישן. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט די געלעגנהייט זיך צוצוהערן צו זייערע געשרייען. זי איז דאָך תּמיד ביי דער אַרבעט בייטאָג, און ביינאַכט — שלאָפֿט זי אַזוי שטאַרק, אַז זייערע קולות דערגייען נישט צו איר. האָט זי זיך אויפֿגעריסן פֿון בעט און צוגעגאַנגען צו דער טיר. צוגעשטעלט אַן אויער צו דער טיר.

אָבער פּלוצים האָט זי דערהערט אַנדערע קולות, הויכע גע־שרייען אויף פֿראַנצויזיש. די געשרייען זענען געקומען פֿון די אונ־טערשטע שטאָקן. זי האָט דערקענט דאָס הייזעריקע קול פֿון דער קאָנסיערזשקע און עטלעכע שטימען פֿון לאָקאַטאָרן, פֿון די אונ־טערשטע שטאָקן, פֿון דעם אַלטן, פֿון פֿערטן שטאָק, מיט וועלכן זי פֿלעגט זיך תּמיד באַגריסן אויף די טרעפּ, פֿון דער אַלטיטשקער, פֿון פֿערטן שטאָק, וואָס פֿלעגט תּמיד די ערשטע אָקעגנטראָגן איר פֿרײַנטלעכן „באָנזשור, מאַדעמואַזעל" און אויך אַנדערע קולות, וואָס זי האָט נישט געקענט. און אין זייערע אַלע קולות איז גע־ווען פּראָטעסט קעגן דעם ייִדישן פּאָרל, וואָס נאָר זיי רייסן זיך אַרום און מאַכן געוואָלדן און באַרויבן אַלעמען פֿון זייער רו. „איך שלאָף נישט אַ גאַנצע נאַכט, האָט געשריגן אַ ציטערדיקע שטימע פֿון אַן אַלטער פֿרוי, — און קוים איך כאַפּ אַ דרימל אין דער פֿרי, לאָזן זיי נישט שלאָפֿן". „עס איז אומדערהערט — האָט פּראָ־טעסטירט אַ קוויטשעדיקע שטימע, ווי פֿון אַ סוכאָטע־קעל אַרויס — מען איז נישט ביי זיך; זייט די אויסלענדער האָבן זיך דאָ אַרײַנגעצויגן, איז מען נישט מער ביי זיך". „מען דאַרף זיי צו־ריקשיקן פֿונוואַנען זיי זענען געקומען", האָט בעלאַ דערקענט די שטימע פֿון דער קאָנסיערזשקע. דערנאָך האָט זי דערהערט אַ גע־

מיש פון קולות: „מען דאַרף זיי אַרויסטרייבן; מען דאַרף זיי פאַר־יאָגן ווי די הינט, צוריק אין די גאַז־קאַמערן אַריין״.

בעלאַ האָט אויפגעציטערט. זי האָט דערפילט ווי די פיס ברעכן זיך אונטער איר. זי האָט געזוכט אין דער לופטן אַן אָנ־לען פאַר אירע הענט, בכדי נישט אומצופאַלן. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, צוריקגעפאַלן מיטן קאָפּ אין דער טיר, אָפּגעקלאַפּט זיך און אַ וואַקל געטאָן זיך אין אַ זייט. פאַלנדיק האָט זי דערפילט אונטער די האַנטפלאַכן דעם טיש. זי איז געשטאַנען אַ רגע מיט די הענט אויפן טיש, אויסגעבויגן. פון אונטן זענען ווייטער גע־קומען קולות: „מען איז נישט מער ביי זיך, זייט זיי האָבן געגומען צוריקקומען; אַרויס מיט זיי! זאָלן זיי פאָרן קיין פּאַלעסטינע; נאָך פּאַלעסטינע מיט זיי! וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף אונדז?! אָדער צוריק אין די גאַז־קאַמערן מיט זיי!״...

בעלאַ איז געשטאַנען אויסגעבויגן איבערן טיש און איר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער אויסרוף פאַלט אויף איר ווי אַ שמיץ, ווי מען וואָלט זי געשמיסן מיט בייטשן פון שטעכל־דראָטן, פון שטעכל־דראָטן, ווי דאָרטן, ווי דעמאָלט, ווי דאָרטן, ווי דעמאָלט...

אינדעם האָט זי געהערט אַ זעץ אין טיר. זי האָט זיך אויפ־געריסן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס קלאַפּט מען ביי איר אין טיר. אַז אָט קומט מען זי נעמען, מען קומט נאָך איר. זי הערט די שווע־רע טריט פון געסטאַפּאָ און דאָס זעצן אין טיר, און אָט וועט די טיר זיך אויפפראַלן מיט אַ שטורעם און מיט אַ געוואַלד: „קום, זאַו־יודין, אין וואַגאָן אַריין, שנעל, שנעל, שנעל!״. זי האָט אויפגעהאַלטן דעם אָטעם. זיך איינגעהערט. ניין, מען קלאַפּט נישט אין איר טיר. דאָס קלאַפּט מען אין דער טיר ביי דער שכנטע. אַ פעסטע פויסט קלאַפּט אין דער טיר און שרייט: „נידער מיט די יידן, אַ באַ לע זשוּאיף! נאָך פּאַלעסטינע מיט אייך!״. בעלאַ האָט דער־קענט די הייזעריקע שטימע פון דער קאָנסיערזשקע.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל. עס האָבן זיך נאָר געהערט די רעשיקע טריט פון די מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן די אויבער־שטע טרעפּן און צוריקגעגאַנגען צו זיך. און עס האָבן זיך געהערט די טירן, וואָס פאַרמאַכן זיך הינטער זיי, מיט כעס, מיט געסקריפּ.

לח

ווען די שכנטע איז צוריקגעקומען, האָט זי געטראָפֿן בעלאַן אין בעט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און מיט טרערן, וואָס רינען איבער די באַקן. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל מיט פּרוכטן, מיט ביסקאָטן און טרוקענע קיכלעך אויפֿן דיל און פֿאַרבראָכן די הענט.

— ווי איז מיר נישט, האָט זי געזאָגט אינדערשטיל. און צו־געגעבן כמעט ווי צו זיך: עס זאָל מיר זיין פֿאַר דיר.

זי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער איר פּנים און געזען ווי טרערן רייסן זיך פֿון צווישן די פֿעסט־פֿאַרהאַקטע אויגן־לעד־לעך. טייל פֿון זיי זענען געבליבן שטיין גאַנצערהייט נעבן די בלויע פּלעקן, פֿאַרהאַלטן זיך, געציטערט, נישט געוואָלט זיך אויסמישן מיט דער פֿעטקייט פֿון דער זאַלב.

זי האָט אויפֿסניי פֿאַרבראָכן די הענט, איבערחזרט: — ווי איז מיר, און צוגעגעבן, ווי צו זיך: — זי מוז ליידן, עס מוז איר ווי־טון, ווי איז מיר נישט.

זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפֿן זיפֿץ. זי האָט אים, אין דער לעצטער רגע, געוואָלט דערשטיקן אין זיך, אָבער ער איז אַרויס מיט אַ רעש, שטיקלעכווייז, צווישן פֿאַרהאַקטע ציין, און די לעצ־טע ברעקלעך זיינע זענען אַרויסגעקומען ווי אַ פֿייף. זי האָט גיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ האַנט, אָבער דער פֿייף איז שוין געשטאַנען אין חלל.

— פֿאַרדאַן, האָט זי געזאָגט ווי צו זיך און איבערחזרט הע־כער — פֿאַרדאַן, זעענדיק ווי בעלאַ עפֿנט די אויגן.

בעלאַ האָט געווישט די טרערן פֿון די אויגן, פֿון פּנים.

— פֿאַרדאַן, האָט די שכנטע איבערגעחזרט. זיי מוחל, איך האָב דיך אויפֿגעוועקט.

— עס איז גאָרנישט, האָט בעלאַ געזאָגט. איך בין נישט גע־שלאָפֿן סיוזי.

— ביסט יאָ געשלאָפֿן. געמוזט האָבן יסורים אין שלאָף, אָדער

אַ בייזער חלום... האָסט געוויינט אין חלום. גיב אַ קוק, דיינע באַקן זענען נאַס, פול מיט טרערן.

בעלאַ האָט געפירט מיט בײדע הענט איבער די באַקן און איבערחזרט: — ניין, נישט געשלאָפן, געליגן בלויז מיט פאַרמאַכטע אויגן, געוואָלט שלאָפן...

די שכנטע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן טאַבורעטל, זיך אַריבערגעבויגן איבער בעלאַס פּנים, זיך איינגעקוקט אין אירע אויגן, מעשה אויספאָרשער, און דערנאָך אַ פרעג געטאָן: — און אַז דו ביסט אויף אָן אמת נישט געשלאָפן, טאָ האָסטו דאָך מסתמא מיר עפּעס צו דערציילן, האַ? די לאָקאַטאָרן מיינע, אַ בראָך איז צו מיר...

בעלאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך געוווּנדערט פונוואַנען פרוי גרינטוך ווייסט וועגן דעם, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען בעת איר אָפּוועזנקייט. אפשר איז זי גראָד אָנגעקומען ביים סוף פון סקאַנדאַל?

— נו דערצייל, וואָס דו האָסט געהערט, האָט די שכנטע איר צוגעגעבן מוט.

בעלאַ איז געלעגן אומבאַוועגלעך און געשטיקט די טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויסצו, במקום ווערטער.

— איך ווייס אַלץ, האָט די שכנטע זיך נאָך מער איבערגעבויגן איבער איר פּנים. די קאָנסיערזשקע האָט מיך אַריינגערופן צו זיך, ווען כ׳בין צוריקגעקומען. זי האָט מיר דערציילט וועגן די געוואַלדן און געשרייען. געווען אין איר „לאָזש" נאָך צוויי לאָקאַטאָרן, די אַלטע לאַפּאַזש, פון פערטן שטאָק, וואָס וווינט אין אַ „ייִדישע" דירה, נאָך די שטאָקפינצטערס, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען, און דער אַלטער שיכור, ווי רופט מען עס אים, יאָ — גאַבריעל. האָבן זיי מיר אַלץ דערציילט. זיי זענען געווען מלא כעס און געשוימט זיך. וואָס הייסט, ווי איז עס דערהערט געוואָרן, האָבן זיי זיך געוואָרפן און איינער איז אַריינגעפאָרן דעם צווייטן אין די רייד און איינער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטן — „עטראַנזשערן", אויסלענדער, זאָלן דאָ זיין די גאַנצע באַלעבאַטים און פירן זיך, ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט געווען זייערס. נאָר מען שרייט און מען געוואַלדעוועט און מען לאָזט נישט

צורו ערלעכע פּראַנצויזישע בירגער, וואָס זענען ביי זיך אין דער היים, ערלעכע פּראַנצויזן...

פרוי גרינטוך האָט איבערגעריסן. זיך אָוועקגעזעצט גראָד אויפֿן טאַבורעטל און נאָך אַ ווייל ווידער געגומען דערציילן: — זיי האָבן אַזויפיל גערעדט, אַז כ'האָב קיין איינציק וואָרט נישט גע־קאָנט אַרויסזאָגן. איך האָב זיי געוואָלט זאָגן זייער יחוס, דעם יחוס זייערן פון ערלעכע פּראַנצויזן... איך האָב אים געוואָלט זאָגן, דעם אַלטן שיכור, אַז מען ווייסט גוט וואָס ער האָט געטאָן אין דער מיליץ און אַז ער האָט פאַר אַ פעקל טאַבאַק אויסגעגעבן יידישע משפחות צו די דייטשן... איך האָב געוואָלט אויסשפייען פאַר אים און אים זאָגן אין פּנים אַריין: מנוול! איך האָב געוואָלט אויס־שפייען פאַר דער קאָנסיערזשקע און איר זאָגן: אויסוואורף, זונה וואָס דו ביסט; מען ווייסט גוט ווי דו האָסט דיך אַרומגעטליקעט מיט די דייטשע זעלנער און אַז דאָס קינד, וואָס דו האָסט, איז אַ דייטשער בענקאַרט, און אַז דיין מאַן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון געפאַנגענשאַפט, האָט דיך געלאָזט שווינצן ווי אַ קרעציקע, און צופריער דיר אויסגעהאַקט די דריי פאָדערשטע ציין, וואָס זענען נאָכנישט צוריקגעוואַקסן... אָבער זיי האָבן מיך נישט גע־לאָזט קומען צום וואָרט.

זי האָט שווער אָפגעזיפצט. בעלאַ האָט זיך גענוי צוגעהאָרכט צו אירע רייד און פאַרלייגט אירע הענט אין פויסטן.

— וואָס האָב איך אייגנטלעך געהאַט צו זאָגן, האָט די שכנטע נאָך טיפער אָפגעזיפצט, אַז אָרום און אָרום זענען זיי דאָך גע־רעכט, כשר גערעכט. ווער נאָך ווי איך ווייס, נעבעך, דעם בראָך מיט די לאָקאַטאָרן מיינע, ווויי איז מיר... ווען זיי הערן אַ צענטל בלויז דערפון, וואָס איך, וואָלטן זיי פון לאַנג שוין זיי אַרויס־געטריבן.

— זיי שרייען דאָך נישט סתם אין דער וועלט אַריין, האָט בעלאַ איבערגעריסן אירע רייד; זיי שרייען, ווייל עס טוט זיי וויי.

— יאָ, אָבער וואָס ווייסט אַ גוי וועגן יידישע ליידן, אַז ער האָט קיינמאָל אַזאַ טעם נישט געפילט. און נאָך ווייניקער, ווען ער אַליין האָט דערין אַ חלק.

— זיי וואָלטן געדאַרפט קומען כאָטש אויף אַ רגע אויף אונדזער טעם, האָט בעלאַ אונטערגעכאַפּט, כאָטש בלויז אויף אַ

רגע, וואָלטן זיי אפשר נישט געווען אַזוי אכזריותדיק צו אונדז... ווען זיי וואָלטן איבערגעלעבט, כאָטש אויף אַ רגע, די טראַגעדיע פון דער מאַמען, וואָס פאַרלירט איר איינציק קינד און לעבט מיטן געדאַנק, אַז עס לעבט נאָך ערגעץ אין אַ קלויסטער, אַז מען באַהאַלט עס אויס פון איר, וואָס ווערט געפּייניקט דורך געוויסן־פּיין און פאַרגעפילן פון אַ מאַמען; ווען זיי פילן דאָס אויף אַ רגע כאָטש, וואָלטן זיי נישט נאָר אַרומגעקריגט זיך און געמאַכט גע־וואַלדן, נאָר פשוט אראָפּ פון זינען... ווען זיי פילן דאָס איין רגע נאָר, וואָלטן זיי פאַרבויגן די קעפּ פאַר די ליידן פון דער דאָ־זיקער מאַמען און זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען ווי שולדיקע, ווי מיטשולדיקע... ווען זיי קומען כאָטש אַ רגע אויף דעם טעם, וואָלטן זיי אפשר אַלץ געטאָן, אַז עס זאָל נישט קומען דערצו, אַז עס זאָלן זיך אַזעלכע גרוילן נישט מער איבערחזרן...

בעלאַ האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט. זי האָט אַזוי גיך גע־רעדט און מיט אַזאַ איבערגענומענעם קול, אַז עס האָט איר אויס־געפעלט אָטעם. די שכנטע האָט אַרונטערגעלייגט איר אָרעם הינ־טער בעלאַס רוקן און אים אונטערגעהאַלטן, עס זאָל איר זיין לייכ־טער צו זיצן. זיי האָבןביידע געשוויגן.

— דו ביסט אויך גערעכט, האָט זי זיך די ערשטע אָנגע־רופן. וואָס אַן אמת האָבן זיי אויך נישט געלעקט קיין האָניק אונ־טער דער אָקופּאַציע, אָבער אויף אונדזער טעם נישט געקומען... און דערצו זענען זיי דאָך ביי זיך אין דער היים. מען קאָן דאָך נישט זאָגן, אַז זיי זענען נישט ביי זיך אין דער היים; דאָס איז דאָך אמת, ריינער אמת... זיי זאָגן, אַז דאָ איז נישט פּאַלעסטינע, דאָ איז פראַנקרייך. זיי זענען דאָך גערעכט, דאָ איז פראַנקרייך. נישט אמת, בעלעשי?

בעלאַ איז געזעסן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און גע־האַלטן דעם קאָפּ גראָד פאַר זיך און נישט געשאָקלט אויף יאָ און נישט אויף ניין. די שכנטע האָט נאָכגעלאָזן דעם אָרעם, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן בעלאַס רוקן און אַרויסגענומען אַ הענגל טרויבן פון אַ טוטל, וואָס איז געלעגן אינעם קיישל, פון אויבן. זי האָט אָפּגעריסן אַ טרויב און איר דערלאַנגט צום מויל. בעלאַ האָט געעפנט די אויגן, דערנאָך די ליפּן און אַריינגענומען די טרויב אין מויל אַריין. זי האָט זי געהאַלטן אין מויל. זי האָט געפילט,

אַז עס שטיקט איר אין האַלדז און אַז זי וועט נישט קאָנען אַראָפּ־שלינגען אַפֿילו נישט דעם זאַפּט. די שכנטע האָט אָפּגעריסן אַ צווייטע טרויב און צוגעשטעלט צו בעלאַס ליפּן. בעלאַ האָט פֿאַר־קלאַפּט די ליפּן און געשאָקלט אויף ניין.

— וועסט דאָך אויסגיין פֿון הונגער, ווי איז מיר, האָט די שכנטע אָפּגעזיפֿצט און געשטופּט פֿעסטער די טרויב אין בעלאַס מויל. זעענדיק, אַז זי האַלט פֿעסט פֿאַרהאַקט די ציין, האָט זי צו־געשטעלט די טרויב צום שפּאַלט צווישן די ליפּן, אונטערן באָנ־דאַזש און גענומען שטופּן די טרויב אַריינצו. פֿון קוועטשן קעגן די ציין האָט די טרויב פּלוצים געפּלאַצט, צערונען אין אירע פֿינ־גער. עטלעכע קערלעך זענען פֿאַרקראָכן צווישן די ציין און איין קערל איז מיטן שפּיץ געבליבן שטעקן אין דעם בערגל פֿון גומען, וואָס האָט אונטערגעהויבן די אויבערשטע ליפּ. בעלא האָט אַ צי־טער געטאָן, זיך אַ טרייסל געגעבן. זי האָט דערפֿילט אַ שטאַרקן ווייטיק, ווי אַ שאַרפֿע שפּיז וואָלט זיך אַריינגעריסן אין איר גו־מען. זי האָט פֿאַרלוירן בעת־מעשה דעם קאָנטראָל איבער דער טרויב אין מויל, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט גאַנצערהייט אין שלונג אַריין און געמאַכט זי הוסטן, וואַרפֿן זיך מיטן גאַנצן קערפּער. פֿון דעם טרייסלען זיך האָט זיך אָפּגעריסן דער שפּיץ פֿון דער טרויב, וואָס האָט געשטעקט אונטער דער אָפּגעהויבענער ליפּ און אַ הייסער שטראָם האָט גענומען רינען איבער איר אונטער־שטער ליפּ און גאָמבע. זי האָט צוגעשטעלט איר האַנט צו דער ליפּ און אַ קוק געטאָן אויף די פֿינגער. עס איז געווען בלוט.

— ווי איז מיר נישט, האָט די שכנטע אויסגערופֿן אַ באַ־נומענע. בלוט! וואָס האָב איך דאָ געטאָן, ווי איז מיר. זי האָט געכאַפּט דאָס האַנדטוך, וואָס איז געלעגן אויפֿן וואַש־טישל אין ווינקל און צוגעשטעלט צו בעלאַס מויל. ווי איז מיר — האָט זי געזיפֿצט שווער און זיך באַשולדיקט: וואָס האָב איך דאָ אָפּגע־טאָן? איך גיי רופֿן אַ דאָקטאָר.

— מען דאַרף נישט, האָט בעלאַ זי באַרויִקט מיט אַ האַלב מויל, צוהאַלטנדיק דאָס האַנדטוך ביי דער צווייטער העלפֿט מויל.

— אַן אומגליק איז מיר געשען, וועסט דאָך אָפּגיין מיט בלוט; איך גיי רופֿן אַ דאָקטאָר.

— מען דאַרף נישט, האָט בעלאַ איבערגעחזרט מיט אַ שאַרפן טאָן. אָט וועט עס זיך באַלד אַליין אָפּשטעלן.

— אַ נייע צרה. געדאַרפט זיך פריער אָפּהאַקן די הענט, ווי איז מיר. איך גיי... אַזאַ צרה, געהאַט וויניק?!

— נישט קיין צרה, האָט בעלאַ געענטפערט, אַראָפּנעמענדיק דאָס האַנדטוך. עס איז גאָר אַ ברכה. דאָס קערל האָט מיטן שפּיץ אויפגעשטאָכן די מכה אינעם גומען און עס איז אויסגערונען דאָס בלוט, וואָס האָט זיך דאָרטן אָנגעזאַמלט... עס איז גאָר אַ ברכה. נאָכוואָס מיר אַ דאָקטאָר, אַז איר זייט דער בעסטער דאָקטאָר? אָסור, צי אַ כירורג האָט עס געקענט מאַכן בעסער.

בעלאַ האָט אָפּגעריסן דעם באַנדאַזש פון איר ליפּ און זיך צעלאַכט אויפן קול. די שכנטע האָט געקוקט אויף איר און נישט געוווּסט וואָס צו טון: צי פאַרברעכן די הענט און זיך ווייטער באַשולדיקן, צי גלויבן בעלאַן וואָס זי זאָגט און נעמען לאַכן צו־זאַמען מיט איר. לסוף האָט זי גענומען דאָס האַנדטוך פון בעלאַס הענט, גענומען אַרומווישן דאָס בלוט, וואָס איז געבליבן אויף איר האַלדז און נאַכט־העמד, און אויך אויפן ליילעך. און ערשט, ווען בעלאַ האָט אויפגעהערט לאַכן, איז זי אויסגעבראָכן מיט אַ הויך געלעכטער. בעלאַ האָט אויפסניי גענומען לאַכן. אַ דין ריטשקעלע בלוט האָט זיך ווידער באַוויזן אינעם ווינקל פון איר מויל. די שכנטע האָט צוגעלייגט דאָס האַנדטוך און גענומען ווישן, אונטער־זיפצנדיק. און ווען די שכנטע איז אַוועק מיט איר האַנט, האָט בעלאַ צוגעטאָן אַ פינגער צו דער ליפּ און גענומען קוועטשן.

— זאָל אַרויסגיין דאָס שלעכטע בלוט, האָט זי געזאָגט און געמאַכט באַוועגונגען מיט די ליפּן, מיט אַלע מוסקלען פונעם פּנים, ווי זי וואָלט וועלן העלפן אינעם אַרויספּלומפּן דאָס בלוט פון דעם בערגל אינעם גומען.

זי האָט געמאכט אַזעלכע גרימאַסן מיטן פּנים, אַז די שכנטע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעבראָכן מיט אַ פרישן געלעכטער. בעלאַ האָט אויפגעהערט צו דרייען מיטן פּנים און אויך גענומען מיטלאַכן אויפן קול.

בעלאַ האָט זיך די ערשטע באַהערשט און צוגעלייגט אַ פינגער

צום מויל אַלס סימן, אַז די שכנטע זאָל אויך אויפֿהערן. זי איז פּלוצים געוואָרן ערנסט.

— מיר לאָכן אפֿשר צו הויך, האָט זי געפֿרעגט מיט איראָ־ניע. זיי האָבן אפֿשר נישט ליב, ווען יידן לאַכן צו הויך, ווען יידן זענען צופֿרידן; דאָס איז זיי אויך אַ ביין אין האַלדז, האַ? זיי זענען דאָך ביי זיך אין דער היים. אפֿשר האָבן זיי דעם מאָנאָפּאָל אויף לאַכן, האַ?

— איך זאָל זאָגן, איז די שכנטע געוואָרן ערנסט. אַ קשיא אויף אַ מעשה. ביי זיי קאָן גאָר זיין אַ סברה, אַז אויך לאַכן זאָל מען גיין קיין פּאַלעסטינע...

די שכנטע האָט זיך צוגעזעצט און זיך איינגעקוקט אין בעלאַן, וועלכע איז געלעגן מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים. זי האָט זי קיינ־מאָל נישט געזען אַ שמייכלדיקע. האָט זי אַ צופֿרידענע געקוקט אויף איר. זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט קוקן.

לט

די שכנטע האָט געקוקט אויף איר און געקוקט און גע־זען ווי די דעקלעך פֿאַרציען זיך מיט לייכטזעליקייט איבער אירע אויגן און ווי אַ גליק־חלום צעלייגט זיך מיט שמייכל־גריבלעך אי־בער איר פּנים. האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט און אויף די שפּיץ פֿינ־גער אַרויס פֿונעם צימערל. שלאָף גוטינקע נשמה — האָט זי גע־זאָגט צו זיך. זאָלן דיך ליכטיקע חלומות איינוויגן, טאָכטערשי.

פֿאַרוואָס זאָל זי נישט זיין צופֿרידן? אָט איז זי ווידער מיט דר. סאָלעק. זי און דר. סאָלעק. אַלע אויסגעהרגעט, אויסגעקוילעט ביי דער שפּיטאָל־וואַנט. נאָר ער איז געבליבן. ער און זי. זי און ער. ער און זי, זיין באַשערטע. זי טוליעט זיך צו אים. זיי פֿאָרן אינעם מיליטערישן אויטאָ פֿון קאָמענדאַנט. פֿון פֿאָרנט דער קאָ־מענדאַנט און זיין שאָפֿער. און דר. סאָלעק און זי — אויפֿן ווייכן געזעס, פֿון הינטן. ער דריקט זי פֿעסט צו זיך. זיי האָבן מורא זיך

צו קוקן אין די אויגן אַריין און אויסצודרייען צו זיך די פּנימער. אָבער אַלע זייערע אברים פרעגן שטום: וואָס איז דאָ געשען? פאַרוואָס נאָר זיי ביידע? פאַרוואָס דווקא זיי ביידע פון צווישן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל, פון גאַנצן שפּיטאָל, פאַרוואָס? זי וויל ענטפערן אויף דער דאָזיקער מאַטערנדיקער פראַגע, אָבער זי קאָן נישט עפענען דאָס מויל. אַלע אירע אברים ענטפערן: ווייל מיר זענען באַשערטע, ווייל עס איז באַשערט אַזוי... אָבער, ווער ווייסט וואָס וועט זיין ווייטער, ווער ווייסט? און וווהין פירט מען עס אונדז, וווהין? אין אונטערשיד וווהין, אַבי נאָר צוזאַמען, צוזאַמען. זי דריקט זיך צו אים פעסטער, פעסטער. זי וואָלט זיך וועלן צונויפ־פרעסן מיט אים, אַריינפרעסן אין אים. און זאָל זיין וואָס עס וויל. עס הוידעט זיך דער אויטאָ איבער די שטאָטישע גאַסן, וואָס קריכן אַרויס פון דער פאַרטאָגיקער שאַרעניש און די הייזער וואַרפן אַראָפּ פון זיך די סוף־נאַכטיקע סודותדיקייט. און זיי הוידען זיך מיט אַהין און אַהער, אַהין און אַהער, צונויפגעפלאָכטן, צונויפ־געוואַקסן ווי איין גוף. אָט איז די געטאָ־מויער. אפשר פירט מען זיי אין געטאָ? דר. סאַלעק וועט אַרבעטן אין געטאָ־רעוויר און זי וועט אים אַסיסטירן. זיין זיין געהילף. ווי ביז איצט, העלפן ביי אָפּעראַציעס. צוליב דעם האָט דאָך זיכער דער קאָמענדאַנט גע־הייסן מיטנעמען אינסטרומענטן, כירורגישע מכשירים. און אָט — סוף געטאָ־מויער. וווהין פאָרן זיי איצטער? וווהין פירט מען זיי? זאָל זיין וווהין עס זאָל נישט זיין; אַבי צוזאַמען. די אַלעען־גאַס קומט זיי אַנטקעגן מיט די געדיכטע קרוינען און שווער־באַבלע־טערטע צווייגן, וואָס דער ווינט צעפּאַכעט און צעפּלאָנטערט זיי אַנטקעגן מיט געמורמל, ווי זיי וואָלטן פרעגן: וואָס טוט איר דאָ אין דעם קאָמענדאַנטס אויטאָ, האַ? וואָס טוט איר דאָ, פאַרליבט ייִדיש פּאָרל, אינעם קאָמענדאַנטס אויטאָ, האַ? צוויי אויגן גלאָצן אַרויס פון אַ פענצטער און פרעגן דאָס זעלבע. אַ פּאַטראָל סאַלוטירט דעם פאַרבייפאָרנדיקן אָפענעם אויטאָ: הייל היטלער! און חידושן זיך. און דער קאָמענדאַנט שטרעקט אויס די האַנט צום סאַלוט: הייל היטלער! און ענטפערט נישט אויף זייער חידוש. זיי קוקן נאָך. זייערע פינגער פאַרקריכן אויטאָמאַטיש צום ציגנל פון זייערע ביקסן. זיי שיסן נישט: דער האָופּטמאַן ווייסט, וואָס ער טוט. זיינע טאַטן, אַזוי ווי זיינע באַפעלן, טאָרן נישט דיסקוטירט ווערן. הלמאי ער האָט אַ ייִדישע געליבטע. נו, וועט ער האָבן אַ ייִדישן

דאָקטאָר אויך, און אַ יידישע פלעגערין. אַז עס־עס אָפיציר איז תמיד געדעכט. און זיי גייען ווייטער מיט א שווערן טראָט זייער פּאַטראָל־מאַרש. אָט איז דער גאָרטן, דער פּרעכטיקער פּאַרק, די רעזידענץ פון קאָמענדאנט. דאָס טויער איז ברייט אויפגעפּראַלט. צוויי באַוואָפנטע זעלנער סאַלוטירן. זיי ציען אויס זייערע לופּעס צו די פרעמדע, וואָס זיצן פון הינטן. דער קאָמענדאנט גיט אַ סימן מיט דער האנט און די לופּעס הויבן זיך צוריק אויף. און אָט איז דער שטאַל. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. דער קאָמענדאנט שפּרינגט דער ערשטער אַראָפּ און גיט אַ סימן אַראָפּצוגיין. הייסט מיטנעמען די קעסטלעך מיט אינסטרומענטן. אהרן באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון שטאַל. זיינע אויגן זענען גרויס. זיי ווילן אַרויס פונעם קאָפּ. ער עפנט ברייט דאָס מויל און וויל עפּעס פרעגן, עפּעס זאָגן און זיין מויל בלייבט אָפן. דער קאָמענדאנט גיט אים אַ באַפעל אָוועקצוגעבן זיין צימערל און העלפן זיי איינאָרדענען זיך; ער אַליין זאָל זיך מאכן אַ געלעגער אין אַ ווינקל, ביי די פערד. און ווען דער אויטאָ ווערט נעלם צווישן דיביימער, צו דעם קאָמענדאנטס וויללע — פאַלן זיי זיך אין די אָרעמס: אהרן! בעלאַ! אהרן, מיין איינציקער ברודער! בעלאַ, מיין איינציקע שוועסטער! וואָס איז עס אַ חלום? אַ פאַרבלענדעניש? ניין, עס איז נישט מעגלעך. דאָס ביסט דו, אהרן? דאָס ביסטו דו, בעלאַ? און דאָס איז דר. שטי־לער, דער דר. סאַלעק? עס איז דאָך משוגע צו ווערן פאַר חידוש. עס איז דאָך פון זינען אַראָפּצוגיין פון פרייד! נישט אַנדערש ווי אַ נס. אין וועמענס זכות דער נס? אין וועמענס זכות אזא נס? „נישט אנדערש, ווי טאַטע־מאַמע זענען געלאָפן זיך מיען", — זאָגט אהרן, „נישט אַנדערש". „נישט אַנדערש, ווי אַ באַשערט־קייט" — כאַפּט זי אונטער. „מסתמא אינעם זכות פון דיין מאַ־מען. מסתמא איז דיין מאַמע געלאָפן זיך מיען פאַר אונדז; נישט אמת, שלוימעלע? נישט אמת?" זיי קוקן זיך אין די אויגן אַריין. אַנשטאָט אַ תשובה, עפנט דר. סאַלעק ברייט זיינע אָרעמס. מיט דעם רעכטן אָרעם נעמט ער אַרום זי און מיט דעם לינקן אהרנען, וואָס שטייט דערנעבן און ער קלאַמערט זיך אַרוםביידן און זיי־ערע קעפּ באַגעגענען זיך, זיין קאָפּ אינמיטן פון זייערע ביידע קעפּ. זיי קנוילן זיך צוזאַמען, קוועטשן זיך צונויף, ווי זיי וואָלטן געוועזן איין גוף, איין קאָפּ, איין האַרץ, איין צונויפגעגאָסענע סטאַ־טוע פון גליק.

מ

אהרן האָרכט נישט דעם קאָמענדאַנטס באַפעל און בלייבט מיט זיי. עס איז שוין נאכט. זי גיט אים אָנצוהערן, אַז ער זאָל גיין אין שטאָל אַריין, זיך אויסבעטן אינעם ווינקל, און ער זאָל זיי איבערלאָזן אַליין. זי וויל זיין נאָך גליקלעכער, נאָך גליקלעכער ווי ביז איצט, וויל זי. אָבער אהרן גייט נישט. ער זאָגט, אַז עס איז נישט איצט די צייט צום שלאָפן. ער זאָגט, אַז דאָס גליק איז צו גרויס, צו גרויס, און דעריבער האָט ער מורא. שטאַרק מורא. וואָס האָט ער מורא, אהרן, וואָס האָט ער מורא צו האָבן? זיי זע־נען צוזאַמען, דאָס איז די הויפּטזאַך. אַז דער קאָמענדאַנט האָט זיי אויסגעקליבן צווישן אַלעמען פון שפּיטאָל, איז אַ סימן, אַז ער וויל זיי נישט אומברענגען, אַז ער וויל, אַז זיי זאָלן בלייבן לעבן. נישט אַנדערש. ווייל ווען ער וויל זיי אומברענגען, האָט ער דאָך עס געקאָנט טון אָט ערשט, ביים שפּיטאָל־מויער. נישט אמת, דר. סאַלעק? דאָס איז אַ באַשערטקייט, אַזאַ, נישט אמת? פאַרוואָס שווייגט ער, דער דאָקטאָר, און ענטפערט נישט אויף איר פראַגע? צי איז ער מסכים, אָדער ער וויל נישט צעשטערן איר זיכערקייט, וויל נישט צעשטערן דאָס גליק, וואָס דויערט שוין אַ גאַנצן טאָג, פון פאַרטאָגס ביז שפּעט אין אָוונט. פאַרוואָס איז ער ווייטער אַזאַ פאַרבאָרגענער? און פאַרוואָס ווייסט זי נאָך אַלץ נישט צי טיילט ער אינגאַנצן איר גליק און אירע האָפענונגען און צי טיילט ער גאָר די מורא פון אהרנען. זי איז זיכער, אַז ער וועט עס איר זאָגן ביינאַכט, ווען זיי וועלן זיין צוזאַמען. און דאָ — וויל אהרן נישט גיין צו זיין געלעגער אינעם שטאָל. און פאַרוואָס איז אהרן אַזוי אומגעדולדיק, לויפט אַריין און אַרויס, ווערט נעלם און קומט צו־ריק, און די אויגן זענען ביי אים אַזוי מאָוימדיק גרויס און אַזאַ פּחד ליגט אויף יעדן ברעקל פון זיין איינגעדאַרט פּנים? פאַרוואָס איז ער אַזאַ אכזר און ער לאָזט זיי נישט געניסן פון גליק? און

אָט קומט ער ווידער אריין, לעשט אויס דאָס לעמפּל און זעצט זיך אוועק אויפֿן שטול קעגנאיבער בעטל, ווו זיי זיצן. ער נעמט זיי אַרום ביי די קעפּ, האלט זיין קאָפּ אינדערמיט און רעדט צו זיי סודותדיק, בלחשדיק, אַז די אַרומיקע פינצטערקייט זאָל נישט דערהערן. און רעדט שנעל. שנעל. ער רעדט שנעל, ווייל ער האָט אַ סך צו דערציילן, זייער אַ סך. און ער מוז אלץ דערציילן פאַר מיטנאַכט, איידער עס טוישט זיך די וואך. פאַרוואָס אַזוי? ווייל, ווען עס טוישט זיך די וואַך פאַרן טויער, איז די בעסטע געלעגנהייט, איז די בעסטע צייט צו... אַנטלויפן. צו וואָס? צו אַנטלויפן. צו אַנטלויפן גאָר? יאָ, זיך צו ראַטעווען. צו ראַטעווען גאָר? מיר זענען דאָך געראַטעוועט. זי שטופּט אָפּ זיין קאָפּ. זי וויל נישט הערן וואָס ער זאָגט. זי שטעלט צו איר קאָפּ צו דעם דאָקטאָרס. אָבער דער דאָקטאָר שטופּט אָפּ איר קאָפּ און הייסט אהרנען ווייטער דערציילן. און אהרן דערציילט ווייטער, גיך, גאָר גיך, מיט האַלבע ווערטער, ווי ער וואָלט מורא האָבן אַרויסצוברענגען זיי איבערן מויל, אַז עמיץ זאָל נישט אונטערהערן, אָדער אַז עס זאָל גיין שנעלער. זיין קאָפּ איז ווידער צווישן זייערביידנס קעפּ. אַ שטורמישע זיצונג ביים קאָמענדאַנט. געקומען צוויי הויכע עס־עס באַאַמטע פון בערלין, גאָר הויכע. דער קאָמענדאנט האָט איינעם כסדר גערופן שטורמבאַנפירער: „יאַ, הער שטורמבאַנפירער". „יאַוואָל, הער שטורמבאַנפירער". זיי זענען געקומען ספּעציעל פון בערלין מיט אַ באַפעל, ער זאָל זיך באַפרייען פון זיין יידישקע. מען ווייסט דערוועגן אין בערלין. גאָרנישט איז פאַר זיי פאַרהוילן. זיי האָבן אים געשטעלט אַן אולטימאַטום. עס דאַרף פאַסירן אין 48 שעה. אויב נישט, ווערט ער געשיקט אויפן רוסישן פראָנט, אויף דער ערשטער ליניע. טאָשקע האָט עס אים אַלץ צומאָרגנס דערציילט. זי איז געווען אין בוידעם־צימערל, איבער דעם זיצונגס־זאַל, און געהערט אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס זענען דערגאַנגען צו איר דורכן אָפּענעם פענצטער. זיי זענען געזעסן אינעם קאָמענדאנטס ביוראָ און גענומען צו גלעזלעך, געזשליאָקעט פראַנצויזישן קאָניאַק און שאַמפּאַניער. און זייערע שיכורע קולות זענען צו איר דערגאַנגען. אין זייערע שיכורע קולות האָט זיך איבערחזרט מיט אַ הויכן אָפּקלאַנג דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן פריער גערעדט אין דער שטיל. און ווען זיינע הויכע געסט זענען אַוועקגעפאָרן, איז דער קאָמענדאַנט אַריין מיט זיינע וואַקלדיקע טריט צו איר אין צימער מיט זיין

רעוואָלווער אין האַנט און אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל אין דער הויך. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן די לאָמפּ און אויסגעצויגן דעם רעוואָלווער צו איר. אָבער ער האָט נישט געשאָסן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן אויפן בעט אַרויף. זי האָט אים גע־נומען אַראָפּציען די הויכע שטיוול, געוואָלט אים אויסטון. אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזן. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן אין בעט אַריין, און גענומען וויינען. גענומען וויינען ווי אַ קינד און פון צייט צו צייט אויפשפּרינגען מיט אַ געשריי: „איך האָב דיך ליב, טאָשקע, מיין יידישע געליבטע, דאָנער וועטער. פּאַרוואָס ביסטו אַ פאַרשאָלטענע יידישקע, פּאַרוואָס?! איך האָב דיך ליב ביזן טויט, צום טייוול". און ווידער גענומען וויינען. און ווידער אויפגעשפּרונ־גען: „אָבער איך וועל דיך מוזן דערשיסן ווי אַ הונט, ווי אַ הונט. זיי ווילן אַזוי. אַ באַפעל!". דערנאָך האָט ער אַרומגענומען איר בויך, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ, און אַריינגעוויינט אין אים, אַריינגע־רעדט אין אים: „און איך האָב ליב די פרוכט פון דער פאַר־באָטענער ליבע, וואָס דו טראָגסט אין בויך. מיין גרעטע האָט נישט געקענט באַוויזן, דאָס וואָס דו קענסט, פאַרשאָלטענע יידיש־קע. נאָך צען יאָר צוזאַמענוווינען מיט איר, איז זי געבליבן פרוכט־לאָז, און דו — נאָך עטלעכע חדשים, טראָגסט שוין מיין פרוכט אונטער דיין יידיש האַרץ. איך האָב דיך ליב און האָב ליב דאָס קאָמענדאַנטסקע קינד אין דיין בויך. איך האָב דיך ליב ביז טויט. און האָב ליב דאָס קאָמענדאַנטסקע קינד ביז טויט". און אַזוי איז ער איינגעשלאָפן אויף איר בויך אין אַ טייך פון אייגענע טרערן. צומאָרגנס האָט זיך טאָשקע פאַרגנבעט צו אים אין שטאַל, צו אהרנען, און אים אַלץ דערציילט. און זי האָט צוגעגעבן, אַז זי האָט פון אים פאַרטאָגס אַרויסבאַקומען נאָך סודות, דהיינו: אַזוי ווי מען וואַרפט אים פאָר, אַז ער איז צו מילד, אַז ער האָט זיך געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ דורך דער יידישקע, האָט ער באַ־שלאָסן צו באַווייזן, אַז דאָס איז נישט אמת און באַשטעלט לאַסט־אויטאָס אויף צו ליקווידירן דעם שפּיטאָל. און ער איז עס טאַקע דעם זעלבן טאָג געקומען אין שפּיטאָל וואַרענען. און אַ ראיה — די אַקציע, וואָס איז היינט פאַרטאָג פאַרגעקומען. און אָט דערנעב־טערט זיך דער סוף פון אולטימאַטום. היינט, צוועלף ביינאַכט, פליסט אָפּ די אכט און פערציקסטע שעה. אָט איז געבליבן נישט מער ווי אַ דריי שעה צו די אכט און פערציק. די דייטשן זענען

פינקטלעך. אכט און פערציק איז — אַכט און פערציק. אין דריי שעה אַרום וועט ער זי דערשיסן. האָט ער זיך אָפּגערעדט מיט איר, אַז ווי נאָר עס וועט ווערן שטארק פינצטער, וועט זי זיך אַרויס־גנבֿענען פֿון דער וויללע, צו אים אַהער און זיי וועלן ביידע אַנט־לויפֿן. ער האָט אויסגעגראָבן אַ פֿאַרבאָרגענעם טונעל, וואָס פֿירט פֿונעם שטאַל, ביז אַרויסצו, אונטער דער פֿאַרק־מויער, אויף יענער זייט גאַס אַריבער. ער בויט אים שוין זייט צוויי חדשים, צו קאָנען אַנטלויפֿן, ווען די סכנה וועט זיך דערנענטערן. ער האָט שוין פֿון לאַנג געקאָנט אַנטרינען, זיך ראַטעווען. אָבער ער האָט נאָך גע־וואַרט. געוואָלט העלפֿן יידן, אַרויסטראָגן נייעס וועגן גזירות, וואָס גרייטן זיך, סודות וואָס טאָשקע האָט אים אין געהיים צוגעטראָגן. ער האָט געטראַכט צו אַנטרינען מיט טאָשקען. אָבער זי האָט כּסדר אָפּגעשלעפּט. זי האָט מורא געהאַט, אַז אויב זי אַנטלויפֿט, וועט דער קאָמענדאַנט זיך נוקם זיין אין אירע טאַטע־מאַמע, וואָס אין איר זכות האָבן זיי אויסגעמיטן די גרויסע אַקציע, און די אַקציע אויף די אַלטע לייט. און ערשט מיט אַ וואָך צוריק, ווען דער קאָמענ־דאַנט האָט זיך געריכט אויף די הויכע געסט פֿון בערלין, און ליק־ווידירט אַ העלפֿט פֿונעם קליינעם געטאָ, בכדי צו קאָנען זיך באַ־ווייזן פֿאַר זיינע געסט מיט זיין יידן־שׂנאה, און דערונטער פֿאַר־שיקט אויך אירע עלטערן — האָט זי באַשלאָסן צו אַנטרינען צוזאמען מיט אים, אהרנען. זי האָט נאָך געוואָלט אָפּוואַרטן דעם באַזוך פֿון די הויכע געסט פֿון בערלין, בכדי אַרויסצובאַקומען נייע סודות און קאָנען וואָרענען די יידן אין געטאָ. און אָט איז די צייט צו אַנטרינען. נישטאָ מער קיין רגע צו פֿאַרלירן. אָט קומט זי באַלד אָן. שאַ, שטיל. לאָמיר הערן. עס דאכט זיך, אַז עס דערנענ־טערן זיך אירע באַרוועסע טריט. זיי וועלן אַנטרינען זאַלבעפֿערט. דער אויסגעגראָבענער דורכגאַנג פֿירט יענזייט וועג, ווו עס וואַקסן קליינע קוסטעס, און דערנאָך הויכע גראָזן און געדיכט ווילדגעוויקס, וואָס ציען זיך ביז צום טייך. און דאָרטן, לאַנגאויס דעם ברעג, ציט זיך אויף איבער אַ קילאָמעטער אַ הויכער אָנ־שיט פֿון זאמד און פֿון שטיינער, און אויף איין אָרט, נעבן אַן אויס־געקרומטן אַלטן סאָסנע־בוים, איז דער אָנשיט אַ סך נידעריקער. אָט דאָרטן, אינעם שאָטן פֿון בוים, איז דאָס בעסטע אָרט אַריבער־צוקריכן אין וואַסער אַריין און אַריבערצושווימען אויף יענעם ברעג. ער וועט גיין פֿאָראויס. ער קען גוט דעם וועג. ער האָט

אים אויסשפּיאָנירט, פּירנדיק די פּערד פּאַשען אויף דער דערביי־
איקער לאָנקע. און ווען זיי וועלן זיין אויף יענער זייט טייך, וועלן
זיי זיין געראַטעוועט. זיי וועלן גיין אין דער ריכטונג פון זייער
מיל און דערנאָך אין וואלד אַריין, אין וואַלד אַריין. שאַ. שטיל.
צי הערט מען נישט אירע באָרוועסע טריט? ער וועט גיין פריער.
זיי וועלן אים נאָכגיין איינצלווייז. עס זאָל נישט זיין אויפפאַלנדיק.
דער טרעף־פּונקט איז דער סאָסנע־בוים,ביים טייך. לאָמיר אַראָפּ־
נעמען די שיך. באָרוועס. שאַ. שטיל. צי הערט זיך נישט דער
שאָרך פון אירע טריט. ש־ש־אַ, ש־אַ־אַ.

מא

אָט, דאַכט זיך — זי קומט אָן. שאַ. שטיל. זי קומט. לאָ־
מיר אויפהאַלטן דעם אָטעם. אָבער פאַרוואָס זענען אירע טריט
נישט קיין שטילע? פאַרוואָס גייט זי מיט אַזעלכע הויכע טריט?
מיט געמאָסטענע און פעסטע טריט ווי אַ מאַן, גאָרנישט ווי פלינ־
קע פרויען־טריטעלעך, וואָס פאַרגנבענען זיך אין געהיים? און
וואָס קלאַפּט מען עס פּלוצים ביי זיי אין טיר? ווער קלאַפּט עס
פּלוצים און אַזוי צודרינגלעך אינעם לאָדן? ניין, עס איז נישט
זי, טאָשקע. ניין. דאָס איז ער, דער קאָמענדאַנט. ער שמייכלט
צו זיי. ער זעט די שרעק אין זייערע אויגן און ער איז העפלעך. „האָט
נישט קיין שרעק. קיין אַנגסט ניכט. איך האָב אייך געלאָזט לעבן,
ווייל איך וויל, אַז איר זאָלט לעבן. ווען איך וויל אייך טון שלעכטס,
האָב איך דאָך אייך געקאָנט טויטן היינט פאַרטאָגס. קיינע אַנגסט.
איך דאַרף אַ דאָקטאָר און פלעגערין אין געטאָ. וועט איר מאָרגן
פרי ווערן אָפּגעפירט אין געטאָ־רעוויר. דו, שטילער, וועסט זיין
פאַראַנטוואָרטלעך, דירעקט צו מיר, אַז עס זאָל נישט אויסברעכן

קיין עפּידעמיע אין געטאָ, און אויב יאָ — זאָל זי זיך נישט פאַר־שפּרייטן אויסערן געטאָ. דו וועסט זיין פערזענלעך פאַראַנטוואָרט־לעך דערפאַר. איך נאָמיניר דיך אַלס שעף פון סאַניטאַר־דינסט אין געטאָ. און די פרויליין — אַלס שעף פון די פלעגערינס. און אום צו פייערן אייער נאָמינאַציע אויף די דאָזיקע פאַראַנטוואָרט־לעכע פּאָסטנס, זייט איר איצטער איינגעלאַדן צו מיר, אין ביוראָ. מיר וועלן נעמען צו גלעזלעך, און צובייסעכץ, וואָס די טאָשקע האָט ספּעציעל צוגעגרייט פאַר אייערטוועגן. נו, קומט, איך בעט אייך". זיי קוקן איינער אויפן צווייטן און ווייסן נישט וואָס דאָס אַלץ באַדייט. זיי ווייסן נישט וואָס צו טון. אהרן קוקט אויף זיי שטרענג און דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. דער קאָמענדאַנט באַ־מערקט עס. ער לייגט ארויף איין האנט אויף דער רעוואָלווער־שייד און גיט אים אַ וויַז באַפּעלעריש מיט דער צווייטער האנט, אַז ער זאָל גיין אין שטאַל אַריין, צו די פערד, און זאָל זיי לאָזן אַליין. אהרן וואַקלט זיך. ביילט די פויסטן. גייט אַרויס. און זיי גייען נאָך דעם קאָמענדאַנט. און ווען זיי זענען שוין אויפן שוועל, קערט ער זיך אום: „יאָ, פאַרגעסן. נעמט מיט די כירורגישע אינ־סטרומענטן אייערע, פּרויען־אינסטרומענטן. טאָשקע פילט זיך נישט מיט אלעמען. זי נויטיקט זיך אין אַ קליינע אָפּעראַציע. קומט שנעל, ווייל זי קאָן, חלילה, אָפּגיין מיט בלוט. לאָמיר גיין!". ער העלפט טראָגן אַ פּעקל און זיי גייען גיך. און אָט זענען זיי ביי אים אין ביוראָ. דער טיש איז געגרייט. וויין־פלאַשן. קוכנס. גלעזלעך. און ווו איז טאָשקע? ד"ר סאַלעק איז אומגעדולדיק. זאָגט אָפּ אַ טרונק, וואָס דער קאָמענדאַנט דערלאַנגט אים, און נעמט פונאַנדערוויקלען די אינסטרומענטן. אויך זי זאָגט אָפּ און העלפט דעם דאָקטאָר ביי די אינסטרומענטן. „ווו איז די קראַנקע, ווו?". „זי איז אין דערנעבנדיקן צימער. זי שלאָפט. זי קאָן נאָך וואַרטן". דער קאָמענדאַנט טרינקט אויס אַן אָנגעפולט גלעזל, ביזן דנאָ. גיסט זיך איין אַ צווייטעס און שלעפּט אַרויס זיין פינקלדיקן רעוואָלווער: „און איצט זעצט זיך אַוועק אין די פאָטעלן. איך באַ־פעל!". און ער רעדט באַפּעלעריש. „דאָס, וואָס איר גייט איצט טון איז אַ סוד, אַ דינסטלעכע געהיימעניש. קיינער טאָר נישט וויסן דערוועגן. אַפילו נישט די נאָענטסטע דינסט־מענטשן. קיי־נער און קיינמאָל נישט". דר. סאַלעק זעצט זיך אַוועק און פאַר־לירט זיך נישט: „אַ דאָקטאָר איז דאָך תמיד געבונדן מיטן פראָ־

פּעסיאַנעלן סוד. און אייער באַמערקונג, הער קאָמענדאַנט, איז איבעריק. עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך". דער קאָמענ־דאַנט גיט אַ פּעסטן זופּ פון אַ פּריש־אַנגעגאָסן גלעזל: „עס איז נישט סתם אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד, דאָק־טאָר שטי־לער" — נעמט זיך זיין צונג וויקלען אין זיין מויל. „עס גייט צו פּאַרווישן דאָס גרעסטע פאַרברעכן, וואָס אַ ריין־ראַסיקער אַריער קאָן אין זיין לעבן באַגיין, דאָס פאַרברעכן פון ראַסן־שאַנדע. ריין־ראַסיקער זאָמען, אינעם בויך פון אַ זאַו־יודין. אַן אַרישע איידל־פּלאַנץ אי־נעם דרעק־באָדן פונעם נידעריקסטן מין. ווו איז געווען מיין קאָפּ, ווו?". ביי די ווערטער, כאַפּט ער זיך אָן ביים קאָפּ, ליידיקט אויס דאָס גלעזל ביזן באָדעם און פאַרגייט זיך אין אַ געוויין: „ווו איז געווען מיין אַרישער קאָפּ, ווו? זי האָט מיך פאַרכישופט מיט איר שיינקייט, מיט איר רייץ, די טייוולטע. אָבער ווו איז געווען מיין קאָפּ?". און ער נעמט קלאַפּן מיט אַ פויסט אין זיין קאָפּ: „דו, נאַרישער קאָפּ, דו, דו, ראַסן־פאַרברעכער. ניין, איך וועל נישט גיין אויפן אָסט־פראָנט. איך וויל נישט. און אַ ריין־ראַסיקער שפּראָץ וועט נישט פאַרבלייבן אינעם בויך פון אַ זאַו־יודין, ניין, אַפילו טויטערהייט נישט!". ער קלאַפּט מיטן רעוואָלווער־הענטל אין זיין קאָפּ. ער שטעלט זיך אויף. זיינע פיס וואַקלען זיך. זיין צונג פּלאָנטערט זיך. זיין רעוואָלווער ציטערט אין זיין אויסגע־שטרעקטער האַנט. „און איצט צו דער ארבעט! צו דער אַרבעט. אויסקראַצן! אויסקראַצן ביזן לעצטן ברעקל, ביזן לעצטן טראָפּן. אויסרייניקן, אַז עס זאָל נישט בלייבן אין איר קיין זכר פון אַרישן זאָמען, פון אַרישער פּלאַנץ, די מינדסטע אַרישע שפּור נישט. טאַ־טאַל אויסקראַצן! טאָ־טאַל. איך מאַך דיך פאַראַנטוואָרטלעך דער־פאַר, דאָק־טאָר שטי־לער, הערסט? טאַ־טאַל, טאַ־טאַ־אַ־ל!". זיי זע־נען אינעם שכנותדיקן צימער. טאָשקע ליגט אויף אַ סאָפע. נאַ־קעט. שטאַר. די פיס פונאַנדערגעשפּרייט. די אויגן־לעדלעך פאַר־מאַכט. פון איר קערפּער, פאַרצויגן ווי מיט אַ דינער בלאָ־גע־קעסטלטער נעץ, יאָגט אַ קעלט. דער קאָמענדאַנט שטייט ביי דער שוועל מיטן רעוואָלווער אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט: „איר דאַרפט זי נישט איינשלעפערן. פאַרשפּאָרט אייך אַרבעט. זי איינ־געשלעפערט מיט וועראָנאַל. זי וועט זיך נישט איבערוועקן בעת דער אָפּעראַציע. אָה, ניין. זי שלאָפט גוט. כאַ־כאַ־כאַ. נו, צו דער אַרבעט, גיכער! אויסקראַצן, אויסקראַצן ביז צום לעצטן אַרישן

שפּור אין איר. טאַ־טאַ־אַ־ל־ל!״. דר. סאַלעק שטייט מיטן רוקן צום קאָמענדאַנט. זיינע הענט ציטערן. זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט. ער ביילט די פויסטן. ער נעמט פון ניקלנעם קעסטל אַ לאַנגע שער. שטייט. זיינע פינגער פאַרקרעמפּן זיך אַרום אינסטרומענט. יעדער מוסקל פון זיין פּנים צוקט נערוועאיש. אינדעם גיט ער זיך אַ דריי אויס. עס גיט אַ פינקל אין דער לופט די לאַנגע שער. זי טרעפט זיך צונויף מיט דער האַנט, וואָס האַלט דעם רעוואָל־ווער. עס פאַלט די שער מיט אַ שאַרפן קלונג. עס פאַלט דער רע־וואָלווער מיט א טויבן זעץ. דר. סאַלעק און דער קאָמענדאַנט ליגן אויפן דיל. זייערע הענט זוכן דעם רעוואָלווער. זייערע הענט באַגעגענען זיך. שטופן זיך אָפּ. אירע פיס וואַקלען זיך. איר דאכט זיך, אַז זי פאַלט. אַט פאַלט זי צו צום רעוואָלווער. זי האָט אים. ניין. עס איז די האַנט פון קאָמענדאַנט. און אַט — אהרן, אהרן. „אהרן, לאָז נישט. נעם אים צו דעם רעוואָלווער. ער גייט שיסן. אהרן!״. אינדעם אַ שאָס. אַ קרעכץ. א קרעכץ פון דר. סאַלעקס קעל. „אוי, געוואַלד. דר. סאַלעק. דר. סאַלעק! ניין, נישט מעגלעך. ניין!״. אהרן וואַרפט זיך אויפן קאָמענדאַנט. כאַפּט אים אָן ביי זיין דיקן גאַרגל. דער דייטש לאָזט אַרויס דעם רעוואָל־ווער פון דער האַנט. ער כאַרכלט צווישן אהרנס לאַנגע פינגער. אַ שוים באַוויזט זיך אויף זיינע בלאָע ליפּן, א רויטקייט אין די אויגן. ער לאָזט אַרויס דעם לעצטן כאַרכל. אהרן גיט אים אַ וואַרף אויפן דיל און כאַפּט דעם רעוואָלווער. ער שלעפּט זי אראָפּ פון דר. סאַלעקס קערפּער און ציט זי צום אַרויסגאנג: „קום, גיכער! איידער די וואַך וועט אָנקומען, אַלאַרמירט דורך אַ שאָס, וואָס איז דאָ געהערט געוואָרן. שוין. די רגע!״. „אָבער דר. סאַלעק, דר. סאַ־לעק. איך וויל בלייבן מיט אים, מיט אים. איך גיי נישט. אפשר קאָן מען אים נאָך ראַטעווען?״. „אַז אַפילו? ווי וועלן מיר זיך שלעפּן מיט א שווער־פאַרוואונדעטן אינעם שמאָלן דורכגאנג; מען וועט אונדז אַלע כאַפּן. קום!״. „ניין, איך וועל אים שלעפּן, איך וועל אים שלעפּן; איך וויל אים שלעפּן אַ טויטן אַפילו, מיט מיר. אומעטום, ווו איך וועל גיין!״. „קום, נישטאָ קיין רגע מער צו פאַרלירן. אָט, לויפט שוין אָן די וואַך. לאָמיר אַרויס מיט דער הינטער־טיר. קום, איך וועל דיך פירן. גיי מיר נאָך, צום שטאַל. קום!״. „אָבער דר. סאַלעק, שלוימעלע, שלוימעלע. איך וויל נישט איך וויל אים שלעפּן, מיטשלעפּן. שלוי־מע־לע. שלוי־מע־לע!״.

מב

די געשרייען אירע האָבן זי איבערגעוועקט פונעם טיפן דרימל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אינעם בעט און צוגעשטעלט אַ האַנט צום מויל, אַז מען זאָל נישט הערן אירע געשרייען. אָבער פרוי גרינטוך האָט זיי דערהערט. זי האָט געהאַלטן אין צוגרייטן דאָס מיטאָג. האָט זי אַלץ געלאָזט שטיין און געקומען צו לויפן.

— ווי איז מיר נישט, בעלקע טייערע. האָסט יסורים?

— ניין, האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ און צוגעהאלטן דאָס מויל מיט דער האַנט.

— האָסט דאָך געשריגן.

— געחלומט, אַנטדרימלט געוואָרן. קאָשמאַרן פון דאָרטן...

— כ'וויל שוין בעסער אַזוי, מיין טייערע.

די שכנטע האָט זיך צוגעזעצט אויפן טאַבורעטל און צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו איר פּנים.

בעלאַ איז געלעגן און אָפּגעשטופּט מיט ביידע הענט דער שכנטעס קאָפּ. אירע אויגן־לעדלעך זענען געווען שווער און זיך נישט געוואָלט האַלטן אין דער הויך. די שכנטע האָט געזען, אַז דאָס מיידל וויל וויטער שלאָפן. האָט זי זיך אויפגעשטעלט.

— נו, גוט. שלאָף נאָך אַ ביסל. איך וועל דערווייל ענדיקן דאָס מיטאָג און צוגרייטן אויך עפּעס פאַר דיר. שלאָף, מיין טייערינקע. אָבער זאָלסט נישט שרייען. געדענק, זאָלסט נישט שרייען. איך האָב שוין גענוג זייערע געוואַלדן, די לאַכטיקע לאָקאַטאָרנס מיינע... יאָ, וואָס ברענג איך דיר צו עסן? הא? זאָג מיר וואָס ווילט זיך דיר? יאָ, אפשר אַנאַנאַס? דאָס דאַרף זיין גוט פאַר אַ קראַנקער. ווען מיין חיים איז געווען שלאָף, האָט ער געהאַלטן נאָר פון איין זאַך, פון אַנאַנאַס. וואָס מיר מעדיצינען, וואָס מיר קאָמפּאָט, וואָס מיר הידל־גריץ? איטקע־לעבן, גיי און קויף מיר אַנאַנאַס! באַנקעס און אַנאַנאַס... אָט גיי איך קויפן אַ פּושקע אַנאַנאַס. אָבער זאָלסט נישט שרייען, הערסט, איך בעט דיך...

די שכנטע האָט זיך געוואָנדן צו דער טיר הינטערוויילעכץ, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פֿון דעם מיידל, וואָס איז געלעגן רואיק, ווי בעת אַ טיפֿן דרימל. און שטייענדיק אַ רגע אין דער אָפֿענער טיר, האָט זי צוגעגעבן מיט אַ געבעט: — הערסט, זאָלסט נישט שרייען. איך בעט דיך. יאָ, זיי האָבן באַשלאָסן צו זאַמלען אונטערשריפֿטן ביי די לאָקאַטאָרן און צושטעלן אַ פּעטיציע אין קאָמיסאַריאַט, אַז מען זאָל זיי אַרויסטרייבן פֿון הויז, ווייל זיי שטערן די רו... הערסט, זאָלסט נישט שרייען. וואָס וועל איך טון, אַז אויך קעגן דיר וועלן זיי נעמען זאַמלען אונטערשריפֿטן?...

בעלאַ האָט זיך געמאַכט שלאָפֿן. זי האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין אַ שמועס מיט דער שכנטע. זי האָט אַלץ געהערט, וואָס זי זאָגט, אָבער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי שלאָפֿט. ווען די שכנטע איז אַוועק, האָט זי אויפֿגעריסן די אויגן. זי האָט נישט געוואָלט מער שלאָפֿן. זי האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט קומען איר צו חלום דאָס אַלץ, וואָס איז געשען מיט איר שפּעטער, מיט איר און מיט אהרנען. זי האָט זיך געשראָקן נאָכאַמאָל איבערצולעבן דאָס אַלץ. זי האָט עס שוין געננוג אויף היינט. זי ווייסט עס נישט אויסהאַלטן. איר קאָפּ איז צעוויטיקט אַן דעם אויך. זי וועט פֿון זינען אַראָפּ. שוין בעסער ליגן מיט אָפֿענע אויגן און נישט צולאָזן צו זיך די אויסטערלישע בילדער, וואָס צעשפּאַרן איר מוח און הייבן אונטער דעם קאָפּ־שיידל. זי האָט מורא איבערצולעבן נאָכאַמאָל דעם לויף צום שטאָל אונטער די שיסערייען פֿון דער וואַך און פּאַטראָל, דאָס קריכן אינעם אויסגעגראָבענעם דורכגאַנג, דאָס פּויזען אויפֿן בויך, ווי אַ שלאַנג, צום טייך צו, צום בוים. זי וויל נישט אריבער דעם טייך. זי וויל צוריק צו אים, צו דר. סאָלעק. זי וויל צוריקגיין און אים ברענגען צו שלעפּן, מיטשלעפּן מיט זיך. אהרן שלעפּט זי, רייסט זי מיט. ניין, ניין. „שלוי־מע־לע! שלוי־מע־לע, צי הערסטו נישט דעם רוף פֿון יענער וועלט?". אהרן נעמט זי אויף זיינע ביינערדיקע פּלייצעס און שווימט מיט איר, שווימט אַריבער אויף יענעם ברעג. און וואָס ווייטער? אהרן שלעפּט זי אויף זיינע פּלייצעס. זי רייסט זיך אַראָפּ. „ניין, ניין; בלייב. עס איז וואָרעמער אַזוי". עס בילט אַ הונט. אהרן פֿאַלט אַנידער צווישן גראָז. אַ דאָרף אין דער נאָענט? און אפֿשר נישט אַ הונט? אפֿשר שרייט אַזוי שלוימעלע? ער שרייט: „פֿאַרוואָס האָט איר מיך געלאָזן אַליין? פֿאַרוואָס

האָט איר מיך געלאָזן נעבן מיין מערדער? פאַרוואָס האָסטו מיך נישט מיטגענומען, בעלאַ, פאַרוואָס?״. זי רייסט זיך אַראָפּ פון זיין רוקן. ער לאָזט נישט. „בלייב ליגן. עס איז מיר וואַרעמער אַזוי״. „אָבער מיין רוקן איז דאָך קאַלט. עס יאָגט אַ קעלט און אַ ווינט. לאָז מיך אַראָפּ! פאַרוואָס שטראָפט מען מיך צו זיין די לעצטע?״. „ווייל דו ביסט די שענסטע צווישן אַלע העפטלינגען, ווייל איך וויל דו זאָלסט קראַפירן פון קעלט״. ווער שרייט עס אַזוי צו איר, ווער? אַ יאָ: דאָס איז די געלע דאָקטאָרשע, די העסלעכע אַלטע מויד, וואָס מען האָט נישט אַנדערש גערופן ווי „העקסע״. זי מאַכט די סעלעקציע. פון צוויי טויזנט פרויען קלייבט זי אויס 50 צו דער אַרבעט. זי גייט מיט דער רוט אין האַנט און פון צייט צו צייט גיט זי אַ ווייז: „רעכטס, רעכטס, רעכטס!״. די איבעריקע גייען אוועק: די 50 בלייבן. „קליידער אויסציען, אויסציען!״. מיר ציען אַראָפּ די קליידער. „וועקזעצן זיך. שנעל, שנעל. יידישע דרעק־שייסע!״. עס איז נאַכט. עס פאַלט אַ רעגן. די באַן קיין הארבורג, צו דער אַרבעט, וועט ערשט קומען פאַרטאָג. „די פיס פונאַנדערשפרייטן, פונאַנדערפענען. זיך אריינזעצן איינע אין די צעשפרייטע פיס פון דער אַנדערער. וועט אייך זיין וואַרעמער. צונויפקוועטשן זיך, פאַרנט צו רוקן. וועט זיין וואַרעמער!״. עס איז שטאָק פינצטער. עס שלאָגט אַ רעגן ווי מיט בייטשן. „דו, דו — לייכט די דאָקטאָרשע מיט אַ לעמפל אין פנים — אַרויס פון דער ריי. קאָם אַן די ענדע, ענדע!״. „פאַרוואָס קומט מיר צו זיצן צום סוף, מיט אַן אָפּגעדעקטער פלייצע, מיטן רעגן אויפן רוקן, פאַרוואָס?״. „ווייל דו ביסט די שענסטע. ווייל די „העקסע״ וויל אַזוי. כאַ, כאַ, כאַ״. איך גיי צום סוף. איך וויל נישט צעשפרייטן די פיס. איך וויל נישט. ניין, איך וויל נישט ליגן אַזוי ווי טאַשקע, אַזוי ווי טאַשקע, ווי דאָרטן; ניין, אהרן, איך וויל נישט... אהרן ציט זי אַריבער פון פאָרנט, פאַר זיך און לויפט ווייטער, דריקט זי צו פעסט צום האַרצן. אָט איז דער וואַלד. „אַ לויב צו גאָט״ — זאָגט אהרן, און לייגט זי אוועק אויף דער מאַכיקער ערד. „נו, מיר זענען געראַטעוועט. אַ שבח צו גאָט״. זיי דריקן זיך צו פעסט איינער צום צווייטן. „מען וועט כאַפּן אַ דרימל״, זאָגט אהרן — „און דערנאָך וועט מען ווייטער גיין. אַזוי, אַז פאַרטאָגס זאָל מען אָנקומען צום גאַיאָווע. אָדער אפשר גיין צו די דזשיענציאלס, צו סטעפאַנען, הא? וואָס טראַכסטו, בעלאַ?

אפשר בעסער צו סטעפאַנען? האַ, ער איז דאָך אַזאַ גוטער. ער וועט דאָך אונדז אויפנעמען כאָטש אַ קורצע ווייל. געבן אַן עצה. ער איז דאָך אַזאַ גוטער תמיד געווען צו דיר, האַ? וואָס טראַכסטו, בעלאַ?". „יאָ, סטעפאַן, סטעפאַן. לאָמיר שוין גיין, שוין!". „ניין, פריער זיך אָפּרוען. נישטאָ מער קיין כוחות!". „ניין, איך וויל שוין גיין. שוין. צו סטעפאַנען. ער וועט געבן אַ קלייד אַזוי ווי דעמאָלט, ווי דעמאָלט. געדענקסט, אהרן? און וועט געבן אַ טעפּל וואַרעמס. און וועט געבן האָניק, צוזאַמען מיטן וואַקס, און אַ קעזל, און פרישע אייער. געדענקסט דעמאָלט, ווען מאַניעלע איז קראַנק געווען? ער איז אַזאַ גוטער. קום, לאָמיר גיין, לאָמיר לויפן, צו אים, צו סטעפאַנען, צו סטעפאַנען!".

מג

אַ ייענדיק מיט די טרעפּן, מיט אַ טאַץ אָנגעשטעלט מיט עסנוואַרג, האָט די שכנטע געהערט בעלאַס קרעכצן און געשרייען. וואָס אַן אמת, איז איר קול דאָסמאָל געווען אַ שטילערס, אָבער מען האָט עס דאָך גענוי געקאָנט דערהערן. זעט זיך אויס, האָט זי געטראַכט, אַז בעלאַ האָט זיך איבערגענומען מיט איר בקשה.

ווען זי האָט געעפנט ברייט די טיר, צו קענען אַריינגיין צו־זאַמען מיט דער טאַץ, האָבן די זאַוויאַסעס אַ גרילצנדיקן סקריפּ געטאָן און בעלאַ האָט אַן עפן געגעבן די אויגן, ווי אַן איבער־געשראָקענע.

— דאַכט זיך, כ׳האָב ווידער געשריגן.

— נאָך געווען צו דערליידן. האָט די שכנטע געענטפערט, אַוועקשטעלנדיק די טאַץ אויפן טישל. אויב דער טאָן וועט נישט זיין קיין העכערער ווי דאָס מאָל, האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל אויף איר ברייט פּנים, וועלן זיי קעגן דיר, מסתמא, נישט זאַמ־לען קיין אונטערשריפטן.

— איך ווייס נישט וואָס איז מיט מיר זייט נעכטן, נאָר איך חלום, נאָר איך בין ווידער אין געטאָ, ווידער אין לאַגער, ווידער משפחה, באַקאַנטע...

— יאָ, האָט די שכנטע איר איבערגעריסן. ווער איז דער דאָ־זיקער סטעפּאַן? איך האָב נאָך דעם נאָמען נישט געהערט פון דיר.

בעלאַ האָט געשוויגן. די שכנטע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טאַבורעטל אויף איין הויך ווי בעלאַס קאָפּ, עס אָפּגעווישט מיטן עק פון איר פלאַטערדיקן פאַרטוך, און אַוועקגעשטעלט אַ טיפן טעלער, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַ געדיכטע פּאַרע.

— נו, עס, כל זמן ס'איז הייס. אַ פרישע יויך, פון אַ יונג הינדל, מיט לאָקשן; איינגעמאַכטע לאָקשן. עס וועט דיך געזונט מאַכן.

בעלא האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט און נישט געהאַט קיין חשק צו גאַרנישט. זי האָט פאַרהאַלטן מיט דער האַנט אַ גענעץ און זיך צוריקגעהאלטן, איינגעקאַרטשעט זיך, ווייל זי האָט געפילט, אַז עס צעשפּאַרט זי אַ דראַנג פונאַנדערצושפּרייטן די אָרעמס און אויסצוציען יעדן גליד, אַנטשפּאַנען יעדן מוסקל. זי האָט זיך איינ־געהאַלטן צוליב דרך ארץ צו דער גוטער שכנטע. זעענדיק, אַז דאָס מיידל יאָגט זיך נישט צום עסן, האָט די שכנטע גענומען דעם טעלער, זיך אַוועקגעזעצט, אָנגענומען אַ לעפל יויך מיט לאָקשן, אַ בלאָז געטאָן דערויף און דערלאַנגט איר צום מויל.

— נאַ, עס און זאָל זיין צום געזונט. אַ יויך פון אַ יונג הינדל מעג עסן אַפילו אַ מסוכן־קראַנקע, היינט ערשט ווען מען האָט קיין היץ נישט. עפן ס'מויל. אָט אַזוי. שלינג אַראָפּ. זאָל זיין צו רפואה.

בעלאַ האָט מעכאַניש געעפנט דאָס מויל, אַראָפּגעשלונגען און געטאָן געגנוי לויט דעם רצון פון דער גוטינקער מאַדאַם גרינטוך. נאָכן טעלער מיט יויך, האָט זי זיך אויפגעזעצט צום פליייש. עס קייעט זיך נישט גוט ליגנדיק. דאָס הינדל איז געווען צעקאָכט, ווי פאַר אַן אַנציינִיקן זקן, און איז צעשוועמען אין מויל. די ביינד־לעך האָבן זיך געבראָכן בלויז ביים צוריר פונעם גאָפּל. די שכנ־טע איז געזעסן און נישט אַראָפּגענומען אויף קיין רגע אירע אויגן פון בעלאַן. זי האָט נאָכגעמאַכט די באַוועגונגען מיט די ליפּן, מיטן מויל און מיטן שלונג אַזוי ווי זי אַליין וואָלט געגעסן און נישט בעלאַ. זי האָט געהאַט גרויס הנאה דערפון. אַ סך מער ווי בעלאַ. און ווען בעלאַ האָט איר דערלאַנגט דעם טעלער נאָכן פליייש, האָט די שכנטע זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צו דער טאַץ אויפן טישל און גענומען דאָס טיפע דעסער־טעלערל אין האַנט אריין.

— און איצטער, האָט זי געזאָגט אויסדרייענדיק זיך צו בעַ־לאָן, און אויסשטרעקנדיק די האַנט, איצטער קומט, איצטער קומט... א נו, טרעף.

בעלאַ האָט זיך צעשמייכלט און אויסגעצויגן די האַנט.

— אַ, נו — טרעף, האָט די שכנטע איבערחזרט. חכמת מיינע.

בעלאַ האָט זיך דערמאַנט, אַז די שכנטע האָט עפּעס גערעדט וועגן אַ ספּעציעלן דעסער. יאָ, וועגן אַנאַנאַס. אָבער זי האָט גע־גלויבט, אַז זי וועט זיך ספּעציעל נישט מטריח זיין און גיין קויפן.

— נו, חכמת? איך וועל דיר אַרויסהעלפן, נו — אַ, אַ, אַנאַ, אַנאַ...

— נאַס, האָט בעלאַ פאַרענדיקט, זעענדיק, אַז עס איז טאַ־קע אמת.

— טאַקע, אַנאַנאַס — האָט די שכנטע באַשטעטיקט. מיין חיימס בעסטע רפואה... איך זע, אַז מען דאַרף דיר נישט לייגן קיין פינגער ווייט אין מויל אַריין. אָבער אָנשטאָט צו דערלאַנגען דאָס טעלערל אין בעלאַס אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט זי גאָר איינ־געצויגן איר אָרעם און עס אַוועקגעשטעלט צוריק אויפן טישל.

— כאַפּ נישט, האָט זי זיך גערייצט מיט איר. זע נאָר, זע. זי וויל עסן אַנאַנאַס. נישט אַנדערש געוווינט, פון דאַרף אויס. ביי אייך, אין מיל, זענען עפּעס געוואַקסן אַ סך אַנאַנאַסן, האַ? כאַ־כאַ.

בעלאַ האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן בעט און גע־שמייכלט.

— נאָר לצנות אין אַ זייט, האָט די שכנטע אָנגענומען אַן ערנ־סטע מינע. וועסט טאַקע באַלד קריגן דיין דעסער, דיין אַנאַנאַס, אָבער פריער מוזסטו מיר דערציילן ווער דער דאָזיקער סטעפאַן איז... פאַר מיר זענען נישטאָ קיין סודות. עס מוז דאָך עפּעס זיין אַ גאָר וואַזשנער סטעפאַן, אַז דו האָסט אים אַ פּאָר מאָל גערופן ביים נאָמען, און אַז דו האָסט מיר ביז איצט פאַרהוילן די גאַנצע מעשה מיט דעם דאָזיקן סטעפאַן.

בעלאַ האָט פאַרראַכטן איר זיץ־פּאָזיציע און זיך אויסגע־בויגן אויף פאָרנט. זי האָט דערפילט אַ היץ אין פּנים, אין איר לייב, ווי זי וואָלט געשטאַנען אין פלאַמען.

— עס מוז זיין גאָר אַ וואַזשנער סטעפאַן — האָט די שכנטע געקוקט איר אין פּנים אַריין, מעשה אויספאָרשער — אַז דו האָסט

דיך אַזש צערויטלט. נו, דערצייל... האַ, מען זשעניִרט זיך צו דער־צײלן פאַר דער אַלטער יידענע, וואָס איך בין, וועגן אַ סטעפּאַן? מען באַהאַלט אויס, אַז ער האָט אינגאַנצן עקזיסטירט. ווייל ער איז אַ גוי, האַ? איז וואָס? אַזויפיל מכות זאָלן זיך שטעלן אויפן לייב פון אונדזערע שונאים, וויפיל גוטע גויים עס זענען פאַראַן און האָבן גוטס געטאָן צו יידן אונטערן דייטש. נו, דערצייל. נו. און באַלד וועסטו קריגן דיין אַנאַנאַס...

און זעענדיק, אַז בעלאַ איילט זיך נישט צו טון ווי זי בעט, האָט זי איר צוגעגעבן מוט: — אַז דו וועסט מיר דערציילן, וועל איך דיר אויך דערציילן... אַ זייער טשעקאַווע זאַך, נו.

בעלאַ איז געזעסן און געקוקט אויפן ליילעך, אומדיפערענט. זי האָט נישט געוואָלט ווידער ארויסברענגען בילדער פון דאָרטן. אָבער די גרייטקייט פון דער שכנטע צו דערציילן אירס אַ גע־שיכטע, האָט ביי איר געבוירן אַ פעסטן באַשלוס — נישט צו דערציילן. זי האָט זיך שוין אַזויפיל אָנגעהערט אירע געשיכטעס, וועגן אירע קינדער, איר צוקונפטיקן איידעם, די געשעפטן, איר חיימען, מיט די באַנקעס, מיטן אַנאַנאַס און דער דירה אירער, מסיע לע זשיזש אַהין און מסיע לע זשיזש אַהער... עס גייט איר שוין דאָס אַלץ אַרויס אויבנאַרומעט.

—נו, האָט די שכנטע אָנגעהאַלטן. אַז דו וועסט מיר דער־צײלן וועגן סטעפּאַנען, וועל איך דיר דערציילן, וועגן, וועגן... נו, טרעף — וועגן האַרצקען...

ווען זי האָט דערהערט דעם נאָמען, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט: — האַרצקע, דער בוכהאַלטער, מיין רעטער?

— יאָ, דיין האַרצקע.

— נו, דערציילט, איך בעט אייך.

— דו פריער.

— איר פריער, איך בעט אייך.

— ער איז דאָך פאַרליבט אין דיר. האָסט אים געמוזט אַ כישוף אָנטאָן.

— אָבער, ווו קומט דאָ פלוצים האַרצקע, ווי קומט ער איג־מיטן דרינען?

— כ׳בין אַראָפּגעלאָפן קויפן די פושקע אַנאַנאַס, גיי אַרויס פון טויער, און גיב אַ קוק: ווער דרייט זיך דאָ, פאַרן טויער — מיין האַרצקע. אין אָנהויב האָט ער זיך פאַרלוירן. ער האָט מיך

אַנגעקוקט, מיך דורכגענומען מיט די אויגן מעשה פרעמדער. אָבער געזען, אַז איך דערקען אים, איז ער צוגעגאַנגען: „באַנזשור, איר זייט די שכנטע פון...". „יאָ — פון...". „פון בעלאַ, פון מאַדמואַזעל בעלאַ". און אַרויסגעזאָגט האָט ער דיין נאָמען מיט אַ ציטער־דיקער שטימע ווי אַ פאַרליבטער, הערסט? ווי אַ פאַרליבטער ביז איבער די אויערן. „מאַד־עע־מואַזע־עעל בע־עע־לללאַ"... „איז, וואָס מאַכט זי עפּעס, די מאַדעמואַזעל בעעעללאַ, וואָס?". „נישקשה, עס גייט איר בעסער". און האָב אים געלאָזט שטיין. איך קום פון קראָם מיט דער פּושקע אַנאַנאַס אין האַנט, און מיין האַרצקע שטייט ווייטער ביים טויער, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעוואַרט: „גיט איר אָפּ אַ גרוס", זאָגט ער — „און זייט אַזוי גוט, גיט איר" און ער נעמט שטאַמלען. ווי אַ קאַליעדיקע גראַמאַפאָן־פּליטע: „גיט איר, גיט איר, גיט איר" און ער דערלאַנגט מיר פאַר דיר... טרעף וואָס? יאָ, אינגאַנצן פאַרגעסן. זיך אַזוי געפּאַרעט מיט דער פּוש־קע, אַז פאַרגעסן עס אויפן טיש... איך גיי שוין ברענגען. יאָ, אפשר פריער דערכאַפּן דאָס האַרץ, די יויך וועט קאַלט ווערן. איך האָב נישט ליב אַן איבערגעשטאַנענע און אויפגעקאָכטע יויך, דערצו פון אַ יונג הינדל. און וועל באַלד קומען. אָבער געדענק, בעלאַ, אַז ביסט מיר שולדיק דיין מעשה, אַ מעשה פאַר אַ מעשה...

זי איז צוגעגאַנגען צום טישל, גענומען דאָס טיפע דעסער־טיסעלע און עס דערלאַנגט בעלאַן.

— אמתער ארץ־ישראלדיקער אַנאַנאַס, שמעקט ווי אַן אתרוג אין די ערשטע טעג סוכות. עס זאָל דיר זיין צו געזונט. צו רפואה שלמה.

מד

ווי דערשטוינט איז זי געווען צו דערהערן פּלוצים אַ קלאַפּן אין טיר. געוויינלעך פלעגט די שכנטע נישט אָנקלאַפּן, נאָר אַריינ־גיין, אַריינפאַלן צו איר, ווי צו זיך אין שטוב אַריין. ווער קאָן עס זיין? — האָט זי זיך געפרעגט און גענומען אויסגראַדן דאָס נאַכט־העמד און אַרויפציען די דעק. און איידער זי האָט געזאָגט „אַנ־

טרעע״, האָט די טיר זיך לייכט אויפגעעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אין איר דר. גאָלדבוך.

— קומט אַריין, דאָקטאָר — האָט זי געענטפערט, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אויף זיין קלאַפּן.

— זייט מוחל, טייערינקע. איך האָב אייך, חלילה, נישט אַרויסגעריסן פון דרימל. געמוזט האָבן אַנגענעמע חלומות. איך זע, די בעקלעך זענען ביי אייך צעפלאַמט.

— ניין, נישט געדרימלט. איר זייט זייער אַ ליבער גאַסט.

— געהאַט אַ רגע פריי, נאָכן דיספּאַנסער. אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט פון די לאַגערן. געוווען אַ סך אַרבעט. אָפּגעגעסן. טראַכט איך: מען דאַרף זען וואָס מאַכט עפּעס מיין טייערע, מיין טייערינקע פּאַציענטקע. איר וועט מיר מוחל זיין פאַר דעם איינטימען טאָן. איך בעט דיך... און נעם דאָס נישט פאַר אומגוט. איך וואָלט דאָך געקאָנט זיין דיין עלטערער ברודער לויט די יאָרן, און לויטן אויסזען — דיין טאַטע...

— וואָס איר רעדט דאָרט, דאָקטאָר. איר זעט נאָך אויס גאָר יונג, גאָר און גאָר יונג און מונטער, אויף אַ סך יונגעלייט געזאָגט. און נישט לויטן אויסזען, נאָר גיכער — לויט אייער באַציִען זיך צו מיר, זייט איר — מיין טאַטע... האָט איר אַלע רעכט.

דר. גאָלדבוך האָט געפילט ווי אַ וואַרעמער שטראָם גיט אים אַ יאָג אין קאָפּ אריין און ווי גלי־ווערעמלעך קריכן אים אונטער דער הויט. כדי צו פאַרהוילן זיין פאַרלוירנקייט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט פון אַ זייט, נעבן בעט, און גענומען זוכן דעם פּולס פון איר האַנט.

— געהאַט אַ רגע צייט, האָב איך געטראַכט, מען דאַרף גיין ציילן די היץ... נעמען דעם פּולס. וואָס זאָג איך: ציילן דעם פּולס און נעמען די היץ... זעענדיק ווי זיין צונג פּלאָנטערט זיך, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום רענצל, געזוכט אין אַ זייטיק טעשל און אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם טערמאָמעטער. נישט אויסדרייענדיק זיך צו איר, האָט ער הינטערוויילעכטס דערלאַנגט איר דעם טערמאָמעטער.

בעלאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געהאַלטן דעם טערמאָמעטער אַ וויילע אין פויסט. וועלנדיק דעם דאָקטאָר אַרויספירן פון דער פאַרלעגנהייט, האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט שפּאַס:

— פּאַ פראַנצוזקו? אָדער אונטערן אָרעם?

— זאָל זיין אונטערן אָרעם, האָט דער דאָקטאָר זיך אויסגעדרייט צו איר און אָן אומדרייסטער שמייכל האָט גענומען וואַנדערן צווישן די רויטע פֿלאַמען אויף זיין פּנים. אייגנטלעך — האָט ער צוגעגעבן, איז די רעקטאַלע היץ אַ גענויערע און עס גייט שנעלער. נאָר זאָל טאַקע זיין אונטערן אָרעם. וועל איך זיין ביי אייך אַ פּאָר מינוט לענגער. אַ גוטער פּרעטעקסט, נייַן?

בעלאַ האָט אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער פֿון דער שייד און דערלאַנגט די צוויי באַזונדערע שייד־טיילן דעם דאָקטאָר. ער האָט אַריינגעלייגט די שייד־רערלעך אינעם פּאַשעט־טעשעלע און געהאָלפֿן איר אַרונטערלייגן דעם טערמאָמעטער, אָפּהייבנדיק דאָס נאַכטהעמד פֿון דער לינקער ברוסט, פֿריי צו מאַכן דעם צוטריט פֿאַרן זילבערנעם עק פֿון אינסטרומענט. דערנאָך האָט ער אָנגענומען מיט דער רעכטער האַנט איר פּולס־אָדער און זיך איינגעקוקט אין איר. ער האָט באַמערקט אַן ענדערונג אויף איר פּנים.

— איר זייט היינט שענער ווי נעכטן, האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט אַ פֿינגער פֿון זיין לינקער האַנט אויף איר ליפּ. דאָס געשווילעכטס, זעט זיך אויס, האָט געפּלאַצט. די זאַלב האָט געווירקט.

בעלאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט וועלנדיק פֿאַרקלענערן דעם פֿאַרדינסט פֿון זיין באַהאַנדלונג.

— דו געפֿעלסט מיר בעסער אַזוי, האָט ער צוגעגעבן און פֿאַרביסן די ליפּן, פֿילנדיק, אַז ער האָט משיג גבול געווען, און רעדט נישט מעשה־דאָקטאָר. זיי מוחל.

— עס מאַכט נישט, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַ טאַטע מעג. זי האָט זיך הארציק צעלאַכט; נישט דווקא פֿון אירע רייד, נאָר גיכער צוליב דעם וואָס זי האָט זיך איינצייטיק דערמאָנט דאָס בילד, ווי די שכנטע שטופּט איר די טרויב אין מויל אַריין און אַ קערל פֿאַרקריכט אין דעם בלוט־אויסגוס פֿונעם גומען. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז דער טערמאָמעטער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון אונטערן אַקסל.

דער דאָקטאָר האָט דערכאַפּט דעם טערמאָמעטער און מעכאַניש אים צוריקגעלייגט אויף זיין פֿריערדיקן אָרט.

— אַ דאַנק, האָט בעלאַ געזאָגט און צוגעגעבן מיט אַן אָנצוהערעניש אין איר קול: אַ טאַטע מעג.

— בפֿרט, ווען דער טאַטע איז איינצייטיק אַ דאָקטאָר, האָט

דר. גאָלדבוך דערגענצט מיט אַ לייכטער איראָניע אין זיין ציטער־דיקער שטים. איר וועט אָבער מוזן האַלטן דעם טערמאָמעטער נאָך אַ צוויי מינוט, אַלס צוגאָב — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ ווייל.

— דאָס גאַנצע געווינס וועט זיין אויף מיין זייט, האָט זי באַמערקט. וועל איך איך האָבן נעבן מיר נאָך צוויי מינוטן. ווען איר ווייסט, מיין גוטער דאָקטאָר...

— און טאַטע...

— יאָ. ווי איינזאַם איך בין.

— מיר זענען אַלע איינזאַם, האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבן מיט אַ זיפץ. אונדזער פאָלק איז איינזאַם. מיר האָבן נאָך ווייניק שטייערן געצאָלט דעם מאַלאָך פון איינזאַמקייט, פון עלנטקייט, זעט זיך אויס.

בעלאַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אויפן דאָקטאָר. זיין זיפצן איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע אירע אברים און אַרויסגעבראַכט שווידער־בילדער. זי האָט אויפגעציטערט. דער טערמאָמעטער האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטאָן. דער דאָקטאָר האָט אים אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, עס וועט זיין גענוג, האָט ער געזאָגט צושטעלנדיק איבּ צו די אויגן.

אַ לויב צו גאָט — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק איר דעם אויבערשטן ברעג פון דעם זילבער־שנירל: 36 מיט זיבן שטריכן. נאָרמאַל. אינגאַנצן נאָרמאַל. דער פּולס איז אויך נאָרמאַל. און איצטער לאָמיר זען, וואָס הערט זיך מכוח די לונגען, מכוח דער לינקער זייט.

בעלאַ האָט זיך אויפגעזעצט. זיך אויסגעבויגן אויף פאָרנט. זי האָט זיך אונטערגעהויבן, כדי עס זאָל דעם דאָקטאָר זיין לייכ־טער אַפּווירצוציען דאָס העמד פון אונטער איר געזעס, און עס קאָנען אַרויפשאַרצן, פאַרוואַרפן איבער איר קאָפּ. דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען זיינע טרייבלעך און צוגעשטעלט דאָס הער־טעצל צו איר פּלייצע.

— אָטעמט, אָטעמט טיף, מיט דער גאַנצער ברוסט — האָט ער געבעטן וואַנדערנדיק מיטן אַפּאַראַטל איבער די גאַנצע לענג און ברייט פון איר רוקן. גיט אַ הוסט, סיל־ווו־פּלע. און איצט אַ קליין הוסטעלע. עס טוט ווי ערגעץ, האַ? האָט ער געפרעגט אויסדרייענדיק צו איר זיין פּנים.

בעלאַ האָט יאָ געפּילט ווי עס שטעכט איר עפּעס, אונטער דער לינקער ברוסט־ריפּ, פֿון פֿאָרנט, אין אַ האַלב־רייף, ביז צום עק פֿון שאָול־ביין. עס איז געווען אַן אויבערפֿלעכלעכער ווייטיק, גיכער — אַ ווידערוויייטיק, נישט צום פֿאַרגלייכן צו דעם, וואָס זי האָט געפּילט ביינאַכט, אָדער אַפּילו פֿרימאָרגנס. זי האָט געמאַכט אַ גרימאַס. פֿאַרטראַכט זיך אַ רגע.

— ניין, עס טוט נישט ווי — האָט זי געענטפֿערט, נישט וועלנדיק מאַכן קיין צער דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אָבער באַמערקט איר גרימאַס אויפֿן פּנים. האָט ער איבערגעפֿרעגט דאָס זעלבע.

— עס טוט נישט ווי, אויף אַן אמת? אַ דאָקטאָר טאָר מען נישט אַריינפֿירן אין אַ טעות. און צוגעגעבן: אַ פֿלעגע־שוועסטער דאַרף וויסן דערוועגן.

— אַ געוועזענע פֿלעגע־שוועסטער, האָט בעלאַ אויסגעבעסערט. איך אַרבעט דאָך נישט מער אין מיין פֿאַך. די פֿראַנצויזישע געזעצן דערלויבן נישט: איך בין אַן אויסלענדערין. איך בין איצט נישט מער ווי אַ שטריקערין, אין אַ טריקאָ־פֿאַבריק. אַליין אַ שטיק פֿאַבריק, אַ טויטע מאַשין. מוז איך דאָך נישט וויסן דערוועגן...

— מען מוז תּמיד זאָגן דעם אמת. דער אמת איז נאָר איינער און אומצעטיילבאַרער און מען טאָר מיט אים נישט שפּעקולירן. נישט פֿאַראַן איין אמת פֿאַרן זיגער, און אַ צווייטער אמת — פֿאַרן קרבן. נישטאָ קיין אַנדערער אמת פֿאַרן שטאַרקן און אַ באַזונדערער אמת פֿאַרן שוואַכן. דאָס אינטערפּרעטירן איינזייטיק דעם אמת פֿירט צו ענגן נאַציאָנאַליזם, צו פֿאַשיזם, צו נאַציזם און זיינע פֿאָלגן.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעצויגן איר נאַכטהעמד, פֿאַרדעקט איר נאַקעטע פּלייצע און זיך אָוועקגעזעצט. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעזיפֿצט און געשאָקלט זיך מיטן קערפּער אַהין און צוריק. די צאַפּלדיקע גומי־רערלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פֿון די ביינערדיקע טרייבלעך, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אַרויסצונעמען פֿון די אויערן, האָבן זיך מיטגעשאָקלט. בעלאַן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיפֿצן מיט. זי האָט אויך אונטערגעזיפֿצט, סאָלידאַריזירנדיק

זיך מיטן דאָקטאָר און ווייל ער האָט דערמאָנט דעם נאַציזם און זיינע פאָלגן. דער דאָקטאָר האָט געשוויגן. זי אויך.

דערנאָך האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעהויבן, פאַרמאַכט זיין רענצל און איר דערלאַנגט די האַנט. ער האָט זי געהאַלטן אַ וויל אין איר האַנט. דערנאָך צוגעלייגט די צווייטע האַנט. זי האָט געטאָן דאָס זעלבע. זיי האָבן געשוויגן. ער איז געווען שטאַרק פאַרטראַכט. זיינע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט זאָגן. ער האָט, זעט זיך אויס, נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט. אויך זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, עפּעס געוואָלט פרעגן, און נישט געוואָגט צעשטערן זיינע טראַכטענישן, אין וועלכע ער איז געווען פאַרזונקען.

דער דאָקטאָר האָט באַפרייט אירע הענט און זיך געוואָנדן צו דער טיר. זי האָט באַמערקט די רערלעך, וואָס הענגען אים אַראָפּ און וואַרפן זיך אַהין און אַהער. דאָס האָט צעריסן די ערנסטקייט און אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף אירע ליפּן, טראַכטנדיק ווי מענטשן וועלן לאַכן פון אים, ווען זיי וועלן זען אים אין גאַס מיט די אַראָפּהענגנדיקע רערלעך.

— אייערע טרייבלעך, דאָקטאָר, אייער סטעטאָסקאָפּ, האָט זי אָנגעוויזן מיט אַ פינגער; נעמט זיי אַרויס פון די אויערן, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער.

דער דאָקטאָר האָט באמערקט זיין טעות. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר. געדאַנקט. אַראָפּגענומען די טרייבלעך, צוזאַמענגעלייגט, אַריינגעלייגט אין רענצל. נאָכאַמאָל געדאנקט פאַר איר פריינטלעכער באַמערקונג. דערזעענדיק איר האַרציקן שמייכל אויפן פּנים, האָט ער זיך אויך צעשמייכלט. איידער ער האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט ער נאָכאַמאָל זיך אויסגעדרייט צו איר און מיט אַ געמיש פון געבעט און באַפעל איר צוגעוואָרפן:

— נעמט די היץ אַרום פינף אַ זייגער, און פאַרנאָטירט.

— לויט אייער רצון, דאָקטאָר.

און ווען ער איז שוין געווען אויף יענזייט טיר, האָט זי צוגעגעבן:

— לויט אייער רצון, טאַטע.

מה

קוים האָט זי באַוויזן אָפּצוגעבן זיך געגנוי אַ חשבון פֿון דעם אַלעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט און איבערצו־טראַכטן דעם פֿאַרלויף פֿון באַזוך זיינעם, האָט זי ווידער דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. זי איז געוועזן זיכער, אַז דאָס מאָל איז עס אָן ספק די שכנטע. אָבער פֿאַרוואָס קלאַפּט זי אין טיר? זי האָט דער־קענט אינעם קלאַפּן אומדרייסטע פֿינגער, נישט געוואָגטע באַגע־גענישן צווישן דעם פּרוכנע־האָלץ פֿון דער טיר און צוריקגעהאַל־טענע פֿינגער־געלענקען. זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין די שכנטע, מיט איר צודרינגלעכער גוטסקייט, מיט אירע מעשיות, און איר צושטיין, אַז זי זאָל איר דערציילן אירע לאַגער־איבער־לעבונגען, אירע אינטימע געשיכטעס... יאָ, און אפשר איז עס ער, האַרצקע, איר רעטער — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

— אַנטרעע, האָט זי געזאָגט אַ צופֿרידענע און גיך איבער־חזרט: אַריין!

אין דער טיר איז ווידער געשטאַנען דער דאָקטאָר. ער איז נישט געווען דרייסט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קומט ווידער. ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס רענצל און אַ ווייז געטאָן אין דער האַנט אַ ציישונג, אַ ברייט־פֿונאַנדערגעעפֿנטע, ווי כלומרשט דאָס וואָלט געווען די סיבה פֿון זיין גיכן צוריקקומען. ער האָט זיך דערנעענטערט צום בעט און צוהאַלטנדיק די גאַנצע לענג און ברייט פֿון דער ציישונג מיטביידע הענט, האָט ער זי צוגערוקט צו איר פּנים, פֿאַרשטעקנדיק זיין אייגן פּנים אויף יענער זייט ציישונג. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ ווייל, ווי ער וואָלט וועלן געווינען צייט אויף אַרויסצוגיין פֿון דער פֿאַרלעגנהייט און צוזאַ־מענעמען די געדאַנקען.

בעלאַ האָט געלייענט דעם נאָמען פֿון דער ציישונג: פּראַן טירער. און געזען בילדער. אַ שטורעם אויפֿן ים. קריגס־שיפֿן. אַן אונטערגייענדיק שיפֿל. מענטשן טרינקען זיך. און אַ גרויסער קאָפּ

איבער דער גאַנצערברייט פון דער זייט: „ע לע מאָנד סע טע”, מיט אַ גרויסן אויסרוף־צייכן ביים לעצטן אות. זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם קאָפּ און איבערזעצט אויפן קול: און די וועלט שווייגט!

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר נאָכגעזאָגט נאָך העכער און אַנט־פּלעקט זיין פּנים. און די וועלט שווייגט! ער האָט פאַרבויגן די צייטונג אין צווייען און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט גיך געאָטעמט און זיין האַרץ האָט הויך געקלאַפּט. זיינע ווערטער זענען געווען אָפּגעהאַקטע מיט הפסקות צווישן יעדן וואָרט. עס איז נישט גע־ווען נאָר דער רעזולטאַט פון קלעטערן די זעקס שטאָק, נאָר אויך אַ צומיש פון צעשפּילטע געפילן, פון אַ טיפן אינערלעכן אויפברויז און פּראָטעסט.

— און די וועלט שווייגט! האָט ער איבערחזרט, אַקצענטירנ־דיק יעדע זילבע. ער האָט ווידער פונאַנדערגעשפּרייט די צייטונג און צוגעשטעלט צו איר פּנים, אויפקלערנדיק דעם באַדייט פון דעם בילד. — דאָס איז אַ צעשטורעמטער ים, דער מיטללענדישער ים, אונדזער ים־התיכון, וואָס שווענקט די ברעגן פון ארץ־ישראל. און נישט ווייט פון די דאָזיקע ברעגן גייט אָן אַ קאַמף צווישן אַ ברי־טישע פּאַנצער־שיף מיט אַ קליין יידיש האַנדלס־שיפל. און די אונטערשריפט זאָגט: „אַזשאַקס” אָדער אויף ענגליש — „איידזשעקס” קעגן „ברכה פולד” און איבערן בילד שרייט אַראָפּ מיט דיקן כתב: דער קאַמף צווישן גלית און דוד!...

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגערוקט דאָס טאַבורעטל און צוגעגאַנגען צום טישל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן פּנים צו איר און אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אינעם ראַנד פון טישל, אַז עס זאָל זיך אים באַקוועמער זיצן. ער האָט טיף אַריינ־געצויגן אַ פולע ברוסט מיט לופט.

— זיי מוחל, האָט ער זיך געבעטן ביי איר, וואָס איך בין צוריקגעקומען. אָט בין איך אַרויסגעקומען אין גאַס, ווי עס לויפט מיר אַנטקעגן אַ יונגער קאָלפּאָרטער און גיט מיר אַ פּאַטש פאַרן פּנים מיט זיין אויסגעשפּרייטן זשורנאַל און מיט דעם ריזיקן קעפּל „און די וועלט שווייגט!”. איך קוק זיך צו און די פיס נעמען זיך טרייסלען אונטער מיר, און די הענט ציטערן, און דאָס האַרץ זיך וואַרפן. איך קויף דעם זשורנאַל און זוך ווו זיך אַוועקצוזעצן, בכדי נישט אומצופאַלן, בכדי נישט צו קריגן די אַפּאָפּלעקסיע.

איך גיי צוריק אין טויער אַריין. זוך אַ באַנק, אַ שטיין, ווו זיך אָוועקצוזעצן, אָנצושפּאַרן זיך. איך זע די טרעפּן. זעץ זיך אַוועק. איך לייען דעם לייט־אַרטיקל פֿונעם שעף־רעדאַקטאָר, זשאַרזש אַלטמאַן. איך שלינג איין יעדעס וואָרט זיינס. און איך טראַכט: מען דאַרף יעדעס וואָרט אויסקושן. מען דאַרף דעם אַרטיקל ליי־ענען בקול רם פֿון אַלע געמערק, פֿון אַלע בימות און שטענדערס אַראָפּ. איך וואָלט וועלן צוגיין צו יעדן איינעם און עס אים פֿאַר־לייענען. איך וואָלט וועלן צוגיין צו יעדן פֿראַנצויז און אים זאָגן: דו, אייניקל פֿון די דרייפֿוסאַרן און פֿון מחבר פֿון „זש'אַקיוז"; דו קינד פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון נאָבעלן פֿראַנצויזישן פֿאָלק — הער זיך צו! איך וואָלט יעדן איינעם וועלן וויזן דאָס בילד און אַריינשרייען אים אין אויער: יאָ, זיגן וועט דוד און נישט גלית! דוד, דער גערעכטער, וועט זיגן. די אָפּשטאַמיקע פֿון דוד, וואָס זענען אָקאָרשט ארויס פֿון די קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן, און רייסן זיך אויף צעשטורעמטע ימים צוריק צום לאַנד פֿון די אבות, וועלן זיגן... און איך זוך — צו וועמען זאָל איך צוגיין צוערשט, צו וועמען? און אַזוי פֿרעגנדיק און זוכנדיק, האָבן מיך מיינע פֿיס געפֿירט אַרויפֿצו, צוריק צו דיר, מיין טייערינקע.

ער האָט איבערגעריסן און זיך אויסגעגראָדט אויפֿן געוועס. בעלאַ האָט זיך אינצווישן אַוועקגעזעצט אינעם בעט, און זיך אויסגעבויגן אויף פֿאָרנט, בכדי צו קענען בעסער כאַפּן אַ בליק אויפֿן זשורנאַל, וואָס דער דאָקטאָר האָט ווידער געהאַלטן פֿונאַנ־דערגעשפּרייט אין די הענט, מיט דער פֿאָדערשטער זייט צו איר, און צו וויזן איר אינטערעס צו דעם, וואָס ער זאָגט. זי האָט שוין געהאַט צופֿריער געהערט וועגן דעם קאַמף, וואָס יידן פֿירן קעגן די ענגלענדער אין פּאַלעסטינע, אָבער זי האָט נישט אַרויסגעוויזן דערצו קיין באַזונדערן אינטערעס. זי האָט נישט געלייענט קיין צייטונגען. זי האָט נאָר פֿון צייט צו צייט געקויפֿט אַן אילוסטרירטן זשורנאַל, בכדי צו לערנען זיך פֿראַנצויזיש פֿון די אונטערשריפֿטן אונטער די בילדער. זי האָט געוואָלט וואָס ווייניקער וויסן און וואָס ווייניקער מישן זיך אין אַרומיקן לעבן. זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זי אויך לאָזן לעבן, לאָזן אַרבעטן און זי זאָל וועגן אַלעם און אַלעמען פֿאַרגעסן, נישט האָבן מיט קיינעם און מיט גאָרנישט קיין שייכות. זי האָט געהערט רעדן וועגן די שיפֿן מיט לאַגער־יידן, וואָס שפּאַלטן ימים, בעת די אָוונט־קורסן אין „אָרט". זי האָט צו־

פּעליק אויפֿגעכאַפּט טיילן פֿון דיסקוסיעס צווישן די קורסאַנטן, אין דעם שייכות, אָבער זי האָט זיך אין זיי נישט באַטייליקט. זי האָט זיך פּשוט געוועדט קעגן דער מעגלעכקייט אַריינגעצויגן צו ווערן אינעם פּלאָנטער פֿון אַקטועלע פּראָבלעמען און פּאָליטיק, כדי אַזוינאָך נישט אויפֿפֿרישן אַלטע ווונדן און שאַפֿן זיך נייע קוואַלן פֿון ליידן, עגמת־נפש און נשמה־ראַנגלענישן. זי האָט כסדר געזוכט זיך צו פֿאַרפּאַנצערן קעגן דעם אַלעם, שטיין מן הצד, און יואָס ווייניקער וויסן, וואָס ווייניקער.

זי האָט זיך אָבער איצטער גערן צוגעהערט צו די רייד פֿון דאָקטאָר וועגן דעם זעלבן. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ ערנסטער און איבערגענומענער שטים און מיט אַזאַ איבערצייגונג און טיפֿן גלויבן, אַז עס האָט זי דורכגענומען און געהאַלטן געשפּאַנט. אַפֿילו ווען אַ צווייטער רעדט צו איר אויף אַזאַ טאָן און אופֿן, וואָלט עס זיכער אויך געווירקט אויף איר. היינט ערשט — דער דאָק־טאָר, איר דאָקטאָר. זי האָט אַרויסגעוויזן מיטלייד מיט די קעמפֿנ־דיקע יידן און אַפֿשר צו די פֿאַררעטערישע ענגלענדער. זי האָט געטיילט דעם זעלבן רעוואָלט, וואָס דער דאָקטאָר, און אויך זיין גלויבן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטערגעכאַפּט דעם דאָק־טאָרס רעפֿריין: „יאָ, דוד וועט באַזיגן גליתן!”. און אויף זיין התנצלות, וואָס ער איז צוריקגעקומען, און וואָס זיינע פּיס האָבן אים אַליין אַרויפֿגעפֿירט צו איר, האָט זי געענטפֿערט מיט דאַנק־באַרקייט און דערמוטיקונג:

— אַ דאַנק, מיין טייערינקער דאָקטאָר, איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר זייט צוריקגעקומען, זייער גוט געטאָן.

דערמוטיקט דורך אירע רייד, האָט ער ווייטער ממשיך גע־ווען:

— „ברכה פֿולד” הייסט די יידישע שיף, מיט אַ מאַנשאַפֿט פֿון זיבן מענטשן און מיט 819 יידישע פּאַסאַזשירן, דערונטער זקנים, קינדער, שוואַנגער־פֿרויען, קראַנקע, פֿון די לאַגערן אַרויס; 819, אין דער צייט, ווען נאָרמאַל, נעמט די דאָזיקע שיף אַריין נישט מער ווי 200 פּאַסאַזשירן. און „איידזשעקס” הייסט די בריי־טישע שיף, איינע פֿון די מעכטיקסטע קרייצערס, וואָס האָט פֿריער געקעמפֿט קעגן דעם דייטשן קריגס־פֿלאָט. ברכה פֿולד. אויפֿן נאָ־מען פֿון אַ יידישער העלדין. זי האָט געקעמפֿט פֿאַר אַ יידישער מדינה, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון יידישן לאַנד פֿון ענגלישן יאָך.

זי האָט עס געטאָן אין ארץ־ישראל גופא. בעת אַ פרידלעכער אַנטי־בריטישער מאַניפעסטאַציע פון יידישער יוגנט האָבן בריטישע פּאָליציסטן געשאָסן פון פּאַנצער־אויטאָס. זי איז געפאַלן מיט אַ קויל אין רוקן. די פּאָליציסטן האָבן איר אַפילו נישט דערלאַנגט די ערשטע הילף, נאָר אַ בלוטנדיקע זי איבערגעפירט אין תפיסה־קעלער. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן פון איר קיין שום סודות נישט אַרויסבאַקומען וועגן דעם געהיימען קאַמף פון דער הגנה און פון דער העפלה, וועגן די נייע שיפן מיט יידן, וואָס דאַרפן אָנקומען — האָט מען זי ערשט דעמאָלט אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל. אָבער געבראַכט אַהין האָבן זיי נאָר איר טויטן קערפּער. די ענגלישע „העלדן" האָבן אַפילו פאַרבאָטן איר איינצואָרדענען אַן עפנטלעכע לוויה און אַפילו פאַרווערט דעם אָרון אָפּצושטעלן זיך נעבן שול, כדי אָפּצוריכטן אַ תפילה...

דער דאָקטאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט אים אויסגעפעלט אָטעם. ער האָט צוגעטאָן אַ האַנט צום האַרצן, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון דאָרטן אַ קלעמעניש, וואָס האָט צונויפגעשפּאַנט די גאַנצע לינקע בוזים־זייט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף דעם מיידל. זי איז געזעסן אָן באַוועגונג, ווי אײַנגאַנצן פאַרכאַפּט דורך זיינע רייד, אינגאַנצן דורכגענומען מיט דעם טראַגישן גורל פון דער יידישער העלדין. ער האָט באַמערקט טרערן אין אירע אויגן. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַראָפּגעקוקט צו איר. זי האָט אויפגעהויבן צו אים איר פּנים. זי האָט טיף געזיפצט. די טרערן זענען גערונען פון די באַקן און געלאָזן ראָסט־פלעקן אויפן ליילעך. דער דאָקטאָר האָט איר געלאָזן אַ ווייל וויינען, און דערנאָך זיך אָנגערופן צו איר שטראָפעריש:

— נישט וויינען דאַרף מען. עס איז נישט די צייט איצטער פאַר וויינען. עס איז די צייט פאַר קאַמף, פאַר פרייהייט־טאַטן, פאַר פרייהייט־לידער, פאַר וועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט, וואָס שווייגט...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. ער האָט פּלוצים דערהערט טריט אויף די טרעפּן. עס איז אַריינגעקומען די שכנטע. זי האָט זיך באַגריסט מיטן דאָקטאָר. ער האָט אָוועקגעלייגט דעם זשורנאַל אויפן בעט, דערלאַנגט די האַנט דער שכנטע און מיט גיכע טריט פאַרלאָזן דאָס בוידעם־שטיבל.

מו

די שכנטע האָט באַמערקט די פלעקן אויפן ליילעך און אירע נאַסע באַקן. האָט זי פאַרבראָכן די הענט:

— ווײ איז מיר נישט.

זי האָט זיך צוגעזעצט, איבערגעבויגן איבער בעלאַס פּנים און איבערגעחזרט אַן איבערגענומענע:

— ווײ איז מיר נישט.

זעענדיק, אַז בעלאַ ענטפערט איר נישט און דרייט אויס איר קאָפּ צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרהוילן פון איר, האָט זי געוואָלט טרעפן:

— דו האָסט יסורים, האַ? און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט זי צוגעגעבן מיט רוגזה: — וואָס קומט ער עפּעס אַזוי אָפט דער דאָקטאָר, וואָס? ווער האָט עס געשיקט נאָך אים? געזען אַ דאָקטאָר, וואָס קומט ווען עס ווילט זיך אים, ווי אין קלויז אַריין. ער האָט דיר געטאָן ווײ ביים אונטערזוכן, האַ?

בעלאַ האָט זיך אינגאַנצן אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געבליבן ליגן מיטן רוקן צו דער שכנטע. זי איז געווען בייז, וואָס די שכנטע איז איצטער געקומען, וואָס זי לאָזט זי נישט אַליין. זי וואָלט איצטער געוואָלט ליגן רואיק, מיט זיך אַליין, מיט אירע מחשבות, מיט דער ציַיטונג, וואָס דער גוטער דאָקטאָר האָט איר געבראַכט. און דאָ, אַזאַ אַנשיקעניש... זי האָט אָבער אויך נישט געוואָלט פירן מיט איר אַ ברוגז און אָפּצאָלן דער גוטינקער שכנטע מיט אומנויטיקע ליידן און עגמת־נפש. זי האָט אויך נישט געוואָלט, אַז די שכנטע זאָל טראַכטן שלעכטס וועגן דר. גאָלדבוך. האָט זי אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און געענטפערט:

— נייך, עס טוט מיר גאַרנישט ווײ, אָבער לחלוטין נישט. דער דאָקטאָר האָט עס באַשטעטיקט בעתן אונטערזוכן. און ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער איז געקומען. איר קענט דאָך דר. גאָלדבוך. ער איז נישט ווי אַנדערע דאָקטוירים. ער איז אַ טאַטע. איר האָט עס דאָך אַליין געזאָגט...

— יאָ, אמת. אָבער זייט איך האָב אים דאָ געטראָפן, אינדער־

פּרי, און געזען ווי ער קוקט מיט גרויסע אויגן אויף דיינע ברוסטן און ווי ער באַלעקט זיך...

— איר פֿאַרגעסט, שכנטע, אַז ער איז דאָקטאָר — האָט בע־לאַ איר איבערגעריסן די רייד מיט אויפֿרעגונג.

— דאָס איז אָבער גאָרנישט געווען מעשׂה־דאָקטאָר.

— ער איז דאָך אָבער נישט געווען אַליין מיט מיר — האָט בעלאַ געוואָלט אָוועקנעמען פֿון איר יעדן חשד.

— יאָ, טאַקע. און יענער תּכשיט איז אויך נישט בעסער, דיין האַרצקע. ער האָט געצויגן ביי דער האַנט און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון דיין אָפּגעדעקטן־פּאַרנט, דער רעטער דיינער, מעשׂה־געליבטער. יאָ, וואַרט אַ רגע...

זי האָט גענומען נישטערן אין איר ברייטער פּאַרטוך־טאַש, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ פּינקלדיק קנעפּל און איר דערלאַנגט.

— נאַ, האָסטו. ער האָט מיך געבעטן דיר איבערגעבן דאָס קנעפּל. ער האָט עס געפֿונען אין דער מעטראָ־סטאַציע, ווו עס איז דיר נעכטן געשען דאָס אומגליק. עס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דיין בלוזקע. ער האָט געוואָלט אַרויפֿגיין און עס דיר איבערגעבן. האָב איך אים געזאָגט: מוחל. זאָל ער עס מיר געבן און איך וועל עס טון פֿאַר אים. זיי מאַכן דאָך דיך קראַנק מיט זייער קומען.

בעלאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים און מיטן קערפּער צו איר און גענומען דאָס קנעפּל. זי האָט עס צוגעשטעלט צום פּנים. אַ דיסקרעטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן.

— ער איז אַ גוטער מענטש, האָט זי געזאָגט.

— און אַ נודניק, אַן אַנשיקעניש, און אַ פֿאַרליבטער ביז אי־בער די אויערן. דו האָסט אים געמוזט אַ כּישוף אָנטון... איך וועל נאָכאַמאָל אָפּן לאָזן די טיר פֿון מיין שטוב, און אַז איך וועל הערן אַרויפֿגיין צו דיר, וועל איך זיי פֿאַרטרייבן, הערסט?

— חלילה וחס, האָט בעלאַ זיך אויפֿגעזעצט און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט שטראָפֿנדיקע אויגן. איר זאָלט עס נישט טון, נישט וואָגן, איר הערט!

מאַדאַם גרינטוך האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ ענטפֿער, אויף אַזאַ טאָן מצד בעלאַן. זי איז געווינט געווען צו איר נאָכגי־בעוודיקייט, צו איר צושאָקלען מיטן קאָפּ צו אַלע אירע רייד און צושטימען צו אַלע אירע עצות. זי האָט געוואָלט זי איצטער אויס־מוסרן, אָנשרייען. זי האָט געוואָלט איר דערמאָנען דאָס אַלץ, וואָס

זי האָט געטאָן פאַר איר ביז איצט און איר באַווייזן, אַז זי האָט ביז היינט כ׳לעבן גאָרנישט פאַרלוירן צוליב דעם, וואָס זי האָט גע־האַרכט אַלע אירע עצות און וואָס זי האָט זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַן אייגן קינד, און זי, בעלאַ, האָט זי טאַקע געהאַרכט ווי אַ קינד, און אפשר נאָך מער. אָבער, זעענדיק די ערנסטקייט אינעם פנים פון בעלאַן און דעם גרימאַס, וואָס מאַכט בולטער די ביילן אויפן שטערן און די בלאָע צייכנס אויף דער באַק, איז איר באַפאַלן אַ רחמנות. זי האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג.

— דו ביסט נישט בעסער פון זיי, האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז אַראָפּ צו זיך.

מז

וען די שכנטע איז אַוועק, האָט בעלאַ זיך אויפגעזעצט. זי איז געווען צופרידן וואָס זי איז אַליין. עס איז איר אַפילו געווען אומאַנגענעם, וואָס די שכנטע איז אַוועק אַ ברוגזע. זי האָט נישט פאַרדינט, אַז זי זאָל זיך אויף איר בייזערן. עס איז אָבער אַלץ ווערט געווען, אַז זי זאָל זיך באַפרייען פון איר און פון איר לאַק־ריץ־גוטסקייט כאָטש אויף אַ ווייל. לויט ווי זי קען איר, גלויבט זי נישט, אַז דער ברוגז וועט לאַנג אָנהאַלטן. אַגב, וואָס האָט זי דען איר געזאָגט אַזעלכעס? זי האָט זי דאָך חלילה נישט באַליי־דיקט. זי האָט איר בלויז געזאָגט, אַז זי זאָל נישט וואָגן צו פאַר־יאָגן אירע געסט, דאָס איז אַלץ. זי האָט איר עס אפשר געזאָגט אויף אַ שטרענגען אופן, מעגלעך. אָבער אַלץ האָט דאָך אַ גרענעץ. איר צודרינגלעכקייט און דאָס אַריינמישן זיך אין אירע אינטימע זאַכן, וואָלט דאָך יעדן געקאָנט אַרויספירן פון גלייכגעוויכט. ווען דאָס געשעעט נעכטן, וואָלט זיכער נישט געקומען צו דעם. אָבער זייט דעם פאַרפאַל אין מעטראָ, זייט זי האָט באַקענט דעם דאָקטאָר, דעם בוכאַלטער... און נאָך פריער, זייט די סצענע אינעם ביוראָ, ביים אויסצאָלן, און די ליבע־דערקלערונג פון בערנאַרדן — איז עפּעס געקומען אַן ענדערונג אין איר. זי דערקענט זיך נישט אַליין. נישט נאָר האָט זי ביילן אויפן שטערן און אַ צעקראַצטע באַק, בלאָע צייכנס און אַ לייכטן ווייטיק אין דער זייט, נאָר אויך אי־נערלעך פילט זי זיך אויפגעטרייסלט און געענדערט. עפּעס ברויזט

אין איר דאָס בלוט אַנדערש און דאָס האַרץ קלאַפּט גיכער און עפּעס ראַיעט זיך אין שאַרבן מיט אַנדערע געדאַנקען ווי ביז איצט. געפילן, פאַר וועלכע זי האָט זיך כסדר געווערט און געשראָקן, און וועלכע זי האָט געטריבן פון זיך, ווי מיט אייזערנע בעזימס, האָבן זיך איצטער אַריינגעריסן אין איר, ווי מיט אַ שטורעם, ווי מיט אַ לאַווינע, און געקומען זענען זיי אַזוי פּלוצים, אַזוי אומ־דערוואַרט, אין אַ צייט, ווען זי האָט זיך שוין איינגעשטעלט איר לעבן, איר שטייגער, איר קוק אויפן לעבן און אויפן אַרום. זי איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס שוין זיין תמיד. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן און איבעררייסן מיט דעם אַלעם, וואָס דערמאָנט אין איר פאַרגאַנגענהייט, אין דעם אַלעם, וואָס האָט אויסגעפּולט און געגעבן אַ זין איר לעבן ביז ערשט נישט לאַנג. מילא, ביינאַכט, ווען זי קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן און זי ווערט באַגוועלטיקט דורך חלומות — נו, דעמאָלט איז זי אומבאַהאָלפן. אָבער בייטאָג, ווען זי איז דער בעל־הבית איבער זיך, איבער איר טועכץ און גע־פילן — איז דאָך נישט שייך זיך נישט צו דאָמינירן און נישט צו גיין מיטן וועג, וואָס זי האָט זיך אויסגעוויילט. זי איז געווען אי־בערצייגט, אַז דער וועג איז אַ ריכטיקער, ווייל עס איז איר גע־ווען גוט אַזוי, זייער גוט אַזוי. און זי האָט גערעכנט, אַז מיט דער צייט וועט איר זיין נאָך בעסער. זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטיין, אין אַ מאַשין, אין אַן אויטאָמאַט, אין אַ פלאַנץ, אין אַ פיש, אין אַ פישעלע...

דער לעצטער פאַרגלייך האָט איר דערמאָנט אינעם פישעלע, וואָס דרייט זיך אַרום דערנעבן אינעם וואַסער. יאָ, זי האָט אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן היינט. סאַלאַנזש איז היינט אינדערפרי נישט געקומען און נישט אַריינגעשיט די פרישטיק־ראַציע, צו וועלכן עס האָט רעכט. יאָ, מעגלעך, אַז די קליינע איז יאָ גע־קומען, און טרעפנדיק די טיר פאַרמאַכט — איז זי נישט אַריין אין צימער. זי האָט זיכער געקלאַפּט מיט אירע קליינע פינגערלעך און נישט הערנדיק איר קול — זי איז זיכער געשלאָפן — איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט אַ קלעמעניש אינעם הערצל. זי איז אַזאַ דערצויגענע און סענטימענטאַלע, די קליינע סאַלאַנזש.

זי איז אַרויס פון בעט. זיך צוגעשטעלט צום גלאָז. דאָס פישעלע איז נישט געווען מיט אַלעמען. זעט זיך אויס, אַז עס איז הונגעריק, האָט זי געטראַכט. זי האָט גענומען אַביסל שפּייז פו־

נעם שעכטעלע און גענומען שיטן אויפן וואַסער. דאָס פּישעלע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט פולע באַוועגונגען, און אָב־שטאָט צוצוכאַפּן זיך מיט די ליפּעלעך צו דעם ווערים־שטויב, וואָס האָט געציטערט אויפן וואַסער, האָט עס זיך אַוועקגעשטעלט מיט די ליפּעלעך אינעם ווינקל צווישן אויבערפלאַך און דער גלעזער־נער וואַנט, נעבן וועלכער זי איז געשטאַנען. עס האָט פויל געעפנט די ליפּעלעך און פויל זיי פאַרמאַכט. עס זענען אַנגעשוווּמען ברעקלעך ווערים־שטויב און זיך געקלעפּט צו זיינע ליפּעלעך, גע־ריסן זיך אין מויל אַריין. דאָס פּישעלע האָט זיי געטריבן פון זיך. אָפּגעשאָקלט זיך פון זיי, אָדער געטריבן זיי מיט לופט־בלעזעלעך, וואָס האָבן זיך געריסן פון זיין מויל אַרויס.

בעלאַ האָט נישט דערקענט איר פּישעלע. עס איז תמיד גע־ווען אַזוי פריילעך, אַזוי באַוועגלעך, ווינאַר זי האָט זיך אַוועקגע־שטעלט נעבן אים. און תמיד געווען להוט צו יעדן ברעקל שפּייז. עס איז דאָך תמיד געווען אַזאַ פרעסערל. אייד־ער די ברעקעלעך האָבן זיך רעכט געהאַט אַוועקגעלייגט אויפן וואַסער־שפּיגל, שוין איז דאָס פּישעלע געווען דערביי, און שוין האָט עס ברייט צעעפנט די ליפּעלעך און געבעטן נאָך און נאָך. זי האָט געמיינט, אַז דאָס פּישעלע שפּילט איצט אַ ברוגז אַזאַ, וואָס מען האָט אין אים היינט פרי פאַרגעסן, און עס וויל נישט קיין דאַפנע־שטויב, ווי תמיד. האָט זי גענומען דאָס שעכטעלע מיט די דינינקע שלענגעלעך, אַרויסגענומען צוויי גליטשיקע פעדעמלעך און זיי אַריינגעלאָזן אין וואַסער, דאָרטן וווּ דאָס פּישעלע איז געשטאַנען. זי האָט געצילט אַזוי, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן דירעקט אין די אָפענע ליפּעלעך. דאָס פּישעלע האָט אַרויסגעלאָזן אַ גרויס לופט־בלעזל, אַוועקצובלאָזן די שלענגעלעך, און פאַרמאַכט מיט אַ רעש דאָס מויל, בכדי זיי אָפּצושרעקן פון זיך. די שלענגעלעך האָבן זיך געדרייט ווי אַ גריי־צער אַרום די אויגן פונעם פּישעלע און דאָס פּישעלע האָט זיי אַפילו נישט באַמערקט. זי האָט אַנגענומען אַ טעפּל וואַסער און אַריינגעגאָסן אינעם גלאָב, מיינענדיק, אַז אַזוינאָך וועט דאָס פּי־שעלע זיך אויפפרישן, זיך אויפמונטערן. מעגלעך, אַז עס איז פאַרשלאָפן, פאַרחלומט. עס איז געפּלאַצט דער וואַסער־שפּיגל. די ברעקלעך שפּייז האָבן גענומען זיך הוידן אַרויף און אַראָפּ, אין דער מיט און אין אַ זייט און געקלאַפּט אינעם גלאָז, געבליבן קלעפּן צו דער וואַנט ערטערווייז. די שלענגלעך זענען אַראָפּ ביזן

סאַמע באָדעם, זיך אָפּגעקלאַפּט און ווידער אַרויף צום אויבער־פלאַך, זיך צוזאַמענגעוויקלט און אויפֿגעוויקלט, אָנגעשטויסן זיך איינס אין צווייטן, אָפּגעקלאַפּט זיך אינעם בויך פֿונעם פּישעלע, און ווידער געשווומען זיך ווי קיינמאָל גאָרנישט. דאָס פּישעלע האָט זיך בלויז אַ וואַקל געטאָן, באַוויגן עטלעכע מאָל מיט דעם עק און מיט די שווימערס און זיך לייכט אויסגעבויגן אין אַ זייט. און אַזוי געבליבן ליגן.

— וואָס איז מיט דיר היינט, מיין טייער פּישעלע? האָט זי געפֿרעגט מיט אַ רחמנות־קול. וואָס איז מיט דיר היינט? איך דערקען דאָך דיך נישט בכלל.

זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. אפֿשר ענדערן בכלל דאָס וואַסער און צוגיסן פֿרישעס, נישט וואַרטן ביז שפּעט אין אָוונט? וואָס קען זי דען טון מער? ווען זי ווייסט, אַז סאָלאָנזש איז שוין צוריק פֿון דער שולע, אָדער אַז איר פֿאָטער איז שוין אין דער היים, וואָלט זי זיי געגאַנגען פֿרעגן אַן עצה. אָדער ווען דער דאָק־טאָר קומט איצט אַריין, וואָלט זי אים געפֿרעגט. אפֿשר קען ער זיך אויך אויף פּישעלעך?

זי האָט געפֿילט אַ מידקייט פֿון שטיין און האָט זיך צוגע־זעצט אויפֿן בעט. דאָס בעט האָט אַ סקריפּע געטאָן און איינציטיק האָט זי געהערט אַ שטילן רויש, ווי פֿון פּאַפּיר, וואָס קנייטשט זיך. זי האָט זיך אונטערגעהויבן און געזען, אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן זשורנאַל, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר איבערגעלאָזן. דער זשורנאַל איז געווען איינגעקנייטשט און לייכט איינגעריסן אין דער מיט, דאָרטן, ווו עס איז געווען דאָס בילד. עס האָט איר אַ שטאָך געטאָן ביים האַרץ, און אַ קלעמעניש האָט אַרומגענומען איר ברוסט, ווי ווען עס וואָלט געשען ווער ווייס וואָס פֿאַראַ אומגליק. זי האָט גענומען דעם זשורנאַל און צוגעגאַנגען מיט אים צום טישל. זי האָט אים אַוועקגעלייגט און גענומען פּירן מיט די האַנטפּלאַכן, אויסצוגראָדן די קנייטשן און אויסצוגלייכן די ברעגן פֿון דעם איינגעריסענעם בילד. דער ריס איז גראָד געווען דאָרטן, ווו עס געפֿינט זיך די יידישע שיף, די שיף אויפֿן נאָמען פֿון דער יידישער העלדין, ברכה פּולד. זי האָט געגלעט דאָס דאָזיקע אָרט מיט די שפּיץ־פֿינגער, אַרונטערגערוקט די צווייטע האַנט אונטער דער צווייטער זייט און באַמיט זיך אויסצוגלייכן די אַריינגייענדיקע ריס־ברעגן צווישן די פֿינגער פֿוןביידע הענט. דערנאָך האָט זי צוגע־

טראָגן די שפּיץ־פינגער צום מויל, בכדי זיי איינצונעצן און צו פאַרקלעפּן דעם ריס, די ברעגן זאָלן זיך באַהעפטן. איר מויל איז אָבער געווען טרוקן. דאָס ביסל פייכטקייט, וואָס זי האָט אַרויס־באַקומען, איז גיך אויסגעטריקנט געוואָרן אויף די שפּיץ־פינגער, נאָך איידער זי האָט זיי צוגעטאָן צום צייטונגס־פּאַפּיר. האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן איבערן זשורנאַל און צוגערירט זיך מיטן שפּיץ־צונג צו די ריס־ברעגן. ארייגעצויגן צוריק די צונג, געמאַכט עטלע־כע באַוועגונגען מיט איר אין מויל, ווי זי וואָלט געשעפּט שפּייעכץ ערגעץ פון פאַרבאַרגענע קוואַלן פון דער טיף, און ווידער צוגע־טאָן דעם שפּיץ פון דער צונג צו דער יידישער שיף, וואָס קעמפט העלדיש קעגן דעם בריטישן פּאַנצער־מחבל. און ווען די ריס־ברעגן זענען שוין געווען צוזאַמענגעהאַפטן, איז זי צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו דעם פאַרקלעפּטן אָרט, און געבליבן שטיין אַזוי אַ וויילע. געדאַכט האָט זיך איר, אַז דאָס קושט זי אויס יעדן פון די העלדן, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף, און אַז דאָס קושט זי די העלדין, וועמען די פּחדנישע פּאָליציסטן האָבן געשאָסן אין רוקן, און נישט צוגעלאָזן קיין דאָקטאָר, נישט דערלויבט אַ תפילה אָפּצוריכטן נאָכן טויט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שווער אויפן טאַבורעט און אָפּגע־זיפצט:

— אָרעמע ברכה פולד.

זי האָט אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אויפן טישל און גענו־מען איר קאָפּ איןביידע הענט אַריין. אירע אויגן זענען געפאַלן אויף דעם גרויסן קאָפּ, אויף דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג.

— „און די וועלט שווייגט!“.

זי האָט גענומען לייענען ווייטער. „קוים האָט די וועלט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם מאוימדיקן חורבן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע, און שוין זענען מיר עדות פון אַ נייער טראַגעדיע. און דער קרבן איז איינער און דער זעלבער. און די טראַגעדיע איז נאָך גרעסער, וואָס דער מערדער איז נישט דער זעלבער, נאָר דאָס איז דאָס נאָבעלע בריטישע פאָלק, וואָס האָט דווקא התחיבותן לגבי די יידן, וואָס האָט זיי אַ היים פאַרשפּראָכן אינעם לאַנד פון זייערע אָבות. און וואָס פאַראַ איראָניע פון גורל! דווקא איצט, ווען די דאָזיקע היים איז פאַר זיי נויטווענדיקער ווי

ווען עס איז, פֿאַרמאַכט מען פֿאַר זיי די טויערן, פֿאַר די רעשטלעך ניסים־יידן, געראַטעוועט פֿון...״

זי איז שטיין געבליבן פֿאַר אַ וואָרט, וועמענס באַדייטונג איז איר געווען אומבאַקאַנט. זי האָט אויפֿגעעפֿנט דעם ווערטערבוך, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש און געפֿונען זוכן דאָס וואָרט: האָלאָקאַסט. וואָס באַדייט דאָס דאָזיקע וואָרט? האָלאָקאָסט, האָלאָקאָסט. אַה, יאָ. דאָס וויל זאָגן: „סאַקריפֿיס רעליזשיע, און ווערט באַנוצט אין פֿאַלן, ווען מענטשן לאָזן זיך אומברענגען, איידער צו פֿאַר־ראַטן זייער גאָט, זייער רעליגיע; און אין ברייטערן זין — זייער פֿאָלק, זייערע אידעאַלן״.

זי האָט זיך צוריקגענומען לייענען: „...און מען שיקט קעגן זיי דעם פּאַנצער־פֿלאָט פֿון דער גרעסטער ים־מאַכט. טראָגן אויף די הענט דאַרף מען זיי, די ניצול־געוואָרענע יחידים פֿון אַ פֿאָלק, וועמענס בלוט איז דורות־לאַנג פֿאַרגאָסן געוואָרן שטראָפֿ־לאָז, מיט אַקטיווער אָדער פּאַסיווער באַטייליקונג פֿון אַ וועלט. צי האָט די וועלט נאָך וויניק געצאָלט ביז איצט פֿאַר אירע באַ־נאַנגענע זינד לגבי דעם דאָזיקן פֿאָלק? און צי זענען די זעקס מי־ליאָנען קדושים נאָך אַ צו קליינער קרבן אויפֿן מזבח פֿון דער וועלטס פֿאַרברעכן און טיפּשות?! געראַטעוועטע יידן, פֿון די גע־טאָס, לאַגערן און קרעמאַטאָריעס, אַנטוישטע פֿון דער וועלטס אַק־טיווער און פּאַסיווער שנאה און רציחה, ווילן זיך בויען אַ היים פֿאַר זיך, זיין באַלעבאַטים איבערן אייגענעם גורל אין אייגענעם לאַנד — שיסט מען אויף זייערע אומבאַוואָפֿנטע שיפֿלעך מיט קאַ־נאָנען פֿון קרייצער־שיפֿן, פֿון אונטערוואַסער־שיפֿן און מען טרינקט אונטער קינדער, שוואַנגער־פֿרויען, זקנים; און ווען אַ פֿאַר־וואונדיקטער באַוויזט זיך אַרויפֿצורייסן אויפֿן אויסגעבענקטן ברעג, לאָזט מען אים אויסגיין פֿון די וווּנדן, אָפּגיין מיט בלוט, און קיין הילף ווערט צו אים נישט צוגעלאָזן... יאָ, עס איז אונדזער אַלע־מענס חרפּה! דאָס בלוט פֿון די געפֿאַלענע אין דעם דאָזיקן אומ־גלייכן קאַמף רופֿט צו דער וועלט; עס רופֿט זיך איבער מיטן בלוט פֿון די זעקס מיליאָן קדושים...״

אַ געררודער, וואָס איז געקומען פֿון יענער זייט טיר, האָט אָפּגעוואָנדן אירע אויגן פֿון דער צייטונג. זי האָט געהערט גע־וואַלדן און געשרייען און דערקענט די שטים פֿון דער שכנטע. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מסתמא קריגן זיך ווידער אַרום די לאַ־

קאַטאָרן אירע. שוין אַ פּאָר שעה ווי עס איז געווען רואיק אונטן. זעט זיך אויס, אַז זיי ווערן נישט נתפּעל, וואָס מען גרייט זיך זיי צו פאַרטרייבן פון הויז. זי האָט צו זיי קיין טענות נישט געהאַט, חלילה. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. אָנגעטאָן זיך דעם וואַרעמען שטובראָק, און באַשלאָסן אַראָפּצוגיין צו זיי. אפשר וועט זי קענען זיי באַרואיקן.

מח

און ווי זי גרייט זיך אַראָפּצוגיין, האָט זי פּלוצים דער־הערט אַ קלאַפּן אין דער טיר. ווער קאָן עס זיין? דער דאָקטאָר? דער בוכהאַלטער, איר רעטער? די קאָנסיערזשקע? אפשר קומט זי צו איר מיט דער פּעטיציע אויף אַרויסצוטרייבן די לאָקאַטאָרן, וואָס שטערן די רו פון הויז? און טאָקע אין שייכות מיט די נייע געוואַלדן? ניין, זי וועט נישט אונטערשרייבן! זי וועט זי בכלל נישט אַריינלאָזן. זי האָט זיך געשטעלט נעבן דער טיר און געגומען שטופּן פעסט מיטביידע הענט פאַראויס: ניין, זי וועט נישט אַריינלאָזן!

דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערחזרט עטלעכע מאָל. עס איז גע־ווען אַ דיסקרעטעס, אַ דינעס, אַ בעטנדיקס. זי האָט צוגעשטעלט אָן אויער צו דער טיר. זי האָט געהערט טריט. עטלעכע טריט אַהער, עטלעכע טריט אַהין, אין דער לענג, אין דער ברייט פון דעם קליינעם קאָרידאָר נעבן איר טיר. נישט די שווערע טריט פון דער קאָנסיערזשקע. לייכטע טריט, אומרואיקע. אפשר האָט די קאָנסיערזשקע אָנגעטאָן היינט, צו דער געלעגנהייט, אירע זונ־טיק־שיך? עס איז דאָך ביי איר אַ יום־טוב היינט, אַ קלייניקייט — זי וועט איינגיכן פּטור ווערן פון אַ יידיש פאַרפאָלק, זי וועט זיי פאַרטרייבן, פאַרשיקן. וווהין וועט זי זיי פאַרשיקן די אומגליקלע־כע, היימלאָזע יידן? צוריק אין די גאַז־אויוונס? קיין פּאַלעסטינע? אויף די שיפן אַרויף, וואָס רייסן זיך צו די ברעגן פון זייער לאַנד, און ים־וועלף פאַרשטעלן דעם צוטריט?!

עס איז געווען שטיל אַ רגע. דערנאָך האָט זי געהערט אַ רואיק, דין קלאַפּן. דערנאָך — טריט, וואָס דערוויטערן זיך, גייען אַראָפּ די טרעפּן. מענלעכע טריט, פול מיט אַנטוישונג, מיט

רעזיגנאַציע. זי האָט מיטאַמאָל אָן עפּן געטאָן די טיר. זי האָט באַמערקט די ברייטע פּלייצע, דעם דיקן קאַרק און דעם גרויסן קאָפּ שוואַרצע האָר פון אַ באַקאַנטער פּערזאָן. דער קאָפּ האָט זיך אויסגעדרייט לאַנגזאַם הינטערווייליקעץ און זי האָט דערקענט: מסיע בערנאַרד. זי האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק. עס איז פאַר איר געווען אַ סיורפּריז. זי האָט זיך בשום אופן נישט געריכט אויף אַזאַ באַזוך. זי האָט נישט געוווסט, צי זאָל זי אים לאָזן אַוועקגיין, אָדער אים אַריינרופן. בערנאַרד האָט זיך אויסגעדרייט מיטן קערפּער צו איר. געקוקט אויף איר אַ וויַל, און נישט וואַרטנדיק אויף איר איינלאַדונג, גענומען אַרויפגיין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימערל. געקוקט אין אַלע זייטן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויס מורא נישט צו צעקלאַפּן זיך דעם קאָפּ. ער איז נאָך אין איר צימערל קיינמאָל נישט געווען. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קאָן וווינען אין אַזאַ צימערל; אַז זי, בעלאַ, זאָל עס וווינען אין אַזאַ קליינטשיק מאַנסאַרדע־שטיבל. דערנאָך האָט ער געקוקט אויף בעלאַן. זיין בליק איז געפאַלן אויף איר שטערן מיט די ביילן, אירע רויטע פינטעלעך אין די אויגן, איר צעקראַצטע באַק. ער האָט געשוויגן. בעלאַ האָט אים אַ וויַז געטאָן מיט אַ פינגער אויפן טאַבורעטל נעבן טישל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. זי איז געבליבן שטיין. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו אירע האָר, וואָס זענען געווען צעפּלאָשעט, אַראָפּגעהאָנגען ווילדע פון ביידע זייטן האַלדז און געפאַלן פון פאַרנט ביז אונטערן גאַרטל פון איר שטובראָק. אין זיינע אויגן איז געווען חידוש. איז געווען רחמנות.

— פאַרוואָס שטייט איר? האָט ער געפרעגט מיט אַ ציטער צווישן יעדן וואָרט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן צווייטן טאַבורעטל און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— איך האָב געזען, אַז איר קומט נישט צו דער אַרבעט, האָב איך געטראַכט, אַז...

ער האָט איבערגעהאַקט דעם זאַץ. זי האָט נאָכמער אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ.

— אַז וואָס? האָט זי געפרעגט קוים עפענענדיק די ליפּן.

— האָב איך געטראַכט, האָט ער אָנגעהויבן נאָכאַמאָל דעם זאַץ — אַז מען דאַרף צוגיין. איר האָט דאָך נישט קיין טעלעפאָן.

— ווען איך האָב אַ טעלעפאָן, האָט זי געזאָגט, אראָפּלאָזנ־דיק איר גאָמבע כמעט אויף דער הויך פון אירע ברוסטן — וואָלט איך אַליין אָנגעקלונגען.

— פאַרשטענדלעך, האָט ער געזאָגט און אַנטשוויגן געוואָרן.

זי איז געווען צופרידן פון זיין באַמערקונג. זי האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט איר איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, און עס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז זי זאָל די ער־שטע אָנקלינגען. אָבער נישט דאָס האָט ער געמיינט.

— פאַרשטענדלעך, האָט ער צוריקגענומען דאָס פריערדיקע וואָרט, אַז אין אַזאַ בוידעם־שטיבל קאָן נישט זיין קיין טעלעפאָן.

אַ געטראָפענע פון זיין באַמערקונג, אויף וועלכער זי האָט זיך נישט געריכט, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אַ קוק געטאָן דרייסט אין פּנים אַריין.

— פאַרדאָן, דאָס איז נישט קיין בוידעם־שטיבל, דאָס איז מיין פּאַלאַץ, און איך גיב אים נישט אַוועק פאַר אייערע לוקסוס־זאַלן — האָט זי געגעדט שנעל און מיט פאַרדרוס.

ער האָט געשוויגן אַ וויילע, נישט דערוואַרטנדיק פון איר אַזאַ ברוטאַלע תשובה. ער איז בכלל נישט געווינט געווען צו הערן פון איר אַ הויכן קול, און אירס אַ מיינונג, וואָס זאָל נישט איינ־שטימען מיט אים.

— איך בין גאַרנישט אויסן געווען דערמיט, מאַדמואַזעל. איר דאַרפט זיך נישט אויפרעגן — האָט ער געזאָגט רואיק. — עס איז נישט מער ווי אַ פעסטשטעלונג. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פּראַקטישער מענטש, וואָס זעט אַלץ, וואָס זעט ווייט.

בעלאַ האָט זיך געפילט אומבאַקוועם. זי האָט זיך געדרייט אויף איר געזעס. זי האָט געפילט ווי עס פעלט איר אויס לופט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל. איינגעבויגן זיך לייכט, אָנגענומען די אייזערנע שטאַנג און גע־נומען זי אַרויפשטופּן. אירע הענט האָבן געציטערט. עס איז איר אָנגעקומען שווער אַריינצוטרעפן מיטן טשוואָק אין אַ נידעריקער לעכל פונעם שטאַנג. דאָס פענצטער איז איר אויסגעקומען אַ סך שווערער ווי תמיד. דאָס לעכל אינעם שטאַנג האָט איר אויסגע־זען אַ סך קלענער. אָדער, אפשר איז גאָר דער אַרויסשטייענדיקער טשוואָק געוואָרן דיקער און פּאַסט נישט מער אַריין אינעם לעכל? האָט זי געפּרוווט צוריקשטעלן דעם שטאַנג אויף דער זעל־

בער הויך, ווי פֿריער. אָבער ווידער האָט זי נישט געקאָנט צונויפֿ־פּאָרן דאָס לאַך מיטן טשוואַק.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו בערנאַרדן, וואָס איז געזעסן אומבאַוועגלעך אויפֿן טאַבורעטל און געפֿירט מיט די אויגן איבערן צימערל.

— איר וואָלט כאָטש געמעגט זיין גאַלאַנט — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט כּעס. און זעענדיק, ווי ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, איז איר קול איבערגעגאַנגען אין אַ הויכן טאָן: קומט צו, און העלפֿט מיר. דאָ איז נישט אייער אַטעליע, דאָ באַפֿעל איך — אויב איר האָט נישט אַליין קיין פֿאַרשטאַנד.

בערנאַרד האָט זיך אויפֿגעשטעלט. זי האָט זיך אַוועקגע־רוקט אין אַ זייט און געמאַכט אָרט פֿאַר זיינע הענט. ער האָט צו־געשטעלט זיין רעכטע האַנט צום שטאַנג און געהאָלפֿן שטופּן. זי איז געווען זיכער, אַז ער האַלט פֿעסט דעם שטאַנג, האָט זי גע־נומען אים אויסבויגן צום אַרויסשטייענדיקן טשוואַק און אַריינ־שטופּן דאָס דערנעבנדיקע לאַך. אָבער פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ גרילץ און געפֿילט ווי דער שטאַנג גליטשט זיך אַרויס פֿון אי־רע הענט. זי האָט אים געוואָלט דערכאַפּן. אינדעם האָט זיך דער־הערט אַ פֿעסטער זעץ און באַלד דערנאָך אַ קלינגנדיקער צושפּיל פֿון ברעכנדיקן גלאָז, וואָס פֿאַלט מיט אַ שטאָלענעם ווידערקלאַנג אויפֿן דיל. בערנאַרד איז אָפּגעשפּרונגען און געפֿאַלן אויפֿן בעט. בעלאַ האָט זיך איינגעקאָרטשעט און געפֿילט ווי עטלעכע שויב־ברעקלעך פֿאַלן אויף איר קאָפּ און קייקלען זיך אַראָפּ לאַנגאויס איר ראָק אויפֿן דיל. דאָס פּישעלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אי־נעם וואַסער און געמאַכט אַ רעש מיט זיינע שווימערס.

— מזל טובֿ! האָט בערנאַרד אַ זאָג געטאָן, צוזאַמען מיט אַ סקריפּ פֿונעם בעט.

דורכן אויסגעהאַקטן אויבערשטן שויבל האָט אויף איר אַ יאָג געטאָן אַ שטראָם פֿרישע לופֿט צוזאַמען מיט אַ שאַרף ווינטל. אַ שטיקל גלאָז, וואָס האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין די האָר, האָט דער ווינט אַ יאָג געטאָן פֿון זיין אָרט און עס אַראָפּגעטריבן מיט אַ קלונג אויפֿן דיל.

— מזל טובֿ, האָט בערנאַרד איבערחזרט. אַז עס ברעכט זיך גלאָז, איז עס אַן אָנזאָג אויף אַ פֿריילעך געשעעניש, אויף אַ פֿאַ־מיליע־שמחה, אויף אַ חתונה. און אַרויסזאָגנדיק דאָס לעצטע

וואָרט, האָט ער אויסגעצויגן די הענט און זי אַ צי געטאָן צו זיך.

בעלאַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אויסגעבויגן אויף פאָרנט, זיך נאָכגעגעבן אַ ווייל די הענט, וואָס ציען זי, אָבער אַנשטאָט צו פאַלן אויפן בעט, איז זי געבליבן זיצן אויפן טאַבורעטל. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער טאַליע און ווידער אַ צי געטאָן צו זיך. זי האָט זיך נישט נאָכגעגעבן. זי האָט אויסגעבעסערט איר פּאָזיציע אויפן טאַבורעטל און געבליבן פעסט זיצן. זיי האָבן זיך געקוקט אין פּנים אַרייַן און געשוויגן.

— איך האָב געזען, אַז דו קומסט נישט צו דער אַרבעט, האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט, און איז איבערגעגאַנגען אין אַן אינטימען טאָן — האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז אַ דיפּלאָמאַטישער שריט פון דיין זייט... אַ דיפּלאָמאַטיש שפּיל, אין שייכות מיט מיין ליבע־דערקלערונג... אין שייכות מיט דעם...

— אולטימאַטום, האָט זי אים אונטערגעהאָלפן.

— נישט קיין אולטימאַטום, ניין. נישט אַזוי האָב איך אַוועקגעשטעלט אונדזערע באַציאונגען. דאָס איז געווען אַן אויפריכטיקער פאָרשלאַג...

— מיט אַ פּיראָנצוואַנציק שעהדיקן טערמין, האָט זי אונטערגעזאָגט.

— פאַרוואָס, בעלאַ, אַזאַ אָפיציעלער טאָן, פאַרוואָס?

— אַז מען שמועסט — דיפּלאָמאַטיע, איז דאָך אויפן אָרט אַ צוגעפּאַסטע שפּראַך.

— איך בין גרייט דיר צו פאַרלענגערן דעם אול־טי־מאַ־טום, האָט ער געזאָגט מיט איראָניע, אויסציענדיק יעדן זילבּ. איך זע, אַז דו ביסט פאַרוווּנדעט. וואָס איז דיר געשען אַזוינס, האַ?

— איך האָב געמיינט, אַז איר וועט אָנהויבן אייער באַזוך טאַקע פון דעם, פון אויספרעגן מיך וואָס איך מאַך, וואָס איז מיר געשען.

— גערעכט, האָט ער צוגעשטימט — טאַקע באַדאַרפט. גערעכט.

— גערעכט אַהין, גערעכט אַהער; אָבער איר האָט עס נישט געטאָן. און איר האָט געוואַרט ביז שפּעט נאָכמיטאָג זיך צו פאַראינטערעסירן מיט מיר.

— עס איז מיר נישט איינגעפאַלן אַזאַ עווענטואַליטעט. איך האָב גיכער גערעכנט, אַז דאָס איז צוליב נעכטן אָוונט...

— און ווו איז אינטואיציע? די אינטואיציע פֿון אַ פֿאַר־ליבטן?

— זיי מוחל. איך האָב געמיינט, אַז איך בין נישט געווען גענוג דיפּלאָמאַטיש נעכטן אָונט, דעריבער...

— ליבע און דיפּלאָמאַטיע פּאָרן זיך זייער שלעכט, האָט זי אים איבערגעריסן די רייד. איך מיין, אַז איר זייט עס גאָר היינט.

ער האָט אויסגעצויגן זיינע הענט, אָנגענומען זי ביי דער טאַליע און אַ צי געטאָן צו זיך. זי איז געזעסן פעסט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער קראַנקער זייט. האָט ער אָפּגעהויבן די רעכטע האַנט און צוגעטאָן זי צו דער שטערן־בייל, געפירט מיט די שפּיץ־פינגער אַהין און אַהער, ווי בעת אַ מאַסאַזש.

— עס טוט דיר וויי, בעלאַ? זאָג מיר וויאַזוי דאָס איז געשען?

זי האָט נישט געענטפערט. האָט ער אַראָפּגעפירט די האַנט אויף דער באַק און צוגערירט זיך צו די בלויע צייכנס, צו דער צעקראַצטער הויט.

— עס מוז דיר וויי טון, בעלאַ. ווי אַזוי איז עס דיר געשען?

— אין מעטראָ, האָט זי געענטפערט קורץ.

— אויסגעגליטשט זיך? געפאַלן פון אַ טרעפּל?

— יאָ, האָט זי געענטפערט נאָך קורצער.

— איך האָב נעכטן באַדויערט, וואָס כ'האָב דיך געלאָזן אַהיימגיין אַליין. איך האָב דיך געדאַרפט אָפּפירן מיט מיין אויטאָ. איך וועל עס שוין טון פון איצט אָן, יעדן אָוונט, אויב דו אָק־צעפּטירסט.

— אָפּפירן מיך צו מיין בוידעם־שטיבל?

— צו דיינע פּאַלאַצן, האָט ער פאַררעכטן איראָניש און אַריינגעטאָן די פינגער פון זיין האנט אין אירע אַראָפּהענגענדיקע האָר. צי אַקצעפּטירסטו?

— ווען, אַ שטייגער, דאַרף קומען דער ענטפער? האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטביידע אויגן. מאָרגן? איבערמאָרגן?

ער האָט אַריינגענומען אין זייך האַנט אַריין די האָר, וואָס זע־נען אַראָפּגעהאַנגען פון איין זייט און געדרייט מיט זיי צווישן די פינגער, ווי מיט אַ קנויל וואָל, מאַכנדיק אַ רעש.

— יאָ, האָט ער געענטפערט, נישט אַרויסלאָזנדיק די האָר פון דער האַנט. איך טאָר נישט באַגיין דעם זעלבן פעלער, וואָס

נעכטן אָוונט. איך זע, אַז מחוץ דער אַרבעט, מוז איך זיין פאַר־זיכטיק מיט דיר, מוז זיך רעכענען מיט יעדן וואָרט. און זייט עס איז געשען מיט דיר דער פּאַרפאַל, זע איך, ביסטו געוואָרן גאָר און גאָר עמפּינדלעך. איז, לאָמיר אָפּוואַרטן מיט באַשטימען דעם טערמין ביז וועסט זיין אויסגעהיילט; איז עס נישט בעסער אַזוי, האַ?

בעלאַ האָט אַ צי געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגעריסן איר'ע האַר פון זיין האַנט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט, אַז זי איז מיד און וויל זיך צוריקלייגן. ער האָט פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך געזעגנט. ער האָט לאַנג געהאַלטן איר האַנט. ער האָט איר געוווּנטשן אַ גיכע בעסערונג.

— צי מעג איך צוריקקומען? האָט ער געפרעגט שטייענדיק שוין ביים שוועל.

— צי דאַרף איך שוין איצט געבן דעם ענטפער? האָט זי אים געענטפערט מיט אַ פראַגע, פול מיט אַנצוהערעניש און אי־ראָניע.

— ווו ז'עט ענקאַרריזשיבל, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אין חלל אַריין און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

מט

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט אַן אויסגעמאַטער־טע. געפאַלן שווער מיט אַ זיפץ און מיט אַ באַגלייט־סקריפּ, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים־זקן, סוף־זומער, בעת אַ טריקעניש. זי האָט געוואָלט ליגן, ליגן, גאַרנישט טראַכטן. זי האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל שוין היינט מער נישט קומען, קיינער נישט. צופיל איבערלעבונגען פאַר איר אין איין טאָג, אין איין קנאַפּן מעת־לעת. אפשר פאַרמאַכן די טיר אויפן שליסל? זי האָט זיך געפוילט אַראָפּ־צוגיין פון בעט. זי האָט אויסגעצויגן די ביינער און אַריינגעצויגן אַ פולע ברוסט מיט לופט, צוזאַמען מיט אַ קילן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דורך דעם אויסגעהאַקטן שויבל.

— אַזאַ שלימזל, האָט זי געזאָגט צו זיך און דערמאָנט זיך אין בערנאַרדן. זיך פאַרלאָזט אויף אים — האָט זי זיך געמאַכט פאַרוואָרפן. געמיינט, אַז ער האַלט פעסט דעם שטאַנג. און דאָ

האָסטו דיר. ער האָט אַפֿילו נישט פֿאַרגעשלאָגן צו באַצאָלן דעם היזוק. זיין אויטאָ אָפּצופֿירן זי יעדן אָוונט אהיים — דאָס יאָ. האָט זי געגומען לאַכן אין זיך. שוין איינמאָל אַ שלימזל!... ער האָט שוין נישט גערעדט וועגן אַ דירה, חתונה. קוים געגעבן אָנצוהערן. ער האָט געשפּילט זיך מיט אירע האָר און פֿאַרגעלייגט זי אהיימצופֿירן נאָך דער אַרבעט אהיים. און מסתמא בלייבן מיט איר איבער נאַכט... בלייבן איבער נאַכט, נאָך דער אַרבעט... ווי ער, ווי דר. סאָלעק. דר סאָלעק און — ער, בערנאַרד; וואָס פֿאַראַ חוזק! ווי קומט ער זיך צו פֿאַרגלייכן מיט דר. סאָלעק? ער, מיט זיינע ברייטע אַקסלען, פּעטן קאַרק, גרויסן קאָפּ מיט אַן אָדלער־נאָז אינדערמיט, און האָר ווי ביי אַ ציגיינער... יאָ, צו וועמען איז ער דאָס ענלעך? זיין אויסזען דערמאָנט איר אין עמיצן, אין אַ באַקאַנטער פּערזאָן. ניין, נישט חלילה דר. סאָלעק, מיט זיין גראָדן קערפּער, געטאָקט נעזל, אינטעליגענט אויסזען, האַלבפֿאַרחלומטע אויגן, וואָס וועקן צוטרוי, מיט זיין גוטסקייט, וואָס איז מקרב אַפֿילו אַ ווילד־פֿרעמדן... ער איז אָבער ענלעך צו עמיצן פֿון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. צו וועמען? יאָ, זי זעט: צו דר. באַכאַנסקי... אוודאי, עס איז אויך נישט קיין גענויער פֿאַרגלייך. דר. באַכאַנסקי איז העכער, זיין פּנים איז איידעלער, ערנסטער, זיין קאַרק איז נישט אַזוי, אָבער דאָך כאַפּט אַן ענלעכקייט. ענלעכע ברייטע אַקסלען און פֿעסטער געבוי פֿון פּאַרנט, ענלעכע פּעך־שוואַרצע האָר... יאָ, וואָס איז געוואָרן מיט דר. באַכאַנסקי? זיצט ער נאָך תמיד אינעם בונקער, דאָרטן? אָדער האָט מען אים געכאַפּט מיט די יידן פֿון שפּיטאָל? אָדער אפֿשר איז ער ערגעץ אויף יענער זייט, צוזאַמען מיט דער פֿרוי און פּיצעלע קינד?...

עס האָט זי דורכגענומען אַ קעלט. זי האָט געעפֿנט די אויגן. דורכן פֿענצטער האָט זיך גענומען אריינרייסן ערב־אָוונט. דורכן אויסגעהאַקטן שויבל — אַ קאַלטער, שפּעט־אָקטאָבער ווינט. ער איז פֿאַרקראָכן אונטער די קלאַפּעס פֿון שטובראַק און אונטערן נאַכטהעמד אַרונטער און געקילט איר לייב. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פֿענצטער, מיטן פּנים צו דער וואַנט, וואָס איז געוועזן גרוי, טונקל גרוי, ווי אַ טונקל־גרויער פֿאַרטאָגס.

און פֿונעם טונקל־גרויען פֿאַרטאָגס שיילן זיך אַרויס די קאָנטורן פֿון די דזשיענציאַלס שטאָקיקן הויז, מיטן טורעמל צום הימל און די שינדל־דעכער פֿונעם שטאַל, פֿון דער סטאָדאָלע. אַט

איז בורעק. ער לויפט אַרויס פון דער בודע. קוקט אַ רגע. יאָ בילן? נישט בילן? אהרן זעט אים אויס אַ פרעמדער. לאָזט ער אַרויס אַ קורצן ביל, וואָס זעט אויס האַלב־כעס און האַלב־פריינטשאַפט און לויפט צו לעקן אירע פיס. זיין צונג איז פייכט, וואַרעם. אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער איר לייב, געמישט מיט אַ ציטער. עס עפנט זיך אַ נישט־געאיילטע טיר. ניין, עס איז נישט סטעפאַן. דאָס איז זיין פאָטער. ער רייבט זיך די אויגן. דערקענט זיי יאָ, דערקענט זיי נישט? ער שנייצט אויס זיין פליישיקע נאָז מיט אַ גרילצנדיקן רעש, און ווישט אַרום זיינע הויפּיקע וואָנסעס מיטן אַרבל פון זיין באַרכענעם העמד. ער רופט צו דעם הונט. בורעק לעקט ווייטער איר פוס ביזן קני און קוקט קרום, מיט איין אויג, אויף אהרנען. דער אַלטער ווערט בייז און רופט אים נאָכאַמאָל צוזאַמען מיט אַ וואָרענונג און קללה. עס פאַרדריסט אים, וואָס די אַרומגעשליסענע שלעפערס, וואָס שטייען ביים טויער, אינטערעסירן אים מער ווי זיין באַלעבאָס. לסוף גיט דער אַלטער אַ בייזן באַוועג מיט דער האַנט און אַ מרוקע אונטער די וואָנסעס, אַ סימן אויף אַריינצוגיין. „געסט", זאָגט ער, ברומענדיק בייז, צו דער אַלטיטשקער זיינער, וואָס שטייט אַ נישט אויסגעשלאָפענע אין קיך. זי מאַכט אַ סימן פון אַ קרייץ אַרויף און אין אַ זייט, דערמאָנט יעזוסן און דעם הייליקן גייסט און שרייט אויס: „בעלאַ, דעם מילנערס טאָכטער. און דאָס איז דיין ברודער, אויב כ'בין זיך נישט טועה". „יאָ", ענטפערט דער אַלטער פול מיט תרעומות. „איצט קומט זי. ווען איך האָב געבעטן דעם אַלטן פיניע, אַז ער זאָל זי מיר איבערלאָזן, דעמאָלט, האָט ער זיך געהאַלטן דערונטער". די אלטע שטופט אים אין אַ זייט: „גיי, טו זיך אָן. נישט איצט איז די צייט פאַר אָפּרעכענונגען. דו זעסט דאָך — זיי ציטערן פאַר קעלט, זענען אָפּגעשליסן און זיכער טויט־הונגעריק. גיי, מאַך פייער. די קאַרטאָפל־זופּ שטייט אויפן אויוון. יאָ, וואָס מאַכן די אייעריקע? דער אַלטער פיניע, די מאַמע? די קינדער?". „נישטאָ קיינער פון זיי. נישט מער געבליבן ווי מיר ביידע פון דער גאַנצער משפחה". די אַלטע פאַרברעכט די הענט און קרייצט זיך. קרעכצט. קרייצט זיך נאָכאַמאָל און דערמאָנט אַלע הייליקע. דער אלטער, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביים פייער, דרייט זיך אויס און איבערפרעגט: „קיינער, קיינער נישט מער, אחוץ אייך ביידן? אַ שאָד. ער איז דאָך גע־

ווען אַ גוטער מענטש, דער אלטער בייגעל און באַזונדערס די מאַ־מע״. און לאָזט פֿאַלן אַ קללה אויף די דייטשן. די אלטע פֿאַר־שווינדט אויף אַ רגע און קומט צוריק מיט אַ קלייד און אַן אָנ־צוג פֿאַר אהרנען: „דאָס איז סטעפֿאַנס אַן אָנצוג. דו ביסט פֿון דער זעלבער גרייס וואָס ער. לײדער, וועט ער אַזוי גיך נישט נוי־טיקן זיך אין אַן אָנצוג״. „וואָס, וואָס איז? וואָס איז געשען מיט סטעפֿאַנען? ווו איז סטעפֿאַן? זאָגט, פֿאַני יאַנינאַ, זאָגט גיכער״. די אַלטע ברעכט אויס מיט אַ געוויין. זי ווײנט אַרײַן אין מײַן פּנים; איך — אין אירס. עס שטיקן די טרערן. דער ביסן גייט נישט אַראָפּ אינעם שלונג, קוים אַ ביסעלע שיטערס פֿון דער קאַרטאָפֿלאַנקע. דער אַלטער איבערחזרט כּסדר דאָס זעלבע: „איצטער קומסטו. איצטער קומסטו?״. די אַלטע שטעלט אַוועק דאָס עסן און דערציילט וועגן סטעפֿאַנען. ער איז אין דער פֿאַר־טיזאַנטקע. ער איז אַ שעף פֿון אַ גרופּע פֿון „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״. ער איז אַוועק מיט זעקס חדשים און נישטאָ מער קיין נייעס. ער האָט זיך מורא צו באַווייזן דאָ. ער האָט מורא פֿאַר דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״, וואָס איז שטאַרק אין דער געגנט. עס פֿירט אַן מיט איר דער גאַיאָווע און זיין זון, אַנדזשעי. און זיי האָבן זיך פֿיינט, סטע־פֿאַן און אַנדזשעי. „יאָ״, האָט זיך דער אַלטער אַרײַנגעמישט. „אַלץ די שולד פֿון אייער טאַטן. ווען ער שרייבט מיר דעמאָלט איבער די מיל, ווען עס איז נאָך צייט געווען, וואָלט איך איצט געווען דער באַלעבאָס איבער איר, און נישט דער „שוואָב״, דער גאַיאָווע און זיין זונדל, דער אויסוואורף. ער האָט זיך אויסגעפֿונען עפּעס אַ פֿאַלשן, געמאַכטן פֿאַר געלט, עלטער־זיידן, אַ שלאַנזאַק, און איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער קאָמענדאַנטור אַלס פֿאָלקס־דייטש. האָט מען אים איבערגעגעבן די מיל אין אויפֿזיכט, אַלס קאָנפֿיסקירט יידיש אייגנטום. אָבער, ווען די מיל איז מיינע, וואָלט דעם גאַיאָוועס זונדל דאָ נישט געוועלטיקט. אָה, ניין. וואָלט סטעפֿאַן געווען דער באַלעבאָס. און ער וואָלט פֿון דער מיל גע־צויגן געלט אויף צו קויפֿן געווער פֿאַר די פּאַרטיזאַנער. און די „קראַיאָווצעס״ וואָלטן דאָ געהאַט די אויבערהאַנט. היינט איז צו שפּעט״. אהרן בעט זיך מען זאָל אים אויפֿקלערן דעם אונטערשייד צווישן די צוויי פּאַרטיזאַנער־גרופּן. אין געטאָ ווייסט מען גאָר־נישט וואָס עס טוט זיך אינדרויסן: דער אַלטער קלערט אויף. די קראַיאָווצעס זענען אמתע פּאָליאַקן, נאַציאָנאַלע. זיי נעמען די באַ־

פעלן פון דער ציטווייליקער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן און אירע פאָרשטייער אין פוילן. זיי זענען נישט נאָר קעגן דייטש, נאָר אויך קעגן די פאַרכאַפּערישע פּלענער פון די סאָוויעטן. און די לודאָווצעס ווידער — זענען קאָמוניסטן, וואָס ווילן נישט נאָר פאַרטרייבן דעם דייטש, נאָר אויף זיין אָרט אַריינברענגען מאָס־קאָלן. זיי נעמען די באַפעלן פון מאָסקווע. „וואָס אינטערעסירט מיך דאָס אַלץ. איך וויל וויסן וואָס איז מיט סטעפאַנען. ווו איז ער? איך וויל גיין אים אויפזוכן". דערציילט דער אַלטער, אַז דער גאַיאָווע האָט זיך געשראָקן, אַז סטעפאַן זאָל נישט אויסגעבן דעם גאַנצן שווינדל מיט דעם געמאַכטן פאָלקס־דייטשן עלטער־ניידן און דערצו געזען אין די דזשיענציאָלס דעם גרעסטן קאָנ־קורענט צו דער מיל, וויסנדיק ווי שטאַרק איז געווען די פריינט־שאַפט צווישן די צוויי פאַמיליעס און אַז סטעפאַן און די מילנער־טאָכטער זענען זיך געווען נאָענט. „און זיכער, האָט ער, דער אויסוואורף, געהאַט אַ הינטערגעדאַנק, אַז אפשר וועט זיך אָפּראַטע־ווען כאָטש עמיץ פון די בייגעלס, און אפשר טאַקע דו, בעלאַ, און דעמאָלט וועט די מיל געהערן צו דיר, און צו... סטעפאַנען; ווער ווייס? האָט ער אונטערגעשטעלט געסטאַפּאָ, אויסטראַכטנדיק אַ נישט־געשטויגענע מסירה. נאָך גוט וואָס סטעפאַן איז, אונטער־וועגס צו דער תפיסה, אַרויס פון אויטאָ. און זינט דעמאָלט איז ער אין דער פּאַרטיזאַנטקע. אין אָנהויב פלעגט ער זיך ווייזן. אָבער זינט אַ האַלב יאָר נישטאָ פון אים קיין סימן". „וואָס הייסט: נישטאָ קיין סימן? איך וועל אים אויפזוכן. מיר ביידע וועלן אים אויפזוכן און אייך ברענגען נייעס". „ער איז געווען לעצטנס אין די פּאָטאָקער וועלדער. זיין גרופּע רופט זיך „באָכענעק", אויפן נאָמען פון דעם הויפּטשעף באָכאַנסקי. מען זאָגט ער איז אַ דאָק־טאָר". „ווי הייסט ער? זאָגט איר". „ער הייסט באָכאַנסקי. ער טראָגט אַ פּוילישן נאָמען, אָבער ער איז אַ ייד. ער האָט אָבער נישט קיין יידישן אויסזען. ווען דו זעסט אים, וואָלסטו געזאָגט — אַ קריסט פון דור־דורות. ער איז אַוועק פון געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן דאָ ביי אונדז, אַ צייט, אינעם שייער. געווען דאָ מיט אים זיין פרוי און אַ קינד. אָבער א שיינע נאַכט זענען זיי געקומען, די דייטשן, און געשאָסן די פרוי מיטן קינד אויפן אָרט. געווען אַ מסירה. זיכער געווען אנדזשעיס אַ שטיקל אַרבעט. נאָך אַ מזל, וואָס באָכאַנסקי איז גראָד געווען אין וואַלד, מיט זיינע פאַר־

טיזאַנער. ווען ער האָט געטראָפן צומאָרגנס זיין אויסגעמאָרדעטע משפחה, האָט ער געשווירן נקמה און איז אוועק. סטעפאַן — מיט אים. דער דאָקטאָר שטייט היינט בראש פון דער גרופּע „באָ־כענעק" און איז די שרעק פון די דייטשן, פון די לודאָווצעס. די דייטשן האָבן באַשטימט אַ גרויסן פּרייז פאַר זיין קאָפּ". „קום, אהרן, לאָמיר גיין צו דר. באָכאַנסקי. ער איז געווען מיין דאָק־טאָר אין שפּיטאָל, לאָמיר גיין. לאָמיר לויפן. צו באָכאַנסקין, צו סטעפאַנען. לאָמיר נישט בלייבן דאָ מער קיין רגע!". „מיר וואָלטן אייך דאָ גערן געהאַלטן איבער נאכט אויך, און נאָך לענגער, אָבער איר זעט דאָך". „אַ גוטע נאכט אייך, גוטע מענטשן. מיר וועלן אייך ברענגען נייעס פון סטעפאַנען". „מיר וועלן אייך אַ שטיקל אונטערפירן. ביז צום טייכל. איר קענט איצטער גיין מיטן בעקן פונעם פעלד־טייכל. עס האָט אויסגעטריקנט. נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער אין אים. פאַראַן זאַמד אויפן באָדעם. וועט זיך אייך גיין שטיל און קיינער וועט אייך נישט הערן און נישט זען. דאָס טייכל גייט פאַזע דעם וועג, געשיצט פון איין זייט דורכן וועג־אָנשיט און פון דער צווייטער — די וואַלד־ביימער. דאָס טייכל פירט אייך העט, ביז אָלשטין, אַ צוועלף קילאָמעטער. דאָס וועט איר מאַכן איבערנאַכט. בייטאָג איז בעסער זיך פאַרשטעקן און רוען. פאַראַן אַ פאַרבאָרגענע הייל צופוסנס פון דעם „גרינעם באַרג", אויף וועלכן עס שטייט דער חרובער שלאָס פון קעניג קאַזימיערזש. דער, וואָס האָט אַריינגעלאָזט די יידן קיין פוילן. ער האָט דאָרטן געלעבט מיט אסתרקען, זיין יידישער געליבטער. די פּויערים אין דער געגנט זאָגן, אַז עס לעבן דאָרטן שדים און בייזע רוחות. מען האָט דאָרטן געזען אַרומלויפן אסתרקען אין אַ ווייסן שלייער. ווען די דייטשן זענען געקומען אין דער געגנט, האָבן זיי קודם כל אויסבאָמבאַרדירט דעם שלאָס. וואָס די צייט האָט נישט געמאַכט, האָבן געמאַכט זייערע שווערע קאַנאָנען. זיי האָבן גענו־מען נקמה אין קאַזימיערזשן, וואָס איז געווען גוט צו יידן און אין זיין יידישער געליבטער. אָבער דאָך האָבן פּויערים ווייטער געזען אסתרקען אינעם שלייער און געהערט קולות. קיינער פון זיי וואָגט זיך נישט צו דערנענטערן צום שלאָס און האַלט זיך פונדערווייטנס פון „גרינעם בארג" בכלל. דאָרטן פלעגן אין אָנ־הויב זיך אויפהאַלטן, אין די נעכט, באָכאַנסקי און סטעפאַן מיט זייער שטאַב. איידער עס וועט טאָגן, וועט איר באַמערקן דעם

„גרינעם באַרג". זאָלט איר נישט צוגיין צו נאָענט. זוכט ערשט אויס די הייל, ווען עס וועט זיין שטאָק־פינצטער. אפשר וועט איר דאָרט צופעליק עמיצן טרעפן פון דער „באַכענעק"־גרופע? איר האָט דאָך נישט מורא פאַר די גייסטער פון קאַזימיערזשן און פון אייער שיינער אסתרקע! דאָס פּאַס־וואָרט זייערס איז „זאַקרולאַ", דאָס הייסט — פאַרן קעניג. און אויב עמיץ איז דאָרטן, וועט ער אייך שוין פירן ווייטער. און אויב נישט, וועט איר זיך פּאַרקעררעווען אין די קרולעווסקע וועלדער, וואָס הויבן זיך דאָרטן אָן און ציען זיך צפון־צו אויף אַ שטח פון אַ דרייסיק קילאָמעטער. און דערנאָך ערשט הויבן זיך אָן די פּאַטאָקער וועלדער, פון גראַף פּאָטאָצקי. און ווייטער — זאָלן אייך גוטע מלאכים פירן". „אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק. זאָלן אויך גוטע מלאכים זיין מיט אייך, גוטע מענטשן. מיר וועלן שוין טרעפן". „נאָך אַ פּאָר שפּאַן. אָט באַלד וועט זיך אָנהויבן דאָס פעלד־טייכל". „אָט איז עס. מען זעט שוין פונדערווייטנס דעם געלן זאַמל". „נו, זייט מצליח". די אַלטיטשקע ווייַנט. זי דערלאַנגט אַ גרויס פּעקל מיט שפּייז, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ ריח פון שאַרפן ווורשט און פון פריש־געמאַכטן קעז, פון פריש־געבאַקענעם קאָרן־ברויט: „קוש אויס סטעפּאַנען, דו הערסט, בעלאַ?!". „נישט נאָר קושן, נאָר אויך גיך שיקן נייעס". דער אַלטער שטעקט אַריין אין אהרנס האַנט אַ צוגעלייגט פעלד־מעסער און זאָגט: „נעם עס, עס קאָן צונויץ קומען". דערנאָך שטעקט ער אים אריין אין האַנט עטלעכע באַנקנאָטן און עטלעכע מטבעות און איבערחזרט דאָס זעלבע. בורעק לויפט אַ שטיק וועגס פאַראויס, ווי ער וואָלט וועלן ווייזן דעם וועג. ער בלייבט שטיין. ער ווייסט נישט צי זאָל ער ווייטער לויפן, מיט די יונגע מענטשן, וואָס לאָזן זיך אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג, אָדער מיט די אַלטע באַלעבאַטים זיינע, וואָס קוקן נאָך ווי זיי דערווייטערן זיך און וואַרטן אויף אים. די אַלטע לייט קערן זיך אום און גיבן אים אַ צייכן מיט דער האַנט. ער לויפט צוריק. שפּרינגט אַרויף צו איר, ביז צו דער טאַליע, מיט זיינע פאָדערשטע פיס און זוכט מיט דער צונג אירע הענט. ער זאָגט גאָרנישט. ער ווייסט, אַז מען טאָר איצט נישט בילן. ער לויפט צו צו אהרנען און אונטערשפּרינגענדיק, לעקט ער דאָ אײן האַנט, דאָ — די צווייטע, ווי אַ סימן פון חברשאַפט. דערנאָך נעמט ער לויפן אויף צוריק און זי מיט אהרנען פאַראויס, פאַראויס און דעם אַלטנס קול נאָך זיי:

„זייט מצליח און קומט צוריק, צוזאַמען מיט סטעפּאַנען; איר הערט — צוזאַמען מיט סטעפּאַנען, צוזאַמען!“.

ג

אָט איז דער סוף פונעם וועג אינעם טייך־בעקן. אָבער ווייט איז נאָך דער סוף פון דער נאַכט. „קום, אהרן, לאָמיר זיך איילן. נישט פאַרלירן קיין צייט!“. עס שיידט זיך אָפּ פון דער שוואַרצ־קייט פון דער נאַכט דער גרינער באַרג־אַרויפּיקער דרייעק. און אין סאַמע שפּיץ — דאַכט זיך — אַ ווייסער פלעק, אַ ווייסער פלעק, וואָס באַוועגט זיך אַהין און אַהער, אַהין און אַהער. „זעסט, אהרן. לאָמיר לויפן איר אַנטקעגן! געדענקסט, אהרן, די מעשה, וואָס דער טאַטע האָט דערציילט מיט דער רוסאַלקע. געדענקסט? גע־ווען אַ פינצטערע נאַכט, ער איז צוריקגעקומען פון סליחות, פון ראַקעוו. און דאָ לויפן אים נאָך ווילדע פּויערים מיט שטעקנס, ווילן אים הרגענען. דער טאַטע לויפט מיט אַלע כוחות, און זיי — נאָך אים. דער טאַטע שניידט אַדורך דעם וועג, זיי — נאָך אים. דער טאַטע גייט שפּרינגען אין טייך, אפשר אַזוינאָך ניצול ווערן. אינדעם — אַ רוסאַלקע: פון אונטן — פיש, פון אויבן — יונגפרוי, מיט לאַנגע זילבערנע האָר, און זי שאָוולט, מיט אירע אַלאַבאַסטער־הענט, שטיקער טייך אַרויפצו, ווי זילבערנע פלאַ־מען, זילבער־פונקען, און זי שטייט אינמיטן און שרייט — אָר־האַ, אָר־האַ; און טונקט זיך איין און טויכט אַרויף, און ווידער דאָס זעלבע...“. „און די פּויערים דערשרעקן זיך“, — פאַרענדיקט אהרן — „און זיי ווערן פאַרבלענדט און אָנשטאָט צו קלאַפּן דעם טאַטן, זעצן זיי מיט די שטעקנס איינער אין צווייטן און בלייבן ליגן. דעם טאַטן טרעפן נישט זייערע שטעקנס. און די רוסאַלקע לאַכט: האַ־האַ, אָר־האַ, האַ־האַ, הי־הי“. „און געדענקסט, וואָס מען האָט געזאָגט ביים דאַווענען, נאָכן גומל־בענטשן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אמתע רוסאַלקע, נאָר אליהו הנביא, פאַרשטעלט פאַר אַ רוסאַלקע. ער באַווייזט זיך דאָך אליהו הנביא אין פאַרשידענע געשטאַלטן, ווען יידן זענען אין אַ סכנה“. „איך האָב אויף אים אָפּט אויסגעקוקט“, — זאָגט אהרן — „און האָב אים לײדער נישט געזען ביז איצט. און ער האָט דעם טאַטן, און אַלע אַנדערע טאַ־

טעס, און קינדער — מען זאָגט דאָך, אַז אַליהו איז דער גוטער מלאך פון די קינדער — ער האָט זיי אַלעמען פאַרלאָזן, ווען מען האָט זיי געפירט אין די וואגאָנען...". „וואָס קאָנסטו וויסן. אפשר האָבן זיי אים געזען בעת די לעצטע מינוטן פאַרן טויט, און נישט געליטן". אהרן בעט זיך, מען זאָל זיך צוזעצן. ער איז פארמאַטערט. בעסער זיך אָפּרוען ביז ביינאַכט און ערשט ביינאַכט גיין צום בארג, אזוי ווי דער אלטער האָט גערעדט. זיכער איז פאַראַן אַן אויסרעכענונג דערביי, א כוונה. „אָט איז אַ בערגל פריש־געשניטן היי, לאָמיר זיך צוזעצן". „אָבער נישט מער ווי אַ ווייל. הערסט, אהרן, נישט מער". מיר זיצן. אהרן טוליעט זיך צו מיר און ציטערט און איז צופרידן וואָס מיר זיצן. „עס איז מיר אַזוי גוט מיט דיר", זאָגט ער. — „אונדזער גליק זאָל נאָר נישט איבערגעריסן ווערן". „וואָס דיר פאָלט איין. איך זע, אַז דו ביסט טאַקע פאַרמאַטערט". „דו זאָגסט, אַז אליהו הנביא באַווייזט זיך אפשר בעת די לעצטע מינוטן. צי גלויבסטו, אַז ער האָט זיך באַוויזן אויך צו דר. סאַלעק ? צו טאָשקען ? מיינסט, אַז ער האָט געהאַט צייט זיך צו באַווייזן צו זיי ?". אַהרן זיפצט שטאַרק און עס דאכט זיך, אַז ער וויינט, וויינט ווי אַ קינד. איך זע אויפסניי די סצענע אין דעם קאָמענדאנטס צימער. און ווייַן מיט. „איך בין זיכער", זאָג איך, מיטן פנים אינעם היי, „אַז זיי האָבן נישט געליטן. עס איז געגאַנגען אזוי שנעל מיט דר. סאַלעק. אַ שאָס — און שוין. און טאָשקע האָט דאָך מסתמא אויך נישט געליטן; ער האָט זי געסמט מיט וועראָנאַל, און זי האָט נישט געפילט". אהרן רוקט זיך צו נאָענטער און רעדט אריין אין מיין אויער אריין: „ווייסט, איך וויל דיר אנטפלעקן אַ סוד, אַ גרויסן סוד. איך האָב עס דיר געוואָלט פריער דערציילן, נאָר נישט געווען קיין געלעגנהייט. איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן. איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, זאָלסט וויסן, אַז... אַז דאָס קינד, וואָס טאָשקע טראָגט, איז נישט דעם קאָמענדאנטס, נאָר, נאָר... מיינס". און ער דערציילט, דערציילט. דער דייטש האָט נישט געקאָנט האָבן קיין קינדער. ער האָט מיט זיין דייטשקע אויך נישט געהאַט. ער האָט געזען דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן. זיי האָבן נישט געקענט געפינען די סיבה. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס איז זיכער ביי אים און זיין פרוי אַ פראַגע פון בלוט. עפּעס אַ מיסטעריעזע בלוט־פראַגע. זייערע בלוטן שטימען נישט. און זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז ער וועט נאָך האָבן קינ־

דער. ווייל אַחוצדעם איז ביי אים אַלץ נאָרמאַל. האָט ער פּרובירט מיט אַנדערע דייטשקעס. און זיי האָבן אויך נישט פאַרשוואַנגערט. האָט ער זיך געפילט אומגליקלעך. שטאַרק אומגליקלעך. אַזוי איז ער געזונט און שטאַרק און איז אַן איבערגעגעבענער נאַצי און וואָלט וועלן אַ סך קינדער, לויט די נאַצי־געבאָטן, און דאָ — גאָרנישט. דאָס אומגליק איז נאָך גרעסער, וואָס ער איז דער לעצטער פון די מיכנעכער האַרטביינס. זיינע צוויי עלטערע ברי־דער זענען אומגעקומען פון באָמבאַרדירונגען. דער יונגסטער — איז אומגעקומען אויפן רוסישן פראָנט. און געבליבן זענען בלויז שוועסטערס. און ער איז דער לעצטער מענלעכער מיטגליד פון דער גאַנצער משפחה אויף צו ראַטעווען דעם נאָמען. און דאָ אַזאַ אומגליק. אַ מיסטעריעזע בלוט־סיבה. און אַז עס איז אַן ענין פון בלוט — האָט ער געטראַכט, טאָ לאָמיך בייטן דאָס בלוט... לאָמיך פּרובירן מיט אַ פּרוי פון אַן אַנדערער ראַסע. אַז, ווען עס באַ־געגנט זיך זיין ריין־ראַסיק בלוט, מיט בלוט פון אַ ריין־ראַסיקער פּאַרטנערין — איז עס אַ דורכפאַל, טאָ פאַרוואָס נישט פּרובירן מיט אַ פּאַרטנערין פון אַ נידעריקער ראַסע, פון דער נידעריק־סטער ראַסע אין דער וועלט — דער יידישער? האָט ער אויסגע־זוכט טאָשקען, דאָס שענסטע מיידל אין געטאָ. זי האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט. ווען נישט, וואָלט ער אומגעברענגט אירע על־טערן און איר גאַנצע משפּחה. עס האָט געהייסן, אַז זי איז זיין דינסט, כלומרשט. ער האָט אויסגעבויט אַ גאַנצן פּלאַן, וויאַזוי צו כשרן דאָס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן פון איר. קיינער פון זיינע דייטשע אויבער־באַפעלער ווייסט דאָך נישט, אַז זי איז אַ יידישע. און די אַלע, וואָס ווייסן יאָ, די יידן, וועלן דאָך אומקו־מען און נישט קאָנען אים אויסגעבן. מעגלעך, אַז ער האָט גע־האָט אַנדערע פּלענער אין קאָפּ, אָבער ער האָט זיי טאָשקען נישט אַנפאַרטרויט. אָבער חדשים זענען אַדורך, און זי האָט נישט פאַר־שוואַנגערט. איז ער געוואָרן אומעטיק, ווילד. דאָ האָט ער איר געגעבן מתנות און דאָ האָט ער זיך געוואָרפן אויף איר מיט רוגזה און געשלאָגן, געקלאַפּט אין איר בויך אַריין מיט ווילדע פויסטן: „גיב מיר אַ קינד, הערסט! אויב נישט, וועל איך דיך דערשיסן ווי אַ הונט און וועל דיינע עלטערן און אַלע יידן פון לאַגער אומ־ברענגען!". עס זענען געקומען וואַגאָנען צו נעמען אַ טראַנספּאָרט יידן פון געטאָ. האָט ער געזאָגט צו איר: „אויב דו גיסט מיר אַ

קינד, וועל איך די וואַגאָנען אויפהאַלטן לאַנג אויף דער סטאַ־ציע, צוריקשיקן. גיב מיר אַ קינד!״. האָט זי געגאַסן פון זיינס אַ דינסט־רייזע קיין דייטשלאַנד, און זיך פאַרגנבעט צו אים אין שטאַל. זי האָט אים אַלץ דערציילט, אַלץ. און זי איז געוואָרן שוואַנגער. צום דייטשס גליק איז נישט געווען קיין שיעור. ער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט טאַקע אויפגעהאַלטן וואַגאָנען אויף דער סטאַציע און אָפּגעשלעפּט, אָפּגעשלעפּט, אָדער אָוועקגעשיקט זיי האַלב־ליידיק. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ קורצע צייט. ביז ער האָט געזען, אַז זי איז אויף אַן אמת שוואַנגער. דעמאָלט האָט זיך ביי אים אויפגעוועקט דער געטרייער נאַצי. געזאָגט האָט ער איר, אַז ער מוז עס טון, ווייל ער האָט מורא, אַז מען וועט זיך טראָגן מיט אַ חשד און אַז וועגן זיין פאַרבאָרגענער ליבע וועט מען זיך לסוף דערוויסן אין בערלין. און טאַשקע פלעגט זיך פון צייט צו צייט פאַרגנבענען צו אים, און אים אַלץ דערציילן. און וואָס נאָך ערגער: עס האָט זיך איינגע־שטעלט אַ פריינטשאַפט צווישן אים און טאַשקען. ער האָט זי גע־נומען ליב האָבן. נישט אַזוי ווייט זי, ווי דאָס קינד, וואָס זי טראָגט פון אים. און ער איז געוואָרן אייפערזיכטיק אויפן דייטש, שטאַרק אייפערזיכטיק. „נו, די רעשט ווייסטו דאָך, בעלאַ. דאַרף איך דיר נישט מער דערציילן״. און ער איז אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין. לאַנג אַריינגעווײנט אין היי. ביז עס האָבן אים אויס־געפעלט טרערן. „וואָס וועלן מיר דאָ ליגן״, זאָג איך צו אים און גלעט זיין פּנים, זיינע האָר. „מיין אומגליק, מיט דר. סאַלעק, איז דאָך זיכער נישט קלענער, אהרן. קום, לאָמיר גיין״. איבער־חזרט ער דאָס זעלבע וואָס פריער, מען זאָל צוואַרטן איבערן טאָג און ערשט ביינאַכט צוגיין צו דער הייל, לויט ווי דער אַלטער האָט געראָטן. זיכער האָט ער געהאַט דערביי אַ כוונה. „און אפשר, אפשר איז די כוונה געווען א בייזע?״, פרעג איך. „וואָס קאָן מען וויסן. איך האָב צו דעם אלטן קיינמאָל צופיל צוטרוי נישט געהאַט, צו זיין אויפריכטיקייט. און, אַז עס איז אונדז באַשערט געווען צו געווינען עטלעכע שעה פון דער נאַכט, לאָמיר עס אויסנוצן״. עס לייגט זיך אהרנען אויפן שכל און ער זעצט זיך אויף. „זעסט״, זאָג איך — „אָט איז איר ווייסער שלייער, גיב אַ קוק!״. אהרן קוקט אַריבער דעם היי־בערגל: „עס זעט מיר אויס אַ בלאַסער אָפּשיין פון אַ לעמפּל, נישט קיין שלייער״. „וואָס דיר פאַלט איין״.

און ער לאָזט זיך מיטשלעפּן. „ווייסטו“, — זאָגט ער — „דער טאַטע האָט זיך נישט פאַרלאָזן דעמאָלט בלויז אויף אליהון, נאָר צו די אַנדערע סליחות־טעג מיך מיטגענומען. טאָפּלט, איז שטאַרקער — פֿלעגט דער טאַטע זאָגן. אינצווייען איז מזלדיקער“. „זענען מיר דאָך צוויי, קום גיכער!“. אהרן נעמט אַרויס דאָס מעסער פון טאַש, עפֿנט עס: „נישט נאָר טאָפּלט, דרייפאַך — איז נאָך שטאַרקער. אַ שאָד, וואָס כ׳האָב דעם רעוואָלווער פאַרלוירן אין טייך, שלעפּנדיק דיך“. אָט איז די הייל. „זאַקרולאַ! זאַקרולאַ!“. און עס קומט דער ענטפֿער: „זאַקרולאַ, זאַבאַכענעק“. „וואָס איז עס א ווידערקול? אַ דעפּאַרמירטער עכאָ?“. „ניין. אָט הער: באַ־כעעע־נעק, נעק!“. מיר גייען נאָכן קול. דרייען אויס לינקס. ליכט. אַ פאַרפֿיר־ליכטל? האַ? מיר גייען נאָכן ליכט. פלעדערמייז איבער די קעפּ. אַ שפּין, די גרויס פון אַ פלוים, לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ דינעם פאָדעם, פאַר אונדז, ווי זי וואָלט וועלן פאַרשפּאַרן אונדז דעם וועג; זי ווערט פון שוואַרץ — רויט, איין שטיק פייער. דער פאָדעם, פון אויבן אַראָפּ — פייער. די שפּין־נעץ, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פאַר אונדז — אַ נעץ פון פייער. און דורך דער פייער־נעץ — ביי אַ טישל, שוואַרצע שאָטנס. קעפּ. הענט. מיר האַלטן זיך פעסט. דריקן זיך צונויף. אהרן רעדט אַריין אין מיין אויער: „אַ שפּין האָט געטראָגן פייער צום בית־המקדש. דאָס איז די פלאַ־מען־שפּין פון בית־המקדש, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן“. מיר שטעלן אַ טריט. נאָך אַ טריט. אהרן גייט פאָראויס. אַ טריט נאָך אַ טריט. דער פלאַם־פאָדעם מיט אים. די פייער־נעץ מיט אים. „דאָס איז די בית־המקדש שפּין, בעלאַ. לאָמיר אַנטלויפן!“. די קעפּ קומען נענטער. די הענט — נענטער. און אין די הענט — פינקלדיקע לופּעס. און פון דער שפּין ציען זיך שנירלעך פייער גלייך אין די לופּעס אַריין און צווישן די פייער־לופּעס — אַ קאָפּ, וואָס דערנענטערט זיך. „דער גאַיאָווע, בעלאַ, אַנטלויף!“. אהרן הייבט אויף דאָס מעסער אין דער לופטן, פאָכעט, וויל אַדורכ־שניידן דעם פייער־פאָדעם. גיט אַ שליידער דאָס מעסער אין דער פייער־שפּין. עס ווערט פינצטער. „אַנטלויף, בעלא — שרייט ער — אַנטלויף!“. אַ רעש. פייער־פונקען צעררייסן די חשכות. „אַנט־לויף, בעלאַ. ראַטעווע כאָטש דו דיך פון דער גאַנצער משפחה, אַנטלויף!“. איך לויף. איך לויף. „ווו ביסטו, אהרן, מיין ברו־דער?“. איך לויף. איך הייב נישט די פיס און לויף. „ווו ביסטו,

אליהו הנביא? ווו ביסטו אליהו הנביא?״. „אַט, בין איך. זעץ זיך אַרויף אויף מיינע פליגל. און פלי מיט מיר צוזאַמען״. איך פלי. איך פלי. „פלי מיך אַהין צו דר. באַכאַנסקי, צו סטעפּאַ־נען. אהרנען האָב איך נישט מער. זאָלן זיין כאָטש זיי״. און דער פויגל פליט און פליט. ווערט מיד. לאָזט אַראָפּ די פליגלען. ווו בין איך דאָ? איך וויל עפענען די אויגן און קאָן נישט. איך וויל אויסשפּרייטן די אָרעמס און קאָן נישט. איך וויל אויפהייבן אַ פוס און קאָן נישט. וואָס איז איצט: טאָג? נאַכט? פרימאָרגן? איך ליג. ווי א שטיין. ווי אַ פעלדז אַריינגעוואָקסן אין ערד. איך וויל הערן און קאָן נישט. איך וויל זאָגן אליהו הנביאן, אַז ער זאָל טון מיט מיר, וואָס ער וויל; איך קאָן שוין גאָרנישט טון. איך וויל זאָגן און קאָן נישט. איך וויל טראַכטן און קאָן נישט.

נא

אראָפּקומענדיק אין גאַס, האָט דער דאָקטאָר אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. האַלב דריי. הייסט עס, אַז עס בלייבט אים נאָך אַ האַלבע שעה. דער דיספּאַנסער איז נישט שטאַרק ווייט, וועט ער צוגיין. אויסנאַמסווייז, האָט ער אַרבעט אויך היינט נאָכ־מיטאָג. עס קומט אָן אַ טראַנספּאָרט פון אַ „די־פּי״־קאַמפּ פון דער בריטישער זאָנע. די לאַגער־יידן האָבן ביינאַכט זיך געוואָרפן אויף די ענגלישע סאָלדאַטן און די היטער, זיי אַנטוואָפנט און צוגע־נומען דאָס געווער. מען האָט זיי געבונדן און פאַרשטאָפּט די מויי־לער, איבערגעריסן די טעלעפאָן־דראָטן, צעשרויפט די מאָטאָרן פון זייערע אויטאָס און מאָטאָציקלען — און אַנטלאָפן. אינעם שכנותדיקן וואַלד האָבן אויף זיי געוואַרט „דזשאַינט״־אויטאָס, כלומרשט — לאַסט־אויטאָס מיט עסנוואַרג, און אונטערן שוץ פון דער נאַכט — נעלם געוואָרן אין דער ריכטונג פון דער פראַנצוי־זישער זאָנע, וואָס איז געווען אַ 20 קילאָמעטער פון דאָרטן. בכדי אַן אַלאַרמירטער ענגלישער מיליטער־פּאָסטן זאָל נישט האָבן קיין צייט אָנצוזאָגן, האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרלאָזן ווי אַמגיכסטן

די דייטשע טעריטאָריע, און אַריין קיין פֿראַנקרייך. דאָ זענען די באַלעבאַטים די פֿראַנצויזן, און קיין שום ענגלישע פּראָטעסטן וואָלטן נישט געהאָלפֿן. פֿראַנקרייך האָט דאָך נישט נאָר אַוועק־געקוקט, נאָר אַפֿילו ממשותדיק געהאָלפֿן דער „אומלעגאַלער" עליה. איז אַנשטאָט צו פֿאָרן אַראָפּצו, ווי געוויינטלעך, אין דער ריכטונג פֿון שטראַסבורג, האָבן די אויטאָס גענומען די קירצסטע ליניע צו פֿראַנקרייך — צו פֿאַרבאַך. און פֿון דאָרטן — פּאַריז. פּאַריז פֿאָרן די לאַגער־פּאַסאַזשירן בלויז פֿאַרביי. זייער ציל איז מאַרסעי, וווהין זיי פֿאָרן מיט דער באַן. און אין מאַרסעי וואַרט די שיף „המרי העברי". עס איז אַ גרויסע שיף. זי וועט אַריינע־מען קנאַפּע פֿיר טויזנט לאַגער־עולים. זי גייט אָפּ דאָנערשטיק ביי־נאַכט. היינט איז דינסטיק. ביינאַכט וועט דער טראַנספּאָרט אָפּ־פֿאָרן קיין מאַרסעי, און פֿון דאָרטן אַרויף אויף דער שיף. זיי וועלן פּונקט אָנקומען צו דער צייט.

דאָס איז ער געוואָר געוואָרן היינט פֿאַרמיטאָג פֿון די אָנפֿי־רער פֿון דער „העפּלה". ער האָט מיט זיי געהאַט אַ באַגעגעניש אינעם „אָזע"־דיספּאַנסער, נאָכן אונטערזוכן אַ גרופּע פֿון פֿריער־געקומענע לאַגער־יידן. זיי זענען געקומען מיט די לעצטע ידיעות, אַז דאָס אַנטלויפֿן איז געלונגען. דער טראַנספּאָרט קומט אָן אַרום איינס אַ זייגער. עס איז אַ גרופּע פֿון 180 מענטשן. זיי וועלן באַ־קומען אַ וואַרעמען מיטאָג. זיך אָפּרוען אַ שעה, און קומען אין דיספּאַנסער אויף אונטערזוכונג. און די, וואָס וועלן זיין פּעאיק — וועלן ביינאַכט פֿאָרן ווייטער. די, וואָס האָבן היץ, אָן אָב־שטעקנדיקע קרענק, אָדער בויטיקן זיך אין אַן אָפּעראַציע — וועלן פֿונאַנדערגעטיילט ווערן צווישן ראָטשילד־שפּיטאָל, „אָזע"־היימען, אָדער צו משפּחה, אויב עס איז פֿאַראַן אַזעלכע אין פּאַריז. זיי וואָלטן געוועזן אַ שטערונג. די שיף נעמט דאָך אַריין מער ווי צוויי מאָל אַזויפֿיל, ווי איר נאָרמאַלער טאָנאַזש, און דערצו גייט אויך מיט דער שיף אַ גרעסערער טראַנספּאָרט געווער. נועם, דער געוועזענער אָפֿיציר פֿון דער יידישער בריגאַדע, האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זיכער איז וויכטיק זיך צו רעכענען קודם כל מיטן געזונט־צושטאַנד פֿון יעדן אונטערזוכטן; אָבער די קריטעריע דאַרף זיין די זעלבע, ווי פֿון אַ מיליטערישער געזונט־קאָמיסיע מלחמה־צייט. טאָר מען נישט זיין צו ווייך. די שיף רופֿט זיך „המרי העברי", דער יידישער אויפֿשטאַנד; און אויפֿשטאַנד איז מער, ווי

אַ מלחמה. פון דער הצלחה פון דעם אויפשטאַנד איז אָפּהענגיק דער גורל נישט נאָר פון דער שארית־הפליטה, נאָר פון יידישן פאָלק, פון אַ יידישער מדינה.

חנן און אברהם, צוויי פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער העפלה אין פראַנקרייך, מיט וועלכע ער איז כסדר געשטאַנען אין קאָנטאַקט, האָבן אים געגעבן צו פארשטיין, אַז עס וואָלט געווען רעכט, אַז ער אַליין זאָל מיטפאָרן. פון דורכגאַנג־לאַגער נעבן מאַרסעי פאָרן מיט צוויי דאָקטוירים, איינער אַ יונגער, מיט ווייניק דערפאַרונג, און אַן עלטערער דאָקטאָר, וואָס האָט דורכגעמאַכט לאַגערן און האָט אַ סך פאַרגעסן פון זיין פּראָפעסיע. מיט דעם איצטיקן טראַנספּאָרט קומען מיט צוויי דאָקטוירים. איז איינער אַ כירורג, וועט ער טאָקע צונוץ קומען; און דער צווייטער — אַ קראַנקער אויפן האַרץ. ווילן זיי אים איבערלאָזן דאָ. אפשר אים אַריינגעמען אויף זיין, דר. גאָלדבוכס, אָרט. און אים וואָלטן זיי וועלן אָנפאַרטרויען די גאַנצע סאַניטאַר־מעדיציניש אויפזיכט פון דער שיף. אַ קליניקייט אַן ערך 4000 מענטשן! דערונטער קינדער, שוואַנגער־פרויען, עלטערע לייט. עס פאָדערט זיך אַ גאַר גרויסע אַחריות און נישט יעדן דאָקטאָר קאָן מען אָנפאַרטרויען די מעדיציניש לייטונג פון אַ שיף, וואָס פאָרט אין אויסטערלישע באַדינגונגען, אויף וועלכער עס וואַרט אַ באַוואָפנטער קאַמף ביי די ארץ־ישראל־ברעגן, און עס וועלן זיין פאַרוווּנדעטע. עס וועט אפשר אויסקומען צו פּראָקלאַמירן אַ הונגער־שטרייק, ווי אויף דער מעפּילים־שיף „פידי", אָדער אַ טרונק־וואַסער־שטרייק, ווי אויף דער מעפּילים־שיף „יגור", אָדער פשוט — עס קאָן אויסקומען צו הונגערן און ליידן פון דורשט, ווי אויף אַנדערע מעפּילים־שיפן. און קנאַפּע פיר טויזנט מענטשן, דאָס איז אַ שווימענדיקע שטאָט, אַ וועלט אַ גאַנצע. דאָ דאַרף מען האָבן אַ שעף־דאָקטאָר מיט גאָר גרויסע קאָמפּעטענצן, אַחריות און גיכע אָריענטאַציע. און דערצו איז ער דאָך אויך אַ לאַגער־מענטש, וועט ער אָמבעסטן פארשטיין די שארית־הפליטה עולים. זיי האָבן אים נישט געגעבן קיין באַפעל, אָבער גערעדט צום געוויסן. די דעציזיע האָבן זיי געלאָזן ביי אים. דעם ענטפער האָבן זיי פאַרלאַנגט ביי דער סטאַציע, ביים גאַר־דע־ליאָן, אַ שעה איידער די באַן גייט אָפּ. ער איז געווען גרייט תיכף זיך צו דעצידירן. אָבער ער איז געווען צופרידן, וואָס מען לאָזט אים איבער עטלעכע שעה אויף

צו פֿאַרטראַכטן זיך. עפּעס האָט מען אים געגעבן פֿריער אויך אָנצוהערן וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, אָבער ער האָט נישט גערעכנט, אַז דאָס קאָן געשען אַזוי גיך.

אָבער נאָך שאַרפֿער — זענען זיי אַריבער אויף אַ צווייטער טעמע — איז דער פּראָבלעם פֿון פּלעגע־שוועסטערס, פֿון אינפּיר־מיערשעס. אויף אַזאַ צאָל מענטשן, דאַרף מען וואָס מער אינ־פּירמיערשעס. פֿאַראַן עטלעכע פּלעגערינס פֿון די לאַגערן, אָבער זיי האָבן שוין טיילווייז פֿאַרגעסן זייער פֿאַך און דערצו איז זייער צאָל אַ קליינע. „אַזע" האָט געפֿונען דריי דיפּלאָמירטע פּלעגע־רינס, דערונטער אַ קריסטין, אָבער עס איז נאָך ווייניק. פֿאַראַן אויסזיכטן אויף געשולטע אינפּירמיערשעס, פֿון ענגלאַנד, פֿון אַמעריקע, וואָס דער „דזשאָינט" דאַרף ווערבירן, אָבער ביז וואָס, ביז ווען — וועט די שיף שוין זיין ווייט. די ענגלישע און אַמע־ריקאַנער יידן, וואָס זענען אַליין נישט געווען אין די לאַגערן, נישט געפֿילט אויף זייער לייב דעם חורבן, איילן זיך נישט, בפֿרט וואָס עס איז פֿאַרבונדן מיט אַ סכנה, מיט איבערמענטשלעכע מסירות־נפֿש...

וועגן דעם אַלעם האָט ער געטראַכט, דר. גאָלדבוך, גייענ־דיק צום דיספּאַנסער. דערמאָנענדיק זיך וועגן דער אָנגעווייטיק־טער און אַזוי ווכטיקער פֿראַגע פֿון אינפּירמיערשעס — איז אים געקומען פֿאַר די אויגן — בעלאַ. זי איז אים אַגב געקומען באַלד אויפֿן זכרון, בעתן שמועס מיט די „העפּלה"־אָנפֿירער. ער האָט אָבער דעם געדאַנק גיך אָפּגעשטופּט. עס איז דאָך נישט מעגלעך. ער קען זי דאָך קוים. ער ווייסט נישט וועלכע זענען אירע געפֿילן. צי איז איר דער גאַנצער קאַמף באַקאַנט? צי איז ער איר צום האַרצן? און דערצו, איז זי דאָך קראַנק. ער האָט איר קאַנדידאַ־טור נישט גענומען ערנסט. ער קען דאָך איר נישט באַפֿעלן. נישט זי איז זיין באַקאַנטע, נישט קיין ווייטע משפּחה אַפֿילו, און קיין געליבטע — אויך נישט. זי איז דאָך נישט מער ווי אַ צופֿעליקע פּאַציענטקע, וואָס האָט ערשט נעכטן געהאַט אַן אומגליקס־צופֿאַל און ליידט נאָך פֿון די פֿאָלגן, און אפֿשר האָט זי גאָר היץ?... הגם ער האָט אָפּגעוואָרפֿן לגמרי דעם דאָזיקן געדאַנק, האָבן אים זיי־נע פֿיס דאָך צוריקגעפֿירט צו איר, תיכף נאָכן אָפּעסן מיטאָג אין דער קאַנטין פֿון דיספּאַנסער. האָבנדיק אָנדערטהאַלבן שעה פֿרייע צייט, ביזן אומקערן זיך צו דער נאָכמיטאָג־אַרבעט, איז ער טאַקע

צוגעגאַנגען זען וואָס זי מאַכט, ווי איז איר צושטאַנד. יעדנפאַלס וועט ער כאַטש אַוועקפאָרן מיט אַ רואיק געוויסן, וויסנדיק, אַז זי איז מחוץ יעדער געפאַר און איר אומקערן זיך צו אַ קאָמפּלעט געזונט איז נישט מער, ווי אַ פראַגע פון צייט.

ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום זיך־אָרט פון דיספּאַנ־סער, איז צו אים דערגאַנגען פון דערווייטנס אַ רעש, ווי פון אַ רעוואָלטירנדיקן המון. עס איז שוין געווען קנאַפּע דריי אַ זייגער. ער האָט זיך צוגעאײַלט. ער האָט זיך קוים געקאָנט דורכשטופּן צום אַרײַנגאַנג, דורך דער מאַסע מענטשן, וואָס האָט באַלאַגערט די גאַס, און געשטופּט זיך אַדורכצוגיין ווי אַמשנעלסטן די אונ־טערזוכונג, בכדי צו קאָנען אויסנוצן וואָס מער צייט אויף צו כאַפּן אַ בליק אויף פּאַריז. אַ קלייניקייט — פּאַריז! ווער ווייס, צי זיי וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו זיין אין פּאַריז. ווען נועם קומט אים נישט צוהילף מיט זיין אויטאָריטעט און זיינע פעסטע אָרעמס און אַקסלען, וואָלט ער זיך נישט אַריינבאַקומען אַזוי גיך.

ער איז נישט געווען דער איינציקער דאָקטאָר. זיי האָבן גע־אַרבעט אין דרייען. זיי האָבן איינגעטיילט די מענטשן אין דריי גרופּעס, לויט דער צוגעשטעלטער ליסטע, און לויט דעם על־טער. ער האָט זיך גענומען די מער דעליקאַטע פאַלן, ווי עלטע־רע מענטשן, מאַמעס מיט קינדער, שוואַנגערדיקע פרויען. יעדער איז דורכגעגאַנגען אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג. יעדער ספק־פאַל — איז אַפּגעשיקט געוואָרן אינעם ספּעציעלן באַראַט־צימער. צום סוף זענען זיך די דריי דאָקטוירים צוזאַמענגעקומען אויף אַ קאָנ־סיליום, אויף צו באַטראַכטן יעדן באַזונדערן פאַל, וואָס איז אויס־בראַקירט געוואָרן. מען האָט דורכגעלויכטן די לונגען, גענומען היץ, אַנאַליזירט די אורין. עס איז געווען שווער צו דערגיין אַ טאָלק מיט זיי, ווייל קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין צו אַ קרענק. יעדער האָט געוואָלט אָנגיין אַלס געזונטער, בכדי צו קאָנען פאָרן קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע. מען האָט געמוזט אַרויסרייסן פון זיי אַ קאָרעקטע תשובה, אונטערקומענדיק מיט קונצן, כאַפּן אויף סתירות. עס איז גיכער געווען אַ וועטערינאַרע אונטערזוכונג. און נאָך ערגער, ווייל אַ בהמה זאָגט אייך טאַקע נישט וואָס עס טוט איר ווי, אָבער זי פירט אייך נישט אַריין אין אַ טעות, און דערצו בכוונה.

די גליקלעכע, וואָס האָבן גיך באַקומען זייער געזונט־אַטעס־

טאַט, אַלס פּעאיקע צו אַ שיף־רייזע אין מעפּילים־באַדינגונגען, זענען זיך תיכף צעלאָפן. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט צוהאָרכן צו די גוטע עצות פון די אָנפירער, אַז זיי דאַרפן זיך אויסרוען, ווייל עס וואַרט אויף זיי אַ נאַכט־רייזע מיט דער באַן, און באַלד דערנאָך — אַן אַוואַנטורע אויפן ים. מען האָט זיי נישט געקאָנט איינהאַלטן. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי פראַנצויזיש־קענער און יעדער האָט זיך געשטעלט בראש פון אַ גרופּע, אויף צו באַ־זוכן פּאַריז. עטלעכע זענען געגאַנגען אויפזוכן קרובים, פריינט, באַקאַנטע. איין גרופּע איז געגאַנגען באַזוכן דעם לאַטיינישן קוואַר־טאַל מיטן פּאַנטעאָן. אַ צווייטע גרופּע — די שאַנז־עליזיי און די אינוואַלידן. אַ דריטע איז געגאַנגען צום אייפל־טורעם און טראָ־קאַדעראָ. אַ פערטע — צום מאָנמאַרטר און פּיגאַל. אַ פינפטע — צום לוווּר. די דאָזיקע גרופּע איז געווען די צאָלרייכסטע, אַז מען האָט זי געמוזט איינטיילן אין דריי אונטער־גרופּן.

נב

די אַרבעט פון דר. גאָלדבוך האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. ער, מיט זיינע צוויי אַסיסטענטן, האָבן זיך געבראָכן די קעפּ ווי אַזוי צונויפצופּאָרן די מעדיצין מיט די „אינסטרוק־ציעס", וואָס זיי האָבן באַקומען. ווי אַזוי צו געפינען אַ פּשרה צווישן די ריין־מעדיציניש ריכט־ליניעס און די שעת־הכושר פאַרלאַנגען פון מענטשן־מאַטעריאַל אויסצופּילן אַ שיף, צום קאַמף, וואָס וואַרט אונטערוועגס, און פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה שפּע־טער; נעמענדיק אין באַטראַכט איינצייטיק די מאָראַלישע פּאָזי־ציע, וואָס האָט אַזאַ באַדייטונג אינעם קאַמף. ווי אַזוי איז מען משדך די צוויי דעזידעראַטן, אין מאָמענט ווען זיי זענען זיך מלכתחילה סותר? ווי מעג מען עס מפקיר זיין דאָס געזונט פון אַ מענטש, מעג עס זיין אין נאָמען פון די הייליקסטע צילן?! זענען זיי געשטאַנען און געמוטשט זיך איבער יעדן ספק־פאַל. נאָכ־אַמאָל אונטערזוכט און נאָכאַמאָל. געזוכט כאָטש אַ טיילווייזע באַ־פרידיקונג פאַר דעם אייגענעם געוויסן אַלס דאָקטאָר, מענטש און

ייד. נאָך קיינמאָל איז אַ דאָקטאָר נישט געווען אין אַזאַ שווערער לאַגע.

אויף די דרייסיק אויסבראַקירטע, זענען זיי געווען איינשטימיק צו כשרן אַ העלפט. די איבעריקע 15 האָבן פּראָטעסטירט, געמאַכט גרוואַלדן. פאַרגעוואָרפן, אַז מען מאכט „סעלעקציעס", נישט אָפּגעבנדיק זיך בכלל אַ חשבון, אַז די דאָזיקע סעלעקציע איז פאַר זייער טובה וועגן, פאַר זייער געזונט און לעבן, אַן וועלכן עס איז פאַרגלייך מיט דער קאַצעט־פּראַקטיק. עס האָט נישט געהאָלפן. איינער פון די קראַנקע, ביי וועלכן עס איז געפונען געוואָרן אָפענע טובערקולאָז, האָט אים, דעם דר. גאָלדבוך, פאַרגליכן צו דר. מענגעלע, און נישט געזאָגט דערביי — להבדיל. ער האָט באַקומען בעת־מעשה אַ נערוון־אַטאַק און האָט אַלץ צעבראָכן אינעם צימער, מען האָט געמוזט אים בינדן.

אַ פרוי, וואָס איז דורכגעגאַנגען ראַווענסברוק, אויף וועלכער עס זענען געמאַכט געוואָרן סטעריליזיר־עקספּערימענטן, האָט זיך געוואָרפן אויף אים און אים צעדראַפּעט דאָס פּנים. ער האָט זיך דווקא, אין דעם פאַל, איינגעעקשנט. זי איז אייגנטלעך, פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, געווען פיזיש פּעאיק מיטצומאַכן די רייזע. זי איז דווקא געווען אַ שטאַרקע, מיט מוסקלען און גאַנצער האַלטונג ווי אַ מאַן. דאָס זענען געווען סימנים פון דער אַטראָפיע פון אירע פרויען־דריזן, אַלס רעזולטאַט פון דער קרימינעלער סטעריליזאַציע, וואָס איז אויף איר דורכגעפירט געוואָרן. דר. גאָלדבוך האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויב מען וועט זי נישט נעמען תיכף היילן, וועט זי בלייבן סטעריל אויף אייביק. זי נויטיקט זיך תיכף אין איינשפּריצונגען פון פרויען־האָרמאָנען און פון דריזן־איבערפלאַנצונג. לויט די טעאָריעס און די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון גרויסן ספּעציאַליסט, פּראָפ. פונק־ברענטאַנאָ, אַליין אַ רעזיסטאַנטלער און אַ דעפּאָרטירטער, איז וואָס פריער מען נעמט זיך צו באַהאַנדלען ענערגיש אַזאַ פאַל — אַלץ בעסער, אַלץ גרעסער זענען די שאַנסן, אַז אַזאַ פרוי זאָל נאָך קענען פאַרשוואַנגערן. זאָל מען טאָקע נישט נעמען היילן די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי תיכף, וועלן דאָך אירע שאַנסן אינגאַנצן צערונען ווערן. ווי קאָן מען דעריבער מיט אַ לייכט געוויסן אָפּשלעפּן איר באַהאַנדלונג? ווי קאָן מען, מיט אַ רואיק געוויסן, נעמען אויף זיך די אַחריות, צו דערלויבן די טאָטאַלע מאַסקוליניזאַציע פון דער פרוי, אין

דער צייט ווען זי האָט דאָך נאָך וועלכע עס איז שאַנסן, מעגן זיי זיין אַפילו מינימאַלע. היינט, ווען מען נויטיקט זיך אין ניי־גע־בוירענע יידישע קינדער, אין אַ נייעם דור, צו פאַרטרעטן, און דאָס ווי אַמשנעלסטן, די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידישע קינדער און פּאָטענציעלע מאַמעס — איז דאָס צוריקברענגען די געבורט־מעגלעכקייט פון אַ יידישער פרוי דאָס הייליקסטע געבאָט פון דער שעה, פון דער מינוט, פון דער רגע. ניין, ער וועט נישט נעמען אויף זיך אַזאַ חטא פון מאַכן איר פאַרלירן אַ קאָסטבאַרע צייט אויף דער שיף־נסיעה, מיט די מעגלעכע אַוואַנטורעס, תפיסות, שטראָף־לאַגערן, נייע דעפּאָרטאַציעס! און זאָל מען זאָגן, אַז זי וועט אָנקומען קיין ארץ־ישראל. נו, וועט זי דען האָבן, אין די דאָרטיקע באַדינגונגען פון פרייהייטס־קאַמף מיט די פאַרביסענע ענגלענדער, די מעגלעכקייט זיך געהעריק צו היילן? אין דער צייט, ווען עס וואַרט דאָ אויף איר אַ מאָדערן־איינגעאָרדנטע און ספּעציאַליזירטע אָפּטיילונג פון אַ פּאַריזער פּראָפעסאָר פאַר דעם צוועק! ניין, ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַזאַ פאַרברע־כערישן באַשלוס. ער האָט אויך געזען דערין אַ מין אינערלעכע קאָמפּענסאַציע, אַ שמץ פון אַ סאַטיספאַקציע, פאַר די קאָנצע־סיעס לגבי זיין מעדיציניש געוויסן, וואָס האָט אַזוי שטאַרק גע־ליטן בעת דעם קאָנסיליום. האָט ער דאָך אויך רעכט אויף אַ שטיקל געוויסנס־טרייסט, כאָטש דער דאָזיקער באַשלוס, קאָן ווייט נישט מכפר זיין די בכוונהדיקע זינד, וואָס ער האָט געזינדיקט אינעם פּרט פון דער עלעמענטאַרסטער מעדיצינישער לאָגיק. האָט ער באַשלאָסן אָנצופאַרטרויען זי, תיכף, נאָך היינט אָוונט, אין די הענט פון פּראָפ. פונק־ברענטאַנאָ, און האָט זי אויסבראַקירט צוזאַמען מיט נאָך זיבן אַנדערע פאַלן.

און מיט שווערע טריט איז ער אַרויס אין גאַס.

עס איז שוין געווען גוט טונקל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט היינט נאָכמיטאָג געהאַט צוויי וויכטיקע באַגעגענישן. ער האָט געדאַרפט זיך זען מיט דעם הויפּט־ראַבינער, שוואַרץ, וועל־כער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דעם „קרן־התולדות״, וואָס ער האָט געשאַפן, מיטן צוועק צו באַקעמפן דעם מאַלטוזיאַניזם צווישן יידן און צו באַגינציקן צאָלרייכע געבורטן. דער ראַבינער האָט אים צוגעזאָגט צו געבן זיין פּאַטראָנאַזש פאַרן קרן־התולדות און אונטערשרייבן אַ פלוג־בלעטל, וואָס ער האָט

פאַרפאַסט מיטן צוועק צו באַגייַסטערן חתונות צווישן יונגע מענטשן און פילגעבורטיקייט. דער רב־הראשי האָט אים אויך צוגעזאָגט צו שטעלן אין רשות פון קרן־התולדות אַ זאַל פון דער גרויסער סינאַגאָגע, וואָס זאָל דינען אַלס קלוב, ווו יונגע יידישע מיידלעך און בחורים זאָלן זיך קאָנען באַגעגענען, ביי אַ גלעזל טיי, ביי מוזיק און טענץ און אַזוינאַך שליסן באַקאַנטשאַפט. דאָס איז איינציייטיק געווען אויך אַ מיטל צו באַקעמפן געמישטע פאַרפעלקער. האָט ער טאַקע היינט געדאַרפט פּראַקטיש אַדורכרעדן דעם ענין מיטן גראַף־ראַבען. ער האָט נישט פאַראויסגעזען די היינטיקע נאָכמיטאָג־אַרבעט און נישט געגלויבט, אַז דער דיספּאַנסער וועט אים אויפהאַלטן ביז שפּעט אָוונט. אַ צווייטע וויכטיקע באַגעגעניש האָט ער היינט אויך געדאַרפט האָבן, דהינו — מיטן באַראָן ראָטשילד. עס איז געגאַנגען אין אַרויסבאַקומען פון אים אַ גרעסערע סומע, אויף צו פינאַנסירן די דאָזיקע אונטערנעמונג. די אַקציע פון שקל־התולדות, וואָס ער האָט לאַנסירט, איז צוגעגאַנגען געצוונגן שווער. די יידן זענען געווען פאַרנומען מיט די פּראָזאַאישע טאָג־טעגלעכע ראַנגלענישן פאַר פּרנסה, פאַר איינאָרדענען זיך און קומען צו זיך — אַז זיי האָבן נישט געהעריק אָפּגערופן זיך אויף זיינע אַפּעלן, וואָס זענען גיכער געווען אויסגערעכנט אויף אַ וויטערע מעטע, אויף דער צוקונפט פונעם פאָלק; אין דער צייט ווען די יידן זענען געווען אַריינגעטאָן לרוב אינעם טאָג־טעגלעכן קאמף פאַר חיונה. האָט ער גערעכנט אויף דער מאַטעריעלער און אויך מאָראַלער אונטערשטיצונג פון אַ ראָטשילד. נו, האָט ער אויך דעם דאָזיקן ראַנדעוו פאַרשפּעטיקט. און ער האָט עס שטאַרק באַדויערט. עס איז דאָך נישט לייכט פאַר אונדזערס אַ ייד, צו באַקומען אַזוי גיך אַ ראַנדע־וווּ ביי אַ ראָטשילד, אַפילו ווען דער ענין איז אים צום האַרצן. ער האָט דאָך געהאַט אַ בריוול פון ראָטשילדן טאָקע, מיט זייער סימפּאַטישע ווערטער פאַר זיין איניציאַטיוו. און דערצו, איז ער נאָך געווען אומקאָרעקט דערמיט, וואָס ער האָט נישט באַצייטנס אָפּגערופן דעם באַזוך ביי אים, נישט פאָרויסזעענדיק די שטערונג.

און איצט שטייט ער פאַר אַ דילעמע — לאָזן פאַלן די אָנגעהויבענע אַרבעט, וואָס האָט דאָך געהאַט גאַנץ גוטע אויסזיכטן אין לעצטן סך־הכל. אויב ער פאַרט היינט אָוונט, און עס קאָן נישט זיין קיין ספק דעריז — וועט דאָך דער גאַנצער ענין ליידן

דערפון. און ווער ווייסט — ער קאָן דאָך אינגאַנצן באַגראָבן ווערן; איידער ער האָט באַקומען זיין תיקון צווישן דעם ברייטן עולם. עס איז אמת, אַז אַ צאָל אָנגעזעענע יידן האָבן זיך באַצויגן זייער סימפּאַטיש צום „קרן התולדות", דערונטער דר. דוואָרזשעצקי, דער רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט". איז ער דאָך אַליין אַ דעפּאָרטיר־טער, דר. דוואָרזשעצקי, און פאַרשטייט דעם ענין. ער האָט אים געווידמעט זייער אַ וואַרעמען אַרטיקל אין דער צייטונג. אָבער ער איז אַ שטאַרק־פאַרנומענער מענטש און האָט צופיל אויפגאָבן אויפן קאָפּ. דערצו איז ער איצטער אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין זיין ווערק צו פאַראייביקן דאָס לעבן און דעם אומקום פון ירושלים דליטא. ער וויל עס טון אויף דער הייסער מינוט, כל זמן חורבן־ווילנע ליגט אים נאָך טיף אין די ביינער און בלוט. דערצו פירט ער אָן אַזוי מייסטערהאַפט מיט די „פרייטיק־צו־נאַכטסן", און גרייט זיך אַליין צו דער עליה. ער וואָלט נאָך גע־וואָלט כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן דעם גאַנצן ענין. אפשר וואָלט ער געפונען אַן עצה, אַז דער קרן־התולדות זאָל ווייטער אַנטוויקלען אַ טעטיקייט אין זיין אָפּוועזנקייט. עס איז דאָך אַזאַ שאָד איבערצורייסן אַזאַ וויכטיקע זאַך, וואָס האָט שוין אַפילו גע־פונען פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען צווישן יידן אין דער וועלט. ווייל נישט נאָר די שארית־הפליטה דאַרף זיך נעמען מערן, נאָר אַלע יידן אין דער וועלט, עס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער יידישער פּראָבלעם, אַ לעבנס־וויכטיקער ענין פאַר דעם גאַנצן פאָלק. זאָל יעדעס יידישע פאָרפאָלק האָבן, זאָל מען זאָגן — מיט צוויי קינ־דער מער, ווי ביז איצט, און זאָלן יידן זיך משדך זיין יונגערהייט, וועט, אין געציילטע יאָרן, צוקומען אַ מיליאָן קינדער, און די קינדער וועלן, אין זייער ריי, און מיט דער צייט, אויך געבוירן צו עטלעכע קינדער; וועט בימינו געדעקט ווערן דער דעפיציט און אונדזער פאָלק וועט צוריקקומען צו זיינע נאָרמעס פון פאַרן חורבן. און פאַרוואָס טאַקע נישט — ווען ער וועט גיין אויף דעם דאָזיקן וועג — נישט שטייגן וואָסאַמאָל מער און העכער און דער־גיין צו צענדליקער מיליאָנען אין אַ דור, צוויי. און דאָס אַנט־שטיין פון אַן אומאָפּהענגיקער מדינה, וועט דאָך אויסווירקן זיך פּאָזיטיוו אויף דער דאָזיקער דערשיינונג. דער קאַמף קעגן מאַל־טוזיאַניזם און פאַר פּילגעבורטיקייט וועט דאָך זיכער געהערן צו די נישט־געשריבענע געזעצן פון דער יידישער מלוכה, פאַר וועל־

כע עס וועט נישט געקאָרגט ווערן קיין פּראָפּאַגאַנדע־אָנשטרענג און קיין פאָנדן.

דר. גאָלדבוך האָט געטראַכט זיך צו פאַרבינדן מיט דר. דוואָרזשעצקין. אָבער ווי אַזוי? עס איז שוין שפּעט און ער גע־פינט זיך נישט מער אין דער רעדאַקציע. און ער ווייסט, אַז מחוץ די רעדאַקציע־שעהן, איז נישט מעגלעך אים צו קאָנטאַק־טירן. ער האַלט בסוד זיין פּריוואַטן אַדרעס, בכדי מען זאָל אים נישט שטערן אין דער אַרבעט איבער זיין ווערק. בלייבט אים אי־בער נאָר איין אויסוועג, צו שרייבן צו אים. ער וועט אים נאָך אָנשרייבן היינט אָוונט. פּונקט ווי ער וועט שרייבן צום רב־הראשי און צו ראָטשילדן. אויב נישט, וועט ער שרייבן פון אונ־טערוועגס, אָדער אפשר שוין פון ארץ־ישראל.

יאָ, ער וועט אויך מוזן שרייבן צו פּראָפ. ליסבאָן. ער איז אים דאָך שולדיק אַ תשובה. אַ שאָד, וואָס ער קאָן נישט גיין אים זען פּערזענלעך, געזעגענען זיך מיט אים, דאַנקען בעל־פּה, פאַר זיין פריינטשאַפט, האַרציקייט און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אים. ער וואָלט אפשר איינצייטיק געוווּנען זיינע סימפּאַטיעס פאַר דעם ידישן פריהייטס־קאַמף. די פראַנצויזישע אוניווערסי־טעטן זענען דאָך די שמידערייען פון פריהייטס־גייסט און יושר. און דערצו, זאָגט מען דאָך, אַז פּראָפּ. ליסבאָן אַליין שטאַמט פון יידן. עס וואָלט זיך אפשר אויפגעוועקט איך אים, ביי דער געלעגנ־הייט, דאָס פּינטעלע ייד. אפשר וואָלט ער גאָר אַליין געפאָרן אַהינצו און געוואָרן פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און דאָרטן פונאַנדערגעבויט זיין לאַבאָראַטאָריע פאַר עקספּערי־מענטאַלער מעדיצין. די נייע ידישע מדינה וועט דאָך אַלץ טון, אַז עס זאָל מקוים ווערן, אין אַ מאָדערנער פאָרם, די אייביקע לאָ־זונג פון מציון תצא תורה. וואָלט דאָך אַזאַ וועלט־וויסנשאַפטלער, ווי פּראָפּ. ליסבאָן, געהאַט וואָס אויפצוטון ביי אַזאַ קאָניונקטור. אָדער אין קעגנפאַל, אפשר וואָלט דער פּראָפעסאָר באַוויליקט פור־נאַנדערצובויען אין ירושלים אַן אָפּטיילונג פון זיין פּאַריזער לאַ־באָראַטאָריע. ער, דר. גאָלדבוך, וואָלט געקאָנט זיין דאָרטן זיין פאָרשטייער. ער וואָלט זיכער איינגעגאַנגען דערויף, ווען ער קאָן זיך אַזוי באַגעגענען מיט אים איידער ער פאָרט. ער וואָלט אים איינצייטיק איבערגעגעבן דעם נומער פון היינטיקן „פראָן־טירער״: דער נומער וואָלט אים מער איבערצייגט ווי זיינע רייד.

ער האָט געגומען זוכן אין די טאַשן דעם דאַזיקן נומער. ער האָט זיך אָבער גיך דערמאָנט, אַז ער האָט אים געלאָזן היינט ביי דער פּאַציענטקע, דער אינפּירמיערשע, וואָס וווינט אויף רי רואַ־דע־סיאָן. ער האָט געגומען לאַכן צו זיך, דערמאָנענדיק זיך דעם אַדרעס — די גאַס פונעם קעניג פון ציון, די גאַס פון ציון: די יידישע אינפּירמיערשע, וואָס וווינט אויף דער קעניגלעכער גאַס פון ציון, אויפן זעקסטן שטאָק, אין אַ בוידעם־צימערל, מיט אַ פענצטער צום הימל. ער האָט געשמייכלט צו זיך, אויסציענדיק די טריט.

וואָס פאַראַ חוזק פון גורל: נישט די גאַס האָט עפּעס צו טון מיט קעניגלעכקייט, נישט דאָס צימערל האָט עפּעס אַ שייכות מיט ציון — סיידן דאָס מאַנסאַרדע־פענצטערל, וואָס איז אפשר גע־וואַנדן צום מזרח; און נישט די אינפּירמיערשע איז — אַן אינ־פּירמיערשע. זי איז גאָר אַ שטריקערין... דאַכט זיך, אַז זאָגנדיק „געוועזענע אינפּירמיערשע" האָט זי עס באַגלייט מיט באַדויער, מיט אַ זיפץ. יאָ, ער הערט ווי זי זאָגט: „געוועזענע אינפּירמער־שע; גע־ווע־זע־נע אינפּירמיערשע". ער האָט געשטעלט גי־כערע טריט צום טאַקט פון די פונאַנדערגעלידערטע זילבן: גע־ווע־זע־נע אינ־פּיר... און גייענדיק האָט ער פּרובירט נאָכמאַכן איר טאָן, בכדי צו דערגיין צי האָט זי אויף אַן אמת געזאָגט עס מיט חרטה, מיט בענקשאַפט צו איר אמתער פּראָפעסיע. יאָ, יאָ. עס איז קיין ספק נישט. זי האָט דערביי לייכט אויסגעקרימט אירע ליפּן און אַ דיסקרעטער גרימאַס האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים, געמישט מיט טרויער. צי איז געווען דערביי אויך אַ צור־מיש פון אַ דיסקרעטן ווייטיק, אין שייכות מיט די ביילן און הויט־קריצן? מעגלעך. אָבער זיין חלק איז דערביי געווען זיכער אַ מי־נימאַלער.

פונדערוויטנס האָט פּלוצים אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן אַ באַלויכטענער ציפער־בלאַט פון אַ רעקלאַמע־זייגער, מיט זיינע ריזיקע נעאָן־ציפערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, די בלענ־דעניש זאָל אַדורך. זיבן אַ זייגער. הייסט עס, אַז עס בלייבט אים נישט מער ווי אַן ערך פיר שעה. מען דאַרף זיך שוין גרייטן אין וועג אריין. פון וואָס הייבט מען אייגנטלעך אָן? יעדנפאַלס איז נישטאָ מער קיין רגע צום פאַרלירן. ער האָט געגומען גיין. צום

טאקט: גע־ווע־זע־נע אינ־פיר־מיער־שע, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף די לעצטע פיר זילבן.

ער האָט געלאַכט צו זיך, צוויילנדיק זיינע טריט. אַ געדאַנק איז אים באַפאַלן: צי וואָלט ער אויסבראַקירט אַזאַ קאַנדידאַטין צו אַ מעפּילים־רייזע, ווען זי וואָלט היינט געשטאַנען צו דער קאָמי־סיע? האַ? ווען זי קומט מיט אירע ביילן אויפן פּנים, מיט אַ גע־פּלאַצטער מכּה אונטער דער ליפּ, מיט אַ ספק־וויטיק אין אַ זייט? און איידער ער האָט נאָך געענדיקט די פראַגע, איז תּיכּף געקו־מען די תּשובה: זיכער נישט אויסבראַקירט, פאַרקערט, פאַרקערט, בפּרט וואָס זי איז אַן אינפּירמיערשע, אינ־פּיר־מיער־שע!

נג

א שטאַרקער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן דורכן אויסגעבראָ־כענעם שייבל, צוזאַמען מיט אַ טויבן, פייפנדיקן רעש. בעלא האָט זיך איבערגעוועקט, אַוועקגעשאַרט זיך אין אַ זייט.

— הייסט עס, אַז איך קאָן זיך יאָ באַוועגן? האָט זי זיך געפרעגט.

עס האָט זיך איר אין פלוג געדאכט, אַז דאָס פייפט אַזוי די קאַסע, וואָס דערנענטערט זיך צו איר, מיט איר שאַרף, און זי ליגט ווייטער אינמיטן קאָרן־פעלד, נאָכן אַנטלויפן פון דער הייל, און די שניטערס דערנענטערן זיך. זי האָט דעמאָלט נישט גע־קאָנט זיך רירן פון אָרט, געלעגן ווי אַ שטיין.

זי האָט גענומען באַוועגן מיט די פיס, מיט די הענט, אויפ־געשטעלט זיך, גענומען גיין גיך איבערן צימערל. זי איז נישט מער פאַראַליזירט. זי זעט. זי הערט. זי טראַכט. אָה, ווען זי וואָלט דעמאָלט געקאָנט דאָס אַלץ טון, וואָלט זי אויסגעמיטן די אויסטערלישע איבערלעבונגען. זי וואָלט סוף־כּל־סוף געפונען די „באָכענעק״־גרופּע און געווען דאָרטן פלעגערין צווישן די פּאַר־טיזאַנער, זי וואָלט בייגעשטייערט צום קאַמף קעגן שונא און גע־ווען נוצלעך. און אַזוי?

זי האָט זיך צוריקגעלייגט.

און אַזוי?

האָט זיך דערגענטערט דער פֿויער מיט זיין קאָסע, אומטער־שניידנדיק די זאַנגען. ער האָט זי נישט באַמערקט און פֿאַרטשע־פּעט מיטן שפּיץ פֿון דער קאָסע אין איר דיקן דיך־פֿלייש. זי האָט שטאַרק געבלוטיקט. די פֿויערים זענען זיך צוזאַמענגעקומען. מען האָט געפּרוווט פֿאַרהאַלטן דאָס בלוט. דערנאָך האָט מען זי אויפֿגעלאָדנט אויף דער פֿור, אויסגעבעט איר אַ געלעגער פֿון שטרוי און גראָז, און זי אָפּגעפֿירט אין נאָענטסטן שפּיטאָל. זי איז דאָ געלעגן צען טעג. מען האָט זי דערנערט מיט רערלעך, מיט איינשפּריצונגען. און אַרום אכטן טאָג ערשט גענומען זיך אָפּגעבן אַ חשבון וואָס מיט איר איז. איי, ווי גוט איז איר געווען במשך די אכט טעג! דעם ניינטן טאָג איז געקומען פּאָליציי אויס־פֿרעגן ווער זי איז, פֿונוואַנען זי קומט, ווער זענען אירע עלטערן. זי האָט געזאָגט, אַז זי געדענקט נישט. געשפּילט די ראָל פֿון אַן אַמנעטיקער. געקומען געסטאַפּאָ. גענומען זי פּייניקן, אויספֿרעגן: פֿונוואַנען נעמט זי זיך פּלוצים אינמיטן קאָרן־פֿעלד? און צי איז זי נישט אַ יידישקע, וואָס איז אַנטרונען פֿון אַ געטאָ? זיי האָבן אַראָפּ־געבראַכט די שניטערס, וואָס האָבן זי געפֿונען אין פֿעלד און פֿאַר־לאַנגט פֿון זיי, אַז זיי זאָלן זאָגן דעם גאַנצן אמת, און נישט וועלן איינרעדן, אַז זיי האָבן זי פּלוצים געפֿונען, ווי פֿון הימל אַראָפּגע־פֿאַלן; מען האָט זיי געדראָט. זיי האָבן אָבער איבערחזרט אַזוי ווי עס איז געווען. דעם צענטן טאָג איז די געסטאַפּאָ ווידער געקו־מען; פֿיר געזונטע דייטשן, צוויי — מיט ביקסן אין די הענט. די צוויי נישט־באַוואָפֿנטע האָבן זיך געשטעלט נעבן איר בעט, אריינ־געקוקט אין אַ דאָקומענט. געקוקט אויף איר, געקוקט אויפֿן פּאַ־פּיר און געשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, עס שטימט. די האָרע, די אויגען — יאָ, עס שטימט“. און זיי האָבן גענומען שרייען: „שנע־לער, לאָסס! דו גייסט צוריק פּאָן וואָ ביסט געקאָממען, לאָסס!“. עס זענען באַלד אַרויפֿגעקומען נאָך צוויי דייטשן און האָבן זי גע־נומען פֿעסט אונטערן אָרעם. מען האָט איר קוים דערלויבט אַרויפֿצוציען איר קלייד. מען פֿירט זי אין אַ פֿאַרמאַכטן אויטאָ מיט אַ קליין קראַטן־פֿענצטערל. וווהין? אַרום איר זיצן פֿיר דייטשן. רויכערן און מאַכן חוזק פֿון איר, פֿון יידן. דערציילן, אַז דאָס געטאָ ווערט אינגאַנצן ליקווידירט, אַלס נקמה פֿאַר דעם

מאָרד איבער דעם האָופּטמאַן האַרטביין. נאָר געציילטע ספּעציאַ־ליסטן זענען דערוויל געבליבן. היינט גייט אָפּ דער לעצטער טראַנספּאָרט. מען וועט זי צושטעלן צו די וואַגאָנען, צו דער „יודען־שייסע״, און אָן עק! ביי די לעצטע ווערטער האָבן זיך אַלע שטאַרק צעלאַכט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן זיך פּעטע וויצן, פאַרבראָקט מיט מעשיות ווי זיי האָבן אויסגעפונען יידן פון אונטער דער ערד און באַדויערט, וואָס אַ פּרוי האָט נישט ביי יידן אַזאַ קענצייכן, ווי אַ מאַן — מען זאָל קאָנען אונטערהייבן דאָס קלייד און אַ קוק געבן — אַ יודין? ניכט־יודין? די אַרבעט וואָלט געווען אַ סך לייכטער און אינטערעסאַנטער. און זיי האָבן נאָך שטאַר־קער גענומען לאַכן.

מען שטופּט זי אַריין אין אַ וואַגאָן. זי קומט אַוועק צווישן אַ מאַסע פון קערפּערס. זיי וואַרפן זיך, וויקלען זיך, שרייען, גע־וואַלדעווען, קרעכצן און — קאָנען שוין נישט מער. אוישוויץ. רעכטס, לינקס, רעכטס, לינקס. רעכטס. מען שנײַדט אָפּ די האָר. מען קריצט אויס אַ נומער. זי זאָגט דער בלאָק־עלטסטער, אַז זי איז אַן אינפּירמיערשע, אפשר וואָלט מען זי געשיקט אין רעוויר. שיקט מען זי אָפּ צו דער „שייס־קאָמאַנדע״ מיט אַ צוטיילונג צום רעוויר, רייניקן קלאָזעטן, באַגראָבן, ברענען צוואות, אַלערליי שמוץ און מענטשלעכע אויסשיידונגען. די דאָקטאָרשע, די געלע „העקסע״, האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר. זי האלט תמיד אין האַנט אַ שטעקן, וואָס איז בויגיק ביים סוף. באַגריסט זי זי, ווען די דאָקטאָרשע גייט דורך — באַקומט זי אַ קלאַפּ מיטן דיקן עק, באַ־גריסט זי נישט — באַקומט זי אַ שמיץ מיטן שפּיצרוט־עק. ביידע טוען אויפן זעלבן אופן ווייי, לאָזן אַ סימן אויפן לייב. באַגריסט זי נישט מער. פילט זיך די העקסע באַליידיקט. רופט זי צו, ווען זי גייט מיטן אָפּפאַל, נאָך אַ דעזינטעריע־קראַנקן: „ווו ביסט דו דערצאָגן וואָרדן, אין אַ וואַלד? דו, שווײַן־הונד״ און נעמט קלאַפּן דאָ מיטן גראָבן עק, דאָ מיטן דינעם. זי שטעלט אַוועק דעם טאָפּ, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, בויגט זיך איין. די העק־סע האלט צו די נאָז מיט איין האנט און מיט דער צווייטער, טינקט זי איין דעם שפּיץ פון שטעקן אין דעם טאָפּ און שרייט, ווי פריי־ער און שטעלט צו צום מויל דעם דינעם עק: „נאַ, לעק אָפּ, לעק אָפּ די שייסע!״ און שטופּט אים אין איר מויל אַריין. זי וואַרפט זיך, שאָקלט מיטן קאָפּ, שאָקלט זיך אָפּ. אויגן קוקן אַרויס

צו איר פון די בעטן, בייזע אויגן, קראנקע אויגן, אויסגייענדיקע אויגן. און די העקסע שטייט און קלאפט מיטן שטעקן. קלאפט און שמעקט צום דינעם עק, צי מען פילט נאך, און קלאפט ווידער. זי בלייבט ליגן. די דאקטארשע גייט אוועק. זי האט קוים באוויזן צו־צושארן זיך, אין אוונט, צו איר בלאק. און קוים איז זי געקומען צו זיך — מען רופט צום אפעל: דער גאנצער בלאק צום אפעל־פלאץ! עס שטייען שוין רייען פון פרויען. מען ציילט: צוויי טויזנט. די העקסע מאכט די סעלעקציע מיט איר שטעקן. בלייבט שטיין א רגע נעבן איר. שטופט איר דעם שפיץ פון שטעקן אין מויל אריין. לאכט ציניש. גיט א שפיי אויס. און זאגט: רעכטס. 50 פרויען רעכטס. צום באנהויף! עס ווערט נאכט. עס רעגנט. די באן קומט ערשט פארטאגס. די העקסע קאמאנדעוועט: „אויסציען, קליידער אוסציען!". א קעלט. א רעגן. א מבול שמייסט די נאקע־טע לייבער ווי מיט ברענענדיקע שפיזן. „זיצן!", באפעלט די העקסע און הייסט זיך אוועקזעצן מיט צעשפרייטע פיס: „ברוסט צו רוקן, ברוסט צו רוקן, וועט זיין ווארעמער!". און א בלענד מיט א לעמפל אין די אויגן: „אם ענדע, דו, דו!". „ווארום?". "ווייל דו ביסט די שענסטע". אינדעם — וואלטער, דער קרומער. ער רייסט מיך פון דער ריי און שלעפט מיך צום סוף. איך זיץ און קלאמער זיך מיט צעשפרייטע פיס און ארומנעמענדיקע הענט אינעם לייב פון דער, וואס איז ביז איצט געווען די לעצטע און ליג צוגעטוליעט צו איר ביינערדיקן, אויסגעצוואגענעם רוקן. די קעלט און דער רעגן שמייסן מיין אפגעדעקטן רוקן און פאר־וואנדלען אים אין איין שטיק פייער, אין א ציטערדיקן פלאם אויפן ווינט... און אט — א פי־וואגאן... הארבורג. חורבות פון באמבארדירונגען. דער פארט ארבעט נאר טיילוויז. א באמבע איז געפאלן מיט עטלעכע טעג צוריק אויף דער קאנטין פון פארט און דעם גאנצן פערסאנאל אומגעבראכט. די 50 פרויען דארפן זיי פארטרעטן אין א פראוויזארישער קאנטין, אין א שעלטער־קעלער. נייע באמבארדירונגען. אויך די נייע קאנטין געטראפן. א סך טוי־טע צווישן די פרויען. די לעבנגעבליבענע — אין וואגאנען, קיין הארבורג. רייניקן שניי אין די גאסן. בייטאג גערייניקט, ביינאכט צוריק אין א צעשטערטן באראק קיין הארבורג. און, ווען ס׳האט אויסגעפעלט שניי — קיין זאזעל. טראגן ציגל, שטיינער צום בויען. און דערנאך פאפענפיטעל. האקןביימער, גראבן פונדאמענטן. באמ־

בעס. טויטע. וואַגאָנען. מ׳טראָגט ציגל צו באַריקאַדן ביי דער עלבע. מען שטייט ביז איבערן גאַרטל אין וואַסער. באָמבעס. וואַגאָ־נען. באַראַקן. מען גיט מאַנטלען. משונהדיקע מאַנטלען, פון דיקן זאַק־שטאָף. מען הייסט אָנטון די מאַנטלען מיט דער רוקן־זייט פון פאָרנט. מען דאַרף פאַרשיטן זומפּן. מיר גייען, לאַנגע רייען, צו אַ זאַמדבאַרג. הייבן אונטער, פאַר זיך, מעשה־פאַרטוך, די רוקן־פאָלע פון מאַנטל, וואָס איז פון פאָרנט, און עס פאַלן אַריין עט־לעכע שאָוולען זאַמד. און אַזוי טראָגנדיק דאָס זאַמד, קומט מען צו צום ברעג פון זומפּ און מען ליידיקט אויס דאָס זאַמד אין וואַ־סער אַריין. „שנעלער, שנעלער, לאָסס!״, שרייט אַ באַוואָפנטער עס־עס און טרייבט אָן. און ווער מאַכט עס נישט גענוג שנעל, ווער גיט נישט אַ גענוג ווייטן שליידער אָוועק דאָס זאַמד פון זיך; ביי וועמען עס שיט זיך זאַמד אונטערוועגס — וואַרט אָפּ דער עס־עס ביים ברעג און גיט אַ שטופּ פון הינטן מיטן הענטל פון ביקס און אַ שליידער אינעם זומפּ אַריין צוזאַמען מיטן זאַמד. דער פינצ־טערער זומפּ־שפּיגל שפּאַלט זיך. וואַרפט זיך. לאָזט אַרויס אויפ־שטויסנדיקע, טויבע שלונג־טענער. און איז ווידער גאַנץ. שוואַרץ. ווידער גרייט צום פאַרזופּן. אַזוי טאָג איין, טאָג אויס. טאָג איין, טאָג אויס. און מען זעט נישט קיין סוף צום זומפּ־באַדעם. און יעדן טאָג פאַלן מענטשן אינעם תהום אַריין. גיבן אַ שליידער דאָס זאַמד און — פאַלן מיט. אָט שטייט זי ביים ברעג פון אָפּ־גרונט. נישטאָ קיין כוחות אַ וואַרף צו טון דאָס זאמד פון זיך. די פיס וואַקלען זיך. עס רוישט אין די אויערן. אַלץ דרייט זיך אַרום און אַרום. אַ שטורעם. דונערס, בליצן. דר. סאַלעק. שלמה־לע. שלוי־מע־לע. אהרן, מיין ברודער. זי פאַלט, זי זינקט אינעם זומפּ? אויסגעלייזט איינמאָל פאַר אַלע מאָל? ניין, זי איז געפאַלן אויפן רוקן, הינטערווײַלעכץ. ווידער אַ רעש, אַ שטורעם, אַ גע־דונער. זי הייבט אויף די אויגן. אַעראָפּלאַנען. זי דערקענט דעם צייכן פון אַמעריקאַנער לופט־פלאָט. זיי לאָזן זיך אַראָפּ. זי ציט אויס צו זיי די הענט: „נעמט מיך מיט״. זיי הויבן זיך אויף. „אויב נישט, שיסט מיך״, זאָגט זי צו זיי. „מער קען איך נישט. שיקט אַראָפּ אויף מיר אַ באָמבע, ווי אויף די, וואָס ליגן דאָ אַרום, גע־טראָפענע מיט שפּליטערס. פאַרוואָס טרעפט איר מיך נישט, פאַר־וואָס?״ דער עס.עס־היטער ליגט, אין אַ טייך פון בלוט. קאָן זיך נישט מער באַוועגן. אַרום און אַרום — פרויען אין דער זעלבער

לאַגע. זי הייבט זיך אויף. אַנדערע הייבן זיך אויף. אינדעם — צוויי דייטשן אויף מאָטאָציקלען און מאַשין־געווער ביי דער זייט. מען טרייבט צונויף די לעבנגעבליבענע. מען יאָגט זיי. זיי וואָלטן געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם זאַק־מאַנטל. קאָנען זיי נישט; זיי וואָלטן געבליבן נאַקעט. זיי וואָלטן כאָטש געוואָלט איבער־דרייען דעם פאָרנט אויף פאַראויס, עס זאָל זיין לייכטער צו לויפן. פונדערוויטנס — אַ לאַגער, מיט שטעכל־דראָטן און מיראַדאָרן. צי וועט מען זיי אַריינטרייבן הינטער די דראָטן? ניין. פאָרן לאַ־גער שטייט אַ מחנה אין שטרייף־קליידער. דער לאַגער ווערט עוואַ־קואירט, ווייל די אַלירטע אַרמייען דערנענטערן זיך. לויפט מען צוזאַמען. צו פינף אין דער ברייט און לאַנג, אַז מען זעט נישט דעם אָנהויב און נישט דעם סוף. און מאָטאָציקליסטן פאָרן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און מאַכן אַ רעש, פון זיין אַראָפּצוגיין. און ווער עס שטייט אָפּ — פאַלט. און עס פאַלט אַ שאָס. אַ פרוי פאַלט צום וועג צו, אונטער דעם ראָד פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן מאָ־טאָציקל. דער מאָטאָציקל קערט זיך איבער. דער דייטש גיט אַ פלי אין דער לופטן. ער פאַלט אויף יענס זייט וועג, אויף אַרויס־שטייענדיקע שטיינער. ער קרעכצט. אַ רעש פון מאָטאָרן. גע־שרייען: „סאַבאָטאַזש, סאַבאָטאַזש"! קללות. סאַלוועס. קרבנות.

די קאַלאָנע שטעלט זיך אָפּ. מען באַפעלט זיך אַוועקצוזעצן אויפן וועג, אַזוי ווי מען שטייט. און איין מאָטאָציקליסט פאָרט אַהין און צוריק און שרייט: ער וויל וויסן צי איז נישט פאַראַן קיין דאָקטאָר אין דער קאָלאָנע, אָדער אַ פלעגע־שוועסטער. פאָרט ווידער פאַרביי. נעמט אַרויס פון מאָטאָציקל־טאַש אַן אויסגעבאַקן לאַנג ברויט און פרעגט ווידער, האַלטנדיק עס אין דער הייך: „קיינע ערצטין, קיינע פלעגערין, פיליכט דאָך?". זי שטעלט זיך אויף. זי וואָלט בעסער געוואָלט זיצן דאָ מיט אַלעמען צוזאַמען און אָפּרוען זיך. אָפּרוען זיך, נאָך אַ ווייל כאָטש. זי גייט צו צום ליגנדיקן דייטש. זיינע אויגן קוקן איבערגענומען מיט שרעק. ער בייסט די צעבלוטיקטע ליפּן. ער בלוטיקט פון אַ פוס. צוויי מאָ־טאָציקליסטין העלפן איר צו. שלעפּן אַראָפּ זיינע הויזן. דער־לאַנגען איר באַנדאַזשן פון פעלד־אַפּטייקל, נעבן מאָטאָציקל. זי פאַרציט אַ באַנד אַרום דעם פוס, איבער דער וווּנד. זיי העלפן איר פאַרציען. דאָס בלוט שטעלט זיך אָפּ. אינדעם אַ רעש. אַעראָ־פּלאַנען. העגט ציען זיך צו זיי. די אַעראָפּלאַנען לאָזן זיך אַראָפּ

נידעריק, נידעריק, אַז מען פילט דעם ווינט פון די שמיגעס, און שיסן נישט. און ווען עס ווערט שטיל, פאַלט אַ באַפעל. די קאַלאַנע רירט פון אָרט. און זי? מען האָט דאָך פאַרגעסן אין איר! ניין. מען האָט זי איבערגעלאָזט ביים פאַרוווּנדעטן דייטש. זי זאָל אויפלאָזן יעדע 15 מינוט דעם פאַרצי־באַנד און נאָך אַ מי־נוט־צוויי ווידער פאַרציען, בכדי אויסצומיידן אַ גאַנגרענע פון פוס. איין מאַטאָציקליסט איז געבליבן נעבן איר. מען האָט זי געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַרוווּנדעטנס פוס. אויב מען זאָל אים דאַרפן אַמפּוטירן, וועט זי באַצאָלן מיטן לעבן. איי־נער פון די מאַטאָציקליסטן איז געפאָרן פאַראויס, בכדי צו פאַר־לאַנגען אַן אַמבולאַנס פון אַ נאָענטסטן שפּיטאָל. שפּעט ביינאַכט קומט ערשט דער אַמבולאַנס. מען לייגט דעם פאַרוווּנדעטן אויף אַ טראָג־בעטל. מען שטופּט אים אַריין אין אַמבולאַנס. זי וויל מיטגיין, העלפן ביי דעם פאַרצי־באַנד. מען דאַרף זי נישט מער. מיטגעקומען אַ פלעגערין, אין ווייסן, פון שפּיטאָל. זי באַקומט אַ שטויס מיט אַ שטיוול־פוס: „זאַר־יודין. זיי צופרידן, וואָס איך דערשיס דיך נישט ווי אַ שווייך־הונט". זי איז אליין. ווידער אַליין. אָבער דאָס מאָל קאָן זי גיין, באַוועגן מיט די אברים. אָבער ווו־הין גיין? דאָס ברויט, אַ גאַנצעס, ליגט נעבן איר. זי האָט אינ־גאַנצן פאַרגעסן אין ברויט. זי עפנט ברייט דאָס מויל און גיט אַ ביס. פריש ברויט. זי האָט שוין אַזאַ טעם נישט געפילט זייט אַן אייביקייט שוין. און אַ גאַנץ ברויט דערצו. און צו איר זאָל געהערן דאָס גאַנצע ברויט? און זי זאָל מעגן אויפעסן דאָס גאַנצע ברויט, אַפילו מיטאַמאָל, אויב זי וויל? ניין, נישט אַנדערש ווי עס איז אַ חלום. זי חלומט, זי חלומט!

נד

ניין, עס איז נישט קיין חלום, — האָט זי געזאָגט צו זיך, אויפ־עפענענדיק די אויגן. זי האָט זיך געזען ליגן נעבן וועג מיט אַ קליין רעפּטל ברויט צווישן די ליפּן. דאָס אַלץ איז איר געבליבן פון דעם לאַנגן, קנאַקעדיקן ברויט. רעכטס, פונעם וועג, יאָגט אַ זאַמ־דיקער טומאַן און אַ טומלדיקער עכאָ פון שווערן קייטן־געקלאַנג. עס

פאַרטויבט. עס מאַכט בלינד. מען רעדט צו איר. זי דריקט פעסט צו, מיטביידע הענט, צום מויל, דאָס רעפּטל ברויט און קייעט עס גיך. זי האָט מורא, אַז מען זאָל עס איר נישט צונעמען. און אויב מען גייט זי דערשיסן, זאָל זי כאָטש האָבן פריער אויפגעגעסן דאָס ברויט ביז צום לעצטן ברעקל. הענט שלעפּן זי. מען טראָגט זי. זי איז אויף אַ טראָג־בעטל. זי הוידעט זיך אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ. מען רעדט צו איר. ניין, עס איז נישט דייטש. די, וואָס רעדן, זענען נישט קיין דייטשן. מען גיט איר צו טרינקן, מיט אַ לעפעלע. שטאַרקע און געצוקערטע קאַפע. זי האָט שוין דעם דאָזיקן טעם נישט געפילט אַן אייביקייט. עס עפענען זיך ביי איר די אויגן ברייט. אַ מאַן אין ווייסן, מיט אַ רויטן קרייץ אַרום אָרעם, און דעם אַמעריקאַנער אָדלער אויפן האַרץ־טעשל — קוקט אין איר פּנים אַריין. „אַ יידישע?" — פרעגט ער. און רעדט צו איר יידיש. יאָ, יידיש. ער זאָגט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער ייד. אַז זי איז אין אַן אַמעריקאַנער מיליטער־אַמבולאַנס. אַז היטלער איז קאַפּוט. קאַפּוט. אַז זי פאָרט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. „קאַפּוט ?, היטלער קאַפּוט ?" — פרעגט זי איבער און וויל נישט גלויבן. דער אַמעריקאַנער נעמט אַרויס אַ פלאַך פלעשעלע מיט אַ דין העלדזל און שטעלט צו צו איר מויל, גיסט אַריין אין איר האַלדז אַריין : „נאַ, טרינק לחיים". וואָס האָט ער געזאָגט ? לחיים ? „לחיים", זאָגט ער נאָכאַמאָל און שטעלט צו דאָס פלעשעל צו זיין מויל, גיט אַ פעסטן שלוק, שטעלט עס ווידער צו צו אירע ליפּן : „אַ טויט די דייטשן" — זאָגט ער : „און לחיים, די יידן !". אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער אַלע אירע גלידער און רעדער שטעלן זיך פאַר אירע אויגן. רעדער פון פאַרשידענע קאָלירן. זיי פאַרבלענדן. זיי שלעפּערן איין. ווען זי וועקט זיך איבער, זעט זי : זי איז אין אַ ווייכן בעט. ווייסע ליילעכער. אַ קישן צוקאָפּנס. וווּ איז דאָס רעפּטל ברויט, וואָס זי האָט אַקאָרשט געהאַלטן אין עסן ? דאַכט זיך, אַז זי האָט עס נישט אויפגעגעסן ביזן עק. וווּ איז דאָס סודותדיקע און צעשיינטע פּנים, וואָס איז ערשט געווען איבערגעבויגן איבער איר און געגעבן צו טרינקען ? אירע אויגן לויפן איבערן רחבותדיקן זאַל. זי איז אים שולדיק אַ תשובה. זי וויל אים ענטפערן : יאָ, איך בין אַ יי... אָבער האַקט אָפּ אינדערמיט. אפשר איז ער אַ דייטש, וואָס וויל איר אונטערקומען, אַרויסבאַקומען פון איר דעם סוד, אַז זי איז אַ יידישע. זי וויל אים ענטפערן : לחיים. יאָ, דאָס מעג מען. דאָס וועט דאָך נאָר פאַרשטיין

אַ ייד. זאָגט זי טאַקע: „לחיים". נישט זי זאָגט, נאָר זי שרייט הויך: „לחיים, לחיים!". פון די בעטן אַרויס גלאַנצן צו איר אויגן. גרויסע אויגן, גרעסער ווי די ביינערדיקע לעכער אַרום זיי. די אויגן ענטפערן איר: „לחיים!". ניין, דאָס איז נישט קיין טויבער ווידערקול. דאָס רעדן צו איר די אויגן פון די אַרומיקע בעטן אַרויס. אויגן, וואָס רעדן? אפשר איז עס נישט מער ווי אַן אילוזיע. זי זעצט זיך אויף און שרייט אויפן קול: „לחיים!". און נאָכאַמאָל: „לחיים!". די אויגן זעצן זיך אויף, אַזוי ווי זי, און זאָגן נאָך: „לחיים". און נאָכאַמאָל; „לחיים!". וואָס געשעט דאָ מיט איר? זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ כישוף־לאַנד פון לויטער שפּיגלען, לויטער ווידערקלאַנג, לויטער יענע־וועלטיקע סודותדיקייט. אפשר איז זי גאָר אויף יענער וועלט? — שלמהלע, ווו ביסטו? אהרן, ווו ביסטו? טאַטע־מאַמע, ווו זייט איר? דאָ איז בעלאַ, אייער בעלאַ. לחיים, אייך. לחיים! „לחיים, לחיים!". „דאָס ביסטו, שלמהלע? טאָ פאַרוואָס טוסטו מיר ווי? איי, איי. פאַרוואָס קומט עס מיר? נעמסט נקמה, ווייל כ'האָב דיך דאָרטן געלאָזן אַליין, מיט דיין מערדער. נעמסט נקמה. געךעכט. טאָ — שטעך, שטעך. איך האָב עס פאַרדינט!". „איך מאַך אַן איינשפּריצונג צום באַרואיקן, צום שלאָפן. איר האָט קאָשמאַרן. זייט רואיק". ווער רעדט דאָס צו איר? ניין. עס איז נישט דר. סאַלעק. דאָס איז אַ פרויען־שטימע. פאַרוואָס איז עס נישט דר. סאַלעק? זי וויל, אַז עס זאָל זיין דר. סאַלעק. נישט קיין אַנדערער. זי וויל. זי...

נה

די קליינע סאַלאַנזש האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף איר טאַטן. ווען מען לאָזט זי אַרויס פון דער שולע, וואָלט זי נישט געוואַרט ביז עס זאָל ווערן פינצטער, נאָר זי וואָלט אַליין אַהיימגעלאָפן, בכדי צו זען צי מאַדמואַזעל בעלא איז שוין ביי זיך. איר קעפּעלע האָט געאַרבעט און זי איז געווען טרויעריק, ווייל זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס די מאַדמואַזעל האָט נישט געענטפערט היינט פרי אויף איר קלאַפּן. און אויב זי וואָלט זי נישט געטראָפן אין איר צימערל, וואָלט זי געלאָפן צו

איר, ווו זי אַרבעט. אָה, זי וואָלט געפונען דאָס אָרט. זי איז אַנומלט פֿאַרבייגעגאַנגען דאָרטן מיט איר טאַטן. האָט דער טאַטע זיך אָפּ־געשטעלט און איר געוויזן מיט אַ פֿינגער: „זעסט", האָט ער געזאָגט. „דאָ אַרבעט מאַדמואַזעל בעלאַ". זי דערמאָנט זיך גענוי ווו דאָס איז. עס איז געווען אַ ברייטע גאַס, נישט ווייט פֿון אַ קירך, מיט אַ גרויסן צלם אויפֿן שפּיץ. און דאָס הויז, ווו זי אַר־בעט, איז געווען געמאָלן אויף גרין און אַ שילד פֿון דרויסן איז אויך געווען אַ גרינע, מיט אַ ווייסן שפּאָס אינדערמיט. און דער שעפּס האָט געהאַט אַ פּעטן האַלדז, אַרומגעוויקלט מיט קרעלן, אַ גאַנצן באַרג מיט פֿאַרשידנקאָלירטע בייטשלעך קרעלן, איינס אויפֿן אַנדערן, איינס אויפֿן אַנדערן, ביז איבערן קאָפּ אַריבער, אַז מען האָט קוים געזען זיינע אויערן, זיינע אויגן. אָה, זי וואָלט דעם שילד דערקענט אַפֿילו אינמיטן נאַכט. נאָר די לערערין לאָזט זי נישט אַרויס. אין דער פֿרי גייט זי אין שולע צוזאַמען מיט אַ מאַמען פֿון אַקעגנאַיבער, וועלכע פֿירט אָפּ איר טעכטערל, די קליינע סאַראַ. אָבער סאַראַ גייט אַהיים באַלד נאָך די נאָכמיטאָג־לעקציעס. איר מאַמע אַרבעט נישט. קומט זי אָפּנעמען איר טעכטערל. זי בלייבט אין „עטיד" ביז עס ווערט פֿינצטער, ביז דער טאַטע קומט זי נעמען.

אָבער היינט דויערט עס אַזוי לאַנג. פֿאַרוואָס לאָזט ער אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך, דער טאַטע? אָה, ווען ער ווייסט, אַז מאַד־מואַזעל בעלאַ האָט זי היינט פֿרי נישט אַריינגעלאָזט צו זיך, וואָלט ער זיכער געקומען פֿריער. אָדער — אין דער זעלבער צייט ווי תמיד. זי האָט כסדר געקוקט צו דער טיר און געטראַכט: ווען דער טאַטע וועט קומען, וועט זי אים זאָגן „מעשאַן פּאַפּאַ" און וועט אים נישט קושן. ניין. זי וועט אים יאָ קושן, אָבער זי וועט נישט אַרויפֿשפּרינגען אויף אים און אים נישט אַרומהאַלדזן, ווי זי טוט עס יעדן אָוונט. זאָל ער וויסן...

אָבער, ווען איר טאַטע איז געקומען, איז איר אָוועק דער כעס. זי איז יאָ אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אים, אַרומגעלייגט אירע הענט־לעך אַרום זיין האַלדז און אים פֿעסט צוגעדריקט צו זיך און גע־קושט. ווען זיי זענען שוין געווען אין גאַס, האָט זי זיך צוגעבויגן צו זיין אויער און געזאָגט: „מעשאַן". דערנאָך האָט זי אים דער־ציילט וועגן בעלאַ. דער טאַטע האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזן פֿון די הענט, און נישט געפֿירט ביי דער האַנט, ווי יעדן אָוונט, גייענדיק

מיט איר פון שולע, נאָר צוהאַלטנדיק זי נאָך פעסטער, גענומען גיין גיך. גענומען לויפן.

ער האָט זי אַרויפגעטראָגן אויף די טרעפן און שטיין גע־בליבן נעבן זיין טיר. סאָלאָנזש האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און גענומען לויפן העכער, צו צוויי טרעפּן מיטאמאָל. דער פאָטער איז שטיין געבליבן פאַר זיין טיר. געוואַרט ביז זי וועט אָנקלאַפּן. ער האָט געהערט דאָס דינע קלאַפּן פון אירע פינגער־לעך. דערנאָך שטאַרקערע קלעפּ, אויפגערעגטע. דערנאָך האָט ער געהערט דעם סקריפּ פון דער טיר. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ראַמפּע און אונטערגעשטעלט אַן אויער, אויסציענדיק דעם האַלדז. און ערשט, ווען ער האָט געהערט בעלאַס קול, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אויפגעשלאָסן זיין טיר און אריין צו זיך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געבליבן אין דער פינצטער, וואַרטנ־דיק אומגעדולדיק, ביז סאָלאָנזש וועט צוריקקומען.

דאָס קלאַפּן פון דעם מיידעלעס פינגערלעך אין איר טיר האָט בעלאַן אַרויסגעצויגן פון דרימל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז נאָכנישט געווען פינצטער אינדרויסן. געוויינלעך קומט סאָלאָנזש שפּעטער. אָבער עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין טעות: דאָס קלאַפּן אירע קליינע פינגערלעך אין דער טיר. זי האָט נישט געהערט אירע דריבנע טריטעלעך אויף די טרעפּן, וואָס אַן אמת. אָבער די פינגערלעך זענען באַשטימט אירע. זי איז אַראָפּ פון בעט און געעפנט די טיר. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין צימערל אַריין דאָס קאַרגע ליכט פון די שטיגן צוזאַמען מיטן שיינענדיקן פּנימל פון דער קליינער. די קליינע האָט איר געוואָלט זאָגן „מע־שאַנט״, אַזוי ווי זי האָט געהאַט באַשלאָסן ביי זיך ,אויב זי טרעפט זי; נאָר באַמערקנדיק די סימנים אויף איר פּנים, האָט איר אַ קלעם געטאָן ביים הערצל און זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, פאַרגעסנדיק זי צו באַגריסן. בעלא האָט זי אַרומגענומען, צוגע־דריקט צו זיך און זי אַריינגעפירט: — וויען, שערי, וויען, מאַ פּע־טיט סאָלאָנזש.

זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל.

— עס טוט דיר וויי? האָט סאָלאָנזש געפרעגט מיט אַ זיפץ, ווייזנדיק אויף איר פּנים. ביסט אומגעפאַלן? ווען איז עס געשען, היינט פרי?

בעלאַ האָט זי אָנגעזעצט נעבן זיך אויפֿן בעט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— ווען איך ווייס עס, האָט די קליינע געזאָגט, שטיקנדיק זיך פֿון טרערן — ווען איך ווייס עס, וואָלט איך היינט פֿרי נישט געגאַנגען אין שולע, נאָר געבליבן מיט דיר אַ גאַנצן טאָג.

בעלאַ האָט זי צוגעדריקט נאָך פֿעסטער צו זיך און געגלעט זי איבערן קעפּל, איבערן פּנימל.

— ווען דער פּאַפּאַ ווייסט עס, וואָלט ער אויך נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט; דו ווייסט? ווען די מאַמאַן, שערי, האָט זיך אַמאָל אויסגעגליטשט אין דער קיך און געהאַט ווי, איז דער טאַטע אַ גאַנצע וואָך נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

בעלאַ האָט באַמערקט טרערן אין די אייגעלעך פֿונעם מיידעלע און גלי־פֿלעמעלעך אויף אירע בעקעלעך, האָט זי צוגעשטעלט אירע ליפּן צו איר פּנימל און זי געקושט, גלעטנדיק אירע הערעלעך.

— און איצט וועל איך דיך קושן, האָט סאָלאַנזש געזוכט מיט אירע ליפּעלעך בעלאַס ביילן און בלאָע צייכנס. דו ווייסט: איך האָב אַמאָל געהאַט ווייטיק אין די באַקן, און אָנגעשוואָלן געווען ווי אַ חזירל — אָה, עס איז שוין לאַנג, איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע — האָט די מאַמאַן שערי מיך געהאַלטן אין איין קושן. און איך בין באַלד געזונט געוואָרן.

בעלאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט באַנבאַנס אין שופֿלאָד. האָט זי זיך אויסגעבויגן אויף פֿאַרנט, צו דעם קאָמאָד, געעפֿנט דעם שופֿלאָד, אַרויסגענומען אַ האַנט מיט באַנבאַנס און איר דערלאַנגט.

— נעם, האָט זי איר געשטופּט אין הענטל אַריין. עס זענען גוטע צוקערלעך.

— ניין, האָט די קליינע זיך געוועהרט. אַז דיר טוט ווי, וועל איך נישט עסן קיין צוקערלעך. איך וועל שוין היינט סיידוי גאָר נישט קאָנען עסן.

ווען בעלאַ האָט זיך צוגערירט צום שופֿלאָד, האָט סאָלאַנזש פּלוצים באַמערקט דאָס פֿישעלע אין וואַסער. זי האָט נאָכאַמאָל אָפּגעשטופּט בעלאַס האַנט און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן גלאָב.

— באַנזשור שערי, האָט זי צוגעשטעלט אירע ליפּעלעך צום גלאָז. און גיך פֿאַררופֿן: באָן סואַר, שערי.

דאָס פּישעלע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן קעפּל און צוגעשווומען צו אירע ליפּעלעך. עס האָט באַוויזן פיל מיטן עק, מיט די שווימערס, קוים מען האָט באַמערקט די באַוועגונגען. עס האָט זיך נישט געוואָרפן ווי תמיד, נישט געמאַכט קיין שום.

סאָלאַנזש האָט באַמערקט די ברעקלעך דאַפני־שטויב אויפן וואַסער און די צוויי שלענגעלעך, וואָס ליגן זיך במנוחהדיק אויפן באָדן, האָט זי אַ ווייז געטאָן בעלאַן מיט א פינגער:

— זעסט, דאָס פּישעלע וויל אויך נישט עסן. עס איז טרויעריק.

— נאַריש מיידעלע, וואָס דו ביסט, האָט בעלאַ זי צוריקגעצויגן צו זיך און צוגעשטעלט איר פּנים צו אירע אייגעלעך, קלאַפּנדיק פעסט מיט אַ פינגער אין שטערן און לינקער באַק. — קוק, עס איז מיר מער גאָרנישט, גאָרנישט. עס טוט מיר מער נישט וויי. עס איז אדורך.

די קליינע האָט געקוקט אויף אירע באַוועגונגען און איר נישט געגלייבט.

— ווייסט, האָט זי געזאָגט. איך מיין, אַז דער פּאַפּאַ וועט אויך היינט נישט קאָנען עסן.

בעלאַ האָט גענומען דעם קינדס צוויי פינגערלעך אין איר האַנט, זיי צוגעשטעלט צו די ביילן, צו די בלאָע צייכנס, צו די קריצן און געקלאַפּט מיט זיי פעסט.

— זעסט, האָט זי צו איר געזאָגט. עס טוט מיר אַבסאָלוט נישט מער וויי. דו ביסט שוין אַזאַ גרויסע מאַדמואַזעל, און עס פּאַסט גאָרנישט, אַז דו זאָלסט נישט פאַרשטיין. דו קלאַפּסט און דו קלאַפּסט און איך פיל מער גאָרנישט. עס פּאַסט נישט, אַז דו זאָלסט זיין טרויעריק צוליב דעם, נישט וועלן עסן. דו ביסט דאָך שוין אַ גרויסע, דאַרפסט דו פאַרשטיין ווי אַ גרויסע.

די קליינע האָט אַרויסגעריסן אירע פינגערלעך. געשטאַנען א ווייל און געקוקט מיט די אייגעלעך פאַראויס, אַ שטאָלצע, וואָס די מאַדמואַזעל רעדט צו איר ווי צו אַ גרויסע. פּלוצים האָט זי זיך אויפגעריסן און צוגעלאָפן צו דער טיר.

— איך גיי רופן דעם פּאַפּאַ. מען וועט זען וואָס דער פּאַפּאַ זאָגט. אַ טוטאַלער, אַ טוטאַלער, שערי!

— טוטאַלער, מאַ גראַנד!

נו

ווען די קליינע איז אַראָפּגעלאָפן רופן דעם טאַטן, האָט בעלאַ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטובראָק, אויפגעעפנט דעם הענג־שראַנק און גענומען זיך גיך אָנטון. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר, אין פאַל, ווען מסיע עמיל קומט אַריין אײדער זי איז רעכט אָנגעטאָן. דאָס קלייד איז איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרקנעפּלען פון הינטן דעם ביוסטהאַלטער. זי האָט נישט געקאָנט ווייט אַרונטערנעמען די לינקע האַנט פון הינטן, ווייל אַ שאַרפער ווייטיק האָט צוריקגעהאלטן. זי האָט געפּרוווט עס מאַכן מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט, אָבער עס איז געווען שווער צונויפצופּאָרן דאָס לעכעלע מיטן קנעפּל. זי האָט אַרויסגעלאָזן די גאַנצע לופט פון איר ברוסט, זיך געמאַכט שמאָל אינעם פּאָרנט און געאַרבעט פלינק מיט די פינגער צווישן קנעפּל און לעכל. און אָט, דאַכט זיך. אָבער ניין. דאָס קנעפּל האָט זיך אַרויסגעגליטשט און די צוויי עלאַסטישע בענדלעך זענען אָפּגעשפּרונגען אויף פאַרקערטע זייטן מיט אַ שנעל איבער די פינגער. ווען זי האָט געהערט טריט, האָט זי אויפגעגעבן דעם פּלאַן און געכאַפּט א פּולאָווער, וואָס זי האָט געפונען אונטער דער האַנט און אים אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט געפונען דווקא דעם סוועטער, וואָס איז פאַרמאַכט ביז אַרויף, מיט אַ קעלנערל ביז איבער דער העלפט פון האַלדז, און וואָס איז געפּאַסט אויף איר און ציט זי איין. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט איר געמאַכט א מתנה בערנארד. דאָס איז געווען דער ערשטער סוועטער פון אַ סעריע, פון סעלעדין־גרין, דעם קאָליר וואָס ער האָט אויסגעקליבן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די פאַרב איז איר שטאַרק צום פּנים און האַרמאָניזירט מיט אירע אויגן. זי האָט אים קיינמאָל נישט געטראָגן. אָבער זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אים איצט אָנגעטאָן. זייט דעמאָלט איז זי געוואָרן דיקער, און אַזוינאָך וועט דער סוועטער בעסער צוהאלטן די צוויי העלפטן

פון פונאַנדערגעקנעפלטן ביוסט־האַלטער און אונטערהייבן דעם לויזן פּאַרנט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וואַסער און זיך איינגעקוקט. געזוכט דאָרטן איר פּנים, איר האַלדז, איר פּאַרנט. אָבער די אַרומשווימענדיקע דאַפני־ברעקלעך און דאָס אומבאַוועגלעכע פּישעלע האָבן זי אָפּגעשטויסן פונעם גלאָז. און אַ בליק־געדאַנק איז אַדורך איר שאַרבן, באַגלייט מיט אַ שולד־געפיל: וואָס וועט זאָגן מסיע עמיל, ווען ער וועט זען, אַז דאָס פּישעלע איז נישט מיט אַלעמען?

ווען די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי איר טיר, האָט זי געזאָגט — אַנטרעע, נאָך איידער זי האָט געהערט קלאַפּן.

זעט זיך אויס, אַז די קליינע האָט געהאַט געזאָגט דעם טאַטן וועגן דעם, אַז די מאַדמואַזעל בעלאַ האָט זיך אויסגעגליטשט און אַז זי האָט זיך צעקלאַפּט דאָס פּנים. ווייל, שטייענדיק נאָך אין דער טיר און איידער ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף איר, הגם זי איז געשטאַנען צו אים מיט דער רעכטער זייט, האָט ער שוין געהאַט אַ פראַגע אויף די ליפּן:

— איר האָט זיך טאַקע אויסגעגליטשט און זיך צעקלאַפּט דאָס פּנים? לאָמיך אייך נאָר אָנקוקן.

בעלאַ איז געשטאַנען פון אַ זייט און געשטעקט צו אים איר געזונטע באַק.

— נו, דרייט זיך אויס, לאָמיך זען. איך גלויב, אַז עס איז נישט ערנסט.

בעלאַ האָט זיך צוגעזעצט אויפן טאַבורעטל נעבן בעט און אים געוויזן דאָס צווייטע, נעבן טישל. זי האָט זיך געזעצט צו אים מיטן פּנים, פאַרשטעלנדיק מיטן רוקן דאָס פּישעלע.

— עס איז גאָרנישט, האָט זי געזאָגט. עס איז אַדורך.

די קליינע האָט געמאַכט קליינע טריטעלעך צווישן איר פּאַטער און בעלאַן, נישט וויסנדיק צו וועמען זיך צוצוטוליען. עס האָט זי גיכער געצויגן צו דער מאַדמואַזעל. אָבער זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל זיין אייפערזיכטיק. און צום טאַטן האָט זי אויך נישט געוואָלט צוגיין, אַז די מאַדמואַזעל זאָל נישט

מיינען, אַז זי האָט זי נישט אַזוי ליב, ווי תמיד. זי וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז ביידע זאָלן זיך אָוועקזעצן נעבן זיך, אויפֿן בעט, און זי זאָל זיך זעצן צווישן זיי. וועט זי זיי האָבן ביידע, זיך טו־ליען צו ביידן און אַלע וועלן זיין צופֿרידן.

פּלוצים איז איר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק. ווי די מאַדמואַזעל האָט געזאָגט, אַז עס איז איר גאָרנישט, איז זי צוגעשפּרונגען צום טאַטן, אָנגענומען צוויי פֿינגער פֿון זיין האַנט, זיי צוגעשלעפּט צום פּנים פֿון בעלאַן און גענומען פֿירן מיט זיי איבער די ביילן און צייכנס פֿון שטערן און לינקער באַק.

— זע, פּאַפּאַ שערי, צי עס טוט איר ווי, אָדער נישט.

בעלאַ האָט אונטערגעשטעלט די באַק, צוזאַמען מיט אַ שמייכל, גלעטנדיק מיט אַ האַנט די הערעלעך פֿון דער קליינער. זי האָט געפֿילט דעם צוריר פֿון מסיע עמילס שפּיץ־פֿינגער. עס איז גיכער געווען אַ גלעט, אַ קיצל ווי מיט אַ האָר, איידער אַ טעסט, ווי אַן אופֿן פֿון אויספּרובירן צי זי לײַדט, אָדער נישט. די קליינע האָט נישט געוואָלט פּעסט קלאַפּן מיט דעם פּאָטערס פֿינ־גער, אויס מורא נישט אַרויסצורופֿן קיין ווייטיק און מסיע עמיל האָט צוריקגעהאַלטן די פֿינגער, אויך צוליב דער זעלבער סיבה; און אויך צוליב אומדרייסטקייט. דער פּלוצימדיקער באַשלוס פֿו־נעם קינד, אויף וועלכן ער האָט זיך נישט גערעכט, האָט אים שטאַרק זשענירט.

— זי איז גערעכט, די מאַדמואַזעל — האָט ער געזאָגט צו־ריקציענדיק זיין האַנט. און געזאָגט האָט ער עס מיט אַ טאָן פֿון התנצלות פֿאַר זיין געוואַגטקייט, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿילט אויך א ווילן נישט אָפּצופֿרעגן די רייד פֿון דער מאדמואזעל און נישט ווײַ צו טון זיין טעכטערל.

— ווי איז עס געשען? ווו? האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טאָן פֿון אַן אויספֿאָרשער און באַמערקנדיק דאָס צעבראָכענע שייבל, האָט ער אַ ווייז געטאָן צום פֿענצטערל; מסתמא איז עס די שולד פֿונעם ווינט, וואָס האָט אַרויסגעריסן דאָס פֿענצטערל פֿונעם שטאַנג און די שייבן־ברעקלעך האָבן אייך פֿאַרוווּנדעט. און ער האָט צו־געגעבן מיט באַדויער — איך האָב זיך תמיד געשראָקן פֿאַר דעם

פּרימיטיוון סיסטעם פון עפענען דאָס פענצטערל און מורא גע־
האַט פאַר אַן אומגליק.

בעלאַ האָט געשוויגן אַ ווייל. דערנאָך האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט וועלנדיק אויפוויקלען די גאַנצע געשיכטע מיטן פאַלן אין מעטרא. סאָלאַנזש האָט זיך אַדורכגעשטופּט צווישן איר רוקן און דעם קאָמאָד און זיך געשטעלט קוקן אינעם אָפענעם שייבל. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אין איר פנימל אריין א קאַלטער ווינט. זי האָט אראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און אַ ציטער געטאָן. בעלאַ האָט זי צוגעצויגן צו זיך. זי צוגעטוליעט צו איר לויזן פאַרנט און אַרומ־גענומען מיט די באַסוועטערטע אָרעמס, אַז עס זאָל איר זיין וואַרעם.

— עס יאָגט פונעם צעבראָכענעם שייבל, האָט מסיע עמיל זיך אָנגערופן. עס מוז אייך זיין קאַלט. איך וועל אייך אַרויפרופן אַ גלעזער. איך קען אײַנעם און גלויב, אַז ער וועט מיר נישט אָפּ־זאָגן און קומען נאָך היינט אָוונט.

— מען דאַרף נישט, האָט בעלאַ זיך געוועהרט. עס קאָן וואַרטן ביז מאָרגן.

— איר קאָנט זיך נאָך צוקילן. איר וועט איצטער זיכער בלייבן אין שטוב עטלעכע טעג, ביז איר וועט זיך אויסהיילן, קאָנט איר נאָך אַלס צוגאָב, ווערן צוגעקילט. עס קומען איצט קילע טעג, בפרט — קאַלטע נעכט. און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט נעמען רעגענען? דער רעגן הענגט דאָך אין דער לופטן.

— וועל איך אונטערשטעלן די שיסל, האָט זי אַ וויין געטאָן צום וואַש־ווינקל.

מסיע פראַנסאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער טיר, ווי עס וואָלט אים אייגעפאַלן עפּעס אַ גלענצנדיקער גע־דאַנק. בעלאַ האָט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער גייט אַוועק. זי האָט געמיינט, אַז ער גייט נאָך אַ גלעזער:

— עס ברענט נישט, האָט זי געזאָגט. דאָס שייבל קאָן דרייסט וואַרטן אויפן גלעזער ביז מאָרגן, איך בעט אייך.

— נישט נאָכן גלעזער, האָט ער פאַרזיכערט. — אַ פּראָ־וויזאָרישע לייזונג, אויף דערווייל. איך קום באַלד צוריק.

סאָלאַנזש איז געבליבן אין בעלאַס אָרעמס און זיך געטוליעט צו אירע ברוסטן.

נז

אַסיע עמיל איז גיך צוריקגעקומען מיט אַ ברעטל און אַ לאַנגע דראָט אין האַנט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ צודעק פֿון אַ האַלצן קעסטעלע, וואָס ער האָט אײַן שטוב און געוויזן די דראָט, מיט וועלכער ער וויל פֿאַרפֿעסטיקן דאָס ברעטל, אויפֿן אָרט פֿון צעבראָכענעם שײַבל.

בעלאַ האָט אים געדאַנקט פֿאַר זײַן העפֿלעכקייט און פֿאַר דער גרויסער זאָרג, וואָס ער ווײַזט איר אַרויס, אָבער זי האָט געהאַט רעזערוון בנוגע דער צוועקמעסיקייט פֿון דער פּראָוויזאָרי־שער לייזונג. זי האָט נישט געגלייבט, אַז דאָס ברעטל וועט זיך האַלטן, אַפֿילו ווען מען באַפֿעסטיקט עס אַרום דער ראַם פֿון פֿענצטער מיט דראָט; אַ שטאַרקער ווינט וועט אַראָפּטרײַבן דאָס ברעטל, און צווייטנס, וועט דאָך אַרײַנקומען ווייניקער ליכט אינעם צימערל. וועלנדיק אים אײַנבערענגען די טירחה און נישט וועלנדיק אָנגרייפֿן זײַנע געפֿילן, האָט זי זיך פֿאַררופֿן אויפֿן פֿישעלע, אַז דאָס פֿישעלע דאַרף האָבן מער ליכט, בפֿרט די פּרימאַרגן־שטראַלן, און גאָר באַזונדערס איצט, ווען עס איז נישט מיט אַלעמען.

דער קאָמיסאַר האָט ערשט איצט באַמערקט דאָס פֿישעלע און זיך אָוועקגעשטעלט דערנעבן, אײַנבויגנדיק זײַן הויכע פֿי־גור איבערן וואַסער. סאָלאַנזש האָט זיך צוגעשטעלט צום טאַטן און אַרומגענומען אים הויך ביים פֿוס מיט איין האַנט.

— דאָס פֿישעלע מוז זײַן קראַנק, האָט בעלאַ געזאָגט מיט אַ דערשלאָגענעם קול.

— אפֿשר האָט אים געשאַדט דער ווינט, וואָס בלאָזט פֿון אויבן ?

— איך גלויב נישט, ווײַל נאָך פֿריער איז עס מיר נישט גע־פֿעלן. עס האָט געהאַט פֿאַרלוירן זײַן רירעוודיקייט, זײַן לעבנס־לוסט.

סאָלאַנזש האָט צוגעטאָן די ליפּעלעך צום גלאָז און באַוויגן מיט די פֿינגערלעך, קלאַפּנדיק לייכט אינעם גלאָז, בכדי צו מינ־

טערן דאָס פּישעלע, אָנצוטרייבן עס ביז צו אירע ליפּעלעך. דאָס פּישעלע האָט געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיטן עקל, אויסגעבויגן דאָס קעפּל אין דער ריכטונג פון דעם מיידעלעס מויל און איר נישט אָקעגנגעשוווּמען, ווי תמיד.

מסיע עמיל האָט געוואָלט פרעגן צי זי האָט צומאָל נישט פאַרגעסן צו בייטן דאָס וואַסער, אָבער ער האָט נישט געוואָגט אַרויסצורוקן אַ חשד, וואָס שייך איר אָפּגעהיטקייט לגבי דעם פּישעלע.

— איך וועל מאָרגן, גייענדיק צו דער אַרבעט — האָט ער געזאָגט — אָפּטרעטן אין געשעפט פון די פישעלעך, ווו איך האָב עס געקויפט, און אַרויפשיקן דעם באַלעבאָס. ער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט. ער וועט עס געזונט מאַכן.

— אפשר, פּאַפּאַ — האָט זיך סאָלאַנזש אָנגערופן — הייסט דו אים באַלד קומען? איך וואָלט וועלן זען ווי מען מאַכט גע־זונט אַ פּישעלע. און האַלטנדיק דאָס קעפּעלע אין דער הויך, האָט זי צוגעגעבן מיט צער אין די אויגן: פאַרוואָס זאָל דאָס פּישע־לעליידן ביז מאָרגן?

— ביסט גערעכט, מיין קינד, — האָט דער פאָטער געגלעט איר קעפּעלע. — אָבער דאָס געשעפט איז שוין געשלאָסן, און איך ווייס נישט ווו דער אייגנטימער וווינט. דו האָסט אַזאַ גוט הערצעלע, מיין קינד.

— על ע אַדאַראַבל, האָט בעלאַ באַמערקט, גלעטנדיק די הע־רעלעך פון דער צווייטער זייט פון איר קעפּעלע.

— טואַ אָססי, האָט די קליינע אויסגעדרייט דאָס קעפּעלע צו בעלאַן.

מסיע עמיל האָט מסכים געווען און נאָכגעזאָגט, אָקצענטירנ־דיק יעדע זילבע: על ע אַדאַראַבל. און עס איז געווען שווער צו וויסן צי דאָס באַציט זיך צום קינד, צי צו דער מאַדמואַזעל, אָדער צוביידן; צו יעדער באַזונדער.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל, ווי עס וואָלט זיי אויסגעפּעלט וועגן וואָס צו ריידן, אָדער נישט געוואָגט צו זאָגן, דאָס וואָס זיי טראַכטן. מען האָט געהערט דעם ווינט, וואָס האָט זיך געריסן פון דרויסן צוזאַמען מיטן אָנזאָג פון אַ קילער אָקטאָבער־נאַכט.

— דער ווינט וועט אייך נישט לאָזן שלאָפן די נאַכט, האָט מסיע עמיל זיך אָנגערופן, צערייסנדיק די שטילקייט. — איר

דאַרפט דאָך איצטער אַ סך רו. מען וואָלט געדאַרפט אַ טראַכט טון ווי אָפּצוּווענדן דעם ווינט פונעם בעט, ער זאָל נישט פאַלן דירעקט אויף איך אַרויף.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען די צייטונג אויפן טישל. האָט ער זי גענומען אין דער האַנט אַריין, זיך דערנענטערט צום פענצטערל, טראַכטנדיק זי אַרונטערצולייגן אונטער דעם פענצטער, פון דער זייט פון בעט, און צו פאַרקלעמען זי אונטער דער משא פון דער אייזערנער ראַם. אַזוינאָך וועט די אַראָפּהענגענדיקע צייטונג אָפּקערן דעם ווינט פונעם בעט אַוועק. אָבער, ווינאַר בעלאַ האָט באַמערקט זיין כוונה, האָט זי געזאָגט:

— נאָן, און אַ צי געטאָן די צייטונג פון זיין האַנט אַרויס.

מסיע עמיל האָט נישט פאַרשטאַנען איר רעאַקציע און דאָס נישט־העפלעכע אַרויסשלעפּן פון דער צייטונג פון זיינע הענט.

— עס געפעלט איך נישט מיין איינפאַל? האָט ער געפרעגט פול מיט חידוש.

— יאָ. דער איינפאַל איז אַ גוטער. אָבער נישט די צייטונג. נישט די צייטונג, סיל־וו־פּלע — האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטן כעס, נישט פאַרגעסנדיק צוצוגעבן צום סוף אַ העפלעכקייט־אויס־דרוק.

מסיע עמיל האָט צוגעשטעלט די צייטונג צום ליכט און אַ קוק געטאָן אויף דער פאָדער־זייט. ער האָט זיך איינגעקוקט. דערנאָך האָט ער גענומען די צייטונג, צוגעגאַנגען צום טישל און זי אויסגעשפּרייט, אַריבערבויגנדיק זיך איבער איר.

— לייענט וואָס עס שטייט דאָרטן געשריבן, האָט זי גע־זאָגט צו אים מיט אַ מילדן טאָן פול מיט תרעומות. קוקט זיך צו צום בילד, סיל־וו־פּלע.

ער האָט זיך אָנידערגעזעצט. סאָלאַנזש, וואָס איז געזעסן אויפן בעט, האָט זיך צוגעשאַרט צום צופוסנס און אַוועקגעשטעלט אירע עלנבויגנס אויפן אייזערנעם אָנלען, נעמענדיק איר קעפּל צווישן ביידע הענטעלעך, מיטן פּנים צום פאָטערס רוקן. זי האָט אָנגעשטעלט אירע אויערן, מיינענדיק, אַז איר פאָטער וועט לייע־נען הויך.

— לייענט, סיל־וו־פּלע, וועט איר פאַרשטיין.

— יאָ, פּאַפּאַ, לייען הויך — האָט די קליינע אונטערגעכאַפּט.

איך וויל אויך וויסן וואָס עס שטייט דאָרטן. איך בין שוין גרויס, איך מעג אויך וויסן. נישט אמת, מאַדמואַזעל?

— יאָ, יאָ. דו ביסט אַ גרויסע — האָט בעלאַ צוגעשטימט און זיך צוגעזעצט צו איר. אוי, מאַ גראַנד.

זעענדיק, אַז דער פאָטער שווייגט און לייענט פאַר זיך, איז די קליינע אראָפּ פון בעט, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און אַריבערגעבויגן איר קעפּל איבער דער צייטונג: — נו, פּאַ־פּאַ, האָט זי אים געמונטערט.

זי האָט באַמערקט דאָס בילד מיט די שיפן אויפן ים.

— ווער איז די גרויסע שיף, פּאַפּאַ, אַ פראַנצויזישע?

— ניין, אַן ענגלישע.

— און ווער איז די קליינע שיף, פּאַפּאַ?

— אַ יידישע.

— און פאַרוואָס שיסט די גרויסע שיף אויף דער קליינער, פּאַפּאַ?

דער פאָטער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו איר און נישט געענטפערט.

— און ווער זענען די מענטשן, וואָס שפּרינגען אין וואַסער, וואָס שווימען צום ברעג, פּאַפּאַ?

— דאָס זענען יידן, טאָכטערשי.

— און אַז יידן, פּאַפּאַ, דאַרף מען שיסן אויף זיי, פּאַפּאַ?

דער פאָטער האָט געעפנט די ליפּן און געזוכט אַ תשובה, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַר דעם קינד.

— די קליינע סאַראַ, וואָס גייט מיט מיר יעדן טאָג אין שו־לע אַריין, איז אויך אַ יידישע, פּאַפּאַ. און די מוטער אירע, מאַ־דאַם מאַנדעל, וואָס פירט מיך ביים הענטעלע, איז אויך אַ יידישע. און ווען זיי וואָלטן געווען אויף דער שיף, וואָלט מען אויף זיי אויך געשאָסן, פּאַפּאַ? — האָט זי געפרעגט מיט אַ טרויער אין איר שטימעלע.

דער פאָטער האָט אָפּגעקערט די אויגן פונעם קינד און ווי־טער אַריינגעקוקט אין דער צייטונג. נעמענדיק דעם פאָטערס שווייגן פאַר אַ באַשטעטיקונג, האָט זי גענומען ווייטער רעדן, מיט אַן איבערגענומענער שטימע: — דו געדענקסט, פּאַפּאַ? ווען סאַ־ראַ איז געווען אויף מיין אַניווערסער, און מען האָט איר געגעבן צו עסן זשאַמבאָן, האָט זי נישט געוואָלט עסן. זי האָט געזאָגט,

אַז זי איז אַ יידישע און יידן עסן נישט קיין זשאַמבאָן. נו, דאַרף מען אויף זיי שיסן דערפֿאַר, פּאַפּאַ?

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן פֿון דער קליינער און זי האָט שווער געזיפֿצט. דער פֿאָטער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו בעלאַן און אָוועקגעזעצט די קליינע אויף זיך, צו־דריקנדיק זי פֿעסט צו זיין ברוסט.

— דיינע פֿראַגן זענען ריכטיק, מיין קינד — האָט ער זי געגלעט און אונטערגעזיפֿצט. און אויפֿהויבנדיק זיינע אויגן אויף בעלאַן, האָט ער זיך אָנגערופֿן: ליידער, רעגירן נישט קינדער מיט דער וועלט. און איבערחזרט: ליידער.

די קליינע האָט זיך צוגעטוליעט צום טאַטן און אראָפּגעלאָזן דאָס קעפּל, אַ מידע, ווי צום שלאָפֿן. און ווען זי איז איינגעשלאָפֿן, האָט מסיע עמיל זיך געוואָנדן צו בעלאַן: — יאָ, עס איז מיר גוט באַקאַנט די טראַגעדיע פֿון די יידן, וואָס רייסן זיך אין זייער לאַנד און דער בריטישער פּלאַט קעמפֿט קעגן זיי. איך ווייס, אַז זיי גייען אין טראַנזיט דורך פֿראַנקרייך קיין מאַרסעי און פֿון דאָרטן קיין פּאַלעסטינע. זיי גייען אויך אַדורך פּאַריז. עס האָט דעריבער צו טון מיט מיין רעסאָרט. מיר האָבן אינסטרוקציעס צו זיין מילד צו זיי און נישט נאָר נישט שטערן אין דער אַזוי גערופֿענער „אומ־לעגאַלער" עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, נאָר אויך, אויף אַ דיס־קרעטן אופֿן — צו העלפֿן. פֿאַר מיר איז דאָס, וואָס די ציטונג שרייבט, נישט קיין נייעס. דער לייט־אַרטיקל איז באמת אַ האַרצ־רייסנדיקער און שטעלט די טראַגעדיע אַוועק ריכטיק, אין אייגנט־לעכן ליכט. צי וועט ער אָבער רירן דאָס האַרץ פֿון בריטישן אויס־סערן־מיניסטער, בעווין, וואָס האָט אַ האַרץ פֿון שטיין און זיין מאָראַל איז דיקטירט דורך עגאָאיסטיש־אונמענטשלעכע אינטע־רעסן...

— פֿאַרוואָס לאָזט אַ וועלט צו דערצו? האָט בעלא אים אי־בערגעריסן. נאָך ווייניק קרבנות האָבן מיר געבראַכט? האָבן די געראַטעוועטע יידן נישט קיין רעכט צו אַן אייגענע היים, אין זיי־ער אייגן לאַנד? פֿאַרוואָס שווייגט די וועלט אין אָנבליק פֿון אַזאַ היסטאָרישע אומרעכט?

— איך בין איבערצייגט, אַז די ענגלענדער וועלן טייער באַצאָלן פֿאַר פֿאַרגוואַלדיקן די געשיכטע אויף אַזאַ דראַקאָנישן אופֿן, וואָס דערמאָנט, אין אַ געוויסן זין, די היטלער־רדיפֿות. אויף

דעם אַפּשניט וועט זיכער די געשיכטע זיך נוקם זיין אין זיי. איך בין זיכער דערין.

— אָבער וויפיל קרבנות וועט עס ווידער קאָסטן?! וויפיל קרבנות...

זי האָט געזאָגט דעם זאַץ אין אַ גרייזיקן פראַנצויזיש און גע־זוכט צו פאַרריכטן דעם פעלער.

— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, מאַדמואַזעל, האָט ער איר איבערגעריסן. און נאָך אַ ווייל איבערגעזאַנגען אויף אַ שטילן טאָן, ווי ער וואָלט איר מגלה געווען אַ סוד: — שוין עטלעכע טעג, ווי איך דאַרף פאָרן אין שליחות קיין מאַרסעי, אין שייכות מיט די שיפן, וואָס גייען אָפּ פון די שכנותדיקע פּאָרטן. איך דאַרף זיך דורכריידן מיט די לאָקאַלע אויטאָריטעטן אין ליכט פון די נייעסטע אינסטרוקציעס און צושטעלן אַ באַריכט פאַרן אינערן־מיניסטער. איך לייג אָבער אָפּ פון טאָג צו טאָג מיין רייזע. און דאָס צוליב דעם קינד. איך קאָן זי דאָך נישט מיטנעמען און באַ־לעסטיקן דאָ מענטשן וואָלט איך אויך נישט וועלן. און די עלטערן פון מיין פרוי וווינען דאָך אַזוי וווייט... איך האָב געזוכט אַ קינ־דער־פּאַנסיאָן אין דער געגנט פון פּאַריז. מעגלעך, אַז עס וועט מיר געלונגען... אָבער איצט, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק — האָט ער גערעדט פּאַמעלעך, בכדי זי זאָל אים גוט פאַרשטיין און קאָנען אָבסערווירן איר רעאַקציע. — איז מיר איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: אַזוי ווי איר וועט איצט, מאַדמואַזעל, בלייבן עטלעכע טעג אין שטוב, צוליב אייער געזונט, וואָלט איך אייך אָנפאַרטרויט דאָס קינד ביז מיין צוריקקומען. דאָס קינד האָט דאָך אייך אַזוי ליב און מיט אייך וואָלט עס אַזוי גערן געבליבן. איז, אויב איר וואָלט מסכים געווען דערויף...

— זיכער בין איך מסכים, מסיע עמיל. אַ וווּנדער, אַז איר האָט אויף אַ רגע געספקט דערין.

— די קליינע איז גערעכט. ווו־זעט אַדאַראַבל, מאַדמואַזעל.

מסיע עמיל האָט זיך אויפגעשטעלט, האַלטנדיק די קליינע פעסט אין זיינע אָרעמס.

— מערסי, מאַדמואַזעל — האָט ער געזאָגט פאַרנייגנדיק זיך פאַר איר. — איך וועל אייך ברענגען אַ פרישן באַריכט פון דאָרטן. און שטייענדיק שוין ביי דער טיר, האָט ער צוגעגעבן: עס האָלט דערביי, אַז שפּעטער זאָל איך אַראָפּפאָרן אויף אַ לענגערע צייט

קיין מאַרסעי. וועל איך דאָס קינד דעמאָלט אָוועקשיקן אין די פּי־רענעען, אָדער אפֿשר גאָר מיטנעמען.

— עס איז אַ געניאַלער געדאַנק, מסיע עמיל — האָט זי איינגעשטימט מיט דעם פּלאַן. אַזאַ גוטער מענטש, ווי איר, וועט דאָרטן זיכער זיין נויטיק. דאָרט, ווו עס שפּילן זיך אָפּ טראַגעדיעס, דאַרף מען אַ מענטש, וואָס איז אַליין שווער געפּרווּוט געוואָרן און קען זיך בעסער אַריינפּילן אין דער לאַגע פֿון ליידנדיקע. איר זייט דאָרטן דער פּאַסיקער מענטש, דער אידעאַלסטער מענטש פֿאַר אַזאַ שליחות.

— מערסי, מאַדמואַזעל — האָט ער זיך נאָך נידעריקער פֿאַרנייגט. שלאָפֿט גוט — האָט ער צוגעגעבן און אָנגעוויזן מיט די אויגן צו דער וואַנט. — לייגט זיך נענטער צו דער וואַנט, וועט איר ווייניקער פֿילן דעם ווינט.

און ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט אויף די שפּיץ פֿינגער פֿונעם צימער.

נח

ווינאַר עס האָט זיך פֿאַרמאַכט די טיר ביי מסיע עמיל, האָט זי זיך געעפֿנט ביי איר. עס איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר. זי האָט נישט געהערט קלאַפּן. ווען זי האָט באַמערקט דעם דאָקטאָר אין דער טיר, האָט זי אים אַריינגעבעטן און געווען צופֿרידן, וואָס ער איז געקומען.

— איך האָב געמיינט, אַז איר שלאָפֿט שוין ווידער, און נישט הערנדיק אייער איינלאַדונג, בין איך אַליין אַריין. זייט מוחל.

— געווען פֿאַרטראַכט. גאָר פֿאַרקערט, איך בין צופֿרידן אייך צו זען. יעדער באַזוך אייערער גיט מיר צו אַ שטיק געזונט.

ער האָט געקוקט אויף איר. זי האָט אויסגעזען שיין אין איר סוועטער, וואָס איז געלעגן, ווי אויסגעגאָסן אויף איר און געמאַכט בולט יעדן טייל פֿון איר לייב. דאָס קעלנערל, וואָס איז פֿאַרקראָכן ביזן האַלדז אַרויף, האָט זי אויסגעצויגן און געמאַכט העכער. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי האָט אַזאַ בולטן ביוסט און אַזאַ הויכן

האַלדז. און דער קאָליר פון סוועטער איז געווען אַזוי פּאַסיק צו איר פּנים און אירע אויגן, ווי ספּעציעל צוגעטראַכט. בעלאַ איז געשטאַנען מיט איר קראַנקער באַק אינעם שאָטן, אַז מ׳האָט כמעט נישט אַרויסגעזען די באַשעדיקטע טיילן. אויך די רויטע פּינטע־לעך אין די אויגן זענען עפּעס ווי פאַרשוווּנדן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי האָט אַזויפיל גראַציע און אַזויפיל געשמאַק. ער האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון איר. ער האָט געזוכט עפּעס צו זאָגן. ער האָט געטראַכט אַנצוהויבן פון אויסדריקן זיין התפּעלות, זיין סיורפּריז צו זען זי אַן אַנגעטוענע און מיט אַזוי־פיל חן. ער האָט אָבער נישט געוואָגט עס אַרויסצוברענגען פאַרן מויל.

— זעצט זיך דאָקטאָר, האָט זי אים געוויזן דאָס טאַבורעטל נעבן טישל.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט און זיך צוגעזעצט. פאַרטראַכט זיך. ער האָט געזוכט די ווערטער, וואָס ער האָט זיך געהאַט צו־געגרייט, דערנענטערנדיק זיך צו איר הויז, ווי אַזוי אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך מיט איר. אָבער דאָס בילד פון בעלאַן, אין איר סעלעדין־גרינעם סוועטער, האָט צעדרייט דעם גאַנצן סדר פון צו־געגרייטן פּלאַן. נאָך אַ ווייל האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנ־געשלאָסן צו די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט ביים אַריינקומען:

— עס איז איצט נישט קיין צייט פאַר שלאָפן, מיין טייערע.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן און פאַרוואָרפן מיט אַ האַנט די האָר, וואָס זענען פאַרקראַכן אויף דער רעכטער זייט באַק. דער דאָקטאָר האָט איצט באַמערקט אירע לאַנגע האָר, וואָס האָבן פאַרדעקט כמעט איר לינקע באַק און די שוואַרצקייט זייערע האָט זיך בולט אָפּגעטיילט פון דער פאַרב פונעם סוועטער־וואָל.

— עס איז נישט איצט צייט צו זיין פאַרשלאָפן, האָט ער איבערחזרט. עס איז די צייט פון דעציזיעס.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שליסט אָן צום געשפּרעך זיינעם, אין שייכות מיט דער צייטונג. און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ סימן פון מסכים זיין מיט אים. ווי דער דאָקטאָר וואָלט געלייענט אירע מחשבות, איז אים אויך געקומען אין געדאַנק די צייטונג. ער האָט זי גענומען פון טישל אַראָפּ און געפרעגט:

— האָט איר דורכשטודירט די פאָדערשטע זייט? וואָס זאָגט איר דערצו? און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון איר, האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווייל: — טאַקע, אין דעם שייכות, בין איך געקו־מען איצטער צו אייך. און דערנענטערנדיק זיך צו איר, האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער צווישן יעדער זילבע: — איך בין געקומען זיך מיט אייך געזעגענען, מיין טייערע. און נישט וואַרטנדיק אויף איר רעאַקציע, האָט ער געגומען רעדן שנעלער, לויט ווי ער האָט עס זיך געהאַט צוגעגרייט: — איך פאָר היינט ביינאַכט אָפּ קיין מאַרסעי, מיט אַ גרויסן טראַנספּאָרט פון די לאַגערן. זיי פאָרן אָפּ קיין ארץ ישראל מאָרגן ביינאַכט. די שיף וואַרט אויף זיי אין פּאָרט. דאָס איז די גרעסטע שיף, וואָס האָט ביז איצט אונטער־גענומען אַזאַ געוואַגטע רייזע, אין די באַדינגונגען ווי עס ווערט געוויזן אויף דעם בילד. — ער האָט צוריקגענומען די צייטונג און איר אָנגעוויזן אויפן בילד, רעדנדיק נאָך גיכער: — די שיף רופט זיך „המרי העברי", דער יידישער אויפשטאַנד. דער יידישער רע־וואָלט קעגן דער בריטישער טיראַניע און קעגן דער גלייכגילטי־קייט פון אַ וועלט. די שיף נעמט אַריין קנאַפּע פיר טויזנט מענטשן. דאָס איז אַ שטאָט אַ גאַנצע, אַ שווימענדיקע שטאָט, אויף אַ ווול־קאַן. אויף דער שיף איז נישט פאַראַן גענוג דאָקטוירים. מען שלאָגט מיר פאָר צו זיין דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער שיף...

ער האָט איבערגעריסן און אויפגעהויבן זיינע אויגן, וועלנדיק זען איר ערשטע רעאַקציע. זי האָט זיך צוגעהערט געניי און נאָכ־געפאָלגט די שנעלקייט פון זיינע געדאַנקען. ווען ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, האָט ער דערפילט אַ פינקל אין אירע אויגן און אַ ציטער אויף אירע ליפּן. זי האָט אויסגעצויגן איר האַנט צו אים און גענומען די צייטונג. דערנאָך האָט זי אַ ווייז געטאָן:

— זיצט, איך בעט אייך. איר קאָנט עס דאָך מיר דערציילן זיצנדיק. איך אַליין וועל זיך אויך זעצן, ווייל איך פיל אַ שוואַכ־קייט אין די פיס.

— זעצט זיך צו, איך בעט אייך. האָט ער זי אָנגענומען ביים אָרעם און צוגעשטופּט צום געזעס. איך וועל שטיין. איך האָב נישט קיין געדולד צו זיצן. איז, ווו האָב איך עס געהאַלטן? יאָ, מען שלאָגט מיר פאָר אָנצופירן מיט דער סאַניטאַרער, הומאַניטאַרער און אויב נויטיק — רעטונגס־אַרבעט אויף דער שיף. איך האָב נאָכנישט געגעבן קיין תשובה. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין

האַנט־זייגערל און ווייטער גערעדט, נאָך גיכער: — אין קנאַפּע דריי שעה דאַרף איך זיך דעצידירן. עס איז אַ וויכטיקע דילעמע. זייט יענע צייטן, נאָך דער פּאַרטיזאַנטקע און פון מאַוטהאַוזען, בין איך נאָכנישט געשטאַנען פאַר ענלעכע גורל־באַשלוסן. יאָ, דעמאָלט, בין איך נישט געווען דער הערשער איבער מיין גורל. ער איז געווען אין די הענט פון רוצח, און וואָס איך זאָל נישט האָבן באַשלאָסן דעמאָלט, איז דער פּסק־דין סייווי געווען אַ געחתמעטער, און געחתמעט האָט אים דער מערדער פון אונדזער פאָלק. פאַר איינער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַליין די מאַוימדיקע יאָרן, ווי איר, דאַרף מען דאָך דאָס נישט פונאַנדערלייגן אויף טעלערלעך. אין מאַוטהאַוזען האָב איך אייגנטלעך דירעקט געליטן צוזאַמען מיט די נישט־יידן, ווייל גענומען האָט מען מיך צוזאַמען מיט פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער, נישט ווייט פון גרענאָבל; אָבער געליטן האָב איך נאָך מער צוליב דעם, וואָס איך האָב מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן אַנטדעקן, אַז כ'בין אַ ייד, אָדער — אַז עמיץ פון די פּאַרטיזאַנער־פריינט מיינע וועט זיך פאַררעדן, וועט זיך אַרויסכאַפּן. זיי האָבן יאָ געוווּסט, אַז איך האָב פאַלשע פּאַפּירן, אַלס אַ קריסטלעכער באַן־אַרבעטער, געגומען ביי אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס איז אַ צייט פריער געפאַלן פון דייטשע קוילן. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז כ'בין אַ ייד. האָב איך געליטן טאָפּלט... אָבער איצט? איצט בין איך מיין אייגענער האַר און ווי גוט און דערהויבן איז דאָס דאָזיקע געפיל! און איך קאָן זיך זאָגן אַליין: יאָ, איך וויל קעמפן און ליידן ווי אַ ייד, נישט אויסבאַהאַלטן מיין נאָמען און פאַך, טיילן דעם גורל פון מיין פאָלק; קעמפן און ליידן פאַר אַ פּאָזיטיוון ציל, פאַר אַ גרויסער זאַך; באַטייליקן זיך אַקטיוו אין יידישן אויפשטאַנד, וואָס רופט זיך איבער מיט דער קדושה און גבורה פון די מכבי'ער, פון ר' עקיבה און בר־כוכבא, פון טרומפּעלדאָר און וואַרשעווער געטאָ. און נאָר פון אונדז אַליין איז אָפּהענגיק דער דעפיניטיווער אויסגאַנג, און פון אונדזער פאַרמעסט און אַנטשלאָסענעם געראַנגל איז אָפּהענגיק די הילף פון דער וועלט, וואָס שווייגט נאָך, אָבער וועקט זיך צוביסלעך...

דער דאָקטאָר האָט אַזוי שנעל גערעדט, אַז עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויפסניי צו בעלאַן, וועלכע האָט זיך געהאַט אַנידערגעזעצט און געקוקט צו אים אַרויף.

— האָב איך באַשלאָסן מיטצופאָרן דערווייל מיט די קנאַפּע 200, אַנטרונענע פון דער בריטישער זאָנע, לאַגער־יידן, ביז מאַר־סעי. אויך אונטערוועגס, אין באַן, קאָן צונוצקומען אַ דאָקטאָר. אין מאַרסעי וועל איך זיך אַרומקוקן. מעגלעך, אַז איך וועל בלייבן אַ צייט דאָרטן אינעם דורכגאַנגס־צענטער, וווהין עס שטראָמען שארית־הפליטה יידן, און וואַרטן אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל. אויך דאָרטן איז נויטיק אַ דאָקטאָר, מעדיצינישע הילף, און עס זענען דאָרטן אויך נויטיק פלעגע־שוועסטערס; עס איז גאָר אַן אַנ־געווייטיקטער פּראָבלעם פון געפינען דיפּלאָמירטע פלעגערינס מיט דערפאַרונג, אָדער לכל הפחות — מיט אידעאַליזם פאַר דער דאָ־זיקער אַרבעט.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר און זי דורכגענומען מיט זיין בליק, וועלנדיק אַרויספילן איר רעאַקציע. ער האָט געפילט, אַז זי זיצט אַ געשפּאַנטע, גרייט אויפ־צורייסן. אינדעם האָט ער דערפילט, ווי איר האַנט רירט זיך צו צו זיינער און ווי די ליפּן אירע נעמען זיך באַוועגן:

— מיין דערפאַרונג איז שוין היינט גענוג באַגרענעצט, דאָק־טאָר. ווער ווייסט צי מיינע הענט וועלן נישט ציטערן ביים מאַכן אַן איינשפּריצונג.

— דערפאַרונג איז וויכטיק — איז ער געווען צופרידן פון איר ערשטער רעאַקציע. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז אידעאַ־ליזם; אידעאַליזם באַווייזט וווּנדער. — ביי די ווערטער איז אים געקומען אויפן זכרון, אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן. — עס איז נישטאָ קיין צייט, האָט ער זיך אָנגערופן — אָבער איך מוז אייך דערציילן בקיצור אַ קליין מעשהלע, וואָס מיין טאַטע האָט עס געבראַכט פון אַ גרויסן יידן, אַ מעשה מיט אַן אָרע־מער, עלנטער זקנה, וואָס האָט נישט געהאַט שבת צו מאַכן. זי האָט בלויז געהאַט אַ פּרוטה אין טאַש, וואָס האָט געסטייעט אָדער אויף אַ חלה, אָדער אויף אַ שבת־ליכט. אויף ביידע זאַכן צוזאַמען האָט עס נישט געקלעקט. וואָס טון? האָט זי געהאַלטן, אַז די מיצווה פון ליכט־צינדן לכבוד שבת איז גרעסער, און זי האָט געקויפט אַ ליכט. אָבער נאָכן ליכט־בענטשן, האָט פּלוצים אַ ווינט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. זי איז געבליבן אין דער פינצטער. האָט זי גענומען וויינען און איינטענהן מיטן רבונו של עולם. „אָט, זעסטו, איך האָב זיך אָנועקגענומען פון מויל, בכדי צו קענען

ליכט־צינדן און דיר דינען; און וואָס האָסטו געטאָן? האָסט דער־לויבט, אַז דאָס ליכט זאָל אויסגיין״. און בכדי נישט צו זינדיקן מיט די רייד, האָט זי אָנגעהויבן טון תפילה. זי האָט אַזוי שטאַרק געבעטן, מיט אַזאַ היץ, מיט אַזאַ פלאַם, אַז דערפון האָט זיך אָנ־געצונדן אַ פייער, וואָס האָט צוריק אָנגעצונדן דאָס ליכט... מיר געפינען זיך איצט אין דער לאַגע פון יענער אַלטיטשקער. שונאים האָבן אויסגעלאָשן דאָס ליכט, דאָס ליכט פון די אבות אינעם לאַנד פון די אבות, און עס איז דאָרטן פינצטער. די פיינטלעכע ווינטן ווילן זיך נישט אָפּשטעלן. אונדזער תפילה — איז דער קאַמף, דער אומבאַגרענעצטער אידעאַליזם, וואָס וועט צעפלאַקערן אַ פייער, וואָס וועט ווידער אָנצינדן די שבת־ליכט אין די געצעלטן פון יעקב...

דער דאָקטאָר האָט איבערגעריסן, בכדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל.

— וויפיל צייט איז נאָך? — האָט זי געפרעגט, צובויגנדיק איר קאָפּ צום דאָקטאָרס זייגער.

— דריטהאַלבן שעה אַן ערך, האָט ער געענטפערט און צוגע־שטעלט דעם זייגער צו איר פּנים.

נישט ווילנדיק, איז זיין בליק געפאַלן אין אַ זייט, צום גלאָב. ער האָט באַמערקט דאָס פישעלע, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך אין וואַסער מיטן בויך אַרויף. בעלאַ האָט באַמערקט ווי ער ווענדט אָפּ זיין בליק, האָט זי געזאָגט:

— דאָס פישעלע איז קראַנק. און צוגעגעבן: — אפשר קענט איר אויך אויסהיילן אַ פישעלע?

— עס וועט שוין גאָרנישט העלפן, האָט ער געענטפערט. דאָס פישעלע איז שוין טויט.

— וואָס? — איז זי אויפגעשפרונגען פון געזעס. ניין. עס איז נישט מעגלעך.

— ליידער, איז עס אַ פאַקט. און עס איז מעגלעך. עס איז געווען פאָראויסצוזען. דאָס פישעלע איז געווען פאַרמשפט, שוין מיטן מאָמענט ווי מ׳האָט עס אַריינגעזעצט אין דער דאָזיקער תפיסה. ווען איך וואָלט געהאַט אַ דעה, וואָלט איך פאַרבאָטן אַזעל־כע פרימיטיווע אַקוואַריומס, אָן פערמאַנענטן צופלוס פון פרישן וואַסער, אָן סיפאָן־סיסטעם, אָן לעבעדיקע פלאַנצן אויפן באָדעם. אין אַזאַ נאַקעטן און ענגן גלאָז־טאָפּ איז נישט מעגלעך קיין באַר־

מאָל לעבן פאַר אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. עס מוז אָנגיין אַ כסדרדיקער אויסטויש פון לעבנס־פּראָצעסן צווישן דער פלאַנץ־וועלט און דער וועלט פון בעלי־חי. אָן די דאָזיקע יסודותדיקע ביאָלאָגישע אויסטויש־פּראָצעסן, קאָן נישט געמאָלט זיין קיין נאָר־מאָל לעבן און אויסלעבן זיך. אַזאַ לעבן איז קעגן דער נאַטור און מוז גיך נעמען אַ סוף. אָט, נעמט — דאָס קאָן מען פאַרגלייכן צו אונדזער לעבן אין די לאַגערן, געטאָס. מען האָט אונדז צוגע־נומען די לופט צום אָטעמען, מען האָט אונדז אַרומגערינגלט מיט מויערן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. מען האָט אונדז דערשטיקט, מען האָט אונדז אומגעבראַכט פאַר דער צייט.

בעלאַ איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן גלאָז און טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן אין וואַסער אַריין. דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט און זי ארומגענומען ביי דער טאַליע, ווי ער וואָלט זי געוואָלט טרייסטן.

— עס איז געווען פאַראויסצוזען. דאָס פישעלע איז מיר שוין נישט געפעלן געוואָרן היינט אינדערפרי. דאָס כסדרדיקע אַריינקומען פון מענטשן, וואָס האָבן געאָטעמט די זעלבע לופט און אַרויסגעאָטעמט אַ צומיש פון קויל־גאַז, וואָס איז שעדלעך פאַר אַ פישעלע, אויב עס איז נישט פאַראַן קיין פלאַנץ, וואָס כאַפּט עס אויף — האָט זיכער צוגעאיילט דעם טויט פונעם פישעלע. עס איז נישט אייער שולד — האָט ער זי באַרואיקט.

— איך האָב דאָך יעדן אָוונט געטוישט דאָס וואַסער און אים געקאָרמעט כסדר. אָט, גיט אַ קוק: עס שווימט נאָך אַרום דאָס עסן אינעם וואַסער — האָט זי געזאָגט מיט אַ וויינענדיקן קול.

— יאָ, איך זע דאָס עסן — האָט ער געענטפערט. אָבער דאָס עסן איז נאָכנישט אַלץ, איז נאָך גאָר ווייט פון אַלץ. אָט, נעמט — אונדז, יידן, צווישן פעלקער אין דער וועלט. זאָל מען זאָגן, אַז עס וועלן קומען רואיקע צייטן איצטער, הגם עס ווילט זיך נישט גלויבן דעריך; שוין ווידער שאַרפט מען מעסערס אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. נאָר, לאָמיר זאָגן, אַז עס וועט זיין שלום, און מענטשן וועלן עסן צו דער זעט. און אויך יידן וועלן האָבן גענוג עסן. צי וועט אָבער אַלע יידן אין דער וועלט דער ביסן ווויל באַקומען? צי וועלן טיילן פון אונדזער פאָלק נישט זיין בבחינת דאָס פישעלע, וואָס שטיקט זיך הגם עס האָט עסן? אַז דער נאָרמאַלער אויסטויש־פּראָצעס מיטן אַרום איז אָפּט

נישט מעגלעך און די ביאָלאָגישע פאַרבאַדינגונגען פאַר אַ נאָר־מאַל לעבן זענען נישט בנמצא. און אַזוי ווי יעדע לעבעדיקע באַ־שעפעניש, אַזוי איז מיט אַ פאָלק, אַזוי מיט דעם יידישן פאָלק צווישן די פעלקער אין דער וועלט. טיילן פון אונדזער פאָלק גע־פינען זיך אין אַ תפיסה־אַקוואַריום, ווי דאָס פישעלע, און קינסט־לעכע מיטלען פירן צו אַ קינסטלעך לעבן, און קינסטלעך לעבן טראָגט אין זיך דעם זאָמען פון טויט. און דער אַקוואַריום, אין וועלכן עס לעבט אונדזער פאָלק, איז געמאכט פון שנאה, פאָראור־טייל, פאַטאָלאָגישן האַס; פון רעליגיעזע חשבונות אָן באַגרינדונג אַחוץ אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע פון די, וואָס לעבן פון רע־ליגיע, אָדער באַנוצן זיך מיט איר ווי אַ מאַכט־פאַקטאָר; און דאָס זעלבע — די פאַרטיי־רעליגיעס, ווי אָט ערשט דער היטלעריזם, און איצטער — קאָמוניזם, מיט דער גוט אויסגעפּרוּווטער שעיר־לעזאזל טאַקטיק...

ער האָט איבערגעריסן, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער האָט זיך פאַרכליניעט און אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גאַנצע רעדע און פילאָזאָפישן טראַקטאַט און אַז ער וועט גאָרנישט קאָנען אַרויס דערפון. האָט ער אָפּגעשטופּט בעלאַן פון דעם קאָמאַד, זי אויסגעדרייט מיטן פנים צו זיך און גערעדט צו איר, מעשה רעד־נער, וואָס האַלט ביי זיינע סוף־אויספירן:

— ווער, ווער, אָבער דער טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס רופט זיך שארית־הפליטה — וועט נאָר קענען פירן אַ נאָרמאַל לעבן אין זיין אייגן לאַנד, וו עס זענען פאַראַן אַלע נויטיקע פאַר־באַדינגונגען דערצו, אַלע נאַטירלעכע אַטריבוטן פאַר אויסלעבן זיך ווי אַ נאָרמאַל פאָלק, אייגנאַרטיק, זעלבסטשטענדיק, אויף איי־גענעם באָדן, מיט אייגענער שפראַך, מיט אייגענעם אידעאַליזם, מיט ווייניקער חלה, און מער ליכט, מיט אייגענע תפילות, וואָס צינדן אָן פלאַמען און ברענגען אריין דעם שבת, דעם יום־טוב, דעם ציוויליזאַטאָרישן און נביאישן אימפּעראַטיוו פון יושר און צדק; און נישט נאָר פאַר זיך, און נישט נאָר פאַר אונדזער פאָלק, נאָר פאַר אַ וועלט, וואָס שטיקט זיך אויך, הגם נישט אין דער זעל־בער מדריגה ווי דאָס פישעלע; אַ וועלט, וואָס האָט זיך אַזוי לייכטזיניק אָפּגעזאָגט פון אָריגינעלן און זעלבסטשטענדיקן ביי־טראָג פונעם פאָלק היושב בציון — אַן אימפּעראַטיווע נויטווענדי־

קייט פאַר אַ נאָרמאַלער און פרידלעכער מענטשן־ און פעלקער־פאַרברידערונג.

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל און איר דער־לאַנגט די האַנט.

— וויפיל צייט האָבן מיר נאָך? — האָט זי געפרעגט, האַלטנ־דיק פעסט זיין האנט.

דער דאָקטאָר האָט געמיינט, אַז ער האָט שלעכט געהערט.

— וואָס האָט איר געפרעגט? זאָגט עס נאָכאַמאָל, איך בעט אייך.

— איך האָב געפרעגט וויפיל צייט מיר האָבן נאָך; מיר! האָט זי איבערחזרט, לייגנדיק דעם אַקצענט אויפן לעצטן וואָרט.

— איר האָט געזאָגט מיר? מיר, האָט איר געזאָגט?

— יאָ, מיר. און איך זאָג עס נאָכאַמאָל: מיר.

— מירביידע?

— יאָ, מיר — ביידע.

הגם דער דאָקטאָר האָט, גייענדיק אַהערצו, צוגעלאָזן צו זיך דעם געדאַנק פון אַזאַ מעגלעכקייט, האָט אָבער אַזאַ שנעלער באַ־שלוס פון איר זייט גיכער געהערט, ביי אים, צו דער ספערע פון הייליקן ווונטש, פון חלומות. דעריבער האָט ער פלוצים זיך געפילט ווי געפּלעפט, ווען ער האָט געהערט, אַז זי איז גרייט מיטצופאָרן. ער האָט זי נישט געוואָלט פרעגן צי איז זי מכוון בלויז די רייזע ביז מאַרסעי, אָדער בלייבן אין מאַרסעי, אָדער טאַקע מיטפאָרן מיט דער גרויסער שיף, מאָרגן ביינאַכט. ער האָט נישט געוואָגט צו צעשטערן דאָס גליק מיט אַ פראַגע, וואָס וואָלט אים געקאָנט צוריק אַראָפּנידערן אויף דער ערד, צו דערווירקלעכקייט. איז עס אַ פאַנטאַזיע, וויל ער וייטער פאַנטאַזירן ביז אַרונטער, ביז צו וויטגייענדיקסטע קאָנסעקווענצן.

— מיר, ביידע? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט מער זי־כערקייט אין קול און געוויזן מיט אַ פינגער דאָ אויף איר, דאָ — אויף זיך. טאַקע, מיר ביידע?

זי האָט נאָכגעמאַכט מיט איר פינגער די זעלבע באַוועגונ־גען, דאָ אויף — אים און דאָ — אויף זיך און איבערחזרט שפּי־לעוודיק, פאַרציענדיק די ליפּן, און מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט אים: — יאָ, טאַקע. מיר — ביידע!

דער דאָקטאָר האָט נאָכאַמאָל געוויזן מיט אַ פינגער דאָ אויף

זיך און דאָ אויף איר, און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט פון זיין מויל.

זי האָט דאָס זעלבע געטאָן אויף שטום־לשון.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר פּנים, איר אַ קוש צו געבן. זי האָט אים אונטערגעשטעלט די ליפּן. זיי זענען אַזוי געשטאַנען ליפּן ביי ליפּן אַ ווייל. מער ווי אַ ווייל. דערנאָך האָט ער זי אַרומגענומען מיטביידע אָרעמס און זיך גיך אָפּגעשטופּט פון איר. ער האָט גענומען זיין רענצל. צוגעגאַנגען צו דער טיר. דערנאָך האָט ער צוריקגעשטעלט דאָס רענצל.

— נאָכוואָס שלעפּן מיט זיך דאָס רענצל, אַז איך וועל באַלד צוריקקומען. זיך גיך איינפּאַקן און קומען מיט אַ טאַקסי אייך מיטנעמען. איר האָט אַ שעה צייט. איר וועט זיין גרייט?

— יאָ, איך וועל זיין גרייט. נאָך גיכער!

נט

װען זי האָט געהאַלטן אינמיטן פּאַקן, איז פּלוצים אַריינגעקומען די שכנטע. זי איז געשטאַנען ביי דער שוועל. געקוקט אויף איר, ווי זי באַוועגט גיך מיט אירע הענט און פּילט אַן אַ וואַליזע, וואָס איז געשטאַנען אַן אָפּענע אויף איר בעט.

— וואָס איז דאָס? האָט זי געפרעגט. — דו גייסט מיך פאַרלאָזן?

בעלאַ איז געבליבן שטיין איבער דער וואַליזע און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט געזוכט אַן ענטפער, אַן ענטפער, וואָס זאָל נישט זיין קיין ברוטאַלער און נישט אָנגרייפן אירע געפילן. פּאַקנדיק די וואַליזע, האָט זי איינצייטיק געטראַכט וועגן אַן אויסרייד, וואָס זי וועט דאַרפן געפינען און דעם אופן ווי אַזוי אים צו פאָרמולירן, לגבי אירע נאָענטע מענטשן, די שכנטע טאַקע, מסיע עמיל און זיין טעכטערל, און אויך — האַרצקע, און אפשר טאַקע אויך — בערנאַרד. זי האָט געטראַכט זיך צו באַראָטן דערוועגן מיטן דאָקטאָר און דאָ, שטייט די שכנטע שוין נעבן איר, און פאַרלאַנגט אַ תשובה. זי איז אַזאַ גוטע, די גוטסקייט אַליין, און

האָט זיך אַזויפיל מקריב געווען פאַר איר די גאַנצע צייט, און דערצו איז זי אַזוי עלנט — דאַרף מען דאָך דורכטראַכטן יעדעס וואָרט און, חלילה, נישט שאַפן איר קיין עגמת־נפש און אומנויטיקע יסורים. אָבער, וואָס זאָגט מען איר דאָך?

— גייסט צוריק צו דיין דזשאָינט־הקדש, האָ? עס איז דיר נישט מער גוט ביי מיר, האָ? די מאַדמואַזעל האָט זיך באַליידיקט, וואָס די גוטע שכנטע האָט געמאַכט אַ שאַרפע באַמערקונג, ווי זי וואָלט געמיינט איר שלעכטס?

— חלילה, וואָס פאַלט אייך איין — האָט בעלאַ געענטפערט.

— מען איז ברוגז אויף דער שכנטע, האָ? ווען מען איז געווען אויף צרות, איז אַלץ געווען גוט. אָבער איצטער איז מען אין די פעדערן — ברוגזט מען זיך. פיניע מילנערס טאָכטער דאַרף שוין מער נישט די אַלטע שכנטע, אַוודאי...

בעלאַ האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון דער וואַליזע, אַ קוק געטאָן אויף איר, דריקנדיק אין דער האַנט נערוועאיש אַ שטיק אונטערוועש.

— חס וחלילה, האָט זי איבערחזרט. איך האָב צו אייך גאָרנישט, מיין ליבע מאַדאַם גרינטוך. מיר בלייבן ווייטער גוטע פריינט. אויף אייך קאָן מען נישט זיין אין כעס.

די שכנטע האָט אַרויסגעריסן דאָס שטיק וועש פון בעלאַס הענט און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס איז דאָ געשען:

— נאָר וואָס דען, אינמיטן דרינען? וווהין גייסטו דאָס, האָ?

בעלאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט מיטלייד און זיך אָפּגערופן:

— איך גיי נישט. איך פאָר.

— וווהין? פאַרוואָס?

בעלאַ האָט געזוכט אַ פּאַסיקן תירוץ. זי האָט געפילט, אַז זי וועט סוף־כל־סוף מוזן זאָגן דעם אמת. איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— יאָ, אויב איר זאָגט — ברוגז, בין איך טאַקע ברוגז. אָבער נישט אויף אייך. איך האָב זיך איבערוועריטלט מיט דעם פּאַטראָנס זון פון דער אַטעליע, וווּ איך אַרבעט.

— ווען, וואָס? נעכטן אָוונט?

— ניין, היינט.

— אַלע בייזע חלומות, וואָס כ׳האָב געחלומט נעכטן און איי־ערנעכטן...

— ער איז היינט אָונט געקומען מיך באַזוכן. און ער האָט מיך געוואָלט קושן...

— אַזוי ? נו, איז וואָס, צנועה מיינע — איז זי איבערגע־גאַנגען אין אַ מילדערן טאָן. אַ סך מיידלעך וואָלטן זיך געלאָזט קושן דורך דעם דאָזיקן בחור. ער איז דאָך דער גאַנצער פּאַטראָן און איינציקער יורש פון דער פאַבריק. פּיניע בייגעלס טאָכטער שטייט נישט אָן דער שידוך ?

בעלאַ האָט אַרויסגענומען אַ צווייט שטיק וועש פון דער וואַליזקע און גענומען דרייען צווישן די פינגער :

— פּיניע בייגלס טאָכטער אַהין, פּיניע בייגלס טאָכטער אַהער; מיר געפעלט ער נישט. און איך וועל נישט מער צוריקגיין צו דער אַרבעט.

— פעלן דען פּאַטראָנס אין פּאַריז ? זיי קוקן נאָר אויס אויף אַזאַ ערלעכע אַרבעטאָרין ווי דו, און אַזאַ שיינע. ביי דעם לעצטן וואָרט האָט זי אויפגעהויבן אויף איר אירע גרויסע אויגן און אָפּ־געמאָסטן זי פון אויבן אַראָפּ. זי האָט זי נאָכנישט געזען אין דעם דאָזיקן סוועטער. זי האָט זי געוואָלט פרעגן פון וואַנען עס נעמט זיך צו איר דער דאָזיקער סוועטער, וואָס קליידט איר אַזוי. אָבער פּלוצים האָט בעלאַ גענומען רעדן :

— און נישט נאָר דער פּאַטראָן געפעלט מיר נישט, נאָר דאָס גאַנצע פּאַך האָט מיר אויפגעהערט צו געפעלן. איך וויל זיך אומ־קערן צו מיין אייגנטלעך פּאַך און וויל פאָרן דאָרטן, ווו איך וועל האָבן דאָס רעכט צו אַרבעטן אַלס פלעגערין.

— ווּהין, אַ שטייגער ?

— צווישן יידן.

די שכנטע האָט געקוקט אויף איר און נישט פאַרשטאַנען גענוי וואָס אַזוינס זי איז אויסן.

— און איך פאָר אַוועק באַלד, היינט ביינאַכט.

דער ברוטאַלער אַוועקפאָר האָט די שכנטע אַרויסגעפירט פון די כלים. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון פאַר כעס. זי האָט אַרויסגעריסן דאָס שטיק וועש פון איר האַנט, צוגעלאָפן צו דער וואַליזע און גענומען אַרויסוואַרפן פון דאָרטן די זאַכן, מיט אַזאַ גיכקייט און בייזקייט, אַז בעלא האָט איר נישט געפרוווט שטערן.

— ניין, וועסט נישט פֿאָרן. איך וועל נישט לאָזן. מען נעמט נישט און מען באַשליסט נישט אַזוי, אויף איין פֿוס, אין איין אָוונט, און מען באַראָט זיך נישט מיט דער מאַדאַם גרינטוך, מיט קיי־נעם נישט...

— זייט מוחל, האָט בעלאַ איר איבערגעריסן די רייד. — איך האָב זיך יאָ באַראָטן.

— מיט וועמען אַזוי, אויב מען מעג וויסן?

— מיט דר. גאָלדבוך, אויב איר ווילט וויסן.

— איך האָב באַלד געוווּסט, אַז פֿון דעם וועט נישט קיין גוטס אַרויסקומען. ער איז צו אָפֿט געקראָכן צו דיר. איך האָב דיך געוואָרנט.

— איר האַלט דאָך אַזוי שטאַרק פֿון דעם גוטן דר. גאָלד־בוך. איר האָט דאָך אים אַזוי שטאַרק געלויבט פֿאַר מיר.

— יאָ, אמת. אָבער אַלס דאָקטאָר. אַלס מענטש, נישט מער.

— אויב איר ווילט וויסן, איז עס טאַקע נישט מער.

— אויב איר ווילט וויסן, אויב איך וויל וויל וויסן. אַוודאי וויל איך וויסן. ווער דען זאָל וויסן, אויב נישט איך?

— ער האָט געפֿונען פֿאַר מיר אַ שטעל אַלס פֿלעגערין אינעם דורכגאַנגס־צענטער פֿאַר די אויסגעוואָרצלטע ייִדן פֿון די לאַ־גערן, אין מאַרסעי. טויזנטער ייִדן, זקנים, קינדער, שוואַנגער־פֿרויען און קראַנקע וואַרטן דאָרטן אויף שיפֿן, וואָס דאַרפֿן זיי פֿירן קיין ארץ ישׂראל. איך בין דאָרטן נויטיק. איך וויל אַר־בעטן אין מיין פֿאַך, צווישן ייִדן. עס איז מיין הייליקער חוב לגבי די געליטענע. בין איך דאָך איינע פֿון זיי. די אַרבעט איז דרינ־גענדיק. עס פֿעלן פֿלעגערינס. איך מוז שוין פֿאָרן.

— מסתמא פֿאָרט ער אויך מיט, דער דאָקטאָר דיינער, האָט זי אַ קוק געטאָן מיט אַ שאַרפֿן בליק אויף איר.

— יאָ. איך וואָלט אַליין נישט געפֿאָרן.

— איך האָב באַלד געוווּסט, אַז דאָס צדיקל פֿאָרט מיט. ער האָט געגנאָסן, וואָס די שכנטע איז געוועזן פֿאַרנומען מיט די לאָקאַ־טאָרן; געמוזט זיי אָפּהיטן ווי קעשענע־גנבֿים, אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפֿן איינס אויפֿס אַנדערע, נישט אויסדראַפּען זיך די אויגן. היינט איז זי געוועזן ווילד ממש. איך האָב זי נאָך אין אַזאַ צו־שטאַנד נישט געזען. האָב איך געמוזט צוהיטן, אַז עס זאָלן נישט אויסברעכן קיין סקאַנדאַלן, קיין געוואַלדן. די קאָנסיערזשקע האָט

דאָך שוין אָנגעהויבן צו זאַמלען אונטערשריפטן. עס איז נישט אויסצוהאַלטן. איך גיי פּשוט אַראָפּ פון זינען... זי האָט זיך אָנ־געכאַפּט ביים קאָפּ און טרערן האָבן גענומען רינען איבער אירע ציטערדיקע באַקן. נאָך אַ ווייל, האָט זי ווידער גענומען רעדן, פול מיט תרעומות: — האָט דאָס צדיקל אויסגענוצט די לאַגע, און דיך איבערגערעדט, דיך צוגערעדט צו...

— צו אַ גוטער זאַך — האָט בעלאַ איר איבערגעשלאָגן די רייד. צו אַ נוצלעכער זאַך. עס איז אפשר בעסער אַזוי געשען, מיין ליבע פּרוי גרינטוך, מיין לאַקטיקע שכנטע. עס איז אַ באַ־שערט־זאַך, זעט זיך אויס. דאָרט נויטיקן זיך אין מיר אָרעמע יידן, און דאָ פינצטער איך אָפּ מיינע יאָרן ביי טריקאָ־מאַשינען, ביי בערגער וואָל, אַן אַרבעט, וואָס יעדעס לערן־מיידל קען טון, נאָך עטלעכע חדשים פון צוגרייטונג. איך האָב אַוועקגעגעבן יאָרן אויף ווערן אַ דיפּלאָמירטע און דערפאַרענע פלעגערין, געטראָגן הילף אַפילו צו אַ דייטש, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַ בלוטיקן נאַ־צי־מערדער... וויל איך גיין דינען מיט מיין פאַך דאָרטן, ווו מען נויטיקט זיך אין מיר אַממערסטן, צו מיינע ברידער און שוועסטער, די שווער־געפּרוווטע, די אויסגעוואַרצלטע, וואָס זוכן אַ היים, וואָס קעמפן פאַר אַן אייגענער היים... און אפשר וועל איך אַזוינאָך אָפּקויפן די זינד, פאַר האָבן געראַטעוועט אַ נאַצי־חיה פון אַ זי־כערן טויט...

די שכנטע האָט זיך צוגעזעצט און זיך צוגעהערט אויפ־מערקזאַם צו אירע רייד. זי האָט נישט גענוי נאָכגעפאָלגט איר געדאַנק, אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז בעלאַ גייט טון אַ נוצ־לעכע אַרבעט פאַר ליידנדיקע יידן, יידן פון די קאַצעטן, פון די גאַז־אויוונס, אין וועלכע עס איז אומגעקומען איר מאַן, אירע קינ־דער. עס האָט איר געשניטן ביים האַרצן און גענאַגט אונטערן גריבל. אַ ים מיט טרערן האָט אַ שלאָג געטאָן צו אירע אויגן און גענומען רינען איבער די באַקן, וואָס האָבן געצוקט צום טאַקט פון אַ ספּאַזמאַטיש שלוכצן, וואָס האָט זיך געריסן פון אירע אינ־געווייִדן.

בעלאַ איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אַרומגענומען און געקושט אירע נאַסע באַקן. מיטגעוויינט.

— וואָס וועל איך טון אָן דיר? — האָט די שכנטע אַרויס־

געשלוכצט די פּאָר איינזילביקע ווערטער און אויפגעהויבן די אויגן — ווו לאָזט דו מיך דאָ? אַליין, מיט די לאַקאַטאָרן?

— נו, שווייגט, שווייגט, איך בעט אייך — האָט בעלאַ ווייטער געהאַלטן די ליפּן נעבן איר פּנים. דאָס צימער וועט איצט ווערן ליידיק, וועט איינער פון זיי קאָנען זיך אַריינזעצן אין מיין צימערל, ביז, ביז... איך וועל צוריקקומען.

הערנדיק, אַז בעלאַ רעדט וועגן צוריקקומען, אַז איר אַפּפאָרן איז נאָר אַ צייטווייליקעס, איז זי אויפגעהייטערט געוואָרן פּלוצים און גענומען ווישן די טרערן מיטביידע אָרעמס.

— אויב זיי וועלן נישט זיין צוזאַמען, וועט זי דאָך אַנטלויפן, די אומגליקלעכע פּרוי עלקון, לויפן קיין פּוילן זוכן איר קינד. ווען נישט וואָלט עס געווען גוט. וואָלט איך געקאָנט אַביסל אָפּאָטעמען, זיך אויסשלאָפן.

בעלאַ האָט זיך אויסגעגראַדט. פאַרטראַכט זיך. אַ געדאַנק איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין. אַ געדאַנק, וואָס איז איר ביז איצט נישט איינגעפאַלן.

— ווייסט איר וואָס? — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיגערישן טאָן. איך האָב אַ גוטן געדאַנק. פאַרוואָס נישט בעטן אין דעם ענין די הילף פון מסיע עמיל? ער איז דאָך אַזאַ גוטער. ער האָט דאָך שוין אַזויפיל יידן געהאָלפן ביז איצט. מען דאַרף אים בעטן, אַז ער זאָל זיך אַריינלייגן אין דער זאַך. ער וועט שוין געפינען אַן אויסוועג. דורך דער פאַרמיטלונג פון אויסערן־מיניסטעריום און דורך דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע אין פּוילן, וועט ער נעמען זוכן אין די דאָרטיקע קלויסטערס, אומעטום, ווו דאָס קינד קאָן זיך געפינען; און אויב עס לעבט, וועט ער שוין געפינען אַ דרך דערצו. ער קאָן אַפילו אַליין אַראָפּפאָרן קיין פּוילן, אויב נויטיק. און כל זמן ער וועט זוכן, וועט די מוטער זיין רואיק, און וועט נישט מאַכן קיין געוואלדן. אַ חידוש, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט איינגעפאַלן פריער.

— יאָ, אַ גוטער געדאנק, מיין בעלאַ־לעבן, מיין האַרציקע. דו ביסט אַזאַ חכמה.

— און ביז וואָס, ווען, וועל איך צוריקקומען קיין פּאַריז.

— ווען וועסטו צוריקקומען, מיין קינד? זע וואָס גיכער. איך וועל דאָ אויסגיין, בענקנדיק נאָך דיר.

זעענדיק, אַז זי האָט געוווּנען די שכנטע אויף איר זייט, האָט זי באַקומען נאָך מער וואַגעניש:

— און אויב עס וועט זיך פאַרציען, וועט איר, שכנטע, אַראָפּ־קומען קיין מאַרסעי. ווי ווייט איז עס דען? און צוריקגעשמועסט: אפשר וועל איך דאָרטן געפינען אַרבעט אויף פאַר אייך? פאַר אַ גוטער ווירטין און אַזאַ האַרצעדיקע יידישע מאַמע דאַרף זיכער זיין לייכט צו געפינען אַ באַשעפטיקונג דאָרטן. וועט איר דאָך אויך זיין גליקלעכער צו קאָנען העלפן אָרעמע יידישע קינדער, פון די קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן אַרויס, צו קאָנען לינדערן זייערע נויטן. וועט איר דאָרטן נישט פילן, אַז איר זייט עלנט. איר וועט זיין דאָרטן צווישן דער אייגענער משפחה.

מאַדאַם גרינטוך איז געזעסן אַ פאַרלוירענע און נישט גע־ווּוסט וואָס צו זאָגן. זי האָט געפילט, אַז אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער אַלע אירע אברים און אַ לייטזעליקייט, ווי עס וואָלט צו איר גערעדט איר אייגענע טאָכטער, איר אייגן קינד, וואָס איז אויפגעשטאַנען לעבעדיק פון די קאַלך־אויוונס. זי האָט געשוויגן. זיך נישט באַוויגן, ווי זי וואָלט וועלן, אַז דאָס דאָזיקע געפיל זאָל דויערן. דויערן ווי אַמלענגסטן. זי האָט אָפּגעווישט די טרערן מיט ביידע הענט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעשאַרט צום בעט און מיט די זעלבע הענט גענומען העלפן פּאַקן די וואַליזע.

ם

ווען דער דאָקטאָר איז צוריקגעקומען איז שוין די צווייטע וואַליזע אויך געווען פאַרפּאַקט. די שכנטע איז געווען אַראָפּגעגאַנ־גען אויף אַ רגע, בכדי מיטצוגעבן איר אין וועג אַריין עפּעס צו עסן, פּרוכטן, נאַשוואַרג. בעלאַ האָט אים געבעטן זיך אָנוועקזעצן. ער האָט איר געפאָלגט. ער איז געווען מיד פון די איבערלעבונ־גען פון אַ גאַנצן טאָג, פון דעם געאייל און פון די זעקס שטאָק. בעלאַ האָט נאָכקאָנטראָלירט אומעטום צי זי האָט נישט עפּעס פאַרגעסן, און גענומען אַרויפציען אויף זיך דעם מאַנטל. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און געהאָלפן איר אָנטון.

— יאָ, האָט זי זיך פּלוצים אָנגערופן, ווייזנדיק אים די באַ־שעדיקטע באַק. מען זעט נאָך גוט אָן. מענטשן וועלן מיינען, אַז כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט עמיצן.

— דאָס זאָל זיין דיין גרעסטע דאגה, בעלאַ — איז דער דאָק־טאָר אַריבער אויף דו. און נאָך אַ ווייל, האָט ער צוגעגעבן: אַז וועסט אַראָפּגיין אויפן ברעג, וועט מען דיך אויפנעמען ווי אַ העל־דין... ער האָט געקוקט אויף איר, בכדי צו זען, ווי זי נעמט אויף די דאָזיקע אָנצוהערעניש און זעענדיק, אַז זי האָט נישט קיין שום באַוואָרענישן, האָט ער צוגעגעבן, מיט מער זיכערקייט און אין שפּאַס: — וואָס דאַרפסטו ערשט פאַרווונדעט ווערן אויף דער שיף, אַז דו קענסט באַלד אָוועקפאָרן אַ קאַליקע...

ער האָט זיך דערביי שטאַרק צעלאַכט. בעלא האָט געקוקט אויף אים און מיטגעלאַכט. דער דאָקטאָר האָט גענומען דאָס רענצל אין איין האַנט און אין וואַליזע, די גרעסערע — אין דער צווייטער, און גענומען זי אָנטרייבן:

— לאָמיר גיין, עס ווערט שפּעט. די טאַקסי וואַרט פאַר דער טיר.

— איך דאַרף זיך נאָך גיין געזעגענען מיט די שכנים, האָט זי געזאָגט.

— טאָ מאַך עס גיך, איינס, צוויי. נישטאָ קיין צייט.

בעלאַ האָט געוואָרפן דעם לעצטן בליק איבערן צימערל. זי האָט באַמערקט דאָס טויטע פישעלע און עס האָט איר אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. זי האָט געהערט ווי די שכנטע באַגריסט זיך אויף די טרעפּן, מיטן דאָקטאָר. זי האָט אים אָקעגנגעטראָגן אַ האַרציקן „גוטן אָוונט אייך, בעסטער הער דאָקטאָר“, ווי תמיד. דער דאָקטאָר האָט אַוועקגעשטעלט די שווערע וואַליזע אויף אַ טרעפּ און איר דערלאַנגט די האַנט:

— זייט געזונט, שכנטע. איר זאָלט נישט דאַרפן קיין דאָקטאָר, און אויב יאָ, וועט איר מוזן אָנקומען צו אַן אַנדערן.

— איך ווייס, איך ווייס. פאָרט לחיים ולשלום און זעט צו־ריקצוקומען גיך.

בעלאַ האָט צוגעאײַלט די טריט און אַ רוף געגעבן די שכנטע, אַז זי זאָל זיך צואײַלן. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער דאָקטאָר וועט זיך פאַררעדן און די שכנטע וועט געפינען אַ סתירה צווישן דעם, וואָס זי האָט איר געזאָגט, און וואָס דער דאָקטאָר וועט איר

איצט זאָגן. זי וואָלט זיך געקאָנט אָנשטויסן אין דער אמתער כוונה פון איר אָפּפאָרן און זי וואָלט צו שטאַרק געליטן.

די שכנטע איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך, בכדי אָנצוטון איר מאַנטל. אין דער זעלבער צייט האָט בעלאַ אָנגעקלאַפּט ביים קאָ־מיסאַר. צוזאַמען מיטן סקריפּ פון דער טיר, וואָס האָט זיך גע־עפנט, האָט זיך געהערט פון אַ נידעריקן שטאָק דעם דאָקטאָרס קול: — דעפּעשע־ווו, איילט זיך צו, דער טאַקסי וואַרט. די באַן וועט נישט וואַרטן! דעפּעשע־ווו!

זעענדיק זי אָנגעטון אין מאַנטל מיט דער וואַליזע אין האַנט און הערנדיק די שטים, וואָס רופט זי, איז אים נישט געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז בעלאַ לאָזט זיך אין וועג אַריין. ער האָט נישט געוווסט צי דאַרף ער איר זאָגן „באָנסואַר" אָדער „אָרעוואַר". האָט ער אויפגעהויבן אויף איר אויגן פול מיט חידוש און גוטסקייט, און געפרעגט:

— וווהין?

— אַ מאַרסעי, האָט זי געענטפערט. קיין מאַרסעי.

ער האָט איר דערלאַנגט זיין האַנט און זי וואַרעם געדריקט קוקנדיק אויף איר מיט אַ פאַרדאַכט:

— נישט ווייטער, ווי מאַרסעי?

זי האָט געשוויגן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט נישט געוווסט צי זאָל זי זיך איינעקשנען און אָנווענדן די זעלבע טאַק־טיק צו אים, ווי לגבי דער שכנטע, אָדער זאָל זי אים זאָגן דעם אמת. זי האָט געטראַכט, אַז ער האָט נישט פאַרדינט, אַז זי זאָל אים ווי טון מיט אַ ברוטאַלער ידיעה, און אַז זייער איצטיקע באַ־געגעניש קען זיין די לעצטע אין זייער לעבן. האָט זי באַשלאָסן צו געבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה.

— דערווייל — ביז מאַרסעי, אויף אַ צייט. דאָרט, צווישן יידן, וועל איך קאָנען אַרבעטן אין מיין פאַך, אַלס אינפירמיערשע. דערנאָך, וועל איך זען.

— נו, וועלן מיר זיך באַגעגענען אין מאַרסעי, האָט ער גע־זאָגט מיט אַן איראָנישן טאָן, נישט גלויבנדיק אַליין דערין.

— איך בין זיכער, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען, מסיע עמיל.

— אויב נישט אין מאַרסעי, איז אין פּאַלעסטינע — האָט ער געזאָגט. און באַלד צוגעגעבן: — אין אַ פרייער, זעלבסט־שטענדיקער און יידישער פּאַלעסטינע.

בעלאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט מיט די אויגן די קליינע סאָלאַנזש. מסיע עמיל האָט עס פֿאַרשטאַנען. ער האָט זי אַנגענומען ביים אָרעם און אַריינגעפֿירט אינעם שכנותדיקן צימער. סאָלאַנזש איז געשלאָפֿן אין איר בעטעלע. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף. אירע בעקעלעך האָבן געגליט. אַ שמייכל האָט געדרוט אין די ווינקלעך פֿון אירע ליפּן, ווי זי וואָלט געחלומט. בעלאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעטעלע און צוגעטאָן אירע ליפּן צו אירע הערעלעך, צום שטערן. די קליינע האָט אויסגעצויגן אי־רע הענטעלעך אין דער לופֿטן, נישט עפּענענדיק די אויגעלעך, און דער שמייכל איז זיך צעגאַנגען איבער דעם גאַנצן פּנימל — ווי דאָס וואָלט געווען דער המשך פֿון איר חלום. בעלאַ האָט געווישט די טרערן פֿון אירע אויגן און אויף די שפּיץ־פֿינגער אַרויס פֿון קינדס צימער.

— איר וועט אונדז ביידן שטאַרק פֿעלן, האָט מסיע עמיל גע־זאָגט מיט באַדויער, דריקנדיק פֿעסט איר האַנט. אָבער אַממערסטן וועט איר פֿעלן דעם קינד. עס וועט מיר זיין שווער איר אויפֿצו־קלערן ווו איר זייט און פֿאַרוואָס איר זייט אַוועק. עס וועט זיין אַ נייע טראַגעדיע פֿאַרן קינד... ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטאָן איר האַנט.

נישט וועלנדיק פֿאַרגרעסערן דעם קינדס טראַגעדיע, אין שייכות מיטן פֿישעלע, האָט בעלאַ דערציילט וועגן זיין טויט. זי האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען גלייך, אַז ער זאָל קויפֿן מאָרגן אַזאַ ענלעך פֿישעלע, אַז זי זאָל זיך נישט כאַפּן.

— איך וועל קויפֿן נישט איינס, נאָר צוויי פֿישעלעך — האָט מסיע עמיל געזאָגט.

— אָבער געדענקט, קויפֿט אַ מאָדערנעם אַקוואַריום מיט אַ סיפֿאָן און לעבעדיקע פֿלאַנצן, די פֿישעלעך זאָלן לעבן נאָרמאַל און לאַנג, איך בעט אייך.

ער האָט מסכּים געווען און אָפּגעהויבן זיינע ליפּן פֿון איר האַנט. ער האָט גענומען די וואַליזע און אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר. דער דאָקטאָר האָט געוואַרט אינדרויסן אומגעדולדיק און ווען ער באַמערקט נישט איינצייטיק דעם קאָמיסאַר, ביי דער זייט פֿון בעלאַן, האָט ער זיכער אַרויס מיט טענות. בעלאַ האָט זיי פֿאַרגעשטעלט.

— מסיע לע קאָמיסער פֿראַנסאָן, אַ שכן.

— דר. גאָלדבוך, מיין דאָקטאָר, און רייזע־באַגלייטער.
— ווער קען עס נישט דעם בראַוון דר. מישעל גאָלדבוך ?
— און ווער קען עס נישט דעם לעגענדאַרן, דעם ייד — האָנאָריס קאַוזאַ, דעם קאָמיסער עמיל פראַנסאָן ?
— זייט רואיק, מאַדמואַזעל, מיט אַזאַ באַגלייטער מעג מען פאָרן אויף דער ווייטסטער און געפערלעכסטער רייזע.
בעלאַ האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער און דערלאַנגט אַ האַנט צום קאָמיסאַר.
— זייט מצליח, האָט ער געזאָגט, דריקנדיק פעסט איר האַנט. איך וועל בעטן פאַר אייך. און דערנענטערנדיק זיך צו איר אויער, אין דער צייט ווען דער שאָפער האָט זיך געפּאָרעט מיט די וואַליזן, איר געזאָגט מעשה־סוד : — זייט רואיק וואָס שייך די לאַקאַטאָרן פון מאַדאַם גרינטוך. איך וועל נישט אונטערשרייבן און וועל צעשטערן זייערע בייזע כוונות. מען וועט זיי נישט אַרויסטרייבן. זייט רואיק וועגן דעם.
עס איז אָנגעקומען מאַדאַם גרינטוך מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. זי האָט זיך אַריינגעשטופּט פון פאָרנט, נעבן שאָפער. בעלאַ און דער דאָקטאָר זענען געזעסן פון הינטן. דער דאָקטאָר האָט באַפוילן דעם שאָפער : — גאַר דע ליאָן, מע וויט. גיך !

סא

דער וועג צו דער באַן־סטאַציע האָט זיך געשלעפּט ווי אַן אייביקייט. עס האָט איר דערמאָנט, בעלאַן, איר וועג קיין פּאַריז. עס איז אמת, אַז זי איז דעמאָלט געפלויגן, אין אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַן, פאַרוואַנדלט אין אַן אַמבולאַנס, אָבער דאָך האָט דער וועג אויסגעזען לאַנג, גאָר לאַנג. זי האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דער פאַרשאָלטענער ערד, וואָס ווייטער פון דעם אַלעם, מיט וועלכן זי האָט געוואָלט איבעררייסן; וואָס נענטער צו פּאַריז, וואָס נענטער צום ציל. זי האָט געטיילט די אומגעדולד מיט דעם קראַנקן, וועלכן זי האָט באַגלייט, ווי זיין פאַרזענלעכע אינפירמיערשע. ער האָט געהאַט ביידע פיס אין גיפּס

ביז אַרויפצו, אַ פּאַראַליזש פון דער לינקער זייט און ער האָט נישט גערעדט, קוים עטלעכע שווער־פאַרשטענדלעכע זילבן. ער איז געווען אַ קרבן פון די לעצטע באָמבאַרדירונגען. דער אָפיצירן־פליגל פון לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע איז געטראָפן געוואָרן און ער איז פאַרשיט געוואָרן. ווען זי איז געקומען צו זיך, אינעם שפּיטאָל, וווהין אַן אַמעריקאַנער מיליטער־אַמבולאַנס האָט זי געבראַכט און נאָך עטלעכע וואָכן אין אַן אָפּרו־הויז — האָט מען איר פאָרגעשלאָגן ארבעט אין אַ שפּיטאָל; טאַקע דאָרטן ווו עס איז געלעגן אַ שווער־פאַרווונדעטער, דער קאַפּיטאַן פּיער. אַזוי ווי זי האָט נישט גערעדט קיין פראַנצויזיש און דער קאַפּיטאַן איז געווען שטום, נאָך דער קאָפּ־קאָנטוזיע — איז איר צוטיילונג צו דעם דאָזיקן קראַנקן געווען זייער אַ באַרעכטיקטע. איר הילף איז גיכער געווען אַ וועטערינאַרע. זי האָט אים באַדינט, געפלעגט, געביטן די באַנדאַזשן, געמאַכט איינשפּריצונגען, געגעבן עסן אין מויל אַריין. דער קאַפּיטאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויס דאנקבאַרקייט און געגלעט אירע האָר, אירע הענט, מיט זיין געזונטער האַנט. ער איז געווען זייער אייפערזיכטיק, אויב ער האָט באַמערקט, אַז זי פארנעמט זיך אויך מיט אנדערע קראַנקע. פלעגט ער דעמאָלט כאַפּן אַ קריזיס פון נערוון, וואַרפן זיך, רייסן פון זיך די באַנדאַזשן, דעם גיפּס און אַלץ אַוועקשליידערן. אַזוי, אַז זי האָט געמוזט לסוף נאָר זיין ביי אים און נישט פאַרנעמען זיך מיט קיין שום אנדערן קראנקן, נאָר אויסשליסלעך מיט אים. האָט ער זי נישט געזען קיין לענגערע צייט — האָט זיך דער קריזיס ווידער איבערחזרט. פלעגט זי כסדר זיצן ביי אים. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי איז באַשעפטיקט, וואָס זי קאָן זיין נוצלעך, וואָס די אַרבעט דערלויבט איר צו פאַרגעסן. צו פאַרגעסן. האָט זי זיך אָפּגעגעבן, מיט אַ ספּעציעלער כוונה, מיטן קאַפּיטאַן. זי פלעגט זיצן נעבן אים און ער פלעגט קוקן אויף איר מיטן רעכטן, אָפענעם אויג, און זי פלעגט פאַרשטיין דאָס אויג, נישט אַנדערש ווי די ליפּן פון אַן אנדערן. זי פלעגט רעדן צו אים די ווערטער, וואָס זי האָט אינצווישן אויפגעכאַפּט. אָבער עס איז געגאַנגען שווער מיטן רעדן. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט און מען האָט עס געקאָנט פאַרשטיין, איז געווען — איר נאָמען. ער פלעגט עס אַרויסזאָגן אין צוויי טיילן, מיט אַ גרעסערער הפסקה צווישן יעדן: בע — לאַ, אַרויסזאָגנדיק שווערלעך

די קאָנסאָנאַנטן; די ב און די ל פלעגן אַרויסקומען צעטאָפּלט, צעדרייפּאכט: ב־ב־בע, ל־ל־לאַ. מיט דער צייט איז איר נאָמען אַרויס קאָרעקט פון זיין מויל, אָבער אַנדערע ווערטער פלעגט נאָר זי קאָנען פאַרשטיין. און ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס מען האָט אים שוין געקאָנט טראַנספּאָרטירן קיין פּאַריז, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אים באַגלייטן אינעם אַעראָפּלאַן. מען האָט עס אים נאָכגעגעבן, הגם זי האָט נישט געהאַט קיין דערלויבעניש אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך. זי האָט אים אויך באַפּלעגט עט־לעכע טעג אינעם פּאַריזער מיליטער־שפּיטאָל, אין וואַל־דע־גראַס, ביז ער איז געשטאָרבן, צופעליק, און דווקא דעמאָלט, ווען מ׳האָט געמיינט, אַז עס גייט בעסער.

אויך דעמאָלט האָט דער וועג אויסגעזען אַ לאַנגער, אָן אַ סוף. דער קאַפּיטאַן האָט געוווסט, אַז מען פירט אים קיין פּאַריז, האָט ער געוואָלט אַהינקומען וואָס גיכער, וואָס גיכער אַהיים. ער האָט כסדר איבערחזרט: פּ־פּ־פּאַ, רר־י, פּפּאַ־ררי. וואָס נאָענטער מען איז געקומען קיין פּאַריז, אַלץ שטאַרקער איז געוועזן זיין אומ־געדולד. ער האָט נישט געקאָנט אַנליגן. געוואָרפן זיך. געפינטלט מיטן געזונטן אויג, געציטערט מיט די ליפּן, און געהאַלטן כסדר איר האַנט אין זיינער, דריקנדיק אירע פינגער ביז ווייטיק. זי איז אויך געוועזן אומגעדולדיק, אָבער זיין אומגעדולד האָט זי געמאַכט נאָך אומרואיקער. זי האָט שוין געוואָלט זיין ווי אַמגיכסטן אין פּאַריז, דעם וויגל פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

זי האָט דאָס זעלבע געפילט איצטער. זי האָט שוין געוואָלט זיין איז דער באַן, אין מאַרסעי. אויף דער שיף. דאָרטן. זי האָט געפילט אַן אומגעדולד, געמישט מיט נייגיר, מיט אומרו. פּונקט ווי דעמאָלט? אפשר מער — איצט?! איצט דאַכט זיך איר, אַז פּאַריז איז נאָר געווען אַן עטאַפּ, אונטערוועגס צום ציל, אויפן וועג צו זיך. איצט פאָרט זי ערשט צום ענטגילטיקן ציל. די גע־היימניש, מיט וועלכער עס איז אַרומגערינגלט די רייזע; די גע־פאַר, די אַוואַנטורע, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן; דער אומגליי־כער פאַרמעסט; דאָס געפיל פון צוריקבאַקומען די אייגענע חשי־בות, פון זיין נוצלעך, פון קעמפערישן אָנשטרענג; דאָס געפיל פון גאווה און שטאָלץ, צוטרוי און גלויבן אינעם כוח פון אייגענע ברידער און שוועסטער פון די קאַצעטן און געטאָס, גיין מיטן קאָפּ אַרויף און צום קאַמף, און די אָנוועזנקייט פון דעם גוטן

דאָקטאָר נעבן איר זייט — דאָס אַלץ האָט איר צוגעגעבן מוט, האָט זי געהאַלטן אין שפּאַנונג, אין צושטאַנד פֿון עקסטאַז, התלהבות. זי האָט זיך דערמאָנט דעם בײַשפּיל פֿון דער אָרעמער פּרוי, וואָס בעט צו גאָט און צינדט אָן מיט איר פֿלאַמענדיקער תּפֿילה דאָס אויסגעלאָשענע ליכט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי אַליין איז אַ שטיק פֿלאַם, אַ שטיק פֿײַער.

דר. גאָלדבוך האָט געהאַלטן איר האַנט, און בײַ יעדן רויטן פֿײַער, האָט ער זי געדריקט פֿעסטער. עס האָט אים פֿאַרדראָסן וואָס די טאַקסי שטעלט זיך אַזוי אָפֿט אָפּ און וואָס עס גייט אַזוי שווער דורכצושנײַדן דעם באַסטיליע־פּלאַץ. וואָס עפּעס אַזויפֿיל אויטאָס שפּעט בײַנאַכט אויפֿן באַסטיליע־פּלאַץ? ער האָט אָנגעטריבן דעם שאָפֿער. דער שאָפֿער האָט זיך פֿאַרטיידיקט: ער קאָן נישט זיך אויפֿהויבן איבער די פֿאַרנדיקע אויטאָס; זײַן טאַקסי איז נישט קיין העליקאָפּטער, האָט נישט קיין פֿליגלען. זעט זיך אויס, אַז אַלע אויטאָס דאָ פֿאָרן אין דער זעלבער ריכטונג, מוז ער געדולדיק זײַ נאָכפֿאָרן.

בעלאַ האָט געפֿילט יעדן דרוק פֿון דאָקטאָרס האַנט. זי האָט געפֿילט, אַז זי איז הייס, אַז זי גליט, ווי אַ שטיק פֿײַער, אַזוי ווי איר אייגענע האנט. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און געפֿילט, אַז אַ פֿײַער שלאָגט פֿון זײַן גאַנצן קערפּער. ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, אַז זי חידושט זיך צוליב דעם, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דער באַסטיליע־פּלאַץ, דער הייסטער פּונקט אין דער וועלט...

נאָך אַ רגע, האָט ער צוגעגעבן, אין דער ריכטונג פֿון שאָפֿער:

— ווען אַזעלכע שאָפֿערן ווי איר, וואָלטן געדאַרפֿט נעמען די באַסטיליע, וואָלט זי נאָך זיכער הײַנט געשטאַנען.

דער שאָפֿער האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ מיט רוגזה און זיך אָנגערופֿן מיט שפּאָס:

— ווען אין יענע צײַטן וואָלטן געווען אויטאָס, וואָלט מען די באַסטיליע נישט גענומען, איך פֿאַרזיכער אײַך.

ווען פֿונדערווײַטנס האָט אַ בלענד געטאָן דער זייגער, אויפֿן טורעם פֿון גאַר־דע־ליאָן, האָט דער דאָקטאָר אַ קלאַפּ געטאָן אין זײַנע בײדע הענט און אויסגערופֿן:

— בראַוואָ, מיר האָבן אײַנגענומען די באַסטיליע. איצט

דאַרפֿן מיר איינגעמען דעם גאַר־דע־ליאָן, אָדער גיכער — דעם ליאָן, דעם לייב...

און ווען זיי האָבן גענומען זיך דורכשטופּן דורך דעם געדיכטן עולם פֿאַר דער סטאַציע און אינעם וואָקזאַל און געמאַכט זיך אַ וועג צו דער באַן, האָט דער דאָקטאָר אויסגערופֿן:

— און איצט וועלן מיר שטורעמען אונדזער באַסטיליע, איצט וועלן מיר זיך פֿאַרמעסטן מיטן בריטישן לייב!

סב

אויפֿן אָפּגערעדטן אָרט האָבן געוואַרט אויפֿן דאָקטאָר נועם, חנן און אברהם. זיי זענען זיך געפֿאַלן אין די אָרעמס. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער וועט קומען און האָבן פֿאַר אים פֿאַראויס־געזען אַן אָרט. זיי האָבן רעזערווירט אַ ספּעציעלן קאָמפּאַרטימענט פֿאַר אים און עטלעכע אָנפֿירערס פֿון דער העפּלה. אָבער אַ סיור־פּריז איז געווען פֿאַר זיי, וואָס דר. גאָלדבוך איז נישט געקומען אַליין, נאָר מיטגעבראַכט אַ באַגלייטערין — אַ דיפּלאָמירטע פּלע־גערין, און דערצו — פֿון דער שארית־הפּליטה. זיי האָבן זיך גע־פֿאָרעט אַרום איר, איינגעטיילט איר באַגאַזש צווישן זיך און גע־האָלפֿן איר אײַנסטאַלירן זיך. עס איז זיי נישט אָנגעקומען לײַכט, ווײַל מאַדאַם גרינטוך האָט נישט אָפּגעלאָזן בעלאַן אויף אַ האָר, זיך דורכגעשטופּט ביז צום אײַנגאַנג פֿון וואַגאָן, פֿאַרשפּאַרט דעם דורכגאַנג און אַליין געוואָלט טראָגן די וואַליזעס. מען האָט זי געשטופּט פֿון אַלע זייטן, זי האָט צוריקגעשטופּט. מען האָט גע־שריגן און געמאַכט אומפֿריינטלעכע באַמערקונגען אויפֿן חשבון פֿון איר תקיפֿות און פֿעטלייביקייט. זי האָט צוריקגעשריגן און נישט נתפּעל געוואָרן, קיינעם נישט געבליבן שולדיק. זי האָט ערשט גערוט ווען דער באַגאַזש איז געווען אויף זײַן אָרט און בעלאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט נעבן פֿענצטער.

אַרום די ספּעציעלע וואַגאָנען, וואָס זענען געווען באַשטימט פֿאַר די עולים פֿון די לאַגערן, האָט זיך געטאָן חושך. עס זענען געקומען באַגלייטן קרובים, פֿריינט, באַקאַנטע, פֿון די געטאָס, לאַ־

גערן, וועלדער, און סתם יידן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אָפּצוגעבן כבוד די ניצול־געוואָרענע יידן, וואָס שטייען פאַר נייע נסיונות, נייע קאמפן. עס זענען געקומען פאַרשטייער פון ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, פון קאַמפּס־גרופּן, פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן. עס זענען געקומען יוגנטלעכע, פון נאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, בכדי צו דערמוטיקן די העלדישע עולים מיט זייער אָנוועזנקייט, זייערע בלוי־ווייסע פענער און מיט זייערע לידער.

נגני לי שירה מעודדת,
נגני לי שירת השיחרור.
נע ונד אנוכי בלי מולדת —

האָט זיך איין יוגנטלעכער אַרויפגעכאפּט אויף די אקסלען פון אַ הויכן און ריזיקן סאַברע, אַן אָפיציר פון דער יידישער ברי־גאַדע, און האָט רעציטירט, זינגענדיק אויף אַ קול, אַריבערשריי־ענדיק דעם אַרומיקן רעש. און אַלע יוגנטלעכע האָבן געענטפערט:

הבו זמר עד אין גמר,
הבו זמר ומחול!

פון די אָפענע פענצטער האָבן אַרויסגעשטעקט יונגע קעפּ און אונטערגעכאפּט די מעלאָדיע און די ווערטער.

עטלעכע פּאָליציאנטן און אָרדענונג־מאַכער פון וואָקזאַל האָבן געפּרוווט מאַכן אַ וועג צווישן דעם המון פאַר פארשפעטיקטע פּאַ־סאַזשירן, אָדער פאַר באַגלייטער, וואָס האָבן זיך געוואָלט צושטופּן צו באקאנטע אין די וואַגאָנען, זיך געזעגענען מיט זיי. אָבער זיי זענען געווען הילפלאָז.

פון אַ פענצטער אַרויס האָט זיך געהערט א קלינגענדיקע שטימע:

אנו עולים ארצה
בשירה ובזמרה...

און די יוגנטלעכע אויפן וואָקזאל, און פון די פענצטער אַרויס, האָבן אונטערגעכאפּט מיט ברען און געקלאַפּט פון די שפּרינגענדיקע פּיס.

איינער פון די עלטערע באגלייטער, וואָס האָט נישט גע־קאָנט מיטזינגען די העברעאישע ווערטער, האָט זיך מתקנא גע־ווע אין דער יוגנט און געגומען זינגען:

לעבן זאָל ביסטריצקי מיט זיין הוירא,
לעבן זאָל ביסטריצקי מיט זיין הוירא...

האָבן די יוגנטלעכע אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע און דער גאַנצער המון צוזאַמען מיט די דריי וואַגאָנען האָבן מיטגעזונגען, אונטערטאַנצנדיק אויף די ערטער צום טאַקט פון דער הוירא.

בעלאַ איז געזעסן אינעם ווינקל, קעגנאיבער דער מאַדאַם גרינטוך, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געווישט די טרערן. בעלאַ האָט צו איר גערעדט, געבעטן, אַז זי זאָל אויפהערן וויינען — האָט זי גענומען נאָך מער וויינען. בעלאַ האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך נעמען אַ ביישפּיל פון אַרומיקן עולם און זיך פרייען, מיטזינגען — האָט זי נאָך שטאַרקער גענומען וויינען.

אינדעם האָט דער רעש זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט, ווי אַ פייער, וואָס טרעפט אָן אויף אַ בענזין־לאַגער, און ווי אַ שטורעם־ווינט וואַלט זיך פלוצים אַריינגעריסן צווישן עולם מיט געדונער און געפייף. מען האָט געשריגן: מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע, אויפרייס־געפאַר, אויפרייס־געפאַר!

בעלאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער. זי האָט געזען עטלעכע געזונטע יונגען מיט פייפערס אין מויל, וואָס האָבן מוראדיק געפייפט און מיט די פעסטע אָרעמס און אַקסלען פונאַנדערגעשטופּט, פונאַנדערגעטריבן דעם עולם ביז אויף די שכנותדיקע רעלסן אַראָפּ. זיי האָבן דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר אַ גרופּע געזונטע יונגען ווי זיי, וואָס זענען געגאַנגען אין לוי־זע רייען, צו די רעזערווירטע ערטער, אינעם דריטן וואַגאָן. און הינטער זיי זענען געגאַנגען יונגע מענטשן און געטראָגן שווערע פּעק. עס איז געוואָרן שטיל. מענטשן האָבן זיך געשושקעט. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען יידישע זעלנער און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי; זיי האָבן דעזערטירט, בכדי זיך אָנצושליסן אין דער מעפּילים־שיף. און די פּעק, האָט מען געזאָגט, איז געווער, ביקסן, אויטאָמאַטיש וואָפן, אויפרייס־שטאָף. פלוצים האָט זיך אויפגעהויבן איבער די קעפּ אַ וואַלד מיט הענט, הענט וואָס האָבן געזוכט אָרט פאַר זיך אויף צו קלאַפּן בראַוואָ. און אַ היל־כיקער בראַוואָ האָט דורכגעשלאָגן דעם חלל, אָפּגעקלאַפּט זיך מיט אַ פילפאַכיקן ווידערקול איבערן רחבותדיקן וואָקזאַל מיט זיינע געביידעס און אַ ציטער געטאָן מיט די וואַגאָנען. פון אַלע פענצטער האָבן זיך אַרויסגעריסן קלאַפּנדיקע הענט און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם בראַוואָ־הילך. בעלאַ האָט מיטגעקלאַפּט. מאַדאַם גרינטוך איז געשטאַנען הינטער איר, און געטאָן דאָס זעלבע.

פלוצים האָט בעלאַ געפֿילט, אַז זי קאָן נישט אָפּרייסן איין האַנטפֿלאַך פֿון דער צווייטער. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דערקענט אַ באַקאַנטן מענטש, זייער אַ באַקאַנטן. זי האָט אַ שטויס געטאָן די שכנטע, דורכגעשטופּט זיך צום ארויסגאַנג און מיט אַלע כּוחות גענומען לויפֿן שרייענדיק: — מסיע לאַפּידעס, מסיע לאַפּידעס!

דער מענטש האָט זיך אויסגעדרייט מיטן קאָפּ, אַוועקגעשטעלט דאָס שווערע פּעקל אויף דער ערד און געפֿאַלן איר אין די אָרעמס:

— בעלאַ, מאַדמואַזעל בעלאַ!

— האַרצקע, האַרצקע!

זיי זענען געשטאַנען צוגעדריקט איינער צום צווייטן און מער ווי זייערע נעמען נישט געקאָנט אַרויסברענגען פֿאַרן מויל. פּלוצים איז אויסגעוואַקסן נעבן זיי אַ פֿרוי, מיט אַ גרויסן פֿאַרנט, און אַ שווער פּעקל אונטער די אָרעמס. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פּעקל און גענומען זיי פֿונאַנדערטרייבן:

— קום, האַרצקע, האָט זי געשריגן — קום שוין, קום!

בעלאַ האָט אים אָנגענומען ביי אַן אָרעם און גענומען שלעפּן צו זיך:

— קומט, האַרצקע, עס איז פֿאַראַן אָרט ביי מיר אין אַפּטייטלונג, קומט צו מיר, מסיע לאַפּידעס!

— וואָס שלעפּט איר אים, האָט די פֿרוי מיטן גרויסן פֿאַרנט זי אָפּגעשטופּט, ער פֿאָרט דאָך נישט. ער איז בלויז געקומען העלפֿן שלעפּן די פּעק; לאָזט אים צורו!

די פֿרוי מיט די פֿולע ברוסטן איז געווען שטאַרקער, און האַרצקע האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן. ער האָט געטראָגן אין איין האַנט דאָס שווערע פּעקל און זיך אויסגעדרייט הינטערווײַלעכץ צו בעלאַן. ער האָט באַשטעטיקט, וואָס די פֿרוי האָט געזאָגט. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער פֿאַרטרעט דניאלן, דעם ברודער פֿון דער פֿרוי. ער איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן היינט אָוונט פֿאַר דער בריטישער אַמבאַסאַדע. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ צייט־באַמבע. מען האָט אים איינגעזעצט אונטערן חשד, אַז ער האָט געוואָלט אויפֿרייסן די אַמבאַסאַדע. נו, איז ער, האַרצקע, געקומען אויף זיין אָרט. ער פֿאָרט נישט.

— און ווער איז די פרוי? האָט בעלאַ געפרעגט שטילערהייט, זי זאָל נישט דערהערן.

— דאָס איז אַ טאָכטער פון מיינע באַלעבאַטים, ביי וועלכע איך ווין. זי פאַרטרעט איר ברודער און פאָרט מיטן געווער ביז צו דער שיף.

און ווען האַרצקע האָט אָפּגעגעבן זיין פּעקל אינעם פראַכט־וואַגאָן, האָט ער ווידער אַרומגענומען בעלאַן:

— און איר פאָרט אויף אַן אמת? בעלא, האָט ער געפרעגט.

— יאָ. און פאַרוואָס פאָרט איר נישט, פאַרוואָס?

— איך וועל נאָכקומען.

די פרוי איז ווידער אויסגעוואַקסן נעבן אים און אים אַ שלעפּ געטאָן. ער האָט אויסגעדרייט אויף הינטן זיין קאָפּ און געשריגן הויך:

— אין אַ צוויי חדשים אַרום; איך מוז דאָ פאַרטרעטן דניאלן, איר ברודער.

עס האָט זיך דערהערט א פייף און פון וואָקזאַל־הילכער האָט זיך געטראָגן איבער אַלעמענס קעפּ אַ שטרענגער באַפעל תיכף אַריינצוגיין אין די וואַגאָנען, ווייל די באַן גייט אָפּ. און צו די באַגלייטער איז געקומען אַ באַפעל זיך אָפּצורוקן אין אַ זייט, כדי אויסצומיידן אַן אומגליק און צו פאַרמאַכן די טירן.

בעלאַ האָט פּלוצים באַמערקט דעם דאָקטאָר און זיינע דריי פריינט. זיי האָבן זי אַרומגעזוכט. מאַדאַם גרינטוך איז אויך אויסגעוואַקסן נעבן זיי.

— געדענק, בעלישי, אַז איך בין אַ גוטע ווירטין, אַ גוטע ווירטין, געדענק... שרייב, טאָכטערשי, געדענק...

זי האָט געפילט, אַז עטלעכע פעסטע הענט הייבן זי אין דער לופטן און טראָגן זי אין וואַגאָן אריין. זי האָט זיך געלאָזט טראָגן.

עס האָט זיך דערהערט נאָך אַ פייף און וואָרענענדיקע אויסרופן פונעם הילכער.

דערנאָך:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה! —

בעלא האָט מיטגעזונגען, אַרויסגעבויגן זיך דורכן פענצטער און באַוויגן מיט דער האַנט צו דער שכנטע, וואָס האָט געהאַלטןביידע הענט אין דער הויך. אינדעם האָט זי באמערקט אַ באַקאַנט פּנים: מסיע עמיל, דער קאָמיסאַר. האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים און איר האַנט אין זיין ריכטונג. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער וואַגאָן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די באַן האָט גערירט פון אָרט. עס האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג פון התקווה. אַלע האָבן מיטגעזונגען. איר האָט זיך געדאַכט, אַז מסיע עמיל זינגט העכער פון אַלעמען.

עוויאַן — פּאַריז
1965 — 1964

„אונדזער קיום״־ביכער

דערשינען ביז איצט :

דר. מ. דוואָרזשעצקי : „הירשקע גליק״ (מאָנאָגראַפיע).

מענדל מאַן : „קערנער אין מדבר״ (דערציילונגען).

אברהם גאָלאָמב : „אונדזער מאָרגן״ (עסיי).

דר. יעקב צינעמאַן : „לעצטע שריפטן״.

לייב קורלאַנד : „אויפן וועג צו זיך״ (ראָמאַן).

דערשיינען בקרוב :

אויסוואַל פון דער פראַנצויזישער דיכטונג (אַריינפיר, אויפ־קלערונגען און איבערזעצונג : מ. ליטווין).

מאַנעס ספּערבער : „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא״ (עסייען).

ל. לענעמאַן : „אין אַן אַנדערער וועלט״ (זכרונות).

Editions

Revue « NOTRE EXISTENCE »

Déjà parus :

Dr M. DWORZECKI : Hirsch Glik (monographie)

Mendel MANN : Grains dans le désert (nouvelles)

A. GOLOMB : Notre avenir (essai)

Dr Jacob ZINEMAN : Derniers écrits

L. KURLAND : Sur le chemin du retour (roman)

A paraître :

Anthologie de la poésie française. — Traduction et Introduction : M. LITVINE

Manes SPERBER : La vieille question (essais)

L. LENEMAN : Dans un autre monde (souvenirs)

L. KURLAND

SUR LE CHEMIN DU RETOUR

(ROMAN)

« NOTRE EXISTENCE »
FEDERATION DES SOCIETES JUIVES DE FRANCE
PARIS - 1967

ACHEVE D'IMPRIMER
SUR LES PRESSES
DE L'IMPRIMERIE GELBARD
20, RUE FERDINAND - DUVAL
PARIS-4e ★ MAI 1967